STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09238

DZSHUNGLS UN SHTET

Marcos Paryszewski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מארקוס פארישעווסקי
דזשונגלס און שטעט

מאַרקוס פאַרישעווסקי

דזשונגלס און שטעט

(רייזע איינדרוקן)

★

אַרויסגעגעבן דורכן:
יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג״
אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrigth by
M. PARYSZEWSKI, Buenos Aires

M. PARYSZEWSKI

DZUNGLS UN SCHTET

(SELVAS Y CIUDADES)

★

Editado por la
Sociedad de Escritores y Periodistas "H. D. Nomberg"
en la Argentina

Buenos Aires, 1951

עקזאָטישער אמת וועגן דרום־און צענטראַל־אַמעריקע

די בעסטע הקדמה צו „דזשונגלס און שטעט" פון מאַרקוס פאַרישעווסקי וואָלט געווען צו געבן אויסצוגן פון אַלע אָפּרופן וועגן דעם ערשטן בוך זיינעם, „צווישן ווילדע און ציוויליזירטע", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1944 מיט אַ הקדמה פון דעקאַן פון דער היגער זשורנאַליסטיק פיניע קאַץ. לײַדער קענען מיר געבן אויסצוגן נאָר פון אייניקע אָפּרופן און דער לייענער וועט זיי געפינען ביים סוף פון אָט דעם בוך. און פון אָט די ווייניקע אויסצוגן וועט דער לייענער זען, אַז שוין לאַנג האָט אַ יידיש בוך נישט אַרויסגערופן אַזוי פיל אינטערעס און מען האָט וועגן אַ יידיש בוך נישט אַזויפיל געשריבן און מיט אַזויפיל ליוב וויפל און ווי מען האָט דאָס געטאָן וועגן פאַרישעווסקיס ערשטלינג.

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע" האָט אַרויסגערופן דעם גרויסן אינטערעס צוליב דער עקזאָטישקייט פון דער טעמע, וואָס גייט באַגלייט מיט אַ זעלטן ערנסטער באַציאונג מצד דעם מחבר. די עקזאָטיק האָט דער מחבר נישט אויס־געטראַכט, נאָר ער האָט זי געגעבן מיט איר רעאַלסטן אינהאַלט און אין איר אמת־דיקער פאָרם. ער האָט זי געגעבן באַגלייט מיט די פינקטלעכסטע וויסנשאַפט־לעכע דאַטן און מיט אַ ריכטיקער מענטשלעכער אָפּשאַצונג. יצחק וואַרשאַווסקי, איינער פון די סאַמע שטרענגסטע קריטיקער, האָט געזען אין פאַרישעווסקיס ערשטן בוך עפּעס פון פלאָבערס גרויסן ווערק „סאַלאַמבאָ", אין וועלכן דער וויסנשאַפט־לעכער אמת איז געפּאָרט מיט „דיכטונג". ביי פאַרישעווסקין איז קיין דיכטונג נישט פאַראַן, אָבער די פאַקטן אַליין ווירקן ווי פאַנטאַסטיק און „דיכטונג".

די וואַרעמע אויפנאמע, וואָס פאַרישעווסקיס ערשטע בוך האָט געהאַט, דער פאַקט, וואָס דאָס איז אַזוי שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן, די אַלגעמיינע אָנער־קענונג פון דער קריטיק און אַלעמענס אויסדרוק, אַז פון בוענאָס איירעס אַרויס דאַרפן קומען אויך יידישע ביכער, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דרום־אַמעריקע מיט אַלע אייגנשאַפטן און עקזאָטישקייטן, האָט אונדז באַוויגן צו אַרויסגעבן דאָס צווייטע בוך פון אונדזער מיטגליד מאַרקוס פאַרישעווסקי, „דזשונגלס און שטעט", וואָס אַנטהאַלט פונקט אַזוי דעם עקזאָטישן אמת וועגן צענטראַל אַמעריקע ווי דאָס ערשטע בוך און מיר זענען איבערצייגט, אַז אויך דאָס דאָזיקע בוך וועט וואַרעם אויפגענומען ווערן פון לייענער און שרייבער.

פאַרלאַג ביים אַרגענטינער יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג"

בוענאָס איירעס, יולי 1951.

אַ רייזע באַשרייבונג פון די צענטראַלאַמעריקאַנער טייכן און אָזערעס, ימים און ווולקאַנען, אורוועלדער און אינדזלען, מיט זייערע גרוילקייטן פון די חיות וואָס וויבלען אין זיי.

דאָס בוך איז אויך באַל'עו נדיק פאַר אַלע, וואָס האָבן נאָך נישט געמאַכט אַזעלכע וואַנדערונגען.

אינהאַלט

פאַנאַמאַ־קאַנאַל 9
פאַנאַמאַ — די הויפּטשטאָט פון פאַנאַמאַ 15
אַן אויספלוג צום אינדזל טאַבאָגאַ 20
אויף די אינדזלען פון על פּאַרוועניר 28
מאַקראַ האַראַ פּיראַ האַראַטשי פּוניטשיטשי פּיניאַקאַקאַ און
נעלע קאַנטוקי 44
אַ נאַכט פון פאַרצווייפלונג 62
סעם גרין און מאַק ווייל וועלינגטאָן סטוטס שוטינג 75
מיטן קאַריבישן ים קיין גוואַטעמאַלאַ 84
גוואַטעמאַלאַ 94
שבועה פון בלוט פון טשיטשי קאַסטעלנאַנגאַ 103
אַ באַגעגעניש מיט רוסישע וויסגוואַרדייער 115
אַ פּעדלער — אַ כלי קודש 125
גוואַטעמאַלאַ — סאַלוואַדאָר 148
על סאַלוואַדאָר 162
יידנפריינטלעכע גלחטעס און יידנפיינטלעכע יידן 167
אַ שפּאַציר צו די וואולקאַנישע אָזערעס גואיכאַ און אילאָפּאַנגאַ . 176
סאַן סאַלוואַדאָר 188
אין דער סביבה פון האַרציקע יידן 197
אַן אַ מאַן — אַן אַ טאַטן... 206
מיטן רעקטאָר פון אוסולוטאַנער אוניווערזיטעט 208
אַ שפּאַציר מיט סכנות נפשות איבער די גוואַטעמאַלער ווילדענישן 220
דורך דעם טייך דולסע אין דער אָזערע איזאַבאַל 227
מנהגים פון די זוטוהאילאַ־אינדיאַנער 232
אַ ייד — אַ זוטוהאילאַ־קאַציק 240
וועגעטאַציע 249
סאָלאָלאַ 251
אַ רייטשפּאַציר צו דער אַטיטלאַן־אָזערע 254
אַ דועל 259
אַ טאָפּלטער שטורעם 264

פאַנאַמאַ קאַנאַל*)

אַן ערך אַ שעה פאַר דעם ווי די שיף איז אַריינגעפאָרן אין דער זאָנע פון דעם פאַנאַמאַ־קאַנאַל בין איך געשטאַנען אויפן דעק צווישן הונדערטער מענטשן און האָב באַוואונדערט די זעלטענע לאַנדשאַפט. די זון האָט געפלאַקערט איבער דער שיף און אַרום איר האָבן ווי אַ וואָך אַרומגעשוועבט אין די הונדערטער אַלקאַטראַסן, ווייס־גרויע מעוועס, ים־שוואַלבן, פלאַמענקאָס און רעאַלע גאַרסאָס. דער ריזיקער מערגאַנסאַר האָט אַלע רגע זיך אַ טובל געטון אונטערן גרינעם ים־וואַסער און באַלד זיך אויפגעהויבן אַ גראַציעזער און צעפלאַטערטער מיט אַ פיש אין זיין ריזיקן אָדלער־שנאָבל, וואָס אַלע אַנדערע פייגל האָבן מיט אַ ווילד געגראַגערײ ביי אים געוואָלט אַרויסרייסן. צו מיר איז צוגעגאַנגען דער געהילף פונעם קוכער אַרנאָלד סמיט, אַ נאָרד־אַמעריקאַנער נעגער, און צו מיר גענומען רעדן מיט פאַטאָס:

— די לאַטייניש־אַמעריקאַנער האָבן פאַראיבל למאַי די אַנגלאָזאַקסישע ווילן יענקיזירן די הידאַלגישע שפּאַנישע צענטראַל־אַמעריקע, און ווילן זי נעמען אונטער איר שוץ... איך דענק, אַז אפילו דער פרימסטער הידאַלגאָ וועט נישט לייקענען, אַז ווירטן זענען נישט זיי, נאָר מיר. איר זעט דאָך וואָס מיר האָבן געמאַכט, אַ קאַנאַל האָבן מיר געמאַכט! און דערפאַר האָט דען נישט דער יענקי אַ מאָראַלישע רעכט צו פאַרשפּרייטן ציוויליזאַציע און קולטור צווישן די אָפּגעשטאַנענע מאַסן, פאַראינדיאַנישטע אָפּשטאַמער פון די שפּאַנישע דעראָבערער און פון די אַלערליי מערסענאַרן און אינקוויזיטאָרן, וואָס בילדן היינט די גאַמע פון דעם צענטראַל־אַמעריקאַנער געמיש פון ראַסן, קאָלירן און רעליגיעס?...

איך האָב אין פלוג נישט אויפגעכאַפּט וויפל טאָן איראָניע אָדער ציניזשקייט עס איז געלעגן אין דעם נעגערס פאַטאָס, נאָר געטראַכט האָב איך, אַז איך בין

*) פאַנאַמאַ באַדייט אין דער שפּראַך פון די אָרטיקע איינוווינער, די דאָריענער, אַ שפע פון פיש. דעם נאָמען האָט דאָס אָרט באַקומען פון די צוויי שפּאַניאָלן, דיעגאָ דע אַבעיביס און טעלאָ דע גוזמאַן, וועלכע זענען אַהין געקומען אין יאָר 1515 און האָבן דאָרט געטראָפן אַ דאָרף אָן אַ נאָמען, אין אַ געגנט פון טייכן און אָזערעס פול מיט אַלערליי פיש און האָבן פון יענע „ווילדע״ אינדיאַנער אָט די ערשטע פראַזע אויפגעכאַפּט.

אים מוחל זיין ווירטשאַפט, נעגער־לינטשעריי און רייכקייט פאַר דער נאָבעלער פריהייט און גלייכהייט פון אַרגענטינע.

ווי נאָר דער פאַרחידושטער וואַנדערער קומט אַריין אין דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל און דערזעט דעם גרויסן און וווּנדערלעכן אויפטו פון די יענקיס, ווען ער זעט די זעלטענע ריינקייט און זויבערקייט פון די אַלע ישובים, ווו נאָר דער נאָרד־אַמעריקאַנער שטעלט אַריין זיין פוס: די וואַסערלייטונג, עלעקטרי, פייער־לעשעריי, בעדער און שפּיטעלער, אַספאַלטירטע גאַסן, דאָס גערודער פון די אויטאָמאָבילן און דעם זשומעדיקן פלי פון די אַעראָפּלאַנען, אַזוי לויפט אים דורך ווי אַ בליץ אַט די מחשבה זרה: מען זאָגט ביי אונדז, וואָס אַ קלוגער האָט אויף דער לונג, האָט דער נאַר אויף דער צונג... און איך האָב געטראַכט: צי וועלן נישט די יענקיס וועלן אַמאָל אויספירן אין דער ווירקלעכקייט דאָס וואָס דער שוואַרצער אַרנאָלד האָט מיר געזאָגט אַזוי קאָנפידענציעל?...



באַלבאָאַ — האַפן־שטאָט פון פּאַנאַמאַ קאַנאַל־זאָנע
און בערג וואָס מען זעט אין דער ווייט

עס איז אפשר דער גרעסטער טעכנישער ווונדער פון דער וועלט, דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. נישט אומזיסט טראָגט זיין נאָמען דער בעסטער שטרויענער הוט פון דער וועלט — דער פּאַנאַמאַ־הוט, כאָטש אויסגעאַרבעט ווערט ער גאָר אין כיפּי־כאַפּאַ, אַ שטעטל פון עקוואַדאָר. אַרום דער פּאַנאַמאַ־טעריטאָריע איןביידע זייטן אָקעאַנען זענען ווי ספּעציעל פאַרזייט גרופּעס קלענערע און גרעסערע אינדזלעך און ביים אַריינקום פון דער פּאַציפישער זייט זעט מען עטלעכע פיצלעך אינ־דזלעך, וואָס די נ׳ אַמעריקאַנער האָבן זיי פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ פעסט־

געבויטן און דרייסטן וועג איבער די אומענדלעכע טיפענישן פונעם ים ביז דער נאַטירלעכער יבשה.

דער נעגער אַרנאָלד סמיט האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געזען ווען מען האָט דעם וועג געבויט, און דערציילט האָט ער: שיפן האָבן געבראַכט מיליאָנען טאָנען שטיינער, גרויסע שטיינער, זיי געמישט מיט אַ ספּעציעלן צעמענט און זאַמד, און זיי געוואָרפן אין טיפן אָפּגרונט פון ים און אויף די גרויסע שטיינער — מיליאָנען טאָנען קליינע שטיינער, אויך געמישט מיט אַ ספּעציעלן צעמענט און זאַמד אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן דערגרייכט די אויבערפלאַך. און דעמאָלט האָט מען געבראַכט ספּעציאַליסטן ברוקלייגער, און ווידער שטיינער און זאַמד, און אייזן און שטאָל און צעמענט, און היינט לויפן אויף אים אָן שום מורא אויטאָמאָבילן און אָמניבוסן, שווערע קאַמיאָנען, טאַנקן און באַנען אפילו. דאָס האָט דער וועג געמאַכט פון די וויסטע אינדזלען גן־עדנס וואָס ציען זיך ביז דער פעסטער יבשה.

די שיף בלייבט שטיין אין אָפענעם ים: אַ שלעפּשיף וועט זי אַריינפירן אין קאַנאַל אַריין. דערווייל זענען שוין אַרויפגעקומען נאָרד־אַמעריקאַנער פּאָליציי־באַאַמטע, ציווילע און אוניפאָרמירטע וואָס קוקן דורך ביי די פּאַסאַזשירן זייערע דאָקומענטן. דאָקטוירים זוכן טראַכאָמע אין די אויגן, קאָך־באַצילן אין די לונגען, סינאָסיטיס אין די נעז; אַ פיזיאָנאָמיסט פון דער געהיימפּאָליציי זוכט קאָמוניזם אויף די פּנימער און אַ גייסטלעכער זוכט פריידענקערישקייט אין די געהירן... איך האָב שוין ברוך השם דורכגעמאַכט די אַלע פּראָצעדורן, איך מעג שוין, הייסט עס, אַריינפאָרן אין פּאָרט און קוק ווי אַ פּראַקטיקער נעמט איבער די ריזן־שיף אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פירט זי אין קאַנאַל אַריין.

פּאַמעלעך שווימט די ריזן־שיף נישט מיט איר קראַפט. זי ווערט געשלעפּט דורך צוויי שלעפּשיפן, ביז זי גליטשט זיך אַריין אין אַ שמאָלער וואַסער־צונג, און מען דערזעט פאַר זיך פלוצלינג אַן אייזערנעם, און אפשר גאָר אַ שטאָלענעם טויער. לאַנגזאַם צעעפנט זיך דער מאַסיווער טויער און פאָרן אויג אַנטפּלעקט זיך אַ פאַרכאַפנדיק בילד פון ריזיקער גרייס. אַ לאַנגער און שמאָלער טייך, אַן איינגעצוימטער, צעטיילט איבער דער גאַנצער לענג מיט אַ צעמענטענער וואַנט, וואָס מאַכט פון אים צוויי קאַנאַלן, פּערציק מעטער די ברייט יעדערער. איבער דער דיקער וואַנט וואָס צעשניידט דעם טייך און פון זיינע ביידע זייטן זענען צעשטעלט שווערע עלעקטרישע מאַשינען, לאָקאָמאָטיוון אַזעלכע, וואָס דערלאַנגען אַראָפּ דער שיף לאַנגע און פעסטע שטאָלענע לאַנען.

פּאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט געשווומען איבער אַ מינען־פעלד, לאָזט זיך די שיף שלעפּן פון אַכט אַזעלכע עלעקטרישע לאָקאָמאָטיוון, צו פיר אין יעדער זייט, דורך דעם אָפענעם טויער אינעם מעכאַנישן קאַנאַל אַריין. קיין באַרירונג פון

דער שיף מיט די בעטאָנענע ווענט איז נישט מעגלעך, ווייל די אַכט מאַשינען, צו פיר אין יעדער זייט, שלעפּן די שיף מיט די זעלבע אָנגעצויגענע לאַנען, וואָס האַלטן די שיף ווי געפּאַנגען אין דער סאַמע מיט פונעם קאַנאַל, נישט לאָזנדיק איר זיך אַ קער טון אין קיין זייט. ווי די שיף איז נאָר אַריין אינעם קאַנאַל, האָט זיך הינטער איר צוגעמאַכט דער טויער, און פאַר די אויגן באַווייזט זיך אַ צווייטער טויער, פונקט אַזאַ ווי דער ערשטער, אַ פאַרמאַכטער. מען האָט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך געפונען צוזאַמען מיט דער שיף אין אַ ריזי־קער וואַנע.

לאַנג געדויערט נישט דער איינדרוק, ווייל איר ווערט איבערראַשט פון אַ נייעם ווונדער: אונטער דער שיף, אַרום איר, אין אַלע זייטן האָט אָנגעהויבן צו רוישן. די שיף ציטערט ווי אַ חולי־נופל: דאָס וואַסער האָט זיך צעקאָכט אין דער ריזן־וואַנע, זידט און שטורעמט. טייל פּאַסאַזשירן ווערן טויט־בלאַס, דערשראָקן. נערוועזע דאַמען קוויטשען היסטעריש; אַ גראָבע פלאַקסענע דייטשקע אין אַ דורכ־זיכטיקער קימאָנע, מיט אַ מאַפּסן־נעזל און אַ גוידער פון אַ געשטאָפּטער גאַנדז, האַלט אויף די הענט אַ העסלעכן הונט מיט אַרויסגעוואַקסענע קרומע ציין פון דער אונטערשטער טייל מאָרדע, און שרייט, אַז זי וועט זיך אין ים אַריינוואַרפן, און רירט זיך נישט פון אָרט...

די וואַנע ווערט דערווייל אַלץ פולער מיט וואַסער, מיט קאַלט שוימיק וואַסער, וואָס זידט און קאָכט, און הויבט די שיף ווי אַ קאָרק אַרויף. דאָס האָבן זיך אונטן קינסטלעכע וואַסער־רערן צעעפנט. „ארובות־השמים" דערמאָנט איר זיך פון חומש, ווו עס דערציילט זיך וועגן דעם מבול, און דאָ זענען עס די ארובות פון אונטער דער ערד, וואָס האָבן אָט די שטאָלענע ריזן־„תיבה" אונדזערע אויפגעהויבן אין ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה צייט ביז פינף און פערציק פוס די הויך אויף דעם קאַלטן זודיקן וואַסער.

פול געוואָרן די וואַנע, צעפּראַלט זיך דער צווייטער טויער וואָס אין פאָדער־גרונט, און עלעקטרישע מאַשינען, צעשטעלטע ביי די זייטן קאַנאַל און אויף דער מיטלסטער וואַנט, לאָזן ווידער אַראָפּ שטאָלענע שטאַנגען און נעמען שלעפּן די שיף. אין יעדער עקסקלוזע חזרט זיך איבער די זעלבע פּראָצעדור. דריי טאָפּלטע טויערן, דריי טאָפּלט־פאַרצוימטע וואַנעס, איינע העכער פון דער צווייטער, דריי מאָל הויבט זיך אויף די שיף אויף דעם צעזאָטענעם וואַסער ביים אַריינקומען פונעם פּאַציפישן אין אַטלאַנטישן אָקעאַן. דער רויטהאָריקער דענטיסט אין די שוואַרץ־ווייסע קראַטקעלעך הויזן, זשאַק פייפקליי, מיט אַ פול מויל גאָלדענע ציין, האָט מיט אַ דענטיסטן־צוועגנגל אין האַנט, דערציילט פאַר אַ גרופּע טשילע־נער טוריסטן: דאָס דאָזיקע וווּנדערלעכע שטיקל אינזשיניערן־אַרבעט איז נויטיק געווען דורכצופירן, מחמת די גרויסע אָזערע גאַטון און דער טייך טשיריקע,

וואָס די ב׳ אַמעריקאַנער אינזשיניערן האָבן אויסגענוצט פאַר דעם קאַנאַל, ליגט 85 פוס איבער דעם פאַציפישן ים־שפיגל, און בלויז 55 פוס איבער דעם אַטלאַנטישן. דערפאַר מוז מען אויפהויבן דאָס וואַסער אין יעדער עקסקלוזע העכער. דאָס טוט מען מיט דער הילף פון מעכטיקע דאַמבעס און שליוזן, ביז די שיף קומט אַריין אין דער אָפענער אָזערע גאַטון און טיפן טייך טשיריקע, און מען לאָזט אָפּ די שיף, זי זאָל פריי שווימען מיט אירע אייגענע כוחות.

אַן ערך אַ שעה צייט שווימען מיר אַזוי פריי אויף דער גלאַטער און ברייטער אָזערע, ביז מיר קומען ווידער צו צו אַ טויער, און אַז ער צעעפנט זיך, זענען מיר ווידער אַריין אין אַ שמאָלן דורכגאַנג מיט אַ וואַנט אינדערמיט. ווידער שליסט זיך הערמעטיש צו דער טויער הינטער אונדז, און מיר געפינען זיך שוין ווידער צווישן צוויי צוגעמאַכטע טויערן; ווידער צערודערט זיך דאָס וואַסער, נאָר אָנשטאָט זיך צו הויבן, פאַלט עס און ציט אַריין די שיף אין אַ קעסל־גרוב.

סער וויליאַם ווייט, אַ הויכער קאַנאַל־באַאַמטער, וואָס דערקענט אויף מיר מיין התפעלות פאַר דעם וואונדער, קומט צו צו מיר און זאָגט מיר מעשה־לערער:

— וואָלט איר געווען אַ וויסנשאַפטלער, מיסטער פּאַריסאָווישקי (די צונג לייגט זיך אים נישט אויף אַרויסצוברענגען אַזאַ לאַנגן און שווערן נאָמען ווי פּאַרישעווסקי), וואָלט איר געקענט גרינטלעך פיזיק, הידראָגראַפיע, געאָלאָגיע און געאָגראַפיע אין אַלגעמיין, ווי מיר ב׳ אַמעריקאַנער, וואָלט איר אייך אַזוי שטאַרק נישט געוווּנדערט. דאָס איז דאָך נישט מער ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע כאָטש קאָמפּליצירטע טעכניק. נישטאָ קיין שום איבערנאַטירלעכעס, נאָר בלויז אַ ביסל קענטעניש אין די פיזישע, געאָלאָגישע און הידראָלאָגישע געזעצן. ווי איר האָט געזען, מיסטער מאַרקוס, הייבט זיך אויף די שיף פון דער פאַציפישער זייט אַ סך העכער אין יעדער פון די דריי עקסקלוזן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל יענע באַסיינען און דאַמבעס שטייען לויטן ניוואָ פון דעם פאַציפישן אָקעאַן. מוז מען זיי אָנפילן מיט מער וואַסער. יעדער באַסיין העכער, אַזעלכע וואַסערדיקע טרעפּ, וואָלט איך זאָגן. איין עקסקלוזע העכער פון דער צווייטער, ביז דער לעצטער באַסיין גלייכט זיך אויס מיטן פרייען וואַסער פון דער אָזערע גאַטון און טייך טשיריקע, וואָס געפינען זיך 85 פוס איבערן ים־פלאַך. דאַן ווען די אָזערע מיראַפלאָרעס, וואָס ביי דער אַטלאַנטישער זייט, ליגט שוין נישט מער ווי 55 פוס איבערן אַטלאַנטישן ים־פלאַך... דאָס איז דערפאַר, וואָס דער אַטלאַנטישער אָקעאַן איז העכער פון דעם פאַציפישן דאָ ביי דעם קאַנאַל, ווו זיי טרעפן זיך אויג־אויף־אויג... צי ווייסט איר כאָטש, אַז די לענג פונעם קאַנאַל איז אַזוי ווי די ברייט פון דעם שמאָלסטן אָרט פון דעם פאַנאַמאַ־איסטמוס? דאָס זענען מער ווי 43 ענגלישע מייל, אָדער 81 קילאָמעטער... איר וווּנדערט אייך ווידער? איר ווייסט מן־הסתם, אַז דער ים־פלאַך האָט איין איינציקן ניוואָ? אַ סימן, די נאַטירלעכע דורכגוסן, ווו ביידע אָקע־

אַנען קומען זיך צוזאַמען, דער מאַגאַלאַנען־דורכגוס, דער בערינג־פּאַס, דער שפּיץ פון פייערלאַנד?... איז עס אָבער אין דער אמתן נישט אַזוי. דאָס פּשוטע אויג נאַרט. ווייסט איר, אַז אין דער אמתן איז פאַראַן נאָר איין אָקעאַן, דער גרויסער, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע ערד־קויל, וואָס איין גאָט ווייסט פאַרוואָס מען רופט אים דער שטילער, און אַז אַלע אַנדערע ימים און אָקעאַנען זענען נישט מער ווי זיינע אָרעמס, קניען און קאַנאַלן? ווייסט איר, אַז אָט דער שטילער אָקעאַן שלינגט אין זיך אַריין אַלע וואַסערן פון גאָר דער וועלט?... שוין דאָס אַליין, וואָס ער שלינגט זיי איין, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז ער איז נידעריקער און טיפער פון זיי. און וויסן דאַרף מען אויך, אַז דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל געפינט זיך אויף דער סאַמע מיט פונעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט און ביז די פייער־אינדזלען, ווו ער קומט זיך צוזאַמען נאַטירלעך מיטן אַטלאַנטישן, איז אַ מהלך פון אַזעלכע 7.899 קילאָמעטער. און אַז מען ווייסט נאָך דערצו, אַז דער אַטלאַנטיק לויפט פון צפון צו דרום, קאָן מען אים מוחל זיין די עטלעכע פוס, מיט וועלכע ער האַלט זיך העכער פונעם פּאַציפישן אין דער געגנט...

איך וויל דאַנקען דעם וויסנשאַפטלער פאַר זיין לעקציע, אָבער אפילו וויסנשאַפטלער קאָנען זיין נאַראָנים, און ער מאַכט מיר קאַליע די גאַנצע סימפּאַטיע צו אים מיט אַזאַ מין באַרימערישער טיפּשות:

— נישט אומזיסט בין איך אַ נאָרד־אַמעריקאַנער מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, געאָלאָג און הידראָלאָג, אַ זון פון אַן ענגלישער מוטער און דייטשישן פאָטער. אין דעם זייער דעמאָקראַטישן און הומאַנישן דייטשלאַנד האָט מיין פאָטער זיך גערופן וויטע... איך שטאַם פון ראַסן, די קליגסטע ראַסן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין טעות נישט, און וואָס זענען נאָך קיינמאָל נישט באַזיגט געוואָרן...

איך האָב אַראָפּגעשלונגען די טיפּשות פונעם דייטש־ענגלישן נאָרד־אַמעריקאַנער אַלצווייסער ווי עס שלינגט אַראָפּ דער שטילער אָקעאַן די וואַסערן פון אַלע ימים און בין אַריינגעקומען אין דער רוישיקער שטאָט קריסטאָבאַל קאָלאָן.

***

עס שאַדט נישט, דער לייענער זאָל וויסן עפּעס פון דער געשיכטע און געאָגראַפיע פון דער סימפּאַטישער פּאַנאַמאַ־רעפּובליק, וואָס אויף איר טעריטאָריע איז אויסגעפאַלן דער גורל און כבוד צו האָבן ביי זיך דעם וועלט־באַרימטן קאַנאַל.

פּאַנאַמאַ — די הויפּטשטאָט פון פּאַנאַמאַ

די פּאַנאַמער רעפּובליק פאַרנעמט אַ שטח פון איבער 85.500 קוו׳ קילאָמעטער, און האָט אַ באַפעלקערונג פון נײַן הונדערט טויזנט נפשות, מער־ווינציקער, און ביזן יאָר 1903 איז זי געווען אַ פּראָווינץ אָדער דעפּאַרטאַמענט פון דער קאָלאָמביער רעפּובליק.

דאָס לאַנד איז באַרגיק, צו מערב־זײַט העכער ווי צו מזרח, און דאָס העכסטע אָרט זײַנס איז דער ווולקאַן טשיריקע, וואָס זײַן קראַטער געפינט זיך בײַ די 3433 מעטער איבערן ים־פלאַך. טשיריקע רופט מען אויך אָן אַ פּאַנאַמער פּראָווינץ, ווי אויך אַ טײַך און אַ ריזן־אָזערע, וועמענס וואַסערן זענען פאַרנוצט געוואָרן צו דאַמבעס, שליוזן און עקסקלוזן פונעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. טײַכן האָט פּאַנאַמאַ זייער וויכטיקע, פול מיט פיש און אַנדערע וואַסער־באַשעפענישן. דער קלימאַט איז, אגב, זייער אַ הייסער און אַ פײַכטער, נאָר אין אַלגעמיין אַ געזונטער. די ערד איז דאָ נאָך גאַנץ ווייניק קולטיווירט, אָבער זייער פּרוכטבאַר. זי גיט אַרויס, צווישן אַלע אַנדערע פּרוכטביימער, בלומען און תבואות, באַנאַנעס, קאָקאָס־ניס, מאַנדלען, וועלטשענע ניס, די רויטע אַמעריקאַנער ניסלעך (אַוועליאַנאָס אין שפּאַניש), אַגואַקאַטעס, טשירימאָיאָס, קאַווע, וואַטע, קאַקאַאָ, צוקער־רערן, קאַאוטשוק און אַנדערע רײַכטימער.

אין דער געאָגראַפיע ווערט פּאַנאַמאַ באַצייכנט אַלס „איסטמאָס״ אין ענגליש און „איסטמאָ״ אין שפּאַניש, וואָס מיינט אַ שמאָלער און לאַנגער פּאַס ערד ווי אַ צונג, וואָס פאַרייניקט צוויי גרעסערע, אָדער גאָר גרויסע שטחים ערד. און פּאַנאַמאַ איז טאַקע אַזאַ שמאָלער פּאַס ערד אַזוי ווי אַ בריק, וואָלט איך זאָגן, וואָס פאַרייניקט דעם צפונדיקן טייל אַמעריקע מיט דעם דרומדיקן.

אין יאָר 1903 האָט אויף דעם פּאַס ערד, וואָס הייסט פּאַנאַמאַ, און האָט געהערט צו קאָלאָמביע, אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד. דאָס פאָלק האָט געפאָדערט עמאַנציפּאַציע, אומאָפּהענגיקייט. מחמת קאָלאָמביע האָט נישט דערלויבט די נאָרד־אַמעריקאַנער מאַגנאַטן צו בויען דעם קאַנאַל. דער אויפשטאַנד איז געלונגען, און נאָך שנעלער איז געלונגען די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע צו באַ־

קומען ביי דער בחפזון־אנערקענטער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג די קאָנצעסיע צו בויען דעם קאַנאַל... דער טראַקטאַט הייסט: — האַי־וואַריליא.

די הויפטשטאָט פון דער פאַנאַמער רעפובליק איז די זייער שיינע שטאָט פאַנאַמאַ מיט אירע איבער 90 טויזנט נפשות, וואָס איז געבויט געוואָרן דורכן שפּאַנישן קאָנקיסטאַדאָר דאָן פעדראָ אַריאַס דע אווילאַ, וואָס מען רופט אים פאַרקירצט — פעדראַריאַס. געבויט האָט ער זי אין 1518 און האָט איר אַ נאָ־



אַ שווערד־הייפיש, וועלכער וועגט 600 פונט איז גע־כאַפּט געוואָרן אין די פּאַנאַמער וואַסערן

מען געגעבן „סיודאַד דע טיערראַ פירמע (די שטאָט פון פעסטן באָדן). „טיערראַ פירמע" האָבן די שפּאַניער גערופן פון אָנהויב די ברעגעס פון קאָלאָמביע און ווענעזועלאַ, „פעסטער, אָדער זיכערער באָדן" (יבשה). אין פאַנאַמאַ איז אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס ערשטע געריכט־הויז אויף אַמעריקאַנער ערד. אין יאָר 1671 האָט דער ענגלישער פיראַט מאָרגאַן די שטאָט חרוב געמאַכט און פליי־סיקע פאַנאַמער בירגער האָבן זי קורץ נאָכדעם ווידער אויפגעבויט אַ שענערע, אַ רחבותדיקערע...

נאָר דער פּאַנאַמאַ־קאַנאַל האָט זיך זיין אייגענע הויפּטשטאָט, וואָס איז צו־געקלעפּט צו יענער, און רופט זיך באַלבאָאַ. זי געהערט „דערוויל" צו די יענקיס. באַלבאָאַ איז אָפּגעטיילט פון דער שטאָט פּאַנאַמאַ בלויז דורך אַ ווייסן געקאַלכטן צייכן, וואָס איז דער מיט גאַס, אַזוי אַז אויף איין טראָטואַר פלאַטערט די שיינע פּאַנאַמער פאָן, און אויף דער צווייטער, ד״ה אויפן טראָטואַר וואָס קעגנאיבער — די באַשטערנטע פאָן — באַלבאָאַ — ב׳ אַמעריקאַנער טעריטאָריע. זי ליגט ביים פּאַציפישן ברעג און אירע איינוווינער, 15 טויזנט, זענען כמעט דורכויס נאָרד־אַמעריקאַנער בירגער.

גאַנץ פּאַנאַמאַ איז זעלטן שיין. איר נאַטור איז וווּנדערבאַר, איבערהויפּט די נעכט. די פּאַנאַמער נעכט זענען אַ שם־דבר איבער דער גאָרער וועלט. די לבנה־נעכט, ווי די בלויז באַשטערנטע, רופן און ווינקען צו דעם וואַנדערער, ער זאָל זיך אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר צו די וווּנדערבאַרע ברעגעס פון פּאַצי־פיק צי אַטלאַנטיק, צו כאַפּן אַ שלונג פרישע לופט, וואָס יאָגט פון די אומענדלע־כע ימים, פון די ווייטע און נאָענטע אינדזלען און אינדזעלעך.

אויך קריסטאָבאַל און קאָלאָן זענען אַזעלכע צוויי שטעט צוגעקלעפּט איינע צו דער צווייטער. קאָלאָן איז אַן אַלטע שטאָט מיט איבער 50 טויזנט נפשות, מערסטנס שוואַרצע פון יאַמאַיקאַ, קוראַסאָאַ, פּוערטאָ ריקאָ און גוואַיאַנען. די צווייטע איז נישט מער ווי אַ צוגעבויטער יענקישער קוואַרטאַל, אָדער שטאָט־פערטל, און איז דער הויפּט־האַפן פון דעם קאַנאַל־געביט. איר שטענדיקע איינ־וווינערשאַפט שאַצט מען אין אַ פינף־ און צוואַנציק טויזנט, אַ חוץ דעם — אַ פלי־סיקע באַפעלקערונג, „שוואַלבן־אימיגראַנטן", פון היבשע עטלעכע טויזנט.

קריסטאָבאַל־קאָלאָן, די צווילינג־שטאָט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט מיט דעם טויף־נאָמען און פאַמיליע־נאָמען פון דעם עניגמאַטישן אַנטדעקער פון אַמעריקע (קריסטאָפאָר קאָלומבוס), איז אַ דענקמאָל דעם אומשטערבלעכן רייזנ־דער, און אַלס האַפן איז עס אפשר נישט דער גרעסטער, נאָר זיכער דער וויכטיק־סטער אין גאָר דער וועלט, צוליב די טויזנטער שיפן וואָס גייען אים דורך. זעלטן ווו אין צענטראַל־אַמעריקע איז צו זען אַזאַ ציכטיקע שטאָט, אַזאַ ציכטיקע האַפנשטאָט, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ בינשטאָק, ווי קריסטאָבאַל־קאָלאָן. דו וועסט אויף אירע טראָטואַרן קיין אָפּגעוואָרפענעם שטיקל ציגאַר נישט געפינען. איך האָב געזען געבירטיקע קינדער, פּעפּערלעך קליינע, שוואַרצע, ווייסע, געלע, אַראַפּגיין פון טראָטואַר אויסצושפּייען. אַלע אירע גאַסן זענען ברייטע און אַספאַל־טירטע, שוין אָפּגערעדט פון די אַוועניִדאַס, בולוואַרן און סתם אַריסטאָקראַטישע גאַסן.

קיין טראַמוויי און קיין קאָמאַרעס און פליגן האָב איך נישט געזען אין קיין שום שטאָט און סתם מענטשלעכן ישוב, וואָס אַרום דער קאַנאַל־זאָנע. אויף אַזוי פיל, אַז פּאַנאַמאַ, נישט געקוקט אויף איר שרעקלעך הייס־פייכטן קלימאַט, איז

היינט צו טאָג איינע פון די גרעזונטסטע געגנטן פון דער וועלט. נאָר דערפאַר איז זי פול מיט אויטאָמאָבילן און אָמניבוסן, מיט אַלערליי קאַמיאָנען אויף בענזין און עלעקטרישע. מאַטראָזן פון גאָר דער וועלט פילן אָן אירע גאַסן, איבערהויפּט פון דער אַלטער שטאָט, ווו עס געפינען זיך די שענקען, קאַבאַרעטן און די שאַנד־הייזער. קריסטאָבאַל־קאָלאָן איז אַ קאָנטראַסטן־שטאָט: אָט אַן עכט־פּאַריזער געשעפט, אָט אַן אַביסיניש, אָט אַ פּויליש, און אָט אַ מאַלאַקיש אָדער הינדואיש.



האַפּן פון קיסטאָבאַל פאַר קוילן־אָפּלאָדונג — פּאַנאַמאַ

אין די תמיד־פאַררויכערטע הימלען פון דער שטאָט, פאַררויכערט פון די אַן אַ צאָל שיפן, וואָס שטייען אָדער שווימען אין קאַנאַל, אינעם האַפן און אַרום, שוועבן כסדר אום אַוויאָנען, גרויסע און קליינע, אין די צענדליקער און הונדערטער, ווייסע און שוואַרצע, רויטע און געלע, וואָס פאַרגרעסערן נאָך מער דאָס ווילדע גערויש, דעם טומל, גרילץ און רעדער־קריצעריי, ווי אויך דעם שטיקנדיקן גאַזאָלין־ריח פון די אויטאָמאָבילן.

די היץ דאָ איז אַ שרעקלעכע. דאָ קעניגט דער עכטער קאַריבישער טראָפּיק. דער קלימאַט פון פּאַנאַמאַ בכלל איז היינט־צו־טאָג כמעט אַ געזונטער, ווען אפילו אַ פייכטער. ווי אומעטום אין די טראָפּיקאַלישע לענדער איז שרעקלעך הייס אין די טאָלן און אין די נידעריקע געביטן בכלל און פריש אין די בערג. וואָס העכער אַלץ קילער. ביים ים איז די דורכשניט־טעמפּעראַטור פון גאַנצן יאָר 28 גראַד צענטיגראַד. ביים אַטלאַנטישן אָקעאַן איז אַ סך הייסער ווי ביים פּאַציפישן, מחמת די פייערדיקע ווינטן וואָס בלאָזן פון אַנטיליען־געביט. נאָר אינעם אינערן

פון לאַנד דערגרייכט די היץ נישט מער ווי ביז 18 גראַד צענטיגראַד, דורכשניטלעך, וואָס פאַר די פּאַנאַמער הייסט עס מחיהדיק־פריש.

אין דער רעגן־תקופה, ד"ה אום ווינטער, ווערט די היץ ממש נישט איבער־צוטראָגן, צוליב איר גוואַלדיקער פייכטקייט. זומער ווען עס רעגנט נישט, אָטעמט דער עולם אָפּ. די פּאַנאַמער תקופות, וואָס געהערן צו די אינטערטראָפּיקאַלע, ד"ה צו די הייסטע אין דער וועלט, ווערן רעגולירט מיט דעם גאַנג פון דער זון — האָט מיר געזאָגט אַ פּאַנאַמער געלערנטער — און האָבן האָט פּאַנאַמאַ נישט מער ווי צוויי תקופות: די טרוקענע און די פייכטע, וואָס לויט דער אָנגענומענער טער־מינאָלאָגיע רופן זיי זיך: זומער און ווינטער. נאָר דער זומער האַלט אָן נישט מער ווי דריי חדשים. אָפיציעל רעכנט ער זיך פון 15טן יאַנואַר אָן, און ענדיקט זיך פאַר סוף אַפּריל.

אויף דער אַטלאַנטישער זייט רעגנט מער ווי אויף דער פּאַציפישער. די גרעסטע רעגנס גיסן אין די צוויי חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער, אָפטמאָל גאַנצע אַכט אָדער צען טעג נאָכאַנאַנד. אין דער צפון־געגנט, וואָס דאָס מיינט אינעם קאַנאַל־געביט, גיסט אָן דורכן יאָר אַ דורכשניט פון דריי טויזנט דריי הונדערט און זיבן מילימעטער וואַסער. ווען נישט דאָס שטרענגע אָפּהיטן היגיענע, וואָס די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן איינגעפירט, וואָלטן מענטשן, איבערהויפּט די נישט־אַקלימאַטיזירטע, געפאַלן ווי די פליגן פון דער היץ אום סאַמע ווינטער, און פון אַלערליי עפּידעמיעס, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

אַן אויספלוג צום אינדזל טאַבאָגאַ

מיין אומרואיקייט לאָזט מיך נישט איינזיצן קיין איין טאָג אין דער סימפּאַ־טישער שטאָט פּאַנאַמאַ, און אויך נישט אין דער „נאָרד־אַמעריקאַנער" זאָנע־שטאָט באַלבאָאַ. די מענטשלעכע טעכניק, די ציוויליזאַציע, די מאָדערנע, אינטערעסירן מיך נישט, אומעטום דאָס זעלבע. איך וויל זען די רויע נאַטור, אָדער לכל הפּחות די פּרימיטיווע מענטשלעכע טעכניק, די שיינע ציוויליזאַציע און קולטור פון די אינדיאַנער, די אַרבעט פון מענטש און נאַטור.

פינף דעם זייגער אינדערפרי בין איך מיט נאָך ניין טוריסטן אַרויף אויף דער גרויסער מאָטאָר־לאָדקע, וואָס האָט אין געציילטע מינוטן אונדז צוגעפירט צום אינדזעלע טאַבאָגאַ, וואָס אין פּאַציפישן אָקעאַן.

וואָלט עס געווען אין מיין רשות, וואָלט איך דעם אינדזל גאָר אַ נאָמען געגעבן בלומענגאָרטן, צוליב די אָן אַ שיעור כלערליי בלומען, וואָס וואַקסן דאָרט און פאַרשמעקן מיט די פאַרשידנסטע אַראָמאָטן די גאַנצע פּעריפעריע אַרום. לײַדער איז דער אינדזל נישט באַוווינט מיט אינדיאַנער, נאָר מיט העכסט־ציוויליזירטע נאָרד־אַמעריקאַנער און פּאַנאַמער. גאָר רייכע לעטניקעס*), ווי אויך אָרע־מע פּויערים וואָס באַאַרבעטן די פעלדער, באַפרוכפּערן און באַפלאַנצן דעם אינדזל מיט אַלערליי מינים תבואות, פרוכטביימער און בלומען, וואָס דער מאָדערנער מענטש קען. וועגן דעם בלומענפולן אינדזל ווילט זיך מיר זאָגן וואָס דער באַ־רימטער גריכישער פּאָעט פון פינדאַראָ פלעגט זאָגן וועגן דעם אינדזל ראָדאָס: „די זון איז געוואָרן אַזוי פאַרליבט אינעם אינדזל ראָדאָס, אין זיין פּראַכטפולער אײדעלער שיינקייט, אַז זי האָט בלית ברירה געמוזט מאַכן אַלע טאָג אַ באַערונגס־וויזיט איר אויסדערוויילטן אינדזל פון קאַיאָר אָן ביז בין השמשות...

זייער אַ קליין אינדזעלע איז טאַבאָגאַ אין די גוואַלדיקע גרויסקייטן פון דעם ים הגדול. דאָרט געפינען זיך אָבער אַלע חנען וואָס נאַטור און מענטש האָבן געשאַפן פון קדמונים אָן. אַ זעלטן פיינע עספּלאַנאַדע ביים ים־ברעג, ווו אונ־דזער גאַנצע גרופּע האָט געכאַפּט אַ שווים אין ים און דאָך נישט דערטרונקען געוואָרן, און צומאָל אפילו נישט געביסן געוואָרן פון היי־פיש. דער ים־גרונט

*) מענטשן וואָס פאָרן אַרויס אויף זומערוווינונג.

דאָרט איז אַ שניי־ווייסער זאַמד, דאָס וואַסער איז דורכזיכטיק־קלאָר און צו־פלאַך, אַז דער שרעקלעכער מחבל זאָל וואַגן אַהין צוצוקומען...

דער ישוב אויפן אינדזל האָט אויך אַ פיין קירכעלע, אַ שטיקעלע שפּאַציר־פּלאַץ, אַ מאָדערן, אַ ציוויליזירטס, מיט שיטערע און געדיכטע קוסטעס, ווו יעדער פאַרבענקטער מענטש קאָן געניסן פון אַ שפּאַציר און אַ פלירט מיט די צוגעלאָזענע און זייער סימפּאַטישע סעניאָריטאַס פונעם דאָרף. לויט די געשיכטע דער־ציילט, האָט דער קאָנקיסטאַדאָר פראַנציסקאָ פּיזאַרראָ פון דעם אינדזל זיך אַוועק־געלאָזט קיין פּערו צו דעראָבערן די אינקאַישע אימפּעריע.



וואַסערפאַל פונעם טייך טשאַמאַ — פּאַנאַמאַ

איינגעשטאַנען בין איך און אַ ווינער־אַדלדאַמע מיט איר דרייצניעריק טעכ־טערל און זייערס אַ בלינדע צויג, אַ פּודעל, אין האָטעל אַספּינוואַל, אָנגעפּירט פון ב׳ אַמעריקאַנער, וואָס שינדן אַ הויט, טאַקע נאָר ווי ב׳ אַמעריקאַנער קאָנען. דערפאַר אָבער איז דער האָטעל כאָטש זייער ציכטיק, האָט אַ באָד אין יעדן צי־מער, אַ שווימבאַסיין מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן... און אפילו עסן גיט מען אויך צו דער זאַט, אַבי דו האָסט נאָר אַ פולן בייטל מיט גרעסערע ב׳ אַמעריקאַנער אָדער ענגלישע באַנקנאָטן. דער האָטעלערשטשיק, ווי אויך די גאַנצע דינערשאַפט, איז זייער אַ דעמאָקראַטישע און קאָסמאָפּאָליטישע, מיט וועמען דו קאָנסט זיך דורכשמועסן אויף וועלכער שפּראַך דו ווילסט נאָר. צו דעם צוועק זענען דאָרט די קעלנערס פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן.

פיר פּערזאָן, ד״ה די דאַמע מיט איר טעכטערל, איך און זייער בלינדע צויג, זענען איינגעשטאַנען אין איין צימער. דער קלוגער און פּראַקטישער האָ־טעלערשטשיק האָט מיך פאַרשריבן אַלס מאַן פון דער ווינער דאַמע און אַלס טאַטע פון איר טאָכטער און באַלעבאָס פון זייער הונט, און האָט גענומען געצאָלט טאַקע ווי פאַר פיר פּערזאָן...

וואונדערבאַר איז דער אינדזל! די פּראַקטישע נ׳ אַמעריקאַנער האָבן פון דעם אינדזל געמאַכט אַן אמתן גן־עדן. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם, אַז איך בין נישט קיין מיליאָנער?... דאָרט צו זיין אַ צוויי וואָכן און געניסן פון יענער זעלטענער נאַטור וואָלט איך באַדאַרפט האָבן לכל הפּחות טויזנט דאָלאַר. און קוקן ווי אַנדערע געניסן פון אַלדאָס גוטס, פון דעם בעסטן און שענסטן וואָס אַ מענטשלעך האַרץ קאָן פאַרלאַנגען, און איך — גאָרנישט, לאָז איך איבער די דאַמע מיט איר טאָכטער און בלינדער צויג און פאָר מיר צוריק...

אויפן דריטן טאָג נאָך מיין ערשטן שפּאַציר, אין די ערשטע זריחה־מינוטן האָט אַ שנעלע מאָטאָר־לאָדקע מיך מיט נאָך פינף טוריסטן אַדורכגעפירט דעם גאַנצן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, און מיר זענען צוגעפאָרן צום פּאַן־אַמעריקאַנער אַספאַל־טירטן וועג, וווּ עס האָט אויף אונדז געוואַרט אַ שמאָלער און זייער לאַנגער שפּאַציר־אויטאָ מיט אַ באַקוועמען פּלאַץ פאַר אַלע זעקס פּאַסאַזשירן.

די ערשטע ישובים, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן, זענען געווען אַראיכאַן און לאַ טאָאָרערא. דאָס לעצטע שטעטל איז זייער אינטערעסאַנט, איבערהויפּט צוליבן וואַסערפאַל וואָס ווערט געבילדעט פון טיפן טייכל, וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַ צענדליק מעטער הויך מיט אַ פאַרטויבנדיקן גערויש און געפּלעסקעריי. נאָכדעם קומט דאָס שטעטל קאַפּירא, נאָך וועלכן דער אויטאָ נעמט קרעכצן, ווייל עס איז אים, ווייזט אויס, שווערלעך צו קלעטערן און דראַפּען זיך אויף אַלע פיר, נעבעך, באַרג־אַרויף. ווייל דאָ הייבן זיך אָן שוין די פּאַנאַמער אַנדן־קאָרדיליערן.

מיר זענען שוין גאָר הויך אויפן באַרג קאַמפּאַנאַ, — איך ווייס נישט די ריכ־טיקע הויך, מחמת איך האָב פאַרגעסן מיטצונעמען מיין באַראָמעטער. איך ווייס נאָר, אַז איך געפין זיך עטלעכע טויזנט מעטער איבערן ים־פלאַך, און איך זע פון דאַנען דייטלעך די אומענדלעכקייטן פונעם פּאַציפישן אָקעאַן, ווי אויך דעם טיפן טייך טשאַמע, וואָס לויפט מיט אַ משונהדיקן געאייל צווישן דעם שלל גרינ־קייטן, ווי אַן אומענדלעכע זילבער־ווייסע שלאַנג, און ער שלענגלט זיך טאַקע, ביז ער לויפט אַריין מיט אַן אַראָגאַנטישן אימפּעט אין אָקעאַן אַריין...

מחיהדיק־פריש איז די לופט, דאָס קרישטאָל־ריינע וואַסער האָט אַ גן־עדן־טעם. עס פעלן דאָ טאַקע אַביסל די קאָקאָס־פּאַלמען, אָנגעזעצטע מיט די זאַפטיקע קאָקאָס־ניס, מען זעט נישט קיין טייטלען און קיין וועלטשענע ניס. דערפאַר האָבן מיר דאָ אָבער זיך דערכאַפּט די הערצער מיט די בעסטע מאַראַנצן, עפּל, מאַנדאַרינעס, וויינפּערלעך, אַגרעסן און טשירימאָיאָס.

איך קער זיך אום צוריק פון דאַנען אין שטאָט אַריין. ס׳זענען נישט פאַר מיר אַזעלכע מינים שפּאַצירן. די געגנט איז צופיל ציוויליזירט, באַזונדערס מוז איך זיין פריי. נישט דער אויטאָ זאָל מיך פירן, נאָר איך אים... און נישט מיט קיין שום גרופּעס. איך וויל אויך נישט זיין ווי אַ סאָלדאַט: צו דער מינוט עסן,

צו דער מינוט שלאָפֿן און צו דער מינוט שפּרינגען און פֿאָרן. איך וויל אויך נישט זיין געהאַרכזאַם צו קיינעמס רוף.

⁂

אַ סך מעשיות האָט מען מיר דערציילט וועגן די ערשטע אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען מיט דעם פראַנצויזישן אינזשיניער פערנאַנד לעסעפּס, דעם בויער פֿון דעם סועץ־קאַנאַל, וואָס האָט דער ערשטער גענומען בויען אויך דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. די נישט־אַקלימאַטיזירטע אַרבעטער זענען אומגעקומען מאַסנווייז פֿון מאַלאַריע און געלן פֿיבער, פֿון בובאָנישער פּעסט, קאַרבונקול, הידראָפֿאָביע, דיזענטעריע, טיפֿוס און אפֿילו פֿון דער פּאָפּוגייען־קרענק, די פּסיטאַקאָזיס. די זעלטן־שיינע און פֿרוכטבאַרע געגנטן פֿון אַזערעס און טייכן מיט זייער גוואַלדיקער שפֿע פֿון כלערליי מינים פֿיש האָבן אויך געהאַט אַ שפֿע פֿון אַלערליי טויט־טראָגנדיקע מאָסקיטן, שטשורעס, פֿליי און אַלערליי אַנדערע מזיקים, וואָס זענען אַרויפֿגעפֿאַלן אויף די הונדערטער אַרבעטער, וואָס לעסעפּס האָט געבראַכט מיט זיך צו דער קאַטאַרזשנער האַרעוואַניע, און האָבן פֿון זיי לעבן געלאָזט נישט מער ווי עלף.

איינער פֿון די לעבנגעבליבענע, אַ גריך מיטן נאָמען גרעגאָריאַנוס קאַלקאַמידוס, וואָס האָט צו יענער צייט, אָנהויב 1925, זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פֿון קאָלאָן, ווי אַ לעבעדיקער עדות פֿון פערנאַנד לעסעפּס דורכפֿאַל, האָט מיר דערציילט:

— אַ גרופּע פֿון אַכט הונדערט זענען מיר געווען, אַטלעטישע יונגען, ריזן, דעמבעס, געקומענע פֿון פֿראַנקרייך און פֿון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. „אַרבעטן און געלט פֿאַרדינען" — איז געווען אין יענער צייט אַ לאָזונג, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אייראָפּע, און געטריבן יונגע מענטשן אויף די געוואַגטסטע אַוואַנטורעס. און ווי נאָר מיר זענען געקומען און אַוועקגעשטעלט אונדזער לאַגער ביי די ברעגעס פֿון דער טשיריקע, האָט זיך דער מלאך־המות אַריינגעכאַפּט צו אונדז. מיר אַלע, ערשט געזונטע ווי די קאָקאָס־ניס, איינס אין איינס, אויף דער שיף, זענען מיר דאָ אויף דער הייסער און תמיד־נאַסער יבשה געוואָרן ווי געליימטע קינדער...

— האָט מען צו אייך נישט געבראַכט קיין דאָקטוירים? — האָב איך געפֿרעגט קאַלקאַמידוסן.

— דאָקטוירים זענען געפֿאָרן מיט אונדז אויף דער שיף, נאָר גראָד זיי, מענטשן ווייניקער פֿאַרהאַרטעוועטע, זענען געווען די ערשטע קראַנק צו ווערן פֿון די עפּידעמיעס. מען האָט אפֿילו נישט געוואַרט, אַז דער קראַנקער זאָל אינגאַנצן אָפּשטאַרבן; נאָך גוססדיקע האָט מען זיי ווי מיסט אויף די ווידלעס אויפֿ־

געהויבן און זיי געוואָרפן אין די הויכע צוויי־רעדערדיקע וועגענער, בכדי זיי זאָלן די געזונטע נישט אָנשטעקן, און אַרויסגעפירט ווייט אויף צו באַגראָבן אין דער זומפּיקער פאַרפעסטעטער ערד. מען האָט אפילו קיין צלם אויף זייערע קברים נישט געשטעלט און אויך דער משפחה פון דעם אומגליקלעכן נישט צו וויסן געגעבן. געטון האָבן די אַרבעט שוואַרצע פון די אַנטיליען־אינדזלען, פון יאַמאַיקאַ און פון די גויאַנען...



רעגירונגס־פּאַלאַץ פון דער פּאַנאַמער רעפּובליק

— יאָ, טייערער פריינט, — האָט ער אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטון אין אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש, — יאָ, אַזוי איז עס געווען! — און ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט די פראַגע, וואָס איז אין דער רגע געבוירן געוואָרן ביי מיר אין מוח, האָט ער ווייטער דערציילט:

— געווען זענען צען יידישע יינגלעך צווישן אונדז. טייערע יאַטן, אמתע שמשונס, און ווינצלינגען זענען זיי אויך געווען ווי שמשון. פאַר קיין יאַגואַר, פאַר דער פּומאַ, פאַר דעם בייזן קאַיאָטע (אַרטיקע וועלף), פאַר די שרעקלעכע גיפטיקע קרייץ־שלאַנגען און קראָטאַלאָ־שלאַנגען האָבן זיי קיין מורא נישט געהאַט. אפילו די ריזיקע ווערג־שלאַנג, די אַנאַקאָנדאַ, האָט פאַר די בראַווע יונגען געציטערט. נאָר די מאָסקיטן און די אַנדערע נישטיקע אינזעקטן זענען געווען שטאַרקער פון זיי, און האָבן ווי מיט אַ קאָסע זייערע יונגע לעבנס אונטערגעהאַקט... באַזונדערס געדענקט זיך מיר פעליקס זיטענפעלד פון וואַרשע, פּוילן, אַ פאַרחלומטער בלאָנדער יונג פון איבער זעקס פוס די הויך און 24 יאָר אַלט, אייזן־שטאַרק, מיט אַ שטימע, וואָס אַן אָפּערן־זינגער וואָלט זיך מיט איר נישט

פאַרגליכן, און געטאַנצט האָט ער, אַז ער האָט מיט די פיס די ערד נישט אָנ־גערירט. אַ גוטער, מיטן לעצטן ביסן וואָלט ער זיך געטיילט. און געשטאָרבן איז ער איבער אַ נאַרישן פּאָפּוגיי: דער פּאָפּוגיי איז קראַנק געוואָרן, און ער האָט אים געוואָלט אָפּראַטעווען. האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט דעם שרעקלעכן פּסיטאַקאָזיס. דער צווייטער יידישער בחור, וועלכן איך וועל ביז מיין לעצטן אָטעם געדענקען, איז דוד איזראַעלס, אַ האָלענדער, אַ קרוב, ווי ער האָט מיר געזאָגט, פון דעם האָלענדישן מאָלער יאָזעף איזראַעלס. אייזערנע שטאַבעס פלעגט ער בייגן ווי פּאַפּיר, קייטן געריסן, ביימער מיט די וואָרצלען אַרויסגעריסן, און גוט און מילד איז ער געווען ווי אַ טויב. אין די אָפּרו־שעהען נאָכמיטאָג



וואַשינגטאָן־האָטעל נעבן אַספּינוואַלס סטאַטוע
אין דער שטאָט קריסטאָבאַל קאָלאָן — פּאַנאַמאַ

פלעגט ער לייענען אַ בוך, אַ ראָמאַן אָדער אַ וויסנשאַפטלעך ווערק. ער האָט גע־האַט מיט זיך היינעס לידער, געטעס „פאַאוסט“ און די ביבל פלעגט ער לייענען אין דער העברעאישער פּירקאַנטיקער שריפט, פון רעכטס צו לינקס. און ביינאַכט ביי דער שיין פון אַ שייטער, פלעגט ער שרייבן לידער, אויך פון רעכטס צו לינקס... אוי, האָט ער נישט געוואָלט שטאַרבן!... און געשטאָרבן איז ער אין די שרעקלעכסטע יסורים. ער האָט זיך אָנגעשטעקט פון מיין לאַנדסמאַן און שיף־ברודער יאַן מעקראַניס. אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט געווען, אַ ציניקער, אַ סאַ־דיסט, אַ קאַרגער ווי אַ הונט. דער ייד דוד איזראַעלס, נאָך אַ געזונטער, אַ פריי־שער, איז געוואָרן זיין דאָקטאָר, האָט אים געשמירט, קליזמעס געמאַכט, נישט ווי עס קומט אַן אַנטיסעמיט, נאָר ווי אַ גרויסן יידן־פריינט... די יידישע תורה, —

האָט איזראַעלס געזאָגט, — הייסט העלפן אפילו דעם גרעסטן שונא, ווען ער איז אין אַ נויט...

אין אַלטיטשקנס אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט, ווען ער האָט דערמאָנט דעם ייד, דעם מאַרטירער. זיין אויג איז געפאַלן אויף דער ביבל אין שפּאַניש, וואָס איך האָב געהאַלטן, און ער האָט מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון:



צאַלאַמט פון פּאָרטאָבעלאָ. — רעפּובליק פּאַנאַמאַ

— איר זענט אוודאי אַ מיסיאָנער? וועל איך אייך טאַקע ווי אַ פרומען מענטש זאָגן, אַז פון מיינע צען יידישע פרײַנט, די גבורים, וואָס זענען צוזאַמען מיט אונדז געקומען אַהער, געגראָבן דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, איז אויך קיין זכר נישט געבליבן; מען האָט זיי אַלעמען גלייך מיט די אַנדערע מתים באַגראָבן אין דעם נאַסן דזשונגל, און דערנאָך האָבן די ב׳ אַמעריקאַנער זיי אונטערגעצונדן, כדי אויסצוראָטן די מיקראָבן און אַלע בייזע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך אָנגע־פּלאָדיעט אויף יענער זומפּיקער ערד. איך — דער שוואַכסטער און קרענקלעכ־סטער פון אַלע — בין לעבן געבליבן ביז היינט... עמעצער האָט דאָך געמוזט לעבן בלייבן און דערציילן. איך זע אויס ווי אַן אַכציקער, און איך בין איצט קוים אַ פופציקער...

— אָסי, אַסי, מאָן שער אַמי! — פאַלט ער אַריין אין פראַנצויזיש, און גיט צו אַ ווערטל, אויך אין פראַנצויזיש, וואָס איז אפנים שטאַרק אין אומגאַנג געווען אין יענער צייט, ווען לעסעפּס „פאַנטאַסטישע" פּלענער האָבן געוועקט דעם

גייסט פון אַוואַנטורע: — לאַרזשאַן פע לאַ גער, מע, לי אַרזשאַן פע אָסי לאַ מאַר!... — (אַזוי, אַזוי, מיין טייערער פריינט, דאָס געלט מאַכט די מלחמה, אָבער דאָס געלט מאַכט אויך דעם טויט...) נישט קיין פאַרביסענער קריג פון אַ מעכ־טיקן שונא האָט די אַכט הונדערט יונגע לעבנס אויסגעמאָרדעט, נאָר אַ ביס פון גישטיקן מאַסקיט, אַ קאָמאַר אַזאַ פונקט ווי אַלע קאָמאַרעס, דאַכט זיך — אַ פלוי, אַ מיקראָב פון אַ פאַפוגיי, אַן עקלהאַפטער שפין, אַ שלענגעלע, אַ גאַר־נישט, אָדער אַן אַלאַקראַן, אַ טרונק נישט־איבערגעקאָכטע וואַסער, און אַ שלעכ־טער ביסן... עלף נאָר זענען מיר געבליבן, זיך אויסגעדרייט פונעם מלאך המות...

ער איז שטיל געבליבן, און איך האָב שוין אַליין געצויגן וויטער זיין גע־דאַנק: — און היינט? אויפן זעלבן אָרט, וווּ אַמאָל האָבן געוווינט די ווילדע אינ־דיאַנער שבטים, די נאַפּאָס, פאַפאַראָס, טשאַרקענעס, גואימיעס, קינאָס, טערעוויס און אַנדערע, שטייען אַזעלכע שיינע און פּרעכטיקע שטעט, ווי פּאַנאַמאַ־באַלבאָאַ, קריסטאָבאַל־קאָלאָן, מיט אַזעלכע ציכטיקע גאַסן, נאָר מיט אַזאַ ציוויליזירטן גע־פילדער, מיט אַזעלכע היגיענישע האָטעלן, אָבער מיט אַזאַ פאַרצערנדיקער פּראָס־טיטוציע...

אין די גאַסן הערשט די שפּראַך פון דער ציוויליזאַציע און „דעמאָקראַטיע“ — ענגליש. עס רעדן אויף איר די פּעד־שוואַרצע, געוועזענע אַפריקאַנער שקלאַפן, וואָס טוען נאָך היינט די קאַטאָרזשנע אַרבעט פון דער „פרייער“ אַמעריקע, עס רעדן ענגליש די ווייסע, געלע, ברוינע. און די פּרויען פון אַלערליי קאָלירן און ראַסן, עכטע שוואַרצע מולאַטקעס, סאַמבאָס, אינדיאַנערינס און אויך ווייסע, וואָס שטייען פאַר דער רייע שאַנדהייזער און שלעפּן צו זיך די פאַרבייגייער, ווי אַמאָל די משרתים פאַר דער רייע קראָמען אין מאַרק...

אויף די אינדזלען פון על פּאָרוועניר

בעת דער לעצטער „רעוואָלוציע" אויף די קאַריבער אינדזלען פון סאַן בלאַס אָדער על פּאָרוועניר, ווי מען רופט זיי, בין איך געווען אין קריסטאָבאַל־קאָלאָן, אין דער באַרימטער האַפנשטאָט וואָס אויף דער אַטלאַנטישער זייט פונעם קאַנאַל.

אָנגעהויבן האָט זיך דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד דעם 19טן פעברואַר 1925 און האָט זיך פאַרענדיקט אָנהויב מערץ פון דעם זעלבן יאָר. אַ סך קרבנות האָט דער אויפשטאַנד געקאָסטביידע צדדים. אין איין טאָג בלויז זענען געהרגעט געוואָרן צוואַנציק פּאַנאַמער פּאָליציי־לייט. די קרבנות פון די אינדיאַנער ציילט מען נישט, וועגן זיי לוינט זיך נישט צו פירן חשבונות...

מיט איינעם פון זייערע קאַציקן, „סאַאַגילאַ" אויף זייער לשון, האָב איך מיך באַקענט, ווען ער איז געקומען קיין פּאַנאַמאַ מיט נאָך חברים זיינע אונטער־האַנדלען מיט דער רעגירונג פון דער מעטראָפּאָליע וועגן מער פרייהייט, גערעכ־טיקייט און רעספּעקט, איבערהויפּט צו זייערע פרויען מצד דער אָרטיקער פּאָליציי און באַאַמטע בכלל.

— ווי אַזוי הייסטו? — האָב איך אים געפרעגט אין שפּאַניש.

— מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראַטשי פּוניטשיטשי פּיניאָ קאָקאָ, — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ יאַפּאָנישן שפּאַניש, וואָס פאַרבייט די רייש אויף אַ לאַ־מעד. — דאָס איז מיין נאָמען פאַר מיין פאָלק און פאַר מיין גאָט, וואָס לייכט בייטאָג איבער דער גאָרער וועלט... נאָר פאַרקירצט רופט מען מיך מאַקראָ האַראָ.

און באַלד פרעגט ער מיך, צי איך בין אַ נ׳ אַמעריקאַנער, וואָרום די שפּאַניער — זאָגט ער — האַסט ער פונקט ווי די שוואַרצע, און האָט אויך פיינט די שפּאַ־נישע שפּראַך... די נ׳ אַמעריקאַנער האָט ער ליב, זיי זענען „אמתע קעמפער פאַר פרייהייט"... די יענקישע רעגירונג — זאָגט ער — נעמט זיך אָן פאַר זיי און פאַרטיידיקט זיי פונקט ווי אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע פעלקער...

איך האָב נישט געוואָלט זיין אויסגעשטעלט צו זיין שנאה, און בכדי צו קאָ־נען ווייטער פירן דעם שמועס, האָב איך אים געענטפערט, אַז יאָ, אַז איך בין

אַ יענקי, און זיינע קאָסאָקע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן האָבן אויפגעלעבט און זענען געוואָרן שיעור נישט ווי שוואַרצע איראָפּעאישע אויגן. אַ קינדיש־נאַאיווע פרייד האָט זיך צעגאָסן אין זיינע געלע ווינקלען און אויף זיינע ברוינע און ברייט־אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, מיט די אַרויסגעשטשירעטע צוויי רייען געלע לאַנגע און ברייטע ציין. האָט ער אויף אַ געבראָכענעם ענגליש מיט אַ יאַפּאַנישן אַקצענט צוגעזאָגט מיך פאָרצושטעלן פאַר זיינע חברים, אויך אַזעלכע הייליקע סאַאַגילאָס ווי ער, און אויב איך וויל, וועט ער מיך מיטנעמען אויף אַ שפּאַציר צו דער „רעפּובליק טולע", צו דעם כימערישן שטאַט, וואָס אָט די קאַריבער אינדזלען האָבן באַקומען אינערהאַלב דער רעפּובליק פּאַנאַמאַ.

⁂

ס'איז צען אַזייגער אינדערנאַכט. דער טונקל־בלויער טראָפּיקאַלער הימל איז ווי אויסגעפּלעקט מיט סאַזשע־וואָלקנדלעך. וואו־נישט־ווו באַווייזט זיך צווישן זיי אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטערן. דאָס מאָטאָר־שיפל ברומט, וויגט זיך ווי אַ שכור אויף די שטאָקיקע כוואַליעס פונעם שטורמישן קאַריבער ים, הויבט זיך באַרג־אַרויף און פאַלט באַלד אַראָפּ, נאָר רוקט זיך פאָרט אַלץ פאָראויס אין דער שוואַרצער אימהדיקער נאַכט צום הויפּט־אינדזל פונעם אַרכיפּעלאַג סאַן בלאַס, על פאָרוועניר.

דער אַרכיפּעלאַג, מיט זיין הויפּטשטאָט סאַן בלאַס אויף דעם אינדזל על פאָרוועניר, ליגט אַכציק ים־מייל ווייט פונעם פּאַנאַמער ים־ברעג. וואָס ווייטער אין ים אַלץ שוואַרצער ווערט דער סאַמעט־בלויער הימל, פאַרצויגן ווערן ווי מיט טינט די שפּאַלטן, וואָס האָבן אַ ווײַלע פריער געלאָזט אַרויסווינקען אַ קאָקעטישן שטערן. און אַלץ שכורער ווערט דאָס גאַזאָלין־לאָדקעלע אויף די וואַסער־בערג פונעם רעבעלישן אַנטיליען־ים, וואָס קייקלט זיך צו דער הויפּטשטאָט פון דער „רעפּובליק טולע", כאָטש מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דאָס שיפל אַמפּערט זיך אומזיסט מיט די כוואַליעס און אַז איך וועל קיינמאָל נישט זען די עקזאָטישע און קשה־עורפדיקע האַלב־ווילדע אינדיאַנער וואָס לעכצן נאָך פרייהייט...

דאָס האָט מיך געמאַכט נערוועז, און אפשר פאַרקערט, דאָס האָט זיך גענומען פון מיין נערוועזיטעט, און איך האָב נישט געקאָנט איינדרימלען די גאַנצע צייט פון דער נסיעה. איך האָב געהערט נאָר דאָס רוישן פונעם מאָטאָר און דאָס רציחהדיקע ברומען און פּאַטשן פון די בייזע כוואַליעס אין די שוואַכע ווענטלעך פון אונדזער שיפל, און מיין מוח איז פאַרנומען געווען מיט די קריגערישע קאַריבער וואָס קעמפן אַזוי ווירדיק און העלדיש פאַר זייער עמאַנציפּאַציע אין אַ צייט פון ווייט־שיסנדיקע קאַנאָנען, אַעראָפּלאַנען און גיפטיקע גאַזן נישט ערגער פון די מכבייער קעגן אַנטיוכוס עפּיפאַנוס מיט זיינע שטורעם־באָקן און העלפאַנטן,

און ווי די יידישע אויסגעהונגערטע גבורים קעגן טיטוס הרשע... אין דעם רויטן קאַיאַר האָבן זיך אין דער ווייט באַוויזן צוויי פון די גרעסערע אינדזלען, וואָס האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען צווישן די מים אדירים, ווי צוויי גרינע זשאַבע־אייעלעך אין אַ גרויסער אָזערע... פּאַמעלעך האָט דער קאַיאַר פאַר מיר אַנטפּלעקט אַלץ נייע גרינע „זשאַבע־אייעלעך". איך האָב געוווּסט, אַז פאַראַן זענען דריי הונדערט פינף און זעכציק אַזעלכע אינדזעלעך אין דעם אַרכיפּעלאַג; געזאָגט האָט מען מיר, אַז אויף די גאַר ווייטע קליינע שטיקלעך יבשה פון דער גרופּע סאַן בלאַס־אינדזלען איז נישט נאָר קיין שׂול נישטאָ, קיין שום אינדוסטריע, נאָר קיין שום סימן פון קולטור און קיין קאָנטאַקט מיט דער ציוויליזירטער וועלט, און עס וווינען דאָרט רעשטלעך פון אַ גאָר פּרימיטיוון שבט, כמעט אַזוי ווילד ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק פאַר דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, און אַז אויף די גרעסערע אינדזלען ווי סאַן בלאַס, פלאָריאַן־טשיקאָ און נאַרגאַנאַ, פאַר־קערט, זענען די געבירטיקע אַזוי ציוויליזירט ווי די ווייסע און שוואַרצע באַדרי־קער זייערע, און אפשר נאָך מער...

די ווילדע אכזריותדיקע קאַריבער זון האָט באַלד ביים געבוירן ווערן געגומען ברענען און וואָס ווייטער מיט אַן אַלץ גרעסערן גיהנום־פייער. בעת די אומענד־לעכע הויכע רוימען זענען נאָך געווען באַדעקט מיט אַ העל־בלויען זייד־געוועב און די לבנה האָט אין זיי אַרומגעשפּאַצירט אַ ליכטיק־צעשיינטע און געזונגען איר שיר צו דעם אַלץ וואָס איך זע און וואָס איך זע נישט, איז שוין דער מזרח געווען רויט־צעגליט, און די זון האָט שוין דאָרט מיט אירע שטראַלן געשרפעט די ערד. דער גאַנצער אַנטיליען־ים, האָט זיך מיר געדאַכט, איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין בלוט, אין קאָכעדיק בלוט. אַלץ איז אין מיינע אויגן געווען בלוטיק־רויט, צוויק־רויט, אַלץ האָט געברענט...

נישט ווייט פונעם ברעג, אַקעגן דעם אינדזל סאַן בלאַס, איז עניוותדיק גע־שטאַנען פאַראַנקערט אַ גרויסע יענקישע שיף, אַ פאַנצער־שיף, מיט דעם נאָמען קליוולענד, באַוואָפנט מיט אירע פרייהייט־ליבנדיקע און פרידן־באַגערנדיקע קאַ־נאָנען, אָנגעצילט מיט זייערע שוואַרץ־חנעוודיקע פּיסקעס צו סאַן בלאַס.

— האַלט! — האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל פון דער שיף, באַגלייט מיט אַ ביקסן־שאָס צו דער אויפגייענדיקער זון, און אַ זייער שנעל מאָטאָר־שיפל האָט ווי אַ פייל זיך צו אונדז אַ לאָז געטון, און אין דעם שיפל זענען געזעסן צוועלף גוט־באַוואָפנטע מאַטראָזן און צוויי אָפיצירן.

איך בין פאַרגליווערט געוואָרן, ווען איך האָב דערזען פאַר זיך די לייט, אַכט יענקישע יונקערס מיט פלאַקסענע קעפּ און רויטע אינדיק־העלדזער און פיר שוואַרצע ווי סמאָלע מיט בלאַנקע רעוואָלווערן אין די הענט אָנגעצילט קעגן מיין קאָפּ. דער עלצטער אָפיציר האָט מיך, דעם נישט־אינדיאַנער, אַ פרעג־געטון:

— וואט דו יו אר דואינג היר? וואָס טוט איר דאָ? — הייסט עס, ווי הייסט איר? וואָסער קאָנטראַבאַנד פירט איר מיט זיך? און נאָך און נאָך פראַגעס פון דעם מין.

נאָכדעם ווי זיי האָבן גענוי דורכגעשטודירט מיינע פּאַפּירן און דורכגעזוכט מיינע וואַליזעס און קעשענעס, מיינע שיך און אפילו מיין אונטערוועש אויפן לייב, האָבן זיי מיך פרייגעלאָזט, און מיר דערלויבט אָפּצושטייגן פון דעם אינדיאַנער־לאָדקעלע.

ביים ברעג האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ מאַסע פון עטלעכע הונדערט נידעריקע, נאָר ברייטבייניקע מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, מיט זייערע אייזלען און מאַלפּעס, מיט זייערע ציגן, פּאָפּוגייען, הינט און קעץ. די מענטשן, אַלע מיט שוואַרצע, גלאַטיק־גלאַנציקע האָר ווי פערדישע גריוועס, מיט ברייטע שטערנס און אַרויסגעשטאַרצטע אויבערשטע קינבאַקן. פון דעם העכסטן קאַרי־בער בין איך העכער געווען, כאָטש איך בין פון מיטעלער הייך. דער העכסטער פון די אינדיאַנער אויף די אינדזלען, וואָס איך האָב געזען, איז נישט געווען העכער פון אַ מעטער מיט צוויי און זעכציק צענטימעטער. נאָך קלענער, כמעט דראָבנע, זענען די ברייט־ביינעקע פרויען, ווי עכטע יאַפּאַנעזערינס, מיט זייער ווקס, גע־שטאַלט און קאָליר. אַלע מיט אַנטוויקלטע בריסטן, יום־טובדיק אָנגעטוענע, טייל מיט די נאַקעטע בריסטן אינדרויסן, באַהאַנגען מיט פיל־קאָלירטע קרעלן פון פאַרשידענער גרייס אויף זייערע ברוינע העלדזער. אַנדערע מיט האַלדזבאַנדן באַהאָנגען, מיט ביינער אויסגעגראַווירטע און פון פאַרשידענע פאָרמען, עטלעכע מאָל אַרומגעוויקלט אַרום זייערע קורצע העלדזער. כמעט אַלע פרויען מיט אויס־טערלישע נאָזרינגען, וואָס האָבן זיך געבאַמבלט פון דער נאָז ביזן מויל, ווי ביי די בוהייעס אָדער ווילדע מילך־קי. גרויסע אויערינגען, מעשענע, זילבערנע, גאָל־דענע און קופּערנע בראַסלעטן ביי די הענט־געלענקען, הויך אויף די אָרעמס, אויף די נאַקעטע פיס ביים קנעכל, און אַנדערע, די אויסדערוויילטע, גאָר ברייטע רינגען אויפן גראָבן פלייש פון די פיס, הויך ביי די דיכן.

אַ ווילדער גערויש, אַ טומל און געפילדער איז געשטאַנען צווישן דער באַגייס־טערטער מחנה, וואָס איז פלוצלינג שטיל געוואָרן. אַרויסגעטראָטן איז אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק מיט בלויז אַ געבלימט פאַרטעכל פון פאָרנט און אויך אַזאַ פון הינטן, אַ פערציק אָדער פופציק צענטימעטער די לענג. דער קערפּער טונקל־ברוין און די האָר פון קאָפּ שוין ווייס, באַצירט מיט אַלערליי פּאַטשערקעס אויפן האַלדז ווי די פרויען, מיט גרויסע אויערינגען און אַ דיאַדעמע פון גאָלד צי פון מעש האָט אים צוגעהאַלטן זיינע ווייסע לאַנגע האָר אויפן שטערן. ער איז אַרויף אויף אַן אימפּראָוויזירטער טריבונע און מיט אַ גרילצנדיקער שטימע, מיט אַ ניגון פון אקדמות, גערעדט צום עולם אין זיין אַנטיליען־שפּראַך.

געווען איז ער דער סאַאַגילאַ איבער אַלע סאַאַגילאַס פון זיין ציוויליזירטן שבט, אַ גרויסער פריסטער, אַלצווייסער און כשוף־מאַכער. ווען זיין בליק איז געפאַלן אין מיין זייט, האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעגרילצט מיט זיין ניגון, און ווען ער האָט פאַרענדיקט רעדן און מאַכן מיט זיינע טרוקענע פרינגעוואַטע הענט, האָט די מאַסע, אַ באַגייסטערטע געכאַפּט אויף די הענט זייערע עלף סאַאַ־

אַ סאַנבלאַסער אינדיאַנער מיידעלע, די טאָכטער פון נעלע קאַנטוקי מיט אַ נאָז־רינג ביז צו די ליפּן, האַלט אַ מאַלפּעלע אין די הענט.

גילאַס־דעלעגאַטן, וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד צו פאָרן מיט זיי אינעם שיפל, און מיט געשרייען און קוויטשערייען, ווי בגילופנדיקע חסידים אום שמחת־תורה, געטאַנצט מיט זיי.

אָפּגעטאַנצט, האָבן די סאַאַגילאַס־דעלעגאַטן מיך צוגעפירט צום הויפּט־סאַאַ־גילאַ און מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים, און ער ווידער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן באַגייסטערטן עולם. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער נעמט מיך אונטער זיין שוץ און איך בין אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר געווען. אינעם ענטוזיאַזם פון די קאַריבער האָב איך געפילט טויזנטפאַכיק שטאַרקער יענעם פאַנאַטישן האַס צום פרעמדן, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון מאַקראַ־האַראַ בעת מיין ערשטער באַקאַנט־שאַפט מיט אים, און עס האָט מיך ממש געגרווילט.

די „שטאָט" סאַן בלאַס איז גיכער אַ מיטלאַלטערלעכער דאָרף. אַביסעלע אַרויס פונעם צענטער זענען די „הייזער" כמעט אַלע פון פאַלמען־בלעטער, פון באַנאַנע־בלעטער, פון שטעקלעך אָדער לאַנגען ווילדן שאַרף־גראָז, באַקלעפּט

מיט בלאָטע, אָדער פון בלויזע שטעקלעך און צווייגלעך, די ווענט און דער דאַך באַדעקט מיט די זייער ברייטע און לאַנגע באַנאַנע־בלעטער. די נאָך אָרעמערע כאַטעס זעען אויס ווי לעכערדיקע ציגן־שטאַלן. די רייכערע אינדיאַנער האָבן שוין „פיינע" הייזער, געדיכט געפלאָכטענע פון שטעקלעך, שטרוי און פּאַלמען־בלעטער; אַנדערע זענען געטינקעוועט מיט בלאָטע, האָבן פירקאַנטיקע פענצטער־לעכער און טירן אָן שויבן, נאָר מיט געפלאָכטענע שאַטקעס קעגן מאָסקיטן, וואָס קוקן אין הויף אַריין. אַלע די הייזער זענען זייער נידעריק געבויט, מיט בלינדע ווענט צו דער גאַס און זייערע טירן און פענצטער, וואָס אַלע גייען זיי אין הויף אַריין, האָבן נישט קיין שויבן.

נאָך שענערע הייזער געפינען זיך אינעם „אַריסטאָקראַטישן" און האַנדלס־צענטער פון דער שטאָט. זיי זענען געמויערט פון שטיין, פון נישט־געברענטע בלאָטע־ציגל אָדער פון האָלץ געמאַכט, נאָר די דעכער זענען אַלע געפלאָכטענע פון שטרוי אָדער פון פּאַלמען־בלעטער, מיט צוויי אָפּלויפן אַזוי ווי אייראָפּעאישע הייזקעס. טאָמער זעט איר אַ מאָדערן־געבויט הויז פון געברענטע ציגל, צי פון געטעסעטע שטיינער, קאָנט איר זיכער זיין, אַז דאָרט וווינט אַן אויסלענדישער סוחר, אַ לאַטיפונדיסט, אַ באַאַמטער פון אַ יענקישער געזעלשאַפט אָדער אַ הויכער באַאַמטער פון דער פּאַנאַמער רעפּובליק.

דער קלימאַט איז פאַרן אייראָפּעער ביז גאָר אומדערטרעגלעך. עס שטייט דאָ אַ פייכטע היץ ווי אַרום דעם אַמאַזאָנאַס־טראָפּיק. אויף די אַנדערע אינדזלען איז דער קלימאַט נאָך אומגעזינטער ווי אויף על פּאָרווענירס. דאָס זענען, אגב, די פּרוכטבאַרסטע טראָפּישע אינדזלען פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דאָ וואַקסן די בעסטע קאָקאָסן, ריזיקע באַנאַנעס, קאַקאַאָ, קאַווע, אַלערליי ניס, מאַנד־לען, זאַפּערן און גאָר אַ פיינער טאַבאַק, צוקער־רער און רייז, איינער פון די בעס־טע סאָרטן, טרויבן און אַנדערע פּרוכטן און גרינסן, צווישן זיי די האַרבסטע פעפערלעך.

אויף אָט דער גאָט־געבענטשטער ערד נויטיקט מען זיך נישט אין די מאָ־דערנע סיסטעמען צו באַאַרבעטן די ערד, און דאָ אַקערט מען נישט, מען זייט נישט און מען פלאַנצט נישט. די נאַטור אַליין זאָרגט זיך שוין, עס זאָל אַלץ וואַקסן. די אַרבעט באַשטייט אין רייסן די פּרוכט און אויסקאָרטשעווען די ביימלעך און פלאַנצן, וואָס שטערן די בעסערע צו געבן פּרוכט.

קיין שטוביקע בהמות זעט מען כמעט נישט אויף די אינדזלען: צו וואָס אַ פערד, אַן אייזל, אַן אָקס, אַז דער מענטש, דער אָרעמער טעראָריזירטער אינ־דיאַנער, קאָסט אַ סך ביליקער און אַרבעט נישט ערגער... שטוביקע עופות, פון הינער ביז אינדיקעס, זענען פאַראַן כמעט ביי יעדן פּאַרמעגלעכן אינדיאַנער. דער־פאַר זענען אין די געדיכטענישן פון די וועלדער און צווישן די הויכע גראָזן

פאַראַן אַ סך ווילדע חיות און פייגל. פאַראַן, ווילדע קעץ פון אַלערליי גרייס און קאָלירן, קליינע שוואַרצע בערן, מוראַשקע־בערן, און מאַלפּעס מכל המינים, גיפטיקע שלאַנגען, ווערג־שלאַנגען, עקדישן און געפּערלעכע שפּינען, יאַשטשער־קעס און ריזיקע קאַימאַנען, וואָס ליגן אָפּטמאָל ביי די ברעגן פון די טייכן און אָזערעס, מיט זייערע לאַנגע שוואַרצע און אָפענע פּיסקעס, וואָס באַווייזן זייערע שורות געדיכטע שפּיציקע און שאַרפע ציין, ווי שטאָלענע האַטשיקעס צו כאַפּן

אַ נאָבעלע אינדיאַנערין־שיינקייט פון די העכסטע אַריסטאָקראַטישע קרייזן פון די סאַנבלאַסער אינדזלען.

פיש. די פייגל דאָ זענען אויסגעפּוצט אין די רייכסטע און עקזאָטישסטע קאָלירן, און אָן אַ צאָל שמעטערלינגען, פאַרביקע, גרויסע, טייל מיט גרעסערע פליגלען ווי ביי אַ שוואַלב. קומט מען אַרויס אויסער דער שטאָט, דאַכט זיך אָפט, אַז מען געפינט זיך נישט אַזוי אין אַ מענטשלעכן ישוב, ווי אין אַ ריזיקן זאָאָלאָגישן גאָרטן...

— צוליב וואָס האָט איר געמאַכט דעם אויפשטאַנד? — האָב איך זיי געשטעלט די פראַגע שוין צום דריטן מאָל, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיר נישט געענטפערט אויף איר זייענדיק אין פאַנאַמאַ. און דאָס מאָל ביי זיך אינדערהיים, האָבן זיי מיר אויפגעקלערט:

— ביז פאַנאַמאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון קאָלאָמביע, האָבן די אינדזלען זיך גערעכנט פאַר אַ טייל פון קאָלאָמביע. מיר אָבער ווילן נישט זיין, נישט אונטער קאָלאָמביע און נישט אונטער פאַנאַמאַ...

נאָר פאַרשטאַנען האָב איך פון דעם ענטפער, אַז מיט זייערע אייגענע כוחות וואָלטן זיך די אינדיאַנער נישט אָפּגעריסן פון קאָלאָמביע, און אויך נישט פון פּאַנאַמאַ, און אַז פאַר די יענקישע געשעפטן לוינט זיך בעסער צו האָבן אָט די באַזע פאַר זייער ים־פלאָט און לופט־פלאָט אומזיסט און גילטן דערביי אַלס באַ־פרייער, איידער זי צו קויפן פאַר מיליאָנען דאָלאַרס ביי דער אָדער יענער „סאוט"־אַמעריקאַנער רעגירונג.

גאַנץ דייטלעך האָט עס מיר געגעבן צו פאַרשטיין דער פעך־שוואַרצער יענ־קישער מאַטראָז פון דער פּאַנצער־שיף, וועלכע האָט באַוואַכט די מחנה אינדיאַנער און האָט אויסגעזען ווי אַ באַוואָפנטער פון קאָפּ ביז די פיס גלית הפלישתי, זיי זאָלן חלילה נישט אַריבער די גרענעצן פון זייער פרייהייט:

— איר זעט, אָט די ווילדע צווייפיסיקע מאַסע? אויך פאַר זיי האָט מיין דעמאָקראַטיש פאָטערלאַנד געגאָד און פאַרשטענדעניש. יעדעס פאָלק פון דער גאָרער וועלט, וואָס האָט נאָר געשעפטלעכע באַציאונגען מיט מיין רעגירונג און וויל פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און ווענדן די אויגן צו אונדזער באַשטערנטער פאָן... אַזוי האָט געטון יאַמאַיקאַ, דערנאָך די דאָמיניקאַנער רעפּובליק, דערנאָך קובאַ, וואָס איז געווען פאַרשקלאַפט ביי שפּאַניע, דאָס זעלבע די פיליפינער אינדזלען, פּאַנאַמאַ, און איצט די אינדזלען סאַן בלאָס, וואָס זענען אונטערטעניק צו פּאַנאַמאַ... מיין לאַנד, מיין פאָלק זוכט נישט קיין שום דעראָבערונג, קיין שום פרעמדע טעריטאָריעס, קיין שום אימפּע־ריע. מיר ווילן נאָר פרייהייט צו באַוואַכן און באַשיצן אונדזערע סוחרים, זיי זאָלן האַנדלען פריי איבער דער וועלט. די קאָנטראַקטן פון אונדזערע גרויסע מאַגנאַטן פון אויל און פון מינען און קאַוטשוק זאָלן רעספּעקטירט ווערן, און אויך אונדזער דיוויזיע, האָט איר פאַרשטאַנען?

— אָט זעט איר, סער, שטייט אונדזער קריג־שיף. מיט איינאיינציקן זאַלפּ וואָלטן מיר געקאָנט איינעמען גאַנץ פּאַנאַמאַ און מיט איינאיינציקן שאָס פון אַ דריי הונדערט און פופציקדיקן קאַנאָן וואָלטן מיר איינגענומען די אַלע אינדזלען, אָבער מיר טוען עס נישט, ווייל נ׳ אַמעריקע — באַטאָנט ער מיט דעם ספּעציפישן טאָן, וואָס איז מיר אַזוי באַקאָנט פון די „ספּיטשן" וואָס נ׳ אַמעריקאַנער יידישע טעאַטער־סטאַרן האַלטן נאָך די פאָרשטעלונגען, ווען זיי קומען אונדז מזכה־זיין מיט זייער קונסט, — נ׳ אַמעריקע איז תמיד קעגן מלחמה... מיר נעמען איין די וועלט מיט אונדזער דאָלאַר... לעבן זאָל דער דאָלאַר!...

די באַרימערייַ פון דעם שוואַרצן יענקי איז געווען אַזוי פרעך, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, איך הער אין איר אַ געוויסן טאָן פון איראָניע, און איך האָב אויף דעם סמך אים געענטפערט:

— יאָ, מלחמה איז די גרעסטע זינד, וואָס שטאַרקע מלוכות באַגייען קעגן זייערע שוואַכערע שכנים, נאָר אויב אַלע ב׳ אַמעריקאַנער בירגער דענקען אַזוי ווי איר, טאָ פאַרוואָס דערלאָזן זיי, אַז אין אַזאַ פריי, קולטורעל און דעמאָקראַטיש לאַנד זאָל מען לינטשן, הענגען און ברענען און צערייסן אויף שטיקער לעבעדיקערהייט די שוואַרצע מענטשן בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען שוואַרץ?... פאַרוואָס לאָזט מען דאָרט ווילדעווען די קו־קלוקס־קלען קעגן יידן, שוואַרצע און קאַטאָליקן?... יאָ, — האָב איך ווייטער גענומען אַ העכערן טאָן — זאָל לעבן דאָס פאָטערלאַנד פון אברהם לינקאָלן!... און דערפאַר טאַקע ווינטש איך, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן זאָלן זיכערן די פרייהייט נישט נאָר אין פרעמדע לענדער, נאָר פריער פון אַלעמען ביי זיך, נישט נאָר פאַר די מאַגנאַטן, נאָר פאַר יעדן אָן אונטערשיד פון רעליגיע און ראַסע...

— יעס, סער, אַזוי פאַרהאָף איך וועט מיט גאָטס הילף אוודאי זיין! — האָט ער מיר געענטפערט אויף מיין רעדע. — אָבער, אָהאָ, ווי איר האָט זיך עס צעדרשנט! אַזוי רעדן ביי אונדז די גענגסטער! אַזאַ רעדע האָט ביי אונדז געהאַלטן אַ רוס, האָט מען אים תיכף אַרויסגעשיקט פון לאַנד ווי אַ געפערלעכן באָלשעוויק... געדענקט זשע, סער, איך בין אַן אמתער דעמאָקראַט און איך אַרעסטיר אייך נישט, וואָרום איר האָט גערעדט גוטע רייד וועגן מיינע ברידער, די שוואַרצע. אָבער צו אַ צווייטן זאָלט איר אַזוי נישט רעדן, ווייל אַ צווייטער קאָן אייך אויפן אָרט אַרעסטירן, אָדער דערשיסן פאַר אַזוינע רייד. פאַרגעסט נישט, אַז דאָ הערשט היינט קריגס־צושטאַנד און קוילן זענען פאַראַן גענוג...

צווישן מיינע גאַסטגעבער האָב איך אויפגענומען אַביסל דאַטן וועגן דער געשיכטע און וועגן דעם לעבן פון די אינדזלען־איינוווינער. לויט אָט די דאַטן האָבן זיי צו יענער צייט געציילט אַן ערך 34 טויזנט נפשות, צווישן ציוויליזירטע, האַלב־ציוויליזירטע און נאָך ווילדע אינדיאַנער שבטים. ווי דער הייליקער סאַאַגילאַ גואַ־גואַ־אָנאָ האָט מיר געזאָגט, שטאַמען זיי פון יאַפאַן, און זענען אַהער געקומען מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק, ווען דאָרט, אין דעם לאַנד פון דער „אויפגייענדיקער זון״, האָט די ערד געהאַלטן אין איין ציטערן, ווולקאַנען האָבן אָפט אויסגעבראָכן, טייפונען און ים־שטורעמס פלעגן גאַנצע ישובים פאַרטרענקען, און אויך דערפאַר, וואָס כינעזישע און מאַלאַקישע פיראַטן פלעגן זיי אכזריותדיק רודפן און פאַרשווענקען זייערע היימען מיט בלוט און מיט פייער...

— אויף טראַטוועס און אויף די פאַרצייטיקע זעגל־שיפן, אָן אַ קאָמפּאַס, — האָט דער סאַאַגילאַ דערציילט, — האָט מען זיך געראַטעוועט ווער עס האָט נאָר געקאָנט, זיך אַוועקלאָזנדיק איבערן ים, אַנגעפירט פון דעם גאָט, וואָס זיין פנים גיט לעבן און ליכטיקייט בייטאָג איבער אונדזער וועלט און אַלע אַנדערע וועלטן...

ביינאַכט האָבן זיי זיך געלאָזט פירן פון דער נאַכט־קעניגן די לבנה און לויט דעם מילכוועג, וואָס איז פול מיט אירע קינדער, די שטערן...

— חדשים און יאָרן האָט געדויערט זייער פיינלעכע נסיעה. אַ סך, גאָר אַ סך פון די וואַנדערער זענען אויסגעשטאָרבן אויף די אומבאַקאַנטע ימים, פון הונגער און דורשט און פון אַלערליי ים־חולאתן, ביז זיי זענען אין אַ קליינער צאָל אַריינגעשוווממען אין דער רחבותדיקער בוכטע, וואָס הייסט פּאַנאַמער ים־אויסגוס און זענען אָפּגעשטיגן אויף די פּערל־אינדזלען. שפּעטער זענען זיי געקומען אויף דעם „פעסטן באָדן", וואָס הייסט היינט פּאַנאַמאַ. דאָרט האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט צווישן די געדיכטע אורוועלדער, פולע מיט אַלערליי פרוכטן און גראָזן, פעטע חיות און פיש און פייגל גאָר אָן אַ שיעור; אַ לאַנד מיט וואַלד און באַרג, מיט טייכן און אָזערעס, וואָס האָט זיי געמאַכט דענקען, אַז זיי געפינען זיך אין דעם גן־עדן, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט זייערע הייליקע אבות...

— דאָ אָבער, אויף דעם שמאָלן פּאַס פּאַנאַמער ערד האָבן די וואַנדערער נישט געהאַט קיין מנוחה. עס האָבן זיי שרעקלעך פּאַרפּאָלגט די בייזע פּאַפּאַראָס און דאַריענעס, אינדיאַנער שבטים וואָס זענען נאָך פריער פאַר זיי געקומען אַהער און זענען געווען אין אַ גרעסערער צאָל. זיי האָבן די נייע איינוואַנדערער נישט נאָר געשלאָגן, נאָר אויך לעבעדיקערהייט געבראָטן און געפרעסן, ווייל צווישן די ווילדע פּאַפּאַראָס, דאַריענעס און זוקעס, זענען געווען אַ סך מענטשן־פרעסער. דאָ זענען אויך אַ סך פון מיינע אבות אויסגעשטאָרבן פון אַלערליי קראַנקהייטן צוליב די גיפטיקע קאָמאַרעס, פליגן און אַנדערע מזיקים. אין יענער טרויעריקער צייט האָט אויך דער בייזער ווולקאַן טשיריקע, ווו עס געפינט זיך דער אמתער גיהנום, עטלעכע מאָל געעפנט זיין מויל און געשפּיגן פייער און לאַווע און געזייט טויט און חורבן איבערן גאַנצער שטח ווייט אַרום...

— ערשט דעמאָלט, ווען מיר האָבן דערזען, אַז עס איז נישטאָ קיין צוקונפט אין דעם פרוכטבאַרן אורוואַלד, האָבן אונדזערע עלטערן צונויפגענומען זייער ביסל אַרעמקייט, זייערע פרויען און קינדער, און אינעם דאַריען־אויסגוס האָבן זיי זיך ווידער געלאָזט אויף די שוימיקע רוקנס פון די בייזע קאַריבער ים־כוואַליעס, ביז זיי זענען געקומען צו אָט די צעוואָרפענע אינדזלען, צום גליק, נאָך נישט באַוווינטע פון אַנדערע מענטשן...

— דאָ אויף די אינדזלען, וואָס די ווייסע האָבן אַ נאָמען געגעבן על פאַר־וועניר, האָבן אונדזערע עלטערן זיך באַזעצט שוין אויף שטענדיק און זענען נישט געשטערט געוואָרן, ביז דער טראַגישער צייט, ווען דער דעראָבערער וואַסקאָ נוניעז דע באַלבאָאַ האָט זיי אין יאָר 1513 אַנטדעקט. פון יענער טראַגישער צייט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ פריש מאַרטירערטום, און פון דעמאָלט

שטאַמט אויך אונדזער האָס און צאָרן צו דער ווייסער ווי צו דער שוואַרצער ראַסע...

איך האָב מיך איינגעקוקט אין די מענטשן פון דער עקזאָטישער ראַסע, וואָס וווינט אויף די אינדזלען על פּאַרוועניר, און מיר האָט זיך באמת געדאַכט, אַז איך זע פאַר מיר פּרימיטיווע יאַפּאַנער, לויט דער פיגור פון דעם יאַפּאַנישן גאָט, וואָס איך האָב אַמאָל געזען אין אַ צייטונג. מיר האָט זיך דאָס גענומען דאַכטן נישט נאָר איינקוקנדיק זיך אין זייער פיזישן געבוי, נאָר אויך הערנדיק דער־ציילן זייערע לעגענדעס און זייערע גלויבונגען, וואָס דערמאָנען די יאַפּאַנישע. מען האָט אפילו נישט געהערט, אַז די שטאַרק־געוואָרענע יאַפּאַנישע מלוכה, וואָס זוכט עקספּאַנסיע, איבערהויפּט אין אַמעריקע, זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט אָט די אינדיאַנער, וואָס גרויסן זיך מיט זייער אַלטן יאַפּאַנישן יחוס! די אינדיאַנער פון על פּאַרוועניר אָבער רעדן דערפון מיט שטאָלץ און באַרימען זיך, אַז די יאַפּאַנער זענען געווען די ערשטע אַנטדעקער פון דער אַמעריקאַנער ערד...

איך האָב מיך איינגעשטעלט פאַר דער נייסטער געשיכטע וועגן דער אַנט־דעקונג פון אַמעריקע, און האָב אים דערציילט וועגן נאָרוועגישן פּיראַט גאַרדער, וואָס איז אין יאָר 861 דורך אַ שטורעמווינט פאַרוואָרפן געוואָרן מיט זיין שיף צום ברעג פון איסלאַנד, און ער האָט דעם אינדזל אַנגערופן סנאַולאַנד (שניי־לאַנד).

אין דריי יאָר אַרום האָט אַ שטורעמווינט פאַרוואָרפן צום ברעג פון איסלאַנד דעם שוועד נאַדאַר, וואָס האָט אויסגעפאָרשט דעם ברעג פון גאַנץ איסלאַנד און דערנאָך איבערגעווינטערט אין אַן אָרט, וואָס הייסט נאָך היינט בוסאַוויק (בוכטע פון הויז). אין פרילינג האָבן צוויי פון זיינע שקלאַפן, אַ מאַן און אַ פרוי, אים פאַרלאָזט און זיך איינגעאָרדנט אויף אַ פּלאַץ, וואָס הייסט היינט נאַטאַ פאַראָוויק.

איך האָב אים דערציילט, אַז אין יאָר 877 האָט אַן איסלענדער מיטן נאָמען גומביאָרן זיך אָוועקגעלאָזט מיט אַ זעגל־שיף איבערן צפון־אַטלאַנטיק אין דער ריכטונג צו מערב, און דער ווינט האָט זיין שיף פאַרטריבן צום מזרח־ברעג פון אַ באַרגיקן ברעג. דאָס אומבאַקאַנטע באַרגיקע לאַנד, וואָס גומביאָרן האָט אַנט־דעקט, האָט עריק דער רויטער, דער נאָרוועגישער ים־פאָרשער, סוף צענטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, אויסגעפונען דאָס גרויסע און קאַלטע אינדזל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן גרענלאַנד. וועגן עריק דעם רויטנס זון לעיף, וועלכער האָט פּונקט אין יאָר טויזנט געגרינדעט אַ קאָלאָניע אויף דעם האַלב אינדזל, וואָס היינט רופט מען עס על לאַבראַדאָר, און געהערט צו קאַנאַדע, און ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן וויינלאַנד, ווייל ער האָט דאָרט געטראָפן אַ סך ווילדע וויינשטאָקן... איך האָב אים אויך דערציילט וועגן דעם

פאַרשער טאָרפין קאַרלסעפני, וועלכער איז שפּעטער געקומען אין דעם וויינלאַנד מיט דריי זעגל־שיפן און געבראַכט מיט זיך 160 מענטשן און בהמות און עופות, דאָס צו קאָלאָניזירן. וועגן דעם, ווי אַזוי די רויטהאָריקע אינדיאַנער האָבן געפירט קעגן זיי מלחמה, ביז טאָרפין קאַרלסעפני האָט רעזיגנירט פון זיין אונטערנעמונג, און ווי אַזוי די נאָרמאַנדן, געוואַגטע ים־רייזנדע, האָבן געמאַכט אַהין אָפטע רייזעס... ווי אַזוי מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן יענע ערשטע אַנטדעקער, און ערשט מיט פינף הונדערט יאָר שפּעטער, האָט די דאָזיקע יבשה אַנטדעקט, אויך צופעליק דער ים־רייזנדער קאָלומבוס...

— און פון דעמאָלט אָן, — האָט אונטערגעכאַפּט דער הייליקער סאַאַגילאַ, און די געלע אויגן האָבן אים געברענט מיט שנאה — איז אָט די הייליקע ערד פול געוואָרן מיט ווייסע און שוואַרצע טייוואָלים... געקומען זענען זיי, די ווייסע, און אַריינגעפירט צו דער אַרבעט די שוואַרצע מענטשן, וואָס זיי האָבן געפאַנגען אין אַפריקע, און זיי פאַרקויפט פאַר שקלאַפן, פריער אין בראַזיל, ב׳ אַמעריקע, אין די אַרומיקע לענדער, אין יאַמאַיקאַ, האַיטי, קוראַסאַאָ, סאַנטאָ דאָמינגאָ, קובאַ און פאַראַמאַריבאָ, און דערנאָך פאַרפלייצט מיט אָט די שוואַרצע גאָרילאָס אויך די סאַן בלאַסער אינדזלען... און די שוואַרצע מאַלפּעס, געוועזענע שקלאַפן, וואָס ווערן געלינטשט פאַרן מינדסטן חטא, האַלטן זיך פאַר די ציוויליזירטסטע און קולטורעלסטע מענטשן, רעדן ענגליש און פראַנצויזיש און אויף אונדז קוקן זיי פון אויבן־אַראָפּ...

דער אמת איז, אַז די נעגערס, וואָס נ. אַמעריקע האָט אַריינגעפירט אין דער קאַנאַל־זאָנע, זענען געווען די, וואָס האָבן געטריקנט די פאַרפעסטעטע זומפּן און די פאַרעפּושטע אָזערעס און געגראָבן דעם קאַנאַל, ווייל נאָר די עכטע שוואַרצע האָבן געקאָנט איבערטראָגן די טויטלעכע נאַטור פון דער געגנט אין יענער צייט. עס איז אָבער אויך אמת, אַז פון די שוואַרצע האָבן די ציוויליזירטע מאַכטהאָבער גענומען עלעמענטן פאַר פּאָליצייאישער וואַך צו האַלטן דיסציפּלין און אָרדענונג צווישן די אינדיאַנער אויף די קאַריבער אינדזלען. און עס איז שוין באַקאַנט, ווי עס באַגייט זיך אַ שקלאַף מיט זיינע אייגענע ברידער, ווען מען שטעלט אים אַוועק אַלס וועכטער איבער זיי. און אָט די פאַרשוינען, אַז זיי האָבן באַקומען אַ פרייע האַנט, האָבן ממש טעראָריזירט די אינדיאַנער און זיך באַגאַנגען ווי וואַנדאַלן מיט די יונגע אינדיאַנער מיידלעך...

און דערויף האָט זיך ביטער באַקלאָגט דער הייליקער סאאגילא און געקריצט מיט די ציין אויף די שוואַרצע...

— איך פאַרשטיי נישט, הייליקער סאאגילא — האָב איך געזאָגט — איר זענט אַ מענטש פון אַ הויכער מאָראַל און איר שיט אַזוי פעך און שוועבל אויף

די נעגערס. צי מיינט איר נישט, אַז אייער באַציאונג צו די שוואַרצע איז ווי די באַציאונג פון די ווייסע צו די אינדיאַנער? די ווייסע האָבן געקוילעט ביי אייך קינד און קייט בלויז דערפאַר, וואָס די אינדיאַנער מענטשן זענען נישט געווען אַזעלכע ווי זיי מיט זייער דערציאונג, רעליגיע און קאָליר, און פונקט ווי פרומע קריסטן פריידיקן גוטסקייט, רחמנות און גערעכטיקייט, און אין דער זעלבער צייט הרגענען זיי יידישע קינדער בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען יידן, ווייל די יידן האָבן נישט קיין קריגס־שיפן קאַנאָנען און גיפטיקע גאַזן...

— יאָ, סער, איר זענט גערעכט, אָבער איין פעלער באַגייט איר, וואָס איר פאַרגלייכט מיך און מיין פאָלק צו די שלעכטע קריסטן. עס איז אַ גרויס פאַר־ברעכן פאַר גאָט צו הרגענען און שענדן און באַרויבן מענטשן בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען פון אַן אַנדער קאָליר און האָבן אַן אַנדער גלויבן, און איך זעלבסט האָס נישט די שוואַרצע, ווייל זיי זענען שוואַרץ, נאָר איך און מיין פאָלק האָסן די שוואַרצע, ווייל זיי האָבן אונדז אַ סך שלעכטס געטון...

— האָבן דען אַלע שוואַרצע אייך שלעכטס געטון? — האָב איך אים גע־פרעגט, און האָב אים געגומען דערציילן וועגן דער גרויסער זינד, וואָס מענטשן באַגייען, ווען זיי באַליידיקן און באַשטראָפן אַ גאַנץ פאָלק צוליב די זינד פון איין מענטש, אַזוי ווי מען טוט דאָס מיט יידן...

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער הייליקער סאאגילא ווייסט נישט פון קיין יידן און האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזעלכע באַשעפענישן, און ווייסט נאָר פון זיין אייגן פאָלק, פון די שוואַרצע און ווייסע פאַנאַמער, וואָס האָבן זיין פאָלק אָנגעטון גרויסע צרות, און ער האָסט זיי דערפאַר, און איז דאַנקבאַר די נאָרד אַמעריקאַנער, וואָס זענען צו זיי געקומען מיט אַ מעכטיקער פאַנצער־שיף זיי צו „פאַרטיידיקן" קעגן די שוואַרצע און ווייסע פאַנאַמער פאָליציי און באַ־אַמטע...

— ווי זאָלן מיר זיי נישט האָסן? — האָט ער געטענהט — אַז אונדזערע יונגע און צאַרטע מיידלעך האָבן זיי פאַרפייניקט און צעקאַלעטשעט מיט זייערע נאַהייקעס, און טיפע ווונדן געמאַכט אפילו אַלטע מענער, פרויען און קינדער; האָבן אַרויסגעריסן די נאַזרינגען מיט שטיקער נאָז און די אויערינגען מיט שטיקער אויער און שענדלעכע מעשים באַגאַנגען...

— געטון האָבן זיי עס אויס נקמה — האָט זיך אַריינגעמישט מאַקראַ־האַראָ.

— זיי האָבן מסתמא אויך געוואָלט באַקומען אַ צימער מיט גאָלד ווי דער דעראָבערער פיזאַראָ, און אַז די אינקאַס האָבן נישט געוואָלט געבן, האָבן זיינע פרומע לייט אויך געריסן נאָזרינגען און אויערינגען מיט שטיקער פלייש...

און ווייטער דערציילט דער הייליקער סאַאגילאַ:

— די סאַן בלאַסער פּרויען טראָגן אַזעלכע ספּעציעלע טולן אויף די קעפּ און דורכזיכטיקע טוניקעס אויף די לייבער, האָט די שוואַרצע פּאָליציי געהייסן זיי פּאַרבייטן אויף ציוויליזירטע וואַרעמע קליידער, ווייל דאָס איז נישט מאָראַליש, און אַז אַן אינדיאַנישע פרוי האָט נישט געוואָלט אויספילן דעם באַפעל, האָבן די שוואַרצע מיט געוואַלד עס אַראָפּגעריסן פון זיי... דאָס איז „מאָראַליש"!... און נאָך שפּעטער: זיי האָבן די טוניקעס אַוועקגעשאַנקען זייערע ווייבער און טעכטער, זייערע שוועסטער און געליבטע...

— אייערע ווייסע רופן דאָס אָן: עטיק...

צווישן די אינדיאַנער פון על פּאָרוועניר, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען נאָך בפועל ממש ווילדע, איז פאַראַן אַ היפּשער פּראָצענט אינטעליגענטע מענטשן, און אפילו דיפּלאָמירטע: דאָקטוירים, אינזשיניערן און אַנדערע פּראָפעסיעס. אַלע פירן זיי אַ ריין פאַמיליען־לעבן, קיין פּראָסטיטוציע, — ווי מען האָט מיר פאַרזיכערט, — איז צווישן זיי נישטאָ. מיט טויט באַשטראָפן זיי אַ פרוי, וואָס דערוועגט זיך צו האָבן אינטימע באַציאונגען מיט אַ פרעמדן מאַן, דאָס הייסט, מיט איינעם וואָס איז נישט פון זייער ראַסע. דערפון קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ האַס עס האָט געברענט אין זייערע הערצער צו די פרעמדע, וואָס האָבן באַרויבט זייערע אָרעמע געצעלטן און געשענדעט זייערע ווייבער און טעכטער...

זיי האָבן מיר דערציילט, אַז צו יענער צייט האָט דער גאָטספּאַרכטיקער אַנקל סעם אַריינגעשיקט אויף די אינדזולען אַ מחנה מיסיאָנערן, זיי זאָלן באַקערן די אינדיאַנער צום קריסטנטום. און אַז די מיסיאָנערן האָבן דערזען די ביטערע ליידן פון די פאַרפאָלגטע און אומוויסנדיקע קאַריבער, האָבן זיי גערעדט צו זיי אויך וועגן פרייהייט און גערעכטיקייט... זאָלן זיי זיך באַפרייען פון פּאַנאַמאַ, אַזוי ווי פּאַנאַמאַ האָט זיך באַפרייט פון קאָלאָמביע, וועלן זיי גלייך באַגליקט ווערן...

— זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט דעם ליכטיקן גן־עדן — האָט געזאָגט דער הייליקער סאַאגילאַ — מיר וועלן זיצן אין זיבעטן הימל לעבן דעם הייליקן פּעטרוס. — און איראָניש האָט ער צוגעגעבן: — אַזוי ווי די רויטהויטיקע, וואָס זענען געווען מיליאָנען, איידער ענגלאַנד האָט פאַרנומען נאָרד אַמעריקע, און היינט איז די גאַנצע צאָל זייערע איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן נישט מער ווי דרייסיק טויזנט.

— פון וואַנען האָט איר די סטאַטיסטיק? — האָב איך אַ פאַראינטריגירטער געפרעגט דעם הייליקן סאַאגילאַ.

— פון וואַנען איך ווייס? איך ווייס פון די ביכער און צייטונגען, וואָס מיין זון ברענגט מיר צוויי מאָל אין חודש. ער איז אונדזער האַנדלס־פּאָרשטייער אין פּאַנאַמאַ, און ער ווייסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און וואָס עס קומט פאָר אויף יענער וועלט...

אין דער צייט פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָט אומגעוואַנדערט אי־בער אָט די אינדזלען דער באַקאַנטער פאָרשער מאַרש, און אויך ער האָט אויסגע־נוצט די געלעגנהייט און האָט געפּריידיקט פרייהייט און ליבע צו די אונטערדריקטע אינדיאַנער מאַסן. מיט באַגייסטערטע רייד האָט ער זיי גערעדט זיך צו באַפרייען פונעם פרעמדן יאָך און הערשן פאַר זיך. נאָר די פאָן פון בלויען הימל און ברי־ליאַנטענעם שטערן, דער סימבאָל פון פרייהייט, גלייכקייט און גערעכטיקייט וועט זיי שיצן פון אַלדאָס בייז און וועט זיי ברענגען בלויז גוטס...

אַ הייליק פייער האָבן די מיסיאָנערן און דער פאָרשער מאַרש אָנגעצונדן אין די הערצער פון די דרייסטערע און אינטעליגענטערע אינדיאַנער. אַלע זייערע דערשטיקטע ווייטיקן, די גייסטיקע ווי די פיזישע, האָבן אויסגעבראָכן ווי פון אַ ווולקאַן. און דאָס וואָס עס האָט געדאַרפט געשען מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז געשען דעם 19טן פעברואַר 1925. יענעם טאָג, ווען דער זייגער האָט געשלאָגן פינף פאַרנאַכט, האָבן די פאַרוואונדעטע אינדיאַנער־הערצער, אונטער די פרייהייטס־רופן פון די פרומע מיסיאָנערן און פון דעם פאַטעטישן מיסטער מאַרש, זיך אויס־געגאָסן מיט אַ באַרטאָלאָמעאומס־נאַכט איבער די קעפּ פון זייערע האַרצלאָזע אינקוויזיטאָרן.

די איבער דריי הונדערט און פינף און זעכציק אינדזלען און אינדזלעך, וואָס טראָגן דעם נאָמען סאַן בלאַס, האָבן באַקומען דעם נאָמען רעפּובליק טולע, אַן אייגענע פאָן האָט שוין געפלאַטערט אויף די הויפּט־הייזער פון די אינדזלען גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה. פונקט אַזוי פיל צייט האָבן געטראָגן זייערע אַמטן אַ פּרעזידענט און מיניסטאָרן, די גובערנאַטאָרס פון די אינדזלען און די דעפּו־טאַטן און סענאַטאָרן, פון פריער אויסגעווײילטע, אַלץ ווי עס פירט זיך אין די סווערענע מלוכות. אָבער עס איז נישט „באַשערט" געווען, זי זאָל זיך לענגער האַלטן, האָבן זיך געקלאָגט די סאַאַגילאַס.

— עס איז נישט באַשערט געווען, מחמת תיכף איז אָנגעקומען די פּאַנצער־שיף „קליוולאַנד" און האָט איבערגענומען די וואַך איבער דער נייער רעפּובליק, און האָט די גאַנצע זעלבסטשטענדיקייט אָפּגעווישט, אַ גליק נאָך, וואָס מען האָט די אַלע אָנפירנדיקע אינדיאַנער נישט אויסגעשאָסן. דער נאָרד אַמעריקאַנער מי־ניסטער, סאָוט, וועלכער איז געקומען מיט דער שיף, האָט פאַררופן צו זיך אַ פאַרטרעטער פון דער פּאַנאַמער רעגירונג און אַ פאַרטרעטער פון די אינדיאַנער. פון פּאַנאַמאַ איז געקומען דער העכסטער ריכטער, פראַנציסקאָ דע לאַ אָסאַ, און

פון על פּאָרוועניר צען סאאגילאס, באַגלייט פון די שענסטע אינדיאַנער מיידלעך, אויסגעפּוצטע אין זייערע יום־טובדיקע קליידער, און ביידע צדדים האָבן אויסגעזאָגט זייערע טענות. דער מיניסטער האָט געראַטן אַראָפּצונעמען די פּאָן, אָפּשאַפֿן דעם פּרעזידענט און אַלץ מיטאַנאַנדער...

— דאַכט זיך, שוין געהאַט געוווּנען אונדזער זאַך — האָט מיט געוויין צו מיר געזאָגט מאַקראָ האראָ — און מיר זענען פאַרראַטן געוואָרן פון אייגענע בירגער. אַזאַ איז אונדזער ביטערער גורל! נישט אַזוי, ברודער מאַרקוס?...

מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראַטשי פּוניטשיטשי פּיניאַקאַקאָ און נעלעט קאַנטוקי

די צוויי סאַאַגילאַס האָבן מיך ממש נישט אָפּגעלאָזט פון אויג אפילו אויף איין רגע. תמיד זענען זייערע אויגן געווען געווענדט צו מיין זייט, און צום סוף, אַזייגער איינס נאָכמיטאָג, זענען זיי צו מיר צוגעגאַנגען מיט נישט דרייסטע טריט, און האָבן מיך געבעטן, כ׳זאָל עפּעס רעדן פאַרן באַגייסטערטן עולם, און מיט אַ תנאי, אַז די רייד זאָלן זיין געווידמעט דעם יענקישן מיניסטער ד״ר סאוט, וועל־כער האָט אין יענעם מאָמענט זיך געפונען אויפן קרייצער „קליוולאַנד“. דער „ספּיטש“ מיינער האָט באַדאַרפט זיין ווי אַ ברוך הבא דעם נאָבעלן מיניסטער, אַלס דאַנק פאַר דער פאַרשפּראָכענער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, וואָס די סאַן בלאַסער האָבן געזאָלט באַקומען, לויט ווי מיסטער מאַרש און די הייליקע מיסיאָ־נערן האָבן זיי עס צוגעזאָגט...

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען, אָבער אויך מיט אַ תנאי, אַז איך וועל קיין וואָרט נישט רעדן קעגן די פּאַנאַמער, ווי אויך נישט קעגן די ב׳ אַמעריקאַ־נער, נישט קיין שלעכטס, אָבער אויך נישט קיין לויב־געזאַנגען, און אַז איך וועל רעדן אין דער שפּאַנישער שפּראַך; און נאָך אַ תנאי האָב איך אויסגענומען: נישט דערמאָנען די „הייליקע פּרינציפּן“, וואָס די מיסיאָנערן האָבן זיי צוגעזאָגט.

און נישט קענענדיק דעם סאַן בלאַסער דיאַלעקט, האָב איך טאַקע גערעדט נאָר שפּאַניש. דאָך איז אַלעמען געפעלן געוואָרן מיין דרשה, — אפשר דערפאַר, וואָס די גרויסע מערהייט פון די אינדיאַנער האָט קיין וואָרט שפּאַניש נישט פאַרשטאַנען, און ביי יעדן הויכן אויסגעשריי מיינעם האָבן אַלע הילכיק געלאַכט און רוישיק אַפּלאָדירט.

נאָר צווישן די צושויער האָבן זיך אויך געפונען איניקע, וואָס האָבן מיך גאָר גוט פאַרשטאַנען... דאָס זענען געווען ווילטעטיקע „קהל־פאַרזאָרגער“, וועל־כע האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, איך זאָל נאָכדעם פאַרפאָלגט ווערן אויף טריט און שריט.

מיינע צוויי נייע פריינט, דער אָפּפּערווייליקער מאַקראָ האַראָ (פּאַרקירצט) און נעלע קאַנטוקי האָבן דערשמעקט, אַז די טאָפּלטע נשמה־פּאַרזאָרגער און ציוויליזאַטאָרס האָבן געוואָרפן אַ נישט־פריינטלעכן בליק אויף מיר. האָבן זיי מיך באַצייטנס גענומען אונטער זייער שוץ און מיך איינגעלאַדן צו נעכטיקן ביי מאַקראָ האַראָ.

מאַקראָ האַראָ פּי־
ראָהאַראָטשי
פונישיטשי
פּיניאָ קאָקאָ

געוווינט האָט דער גוטער סאַאַגילאַ מאַקראָ האַראָ אויף אַ גרעסערן אינדזל (דעם נאָמען פונעם אינדזל בין איך שפּעטער געוווירר געוואָרן) נישט ווייט פונעם אינדזל סאַן בלאַס, אַזוי אַז אַהין צוצוקומען האָבן מיר בלית ברירה ווידער געמוזט מאַכן די רייזע אויף אַ „שיף“.

דער אינדזל על פּאָרוועניר, פונקט ווי אַ סך אַנדערע אינדזלען פון דעם אַרכיפּעלאַג, איז באַדעקט מיט אַ קאָמפּאַקטער ביימער־מאַסע, ממש איין שטיק געדיכטעניש, איבערהויפּט טייטלביימער און אַנדערע טראָפּיקאַלע פרוכטביימער.

די טרייע און אָפּפּערווייליקע אינדיאַנער האָבן מיך אַוועקגעפירט אין דער געדיכטעניש, אַ דריי קילאָמעטער ווייט פונעם אָרט, וווּ איך בין תחילת געשטאַ־

נען, ווו עס איז שוין געשטאַנען גרייט ביים ברעג אַ טשאָלנע*) פון געפלאָכטענע אַלגאַ־פלאַנצן. איך מיט די צוויי סאַאַגילאַס זענען אַריין אין דער טשאָלנע, באַגלייט פון אַכט קאַריבער, וועלכע האָבן געטריבן דאָס לאָדקעלע מיט לאַנגע דינע וויאָסלעס פון באָקסנהאָלץ.

אין דער אומענדלעכקייט פון דער מערב־זייט איז דער הימל געווען ווי אָנגעפילט מיט אַ ראָזן נעפל. די אונטערגייענדיקע זון האָט דורך דער אומענדלעכער מענגע וואַסער־מאַסע געשיינט מיט איר גאַנצער שקיעה־פראַכט, באַגיסנדיק אַלץ אַרום מיט גינגאָלד און פורפור־שטראַלן מילד און צאַרט, און ווי מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט האָט זי דערלויבט צו קוקן אין איר שיינענדיקן פנים און געלאָזן זיך באָדן אין איר שקיעה־ליכט. די זונשטראַלן, דורכרייסנדיק זיך דורך דער פייכטער אַטמאָספער, האָבן געבילדעט צוויי רעגנבויגנס, וואָס דער ים, וועלכער איז דאַן רואיק געווען ווי ער וואָלט געשלאָפן אין אַן אָוונט־דרימל, האָט אָפּגעשפּיגלט אין די אומענדלעכקייטן פון זיינע תהומען, שאַפנדיק ביי מיר דעם איינדרוק, נישט אַז איך שיף מיך אין אַ שוואַך לאָדקעלע, אויף די כמעט תמיד ברויזנדיקע אַנטיליען־כוואַליעס, פול מיט הייפיש און אַנדערע מעכטיקע מזיקים, נאָר אַז איך שוועב ערגעץ הויך אין די רוימען צווישן רעגנבויגנס...

דאָס לאַנגע און שמאָלינקע לאָדקעלע האָט זיך געגליטשט איבער דעם באַגילדעטן ים מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, פיל שנעלער פונעם אַלקאָר־נאַקענעם מאָטאָר־שיפל, וואָס האָט מיך געבראַכט פון פּאַנאַמאַ צו די רעבעלירטע אינדזלען.

די פיצלעך קאַריבער, צווישן וועלכע עס זענען געווען צוויי וועסלערס פון אַ מעטער מיט צוואַנציק די הויך, מיט פעך־שוואַרצע גלאַנציקע האָר און נאַקעטע קערפּערס ביזן גאַרטל, און פון גאַרטל ביז אַראָפּ אַ לייב פון צייטיקן קאַשטאַן־קאָליר, האָבן ביי יעדן באַוועג טון מיט דער וועסלע אַרויסגעוויזן פלייס, אויסדויער און גבורה.

**
*

אַ דזשאָנגל, אַ קאָמפּאַקטער, איז דעם סאַאַגילאַס מלוכה, הויך עטלעכע מעטער איבערן ים־פלאַך, און באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואַלד פון טויזנטערליי מיניםביימער פון קדמונים אָן, ווילדע און פרוכטביימער, אפשר טויזנטער יאָרן אַלטע, אייניקע גראָב־בייכיקע, זקנים, באַדעקטע מיט אייביקן צוויט, אַרומגעוויקלט מיט קלעטער־בלומען און פּאַראַזיטן־פלאַנצן מכל המינים, וואָס דער טראָפּיק גיט אַרויס. די גאַנצע פּעריפעריע דאָרט אַרום איז פערפומירט מיט אַ כשופדיקן

---

*) אַזאַ מין לאָדקע.

אַראָמאַט, אַלץ שמעקט, אַלץ איז דופטיק. די ריחות פונעם דזשונגל, אויסגעמישט מיטן כאַראַקטעריסטישן ים־דופט, מיט ריחות פון לעבעדיקע פיש, מושלען, ראַקעס און ים־אָלגאַן, ווירקט אויפן נישט־צוגעוווינטן ווי גוטער וויין, און אַ פאַרלאַנג צו שלאָפן ווי נח נאָכן מבול איז זייער גרויס.

רוישיק און קאָכעדיק־הייס איז דער סודותפולער אינדזל, וואָס איז פול מיט אַקטיוון און ראַשיקן לעבן פון ריזיקן פאַרנעם. די זון ברענט ווי אַ העליש פייער, די ים־כוואַליעס רוישן מיט אַ ווילדן געפילדער. די כמאַרעס פליגן און זשוקעס מכל המינים עקבערן דאָס אויער. די זשאַבעס זינגען אויף אַלערליי לשונות און די מיליאָנען פייגל פייפן, זינגען, קרייען און קראַקען אין מער שפּראַכן ווי די אנשי בבל ביים בויען דעם טורעם צום הימל...

אין מיינע וואַנדערונגען מיט סורוהאַלפּאַן איבערן פּערואַנער טראָפּיק פון אוקאיאלי, מאַראַניאָן און לאָרעטאָ־געביטן האָט זי מיך באַקאַנט מיט זייער אַ סך גיפטיקע און נאַרקאָטישע בלומען און פלאַנצן, ביימער און גראָזן. און איר לערע איז מיר אפילו נאָך איר טראַגישן טויט אויך צונוץ געקומען.

אין אַ שפּאַציר, וואָס איך האָב צומאָרגנס אַליין געמאַכט אַ ביסל טיפער אין דער געדיכטעניש, האָב איך דערקענט די שרעקלעכע סאַמיקע לאַגאַניאַסעאַ, פון וועמענס וואָרצלען און בלומען די אינדיאַנער פלעגן אַרויסציען אַזאַ מין שרעקלעכן גיפט, מיט וועלכן זיי פלעגן באַשמירן זייערע פיילן, שפּיזן און שטיינערנע מעסערס; די אַקאָניטאַ, וואָס איז אַ ביימעלע מיט גרויסע סאַמעטענע בלעטער און וווּנדערלעכע בלויע בלומען; די אַדעלפאַ מיט רויטע בלומען, וואָס עמאַציאָנירן ממש מיט זייער שיינקייט און הרגענען מיט זייערע גיפטיקע פרוכטן; אַזאַלעאַ מיט אירע פּראַכטפולע ראָזן, לייקע־בלומען, וואָס האָבן נישט קיין פּערפומען, אָבער דעם שרעקלעכן טויט ברענגען זיי יאָ; ראַנונקולאָ מיט אירע אָרגיניע־בלומען, קאָלקיקאָ, אויך אַ גוואַלדיק־גיפטיקע פלאַנץ, מיט שיינע און צאַרטע ליליען־בלומען. פון דער קאָלקיקאָס וואָרצלען ווערט אַרויסגענומען אַזאַ מעדיצין קעגן הידראָפּעסיע*); בעליאַדאָנאַ, וועמענס פרוכט איז ענלעך צו אַ צערעשע אָדער העלע קאַרש. די געוואַלדיק גיפטיקע בעליאַדאָנאַ האָט אויך אין זיך אַטראָפּין, וואָס פאַרגרעסערט דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, און איז דערפאַר וויכטיק פאַר אויגן־דאָקטוירים.

פון צוויי אַזעלכע בעליאַדאָנאַ־קאַרשן, וועמענס בוים איז געוואַקסן לעבן אַ ווילדן צערעשע־בוים, און די צווייגן מיט די פרוכטן האָבן זיך אויסגעמישט, האָב איך שיעור נישט געמאַכט אַ רייזע אויף יענער וועלט. נאָר אַ דאַנק בעלע

*) אָנזאַמלונג פון מאַטעריע און אַנדערע פליסיקייטן אין וועלכן עס איז טייל פון מענטשלעכן קערפּער.

קאַנטוקיס פאָטער נאַגאַ מאַנקי קאַנטוקי, וואָס איז דער גרעסטער כשופמאַכער פון נאַרגאַנאַ, וועלכער האָט באַצייטנס באַמערקט אין מיינע אויגן די ווירקונג פונעם געפערלעכן סם, האָב איך מיך געראַטעוועט פון טויט. ער האָט מיר געגעבן צו טרינקען אַ קעגנגיפט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער הימלישער כשופמאַכער האָט מיר קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט דעם סוד פון דער רפואה. ווען די געפאַר איז אַריבער, האָט נעלע קאַנטוקי מיר געזאָגט „קאָנפידענציעל״: — דער אַלטער כשופמאַכער, דער הייליקער טאַטע מיינער, האָט ביים איינגעבן דיר דעם קעגנגיפט, געזונגען און געקרייט, געטאַנצט און געשפּרונגען, געהאַווקעט און געוויעט, געכראָפּעט ווי אַ ווילדער חזיר, געשיפּעט ווי אַ שלאַנג, געשאָלטן און געשלאָגן אַלע שלעכטע גייסטער און רוחות, געקושט און געבענטשט אַלע גוטע נשמות און הייליקע גייסטער, כדי זיין כשוף זאָל שנעל און ווירקזאַם היילן...

דאָרט זענען אויך פאַראַן אַלע באַשעפענישן פון אַמעריקאַנער טראָפּיק, אָנהויבנדיק פון די נאַכט־חיות און בלוטדורשטיקע פייגל, ביז די מיקראָסקאָפּישע פליגעלעך; פון די קלענסטע ווערימלעך ביזן ריזיקן נחש־הקדמוני, שפּין און קראָקאָדיל. די אַלע השובע תושבים וואַרטן נאָר אויף דער גינסטיקער מינוט, זיך צו וואַרפן אויפן נישט־פאַרזיכטיקן קרבן, איינציקווייז אָדער בשותפותדיק.

מאַקראָ האַראָ האָט מיך גענומען צו זיך אַלס ערנגאַסט, און אַזוי ווי די שפּייז, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגענומען, האָט זיך שוין אויסגעלאָזט, האָב איך גערן איינגעווילי̇קט צו עסן ביים גאַסטפריינטלעכן שופט.

די היים, וווּ דער סאַאַגילאַ וווינט, געפינט זיך אויף אַ קליין אינדזעלע אינמיטן אַ זייער טיפער אָזערע וואָס געפינט זיך אינמיטן דעם אינדזל נאַרגאַנאַ און איז אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן זאַגאַיניק *) פול מיט פייגל, וועווערקעלעך און מאַלפּעס אויף די ביימער און אַלערליי שרצים און מזיקים אויף דער פייכטער ערד צווישן די ביימער.

די אָזערע, אויף וועלכער דאָס קליינע אינדזעלע געפינט זיך, הייסט פאַטשאָ קומביקאַ, האָט נעלע קאַנטוקי מיר געזאָגט, און האַלט ביי די טויזנט מעטער די לענג אויף דריי הונדערט די ברייט; דאָס אינדזעלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיינער אַ טאָכטער, הומאַוויטאַ בעבאַיבע, האָט אַ שטח פון אַ צוויי הונדערט מעטער די ברייט אויף אַ הונדערט פופציק די לענג. דאָס שטיקל ערד איז זייער פיין באַאַרבעט און באַפלאַנצט מיט סעלעקציאָנירטע פּרוכטביימער, איבערהויפּט פונעם טראָפּיק. פון זיי ציט ער זיין חיונה, אַ חוץ דעם קריגט ער מעשר פון זיינע חסידים.

---

*) אַ יונגער און זייער געדיכטער וואַלד.

דעם אָנגעזעענעם שופטס „הויז" איז ענלעך צו די אָרעמע ראַנטשאָס פון די באָדנלאָזע קריאָזשאָס אין די סובטראָפּיקאַלע וועלדער פון סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, אין די מאָכאָנעס וועלדער פון ענטרע ריאָס, אין די מיסיאָנעסער זשעַ־באַלעס אָדער פּאַמפּער וויסטעניש. נאָר אָנשטאָט פון בלאָטע אַרויפגעקלעפּט אויף שטרוי, צי פון רויע ציגל, איז זיין הויז פון פּאַלמען־בלעטער, אגב גאַנץ פיין געפלאָכטענע, אפילו דער דאַך, וואָס איז מיט צוויי אָפּלויפן, אַזוי ווי די גרויסע פוילישע „סטאָדאָלעס" (שייערן) מיט די שטרויענע דעכער. נאָר זיין הויז איז נידעריק. די געביידע פאַרמאָגט איינאיינציקן גרויסן אַריינגאַנג, פון אַ געדיכט־געפלאָכטענער טיר פון פערדישע גריוועס און פון פערדישע אָדער אייזלישע וויידלען. דאָס איז זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די כמאַרעס מאָסקיטן. די פענצטער זענען קיילעכדיקע אַזוי ווי אויף די שיפן, אויך מיט שאַטקעס אָנשטאָט שויבן. אַלע פענצטער קוקן צו דער אָזערע.

די גאַנצע שטרויענע געביידע באַשטייט פון איין שלאָפצימער פון אַ פינף מעטער די ברייט אויף אַכט מעטער די לענג, פאַר 22 פערזאָן, אַ חוץ קעך און הינט. עס זענען פאַראַן פיר קלענערע צימערן, וואָס נוצן פאַר די תבואות און פרוכטן. באַלד דערלעבן שטייט אַ ריזיקע שטאַל פאַר די בהמות און עופות.

קיין בעט, טיש אָדער שטול האָב איך ביי דעם גרויסן שופט נישט געזען. מ׳ווייסט נאָך דאָרט נישט פון אַזאַ לוקסוס. אַנשטאָט בעטן שלאָפט מען אויף פעלן פון שעפסן, ציגן אָדער פון אַנדערע חיות, אָדער אויפן ערדענעם דיל, אָדער אין געפלאָכטענע הענגבעטן. אַרום די ווענט שטייען לאַנגע בענק, וועלכע נוצן אַמאָל פאַר טישן ביי גרויסע מאָלצייטן, און זענען פאַרגרייט פאַר די אָפטע פאַרזאַמלונגען און פאַרווייַלונגען. אונטער דער ברייטער גאַלעריע אין דרויסן אַרום הויז זענען געשטאַנען קיילעכדיקע נידעריקע קלעצלעך פון אַלקאַרנאָקן־האָלץ. ביי אַ צוויי טוץ הינט פון אַלערליי גרייס, ראַסע און קאָליר זענען אין אַ הינטישער חברותא געלעגן אין שאָטן אונטער דער גאַלעריע מיט פאַרזשמורעטע אָדער צוגעמאַכטע אויגן און אָפענע פיסקעס און מיט די לאַנגע צונגען אינ־דרויסן. אַ צענדליק אַנדערע הינט זענען פריילעכע אַרומגעלאָפן איבערן רחבות־דיקן הויף און געהאַווקעט אָן אויפהער. אייניקע יאַגד־הינט מיט דינע הויכע פיס און לאַנגע ווידלען האָבן זיך געיאָגט אַרום דעם אייגענעם עק. פאַר גרויס שמחה, וואָס אַ וועלכן ס׳איז כלב איז געלונגען צו כאַפּן די פלוי פונעם שפּיץ עק, האָבן זיי איינגעדרייטע ווי אַ ספּיראַל זיך געדרייט אָט אַרום זיך, אָט אַרום דעם גאַסט, ווי באַגריסנדיק דעם עלטסטן מיט אַ הינטישן „ברוך הבא, ס׳קאָצל קומט..." אַ ריזיקער דאַנען־הונט און אַ קליינטשינק פראַנצויזיש לולו־הינטל האָבן געהאַלטן אין איין געניצן. אפילו די עטלעכע טוץ פעליקאַנען אין אַ שטייג

האָבן זיך, ווי זייער שטייגער איז, צעקראַקעט אויף זייער לשון, און די העגער האָבן זיך צעקרייט מיט אַ לאַנגן שלשלת...

— זעסט, פּריינט, — האָט צו מיר געזאָגט דער סאַאַגילאַ נעלע קאַנטוקי — אַפילו די הינט, חזירים און פּעליקאַנען דערקענען די געטלעכקייט פון זייער באַלעבאָס. זיי פאַרשטייען און באַנעמען מער ווי די ווייסע מענטשן. צוליב אים, צוליבן געטלעכן מאַקראַ האַראַ, פרייען זיך אַזוי די אַלע בהמות, חיות און עופות...

לכבוד דעם „טריאומפאַלן" צוריקקער פון די סאַאַגילאַס דעפּוטאַטן זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ וועטשערע די אָנגעזעענסטע אינדיאַנער פון נאַרגאַנאַ און פון די אינדזועלעך פון אַרום. זיי זענען געקומען אָנגעטוענע אין זייערע בעסטע בגדים, מערסטנס פון אייגענער אַרבעט. די מערסטע טייל מיידלעך און ווייבלעך, איבערהויפּט די שענערע, זענען געווען אַרומגעוויקלט בלויז מיט אַ דינינקן, דורכזיכטיקן און באַבלומטן שטיקל שטאָף. נאָר דערפאַר זענען זיי אַלע געווען באַצירט מיט אָן אַ שיעור שנורן קרעלן, עכטע און גלעזערנע, אייניקע אַפילו מיט עכטע שנורן פּערל אויף זייערע קורצע ברוינע העלדזער. עטלעכע „אַריסטאָקראַטקעס", אַמאָליקע דינסטן אין ציוויליזירטע רייכע הייזער אין פּאַנאַמאַ, זענען געגאַנגען אָנגעטון אינגאַנצן. פון זייערע אויערן און נעז זענען נאָכגעהאַנגען רינגען, און הונדערטער צאַצקעס האָבן זיך נאָכגעבאַמבלט אַרום די מלבושים, פון די צענדליקער צעפּלעך, פינגער, הענט און פיס. עטלעכע מיידלעך און ווייבלעך זענען געווען טאַטוירט אויף זייערע בריסטן און היפטן.

די מענער, כמעט אַלע אין זייער קורצע און ברייטע מייטקעס העכער פון די קניען, אַ סך מיט טאַטוירטע פּנימער, בריסטן, אַרעמס און הענט, גלאַט־געקעמטע שעוועלורעס, וואָס זענען זיי געפאַלן אויפן נאַקן און שטערן, וואָס זענען געווען באַצירט מיט זילבערנע אָדער בלעכענע רייפלעך, אָפּהענגיק פון שטאַנד און גראַד. די רייפלעך האָבן צוגעהאַלטן די האָר, זיי זאָלן זיך נישט צעפלאָשן ביי אַ טענצל אָדער פון אַ פּלוצלינגיקן שטורעמווינט. יעדער מאַן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין כלי־זיין: אַ רעוואָלווער, פּיסטויל אָדער יאַגדביקס. אייניקע פון די עלטערע קריגער האָבן אַפילו מיטגעבראַכט אויך גרויסע מעסערס, ווי אַ באַווייז פון אויסדערוויילטקייט, און אַ בויגן מיט עטלעכע טוץ פיילן פון זייער האַרטן און בויגיקן האָלץ.

פיר גרויסע שייטערס זענען אָנגעצונדן געוואָרן, און די פיר גרויסע קעס־לען מיט וואַסער האָבן די קעכינס אַרויפגעשטעלט אויפן פייער. ווען דאָס וואַסער האָט גענומען זידן, האָבן זיי אין די קעסלען אַריינגעוואָרפן גאַנצערהייט אָדער שטיקערווייז אַלערליי חיהלעך, וואָס די געסט האָבן מיטגעבראַכט. די קלענערע חיהלעך, ווי האָזן, פּריאַדאַנטאָס און וויסקאַטשעס, ווילדע און היימישע קראָלי־קעס, ווילדע קאַטשקעס, געגנדז, גאַזשאַרעטאָס, פּאָפּוגייען און אַנדערע, האָט

מען נאָר אָפּגערייניקט די פעל און פעדערן און אַרויסגעלאָזט די צואה פון די קישקעס, נאָכדעם זענען זיי צוריק אַרייַנגעלייגט געוואָרן אין די אָפענע בייכער אָנ־געפילטע, אַזוי ווי להבדיל אונדזערע כשרע מאַמעס פלעגן לכבוד שבת אָנפילן די קישקעס און מעגעלעך פון די געקראָפּטע גענדז און קאַטשקעס און דאָס צוריק אַרייַנלייגן אין די געגדזענע אָדער קאַטשענע בייכער.

אין איין קעסל האָבן זיי אַרייַנגעוואָרפן ראַקעס, הירשנפלייש, רייז, ציבעלע, קנאָבל, שוואַרצע פאַסאָליעס און רויטע פעפערלעך. אין אַ צווייטן קעסל — די קלענערע חיהלעך, פשעניטשקעס, קרויט און פעפערלעך. אין דריטן קעסל קראָען, כאַוועס, ווילדע קאַטשקעס, ווילדע געגדז, פעליקאַנען, מעוועס, גרויסע בעבלעך, שטיקער קראָקאָדיל (פון אַ זי), מערן, אַרבעס און מאַנדיאָקאָ. און אין פערטן קעסל האָבן די קעכינס אַרייַנגעוואָרפן עטלעכע הונדערט פיצלעך פייגעלעך וואָס זענען דאָרט פאַראַן כחול הים. די קלייניקע פייגעלעך זענען בלויז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די פעדערן, און זענען אפילו נישט געעפנט געוואָרן. אין זעלבן קעסל זענען אויך אַרייַנגעלייגט געוואָרן עטלעכע טוץ קראָקאָדיל־אייער, הינער־אייער, פון קאַטשקעס און פון געגדז. באַזונדערס האָט איין קעכן, גאָר אַ ספּעץ, ווייזט אויס, אַ קליינטשינקע פון איין מעטער קוים די הויך, געפּרעגלט אין אַ פּאַ־טעלניע, גרעסער ווי דאַנטעס בראַטפּאַן, שטרויסן־אייער געמישט מיט געהירן, ציבעלעס, קנאָבל און פייערדיקע פעפערלעך, אין שמאַלץ פון אַ הייפּיש.

ביים רויטן שייטער, וואָס האָט געפלאַקערט ווי באַגאָסן מיט בענזין, האָט מען אויפגעגעבן דאָס עסן אין גרויסע ערדענע שיסלען. איין שיסל פאַר זעכצן פערזאָן. און די חשובע געסט האָבן נישט געגעסן, נאָר געפרעסן און געשלונגען שטיקערווייז, ווי הונגעריקע וועלף.

מיר מיט די סאַאַגילאַס און זייערע בני־בית און זייערע מקורבים האָט מען דערלאַנגט באַזונדער אויף אַ טיש, באַדעקט מיט אַ שניי־ווייסן טישטעך, אין טיפע פאַיאַנסענע טעלער מיט מעסערס און אַלפּאַקענע גאָפּלען און לעפל, אפילו מיט זאַלץ־מעסלעך און פערפערניצעס.

די כלים וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש זענען געווען שפּאָגל־נייע, מחמת מאַקראָ האַראָ האָט דאָס געשיר נאָרוואָס מיטגעבראַכט מיט זיך פון זיין רייזע אין קאָלאָן. משמעות, אַז זייענדיק די עטלעכע טעג אין האָטעל צווישן ציוויליזירטע מענטשן, האָט ער עפּעס קאָפּירט פון דער מאָדערנער קולטור, און ער האָט זיך אייַנגעקויפט אַביסל כלים, עטלעכע ביליקע בענקלעך צום זיצן און אַן אייַנגעלייגטן טיש צום עסן.

עסן פון די „געשמאַקע" מאכלים, וואָס זענען געווען ביטער ווי דער יידישער מזל, האָב איך לגמרי נישט געקענט. נאָכדעם האָט עס מיך געפרייט, הגם עס

האָט מיך שטאַרק געהונגערט, ווייל ערשט נאָך דעם ווי מען האָט דערלאַנגט צום טיש האָב איך דערזען, אַז די אַלע קליינע פייגעלעך זענען געקאָכט און געפּרעגלט געוואָרן גאַנצערהייט מיט אַלץ וואָס אין די געדערים פון אַ בעל־חי געפינט זיך. עס איז בלויז אַרויסגעשניטן געוואָרן די גאַל.

מיינע מיטעסערס האָבן געלאַכט פון מיר, זיי האָבן זיך געוויצלט איבער מיין מפונקדיקייט, ווען זיי האָבן דערזען, ווי איך האָב אויסגעשפּיגן דעם האַלבן וואָראָביי, וואָס האָט מיר אָנגעמאַכט אַ פול מויל מיט צואה... זיי האָבן זיך דווקא געריסן איבער די פייגל און די קלענערע חיהלעך, ווי קיין געשמאַקערס וואָלט גאָרנישט געווען...

„טשינטשולינעס" (די דינע קישקעס, וווהין עס גייט אַריין דער מאָגן־זאַפּט) האָסטו שוין ווען געגעסן? — האָט מיך אַ פרעג געטון נעלע קאַנטוקי, — און אויב יאָ, ווייסטו דאָך, אַז זיי ווערן צומאָל נישט דורכגעשווענקט מיט וואַסער, פונדעסטוועגן עסן זיי אַלע ציוויליזירטע. דאָס איז דאָך איינס פון די אויסדער־ווײלטע מאכלים פאַר דיינע ווייסע. און ווי דו ווייסט, עסט מען דאָך די „טשינ־טשולינעס" פון אַ גרויסער בהמה, דאַן ווען מיר עסן די טשינטשולינעס בלויז פון קליינע פייגעלעך און חיהלעך. זיי נישט איבערקלייבעריש, אפילו אַ חזיר אַ מפונק קאָן אויך נישט פּעט ווערן... אפשר, נישט אַזוי? — האָט מיך פילאָ־זאָפיש געוואָלט איבערצייגן דער קלוגער נעלע קאַנטוקי.

דער זייער סימפּאַטישער באַלעבאָס ווידער, מאַקראַ האַראַ, און איבערהויפּט זיין חנעוודיק ווייבל מיט אירע צוויי שוועסטער זענען צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל כאָטש עסן אַביסל יאַעשניצע. איך האָב אָבער די „געשמאַקע" יאַעשניצע אויך נישט געקאָנט עסן, נישט אַזוי צוליב דער שרעקלעכער ביטערקייט, ווי צוליב דעם זייער נישט אָנגענעמען ריח, וואָס האָט מיר געשלאָגן אין נאָז אַריין פון דעם טעלער עכן, אַזש די אויגן זענען מיר איבערגעגאַנגען, ווי אויך צוליבן גאַנצן געמויזעכץ אַרום...

דאָך האָב איך אַביסל געגעסן פון דער יאַעשניצע און צוויי קוראָפּאַטוועס, וואָס זענען גאָר ריין אָפּגעבראָטן געוואָרן ספּעציעל פאַר מיר, אויפן באַפעל פון דעם סאַאַגילאָס ווייבל. איין קראָקאָדיל־איי, וואָס איז אויך ספּעציעל אָפּגעבראָטן געוואָרן פאַר מיר, איז גראַדע נישט געווען אַזוי אומגעשמאַק, ווי איך האָב מיר פריער פאָרגעשטעלט...

דערפאַר האָבן די צוויי רייצנדע שוועסטערלעך קלאָנטעפּאַק און מאָרפּעזומאַ פון 16 און 18 יאָר אַלט, מאַקראַ האַראַס שוועגערינס, און זיין ווייבל האַטינטאַקו, פון אַ יאָר 23, מיר געליווערט וועלטשענע ניס, מאַנדלען, טייטלען, אַגואַקאַטעס, מאַנגאָס, גואַזשאַבאַס, מער ווי יוסף זיין ברודער בנימינען. געטרונקען האָבן מיר אַזאַ מין גאָר אָנגענעמען שנאַפּס, אַזאַ מין היימישן „וויסקי", מיט אַ טעם

פון דער באַרימטער פּאַראַגווייער אַלטער קאַניאַ, וואָס די קאַריבער אינדיאַנער מאַכן פון פאַרשידענע קרייטעכצער, פּרוכטן און תבואות, און אַן אַנדער בראָנפן, זייער אַ געשמאַקן און געגוג שטאַרקן, געמאַכט פון מערן און בוריקעס־פּלוימען.

נאָך דער וועטשערע האָט דער עולם פאַרביסן מיט אַראָמאַטישע „קאָקאַ־בלעטער", קייענדיק מיט הנאה און עקשנות, האָבן זיי אַרויסגענאָגט פון די בלעטער דעם גאַנצן פאַרטויבונגס־זאַפט, וואָס איז אַ מעכטיקע אַנעסטעזיע קעגן הונגער...

די רייכערע, צווישן זיי עטלעכע אַנגעזעענע סאַאַגילאָס מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבן גערויכערט פּאַפּיראָסן, ליולקעס און בלעטער־ציגאַרן. אַנדערע ווידער האָבן זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט אָפּיום און קאָקאַ־בלעטער. די גאָר פּראָסטע האָבן געהאַלטן אין איין טרינקען די ווייגען און שנאַפּסן אפשר מער ווי נוח מיט לוטן און אחשוורושן צוזאַמענגעגנומען.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך צוזאַמענגענומען און זיך אַוועקגעלאָזט אין תאווה־פּולע טענץ. די מוזיק, צעטיילט צו פיר פערזאָן אויף איין אינסטרומענט, אין באַ־שטאַנד פון אַזעלכע פּרימיטיווע לירעס מיט סטרונעס פון פערדישע ווידלען, אַנגעשמירט מיט וואַקס און זשיוויצע; די צווייטע גרופּע פון פיר האָט געשפּילט אויף הילצערנע פּויקן, אַ דריטע גרופּע האָט געשפּילט, איינער אויף אַ גאַנץ מאָדערנעם קלאַרנעט, דער צווייטער אויף אַ פלייט פון אַ באַמבו־רערל פון איי־גענער פאַבריקאַציע, און האָט אַרויסגעלאָזן וווּנדערלעכע טענער, ממש ווי אַ נאַכטיגאַל, דער דריטער אויף אַ מאָדערנעם סאַקסאָפאָן, און דער פערטער אויף אַ גאַרמאָניע. איין סאָליסט איז געזעסן אויף דער ערד. אַן אַלטער אינדיאַנער מיט די פיס אונטער זיך ווי אַ בודאַ, האָט געשפּילט אויף אַ שפּאַנישער גאַיטאַ...

דער אָרקעסטער, הגם נישט קיין געשולטער, האָט אָבער געשפּילט מיט אַזוי פיל האַרצרייסנדיקן טרויער, אַזוי סענטימענטאַל, מיט אַזאַ מין ליידנשאַפט און בענקשאַפט, וואָלט איך געזאָגט, אַז עס האָט מיך ממש ביים האַרצן אָנגענומען.

מיינע צוויי גוטע פריינט, די סאַאַגילאָס מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראַטשי און נעלע קאַנטוקי, מיט די צוויי וווּנדערלעכע שוועסטערלעך, קלאָנטעפּאַק און מאַר־פעזומאַ, מיט זייער עלטערער שוועסטער האַטינטאַקו האָבן, נאָך דעם ווי די מוזי־קער האָבן פאַרענדיקט, זיך צעשפּילט אויף אַ סאַלוואַדאָרער מאַרימבאַ, אויך פון אייגענער אינדוסטריע. וויפל איך האָב געהערט שפּילן אויף אָט דעם אויסטער־לישן אינסטרומענט, האָב איך נאָך אַזאַ מין שפּילן נישט געהערט...

איך ווייס נישט צי דער גרויסער פּאַדערעווסקי וואָלט אויף אַזאַ מין פּיאַנע געקאָנט שפּילן אַזוי פיין, ווי די נישט־געשולטע אינדיאַנער האָבן געשפּילט.

עס פעלן מיר ווערטער צו שילדערן די מתיקותדיקע נאָטן, מחמת איך בין אַן עם הארץ אין מוזיק, די מעלאַנכאָלישע און כשופדיקע קלאַנגען, וואָס זיי האָבן

אויסגעקלאַפּט מיט זייערע הילצערנע העמערלעך אויף יענעם גאָר פּשוטן אינ־סטרומענט.

די זילבער־ווייסע נאַכט אין טיפן דזשונגל פונעם אינדזל, מיטן סודותפולן וואַסער פון דער אָזערע אַרום, האָבן צוגעהאָלפן מיט זייערע מיסטעריעזע ווידער־קולות, וואָס האָבן נאָך מער ליריש־סימפּאָניש געמאַכט זייער שפּילן.

סאַנבלאַסער
אינדיאַנערין
אינגאַנצן
טאַטואירט

קעגנאיבער די מוזיקער זענען געשטאַנען צוועלף אַלטע אינדיאַנערקעס מיט צעלאָזענע האָר און טאַטואירטע פּנימער אויף רויט, גריך, געל און בלוי, מיט ריזיקע אויערינגען און נאָך גרעסערע נאָזרינגען, און האָבן צוגעפּליעסקעט צום טאַקט מיט זייערע איינגעשרומפּענע הענט. זיי האָבן געדרייט מיט די היפּטן ווי זיי וואָלטן געווען אויף ספּרוזשינעס, געטופּעט מיט די דאַרע פיס און צוגעזונגען מיט זייערע שטימען, עפּעס פאַר מיר אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אַזוי ווי: גלאַנאַ, גלינאָ, גלאַנאַ, גלינאָ...

נאָכדעם ווי אַלע „מוזיקער" זענען שטיל געבליבן, האָבן די דריי שוועס־טערלעך לכבוד מיר געזונגען עטלעכע לידער אין זייער דיאַלעקט און עטלעכע שפּאַנישע און קיטשו־מאַישע לידער מיט פיינע סאָפּראַנאָ־ און אַלט־שטימען

מיט אַזוי פיל נאַטירלעכער געשולטקייט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, — אפשר צוליב מיין פאַרליבטקייט אין אַלע דריי, — אַז אפילו לגבי ראָזאַ ראַיסאַ און לילי פּאָנס, בשעת זיי זענען געווען אין זייער סאַמע רום, וואָלטן אָט די האַלב־ווילדע אינדיאַנערקעס זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען מיט זייערע שטימען.

אויף מיין פראַגע, ווו זיי האָבן זיך געלערנט זינגען און שפּילן, האָט מאַר־פעזומאַ מיר געענטפערט, אַז ביי די פייגעלעך אין וואַלד, ביי די זשאַבעס אין די זומפּיקע גראָזן לעבן דער אָזערע, ביי די גרילן אין די ווענט, די חיות אין דזשונגל,ביים שטורעמווינט און ביי דעם ווילדן געברום פון די ים־כוואַליעס.

— יאָ, — האָב איך געטראַכט, — דאָס איז די מתנה פון דער נאַטור...

אין זייער עקזאָטישער מוזיק און געזאַנג, אין זייערע וואונדערלעכע מעלאָ־דיעס אָן ווערטער, האָט זיך טאַקע געהערט דער טרויער און פּראָטעסט פון אַ פאַרפאָלגטער ראַסע, פון אַ פאָלק וואָס מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק איז עס געווען אין הונדערטער טויזנטער, און איצט געבליבן נישט מער ווי 34 טויזנט. אָט האָב איך, דאַכט מיר, געהערט וויינען, וויינען פון פּיצלעך קינדער, צעטראָטענע דורך די קאָפּיטעס פון די פרומע שפּאַנישע פערד, מולאָס און אייז־לען. אָט האָב איך געהערט שווערדן־געקלאַנג, קאַנאָנען־הילכן, אויסגעמישטע מיטן איידעלן פייפן פון אַן אינדיאַנער־פייל, אַ גסיסה־צאַפּל און נאָך אַ טויט־הפסקה ווידער אַ שטורמישן ווירבל־קאַמף; אָט גבורה־קאַמפן פון איין זייט און אַ חלושים־קאַמף פון דער צווייטער, און אָט אין דער צווייטער מחנה ווידער דאָס זעלבע. אָט אַ געפלאָכטענער קאַמף פון קערפּער צו קערפּער, ווו ביידע קעמפער פאַלן דורכגעלעכערטע פון אַ שווערד און שפּיז...

אָט האָב איך געהערט, ווי די בייזע אַלאַנאָס־הינט רעווען ביים צערייסן אויף שטיקער לעבעדיקע אינדיאַנער, און די האַרצרייסנדיקע געשרייען, הילפסרופן פון די קרבנות, וועלכע זענען צעפרעסן געוואָרן לעבעדיקערהייט פון די דרעסי־בערישע שפּאַנישע הינט...

אָט ברומען די וואַלד־חיות, עס רעגנט שטורמיש, עס פייפט און בלאָזט דער ווינט, שטאַרקער, מעכטיקער און שוידערלעכער. עס פאַרוויקלט זיך ווידער אַ שרעקלעכער קאַמף. די שפּאַניער זיגן. עס לאַכן הילכיק די טריאומפירנדיקע דאָן פעפעס. איך הער די ווײי־געשרייען פון די געשענדעטע אינדיאַנער מיידלעך, זיי ראַנגלען זיך קעגן די מעכטיק־באַוואָפנטע און פון די בייזע הינט באַוואַכטע קאָנקיסטאַדאָרן. אָט הער איך, דאַכט זיך מיר, דאָס שמייסן, צעברעכן די ביינער און אַרויסרייסן לעבעדיקע גלידער פון די גאָטלאָזע אפּיקורסישע אינדיאַנער. און אָט הער איך דאָס פרומע פּרעפּלען פון אַ גלח. ער שטייט צווישן צוויי גרופּעס אינדיאַנער און טוט תפילה. איין גרופּע ווערט געבראָטן לעבעדיקערהייט און די צווייטע ווערט לעבעדיקערהייט צעריסן אויף שטיקער און געוואָרפן צו

די שרעקלעכע אַלאַנא־הינט, און ער, דער זייער פרומער און רחמנותדיקער גלח, מורמלט אַ הייליק געבעט צו זיין גאָט, און זאָגט צו די קרבנות: זייט זיך מודה ומתודה אויף אייערע זינד, ווייל איר האָט געדינט און געגלויבט אין דער זון, לבנה און שטערן, דונער, בליץ און רעגנבויגן. דאָס איז אַ שרעקלעכע זינד, אַ שוידערלעכע און גוואַלדיקע עבירה. גלויבן זאָלט איר, טייערע קינדער מיינע, בלויז אין יויזל, אין דער בתולה און עטלעכע טוץ הייליקע... זייט זשע זיך מודה, און זאָגט אויס, וווּ איר האָט אייער גאָלד, פּערל און שמאַראַגדן און טייערע קרעלן, פּערלמוטער און בורשטין, שמוסט אייך מאַרן שטאַרבן, וועט איר, קינדער מיינע, נישט אַזוי פיל ליידן, ד״ה די הינט וועלן אייך שנעלער צערייסן, דאָס פייער וועט אייך שנעלער פאַרברענען. דער תלין וועט אייך שנעלער צעברעכן אייערע ביינער, און איבערהויפּט וועלן אייערע געצנדינערישע נשמות גיין גלייך אין הייליקן קע־ניגרייך, וואָס אין זיבעטן הימל, וווּ דער הייליקער פּעטרוס וועט אייך אויפנע־מען ווי זיין גלייכן...

אַוועק איז מיין דאַכטעניש, מיין ווייסטער קאָשמאַר, און ווילדע סוגעסטיע, און איך הער אויף דער וואָר לירישע טענער, זיסע פאַרשלעפּערנדיקע מעלאָדיעס, אַזוי אַנגענעם, אַזוי מתיקותדיק: בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע, דאַכט זיך מיר...

וווּנדערלעך שיין איז זייער מוזיק; זעלטן איז זייער געזאַנג!

געווען זענען אייניקע מאָמענטן, וואָס דרעשטשעס און אַ פיבער־ציטער איז דורך איבער מיינע נערוון, און געווען זענען מאָמענטן, ווען מיינע גלידער זענען פול געווען מיט מוראַשקעס. אַן אייז־קאַלטער ציטער איז דורך מיין לייב און אַ פייער־פיבער האָט אַדורכגעשטראָמט מיינע בלוטן.

אַ מתיקותדיקע בענקשאַפט מיט אַ ווילדער ליידנשאַפט האָט מיך פּלוצלינג באַהערשט, בעת זיי האָבן זיך צעזונגען:

כ׳האָב דיך ליב, מיידל מיט אַזאַ אַנגסטלעכער קאַרגשאַפט,
אַז איך אייפער מיינע אויגן וואָס זעען דיין ווונדערלעכן באַשאַף,
און כ׳וואָלט געוואָלט גייציק דיך אַזוי באַהאַלטן,
אַז מיינע אייגענע אויגן זאָלן אויף דיר קוקן נישט קאָנען...

— איז טאַקע די מוזיק און געזאַנג פון די כמעט ווילדע אינדיאַנער אַ מתנה פון דער נאַטור? אויב יאָ, טאָ פון וואַנען קענען זיי די קלאַסישע מוזיק? און ווען זיי שפּילן אפילו אָן נאָטן, האָבן זיי דאָך געמוזט פון וועמען זיך לערנען?

האָב איך זיך אַליין געפרעגט.

— יאָ, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט בלויז פון זען און פון הערן, ווייל די אינדיאַנער זענען זייער טאַלאַנטפולע מענטשן, האָב איך זיך אַליין געענטפערט.

און געטראַכט האָב איך װעגן די אורעלטערן פֿון די באַגאַבטע קאַריבער אינדיאַנער, װאָס זענען אַזױ אַכזריותדיק אױסגעראָטן געװאָרן דורך די גאָטס־פּאָרכטיקע דעראָבערער. די אינדיאַנישע שטעט און דערפֿער זענען צעשטערט געװאָרן און זײער קולטור און ציװיליזאַציע איז דורך די נשמה־לאָזע אַרײַנדרינגער אָפּגעװישט געװאָרן.

— פֿאַרװאָס? — האָב איך זיך װידער געפֿרעגט, אָבער קײן ענטפֿער איז מיר נישט געקומען.

— און די שװאַרצע מענטשן? האָב איך זיך װידער געפֿרעגט.

— כמעט די זעלבע פֿאַרפֿאָלגונגען, װאָס זענען פֿאָרגעקומען קעגן די אינדיאַנער, װערן נאָך הײַנט באַגאַנגען קעגן די שװאַרצע מענטשן אין „ציװיליזירטסטן" און רײַכסטן לאַנד פֿון דער װעלט. דער שװאַרצער װערט אַפֿילו געלינטשט בלױז דערפֿאַר װאָס ער גיט אַ קוק אױף אַ פֿרעמדע װײַסע פּראָסטיטוטקע... האָב איך זיך אַלײן געענטפֿערט.

— און די ייִדן? האָב איך געפֿרעגט מײַן ייִדישן איך:

— אױך די ייִדן פֿלעגן האָבן דעם זעלבן גורל װאָס די אינדיאַנער און שװאַרצע — האָט מײַן ייִדישער איך מיר געענטפֿערט. און איך האָב פֿאַרגעזעצט אין דער מחשבה דעם אָנגעהױבענעם דיאַלאָג:

— װען די שלעכטע מענטשן זאָלן לאָזן אין פֿרײַהײט זיך בילדן צום גוטן געררודפֿטע מענטשן, װאָלטן די שװאַרצע און אַפֿילו די הײַנט נאָך אָפּגעשטאַנענע אינדיאַנער, מיט זײער אינטואיטיװער אינטעליגענץ, אפֿשר איבערגעשטיגן די הערשערישע טיראַנען־פֿעלקער אין אַלע צװײַגן פֿון מענטשלעכן װיסן.

⁂

בעת די הענער האָבן זיך צעקרײט אױפֿן באַגין, האָבן די צװײ שיר־השירים־געליבטע, די לבנה באַגלײט פֿון איר פֿאַרליבטן און געטרײַען שומר, דעם מאָרגנשטערן, סודותפֿול שפּאַצירט שױן אינעם נידעריקן הױך פֿון װײַטן צפֿון. אין נידעריקן מזרח פֿון קאַיאָר זענען די טונקל־גרױע װאָלקנדלעך מיט זילבער און אָראַנזש־פֿאַרבן אין אײניקע פֿוכקערע ערטער װאָס אַמאָל, װאָס אַ רגע אַלץ העלער־ראָז געװאָרן. און אין דרום האָט עפּעס אַזױ דראַענדיק געבליצט, האָבן דעם סאַאַגילאַס צװײ צניעותדיקע שװעגערינס מיך אײַנגעלאַדן אַרײַנצודרינגען אין די געדיכטענישן אױף דער אַנדערער זײַט אָזערע, װו זײ האָבן געװוסט װעגן אַ נעסט פֿון זײער קלײנינקע פֿאַיזאַנען, װאָס קאָנען נאָך נישט פֿליען, און פֿון אָרקידעען־בלומען אױף די שפּיצן פֿון צװײ ריזן־קאַקאָטערן...

בײדע שװעסטערלעך זענען געװען אמתע צנועות, קאַסטיש־רײנע, אַ װײַסן, אַ פֿרעמדן האָבן זײ געהאַסט... מיך אָבער, װעמען זײ האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ

נ׳ אַמעריקאַנער, אַ „באַפרייער״, האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער גאַנצע פרויען־צערט־לעכקייט, און אפילו אייפערזוכט פון איין שוועסטער צו דער צווייטער.

— זאָג מיר, זשאַני, זאָג דעם אמת, — האָט זיך ביי מיר געבעטן די בוי־גיקע מאַרפעזומאַ אין אַ מאָמענט, ווען קלאַנטעפאַק האָט זיך געיאָגט נאָך אַ הינ־קעדיקן קאַליברי, — וועמען האָסטו ליבער, מיך אָדער קלאַנטעפאַק? לויטן יושר דאַרפסטו מיך ליבער האָבן, ווייל איך בין יינגער און קיילעכדיקער. איך האָב אָבער מורא, אַז דו האָסט זי ליבער, ווייל זי האָט אַ שענערע שטים ווי איך, זי האָט אַ דינער קעלעכל ווי איך. דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז זי האָט אַ שטים פון אַ קאַנאַריקל, כאָטש זי איז עלטער פון מיר... אין מיין ראַסע ווייסט מען נישט פון דער ווילדער געוווינהייט פון קושן זיך. זאָג מיר, זשאַני, איז אמת, אַז קושן זיך איז דער אויסדרוק פון ליבן זיך?... מיט אַ יאָר צוריק איז דאָ צו אונדז אַראָפּגעקומען אַ נאָרד־אַמעריקאַנער געזעלשאַפט מיט אַ גאַנצן צירק, האָבן פאַרצויגן אַ ווייסן לייוונט און פון אַ קעסטל האָט אַרויסגעשטראַלט מיט אַ סך שיינע זאַכן, און איך האָב אויך געזען, ווי יינגלעך מיט מיידלעך האָבן זיך געקושט. נעם מיך אַרום, ווייז מיר, אַז דו האָסט מיך ליב, ווי יענע יינגל אויפן לייוונט... איידער מיין שוועסטער קומט. נאָר למען השם, זאָלסט מיך נישט פאַרראַטן, זאָלסט נישט אַרויסגעבן מיך פאַר קלאַנטעפאַק... עס קומט דערפאַר טויטשטראָף דורך הענגען!...

דאָס זעלבע, מער ווינציקער, האָט צו מיר גערעדט קלאַנטעפאַק, ווען איך בין געבליבן מיט איר אַליין. אָבער ווען איך בין געזעסן מיט ביידן, האָט קיינע נישט אַרויסגעוויזן קיין האַס צו דער צווייטער...

ביידן האָב איך געמוזט שווערן ביי דער לבנה און שטערן, ביי די פייגעלעך און מאַלפעס, ביי די וועווערקעס און גרינע יאַשטשערקעס, און אפילו ביי זייער געליבטן הונט טאַמאַנאַמאַטזל, אַז איך האָב זיי ליב, אַ סימן, איך דערפיל ביידנס פאַרלאַנגען, און אַז איך וועל ווי אַ גוטער חבר פאַרבלייבן מיט זיי לעולם ועד...

אמת, אַז פיינט האָבן זיי, האָב איך נישט געהאַט פאַרוואָס, און פון נישט פיינט האָבן ביז ליב האָבן איז דאָך נישט ווייט. בפרט, אַז זיי זענען געווען אַזוי באַגאַבט, אַזעלכע גוטע, און דערצו נאָך האָבן זיי מיך געדראָט איבערצולאָזן אַליין אין דער גדיכטעניש, און זיי אַליין וועלן זיך איבערשיפן צום שוואַגערס אינדזעלע...

ווען עס האָט זיך באַוויזן דער נייער טאָג, האָט דער גאַסטפריינטלעכער מאַקרא הארא פירא הארַאטשי איינגעלאַדן אַלע געסט זיך צו באָדן אין דער אָזערע.

ביי דער אויפשיינענדיקער זון האָט אַ זעלטן שיין און עקזאָטיש בילד זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיינע אויגן: די גאַנצע גרופע געסט פון אַ 50 פערזאָן, אַ חוץ די

בני־בית, מענער, פרויען און קינדער האָבן, ווי אין אַמאָליקן גריכנלאַנד, אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך זייערע מלבושים און מוטער־נאַקעט אַריין אין קרישטאָל־ריינעם וואַסער.

כמעט אַלע אָן שום באַוואַקסונג, די הויט גלאַט ווי זייד, מיט אַ קאָליר פון קאַווע מיט אַביסעלע מילך, און איבער דעם קערפּער — דער שוואַרץ־גלאַנציקער קאָפּ האָר, שוואַרצע סאַמעטענע ברעמען אין אַ פאָרעם פון אַ פּערפעקטער האַלבער רייף. אויגן מאָנגאָלישע. האָט זיך מיר טאַקע געדאַכט, אַז איך בין ערגעץ אין טאָקיאָ, צי יאָקאָהאַמאַ, און קוק זיך צו ווי די אַטלעטן פוןביידע געשלעכטער מאַכן גבורה־איבונגען. זייערע נישט הויכע אָבער מאַסיווע קערפּערס, סיי ביי די מענער ווי ביי די פרויען, זענען ווי אויסגעגאָסן פון העלן בראָנדז. ביי די פרויען זענען ביי אַלעמען פיינע גלייכע פּלייצעס און געטאָקטע היפּטן, הענט און פיס. אין מיינע עקזאַלטירטע אויגן האָבן זיי אַלע אויסגעזען, נישט ווי אַ פּראָדוקט פון ליבע, נאָר ווי אַ סקולפּטאָר, אַ ספּעץ, וואָלט אָט די מענטשלעכע ליאַלקעס געמאַכט.

אינעם וואַסער פון דער קרישטאָל־קלאָרער און טיפער אָזערע פּאַטשאַקומביקאַ האָבן די קאַריבער, אַזוי ווי אמתדיקע אַמפיביען, געמאַכט אַלערליי ווילדע קונצן, אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער, פון וועלכע איך בין נשתומם געוואָרן.

אָבער מער פון אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע געוואַגטע קונצן, אַ יונגער אינדיאַנער פון אַ יאָר צוואַנציק, מיטן נאָמען קאַטאַקורריקאַ: אויף דער צווייטער זייט פון דער אָזערע איז געווען אַ נעסט פון קאַימאַנען (אַזאַ מין זייער גרויסער און געפערלעכער קראָקאָדיל). די קאַימאַנען־מאַמע האָט מען נעבעך געהרגעט און אויפגעגעסן אויפן נעכטיקן באַנקעט. איז דער רחמימדיקער קראָ־קאָדילן־טאַטע געבליבן נעבעך אַן אלמן, און די קינדער־יתומים וועמען ער, דער טרייער טאַטע, האָט באַדאַרפט מפרנס זיין. און אָט מיט דעם זייער שרעקלעכן, לאַנג־פּיסקעדיקן און שאַרף־ציינִיקן קאַימאַן, האָט דער יונגער קאַריבער אַרויס־געוויזן זיין בריהשאַפט.

בעת דער בייזער און פאַרביטערטער, נעבעך, קראָקאָדיל האָט געהאַלטן אין לערנען זיינע בנים נקמה צו נעמען פאַר זייער מאַמעס טויט, האָט ער צו זיינע יתומימלעך אוודאי אַזוי געזאָגט אין זיין קראָקאָדילן־שפּראַך: קינדער מיינע, אָט זעט איר, אַז אין מיינע פאַראַפּיעטע אויגן גלאַנצט אַ טרער? דאָס איז אַ טרער נאָך אייער מאַמעס פריציייטיקן טויט. און אויפגעפרעסן האָבן זי די מענטשן, וואָס אויף יענעם ברעג. און נאָר אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט זיך צו פּעדערן און אויפצופרעסן אייער גאָטצעליקע מאַמע און אייך אויך צו געבן אַ שטיקל. געדענקט, קינדער מיינע, על חרבך תחיה, בלויז דער קראָ־קאָדיל מעג און דאַרף הרגענען בכדי צו לעבן און האָבן לעבנסרוים. דער קראָ־קאָדיל האָט אַ געבאָט פון גאָט אַליין, אַז „מיר זאָלן אויסראָטן אַלץ אַרום אַזוי, אַז

קיין שום באַשעפעניש, אַ חוץ קראָקאָדילן, זאָלן אויף דער ערד, אויף דעם וואַסער און אונטערן וואַסער נישט בלייבן לעבן...

לעבן זאָל די קראָקאָדילן־פריהייט! לעבן זאָל די קראָקאָדילן־אימפּעריע!...

דער קאַימאַן האָט זיך געשפּילט מיט זיינע מזיקימלעך, און זיי געלערנט די תורה פון רציחה, גזילה און פאַרראַט, מאַנעווּרירנדיק מיט דער גרעסטער געשיקטקייט, אָבער בלויז אין זיין זייט, וווהין עס איז נישט מעגלעך געווען צוצו־קומען צוליבן טיפן זומפּ, פול מיט אַלערליי שרצים, וואָס רינגלט אַרום די נעסט פון זיינע קינדערלעך, אַהין איז דער געוואַגטער קאַטוקורריקאַ צוגעשווומען ביז גאַנץ נאָענט צו דער קראָקאָדילן־נעסט.

דער הונגעריקער קאַימאַן, וואָס האָט אפנים געפּאַסט צוליב זיין ווייבס טויט, דערזעענדיק אַ געשמאַקן ביסן, האָט ווי אַ טאָרפּעדאָ מיט זיין גאַנצער קראַפט זיך געטון אַ לאָז צום אינדיאַנער. דער יונג האָט זיך דאַן פלינק אונטערגעטונקט אונטערן וואַסער, און איז געשווומען ביז צו דער נעסט פון קאַימאַן, און האָט דאָרט געפאַנגען אַ קליינעם מזיקל.

דער אויפגערעגטער קאַימאַן, דערזעענדיק זיין קינד ביי אַ מענטש אין די הענט, האָט מיט אַ שרעקלעך־אָפענעם פּיסק זיך אַ לאָז געטון אויף צוריק צו דער נעסט מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט. דאַן האָט דער קלוגער אינדיאַנער זיך ווי־דער אַ וואָרף־געטון אונטערן וואַסער מיטן קליינעם מחבל, און איז געשווומען אונטערן בויך פון דעם בייזן און פאַרצווייפלטן קראָקאָדיל, ביז ער איז געקומען צו אונדז מיטן פּיצל, וועלכן ער האָט פעסט צוגעהאַלטן מיט די ציין פאַרן קאַרק.

אויף מיין פראַגע ווי אַזוי ער האָט געוואַגט זיך אונטערצונעמען אַזאַ לעבנס־געפערלעכע אַוואַנטורע, האָט דער סימפּאַטישער קאַטוקורריקאַ מיר לאַכנדיק געזאָגט:

— דער קאַימאַן איז טאַקע אַ שרעקלעכער קראָקאָדיל, איבערהויפּט אויף דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער און אויף דער זומפּיקער ערד, און אפילו אויף דער יבשה, ווו ער האַלט אָפן די אויגן. דערפאַר אָבער אונטערן וואַסער איז דער קאַימאַן גאָרנישט אַזוי געפערלעך ווי מען מאַלט אים, ווייל ער מוז צומאַכן די אויגן, און ער זעט נישט...

— דער קאַימאַן האָט מיך געזען אויפן וואַסער אין זיין סביבה, אין זיין שליטה. האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו מיר מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אימפּעט. דער גוטער שווימער גיט זיך דאַן אַ טונק־אונטער, שווימענדיק אָפּטמאָל אונטער דעם קראָקאָדילס בויך, מחמת ער מוז צומאַכן די אויגן, ווי איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, בעת ער שווימט אונטערן וואַסער. דערפאַר שווימט דער צערייצ־טער קראָקאָדיל אויפן וואַסער ביז דעם אָרט, ווו דער מענטש האָט זיך אונטער־געטונקען. דאַן גיט ער זיך אַ פליעסקע אַריין אין וואַסער אַריין. און אַז ער

געפינט נישט דעם רויבער פון זיין קינד, קומט ער צוריק אַרויף אויפן אויבער־פלאַך, שוין נישט ווייט פון דעם ברעג, ווו אַ מחנה מענטשן שרייען און שיסן צו אים. דעם גינסטיקן מאָמענט נוצט אויס דער קאַריבער שווימער און קידנעפּט דעם קראָקאָדילס בנאָקל.

— דאָס זעלבע קומט פאָר מיטן צוריקשווימען, אָבער שוין אַביסעלע גע־פערלעכער, ווייל דער קליינער מזיקל איז קאַפּאַבל אַ ביס און אַ דראַפּע צו טון, וואָס קאָן אינפעקטירן און פאַרסמען די בלוטן. דערפאַר דאַרף דער קאַריבער וויסן ווי אַזוי און ווו צו האַלטן דעם קליינעם בעל־דבר, כדי ער זאָל אים בשעת דער נסיעה קיין שלעכטס נישט טון.

אַ נאַכט פון פאַרצווייפלונג

די קאַריבער נאַכט האָט זיך באַוויזן לויטער־בלוי; אין מערב־זייט, העט ווייט אין די אומענדלעכע האָריזאָנטן פון הימל־ראַנד, האָבן נאָך געשוועבט אייניקע פוכענע שקיעה־וואָלקנדלעך, באַגילדעטע און באַצירטע מיט אַ רויזן־פאַרב, און ווי פון אַ שרפה אין הימל־הינטערגרונט האָבן אייניקע וואָלקנדלעך געהאַט אַ פייערדיקע רויטקייט, פון דער נאָרוואָס אונטערגייענדיקער זון. פון אונטער דער ערד האָט די זון געשיקט אירע שקיעה־שטראַלן אַרויף צו די וואָלקנס אינעם בלויען חלל, ווי איר לעצטן הויך, איר לעצטן אָטעם־צוג, וואָס האָבן זיך געזען אין טונקל־בלויען רוים ווי פורפורנע רעפלעקטאָרן. און פון דער אומענדלעכער הויכקייט זענען די וואָלקנדלעך שוין אויך געווען באַגאָסן מיטן זילבערנעם שיין פון דער לבנה. אינמיטן זענען די אָנגעהויפטע וואָלקנדלעך געווען שאַרלעך־רויט, אַרום פערלמוטערדיק, בלוי־רויט, אַלבאַסטער־ווייס, ווידער העלגרין־ווייס און טונקל־בלוי מיט אַ ראָזן טוי, ווי אַ דיאַדעמע אַרום.

ביסלעכוויז זענען די וואָלקנדלעך אַנטרונען געוואָרן, אַזוי ווי צעשווומען געוואָרן, און דער גאַנצער רוים, וואָס איך האָב, דאַכט מיר, פריער מיט אַ רגע געקאָנט אָנטאַפּן, איז אויך אַנטלאָפן געוואָרן הויך, גאָר הויך און ווייט, זייער ווייט, אין דער העכסטער ווייטקייט אַרויף, וואָס איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ סאַמעטענעם געוועב, אויסגעזעצט מיט מיליאָנען קלייניקע שימערירנדיקע ליכטיקע ברילי־אַנטעלעך.

מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראָטשי, נעלע קאַנטוקי, קאָטוקורריקאַ און איך, באַוואָפנטע מיט אַלטפּרענקישע יאַגד־ביקסן, זענען מיר זאַלבעפערט געגאַנגען טיף אין געדיכטן וואַלד מיט די שאַרפע פּאַקאָנען (ריזיקע מעסערס), מיט וועלכע מיר האָבן זיך געמאַכט באַקוועמער דאָס שמאָלע סטעזשקעלע, אָפּהאַקנדיק די צווייגן וואָס האָבן אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, אַ וועג, וואָס האָט פאַר מיינע נישט צוגעוווינטע אויגן צו ביינאַכטיקע דזשונגל־שפּאַצירן, פאָרגעשטעלט אַלערליי מיראַזשן. זענען מיר אַזוי געגאַנגען טיף אין געדיכטן וואַלד: מיינע דריי פריינט פאָראויס, און איך נאָך זיי, אויסמיידנדיק אַלע יענע ערטער, ווו עס וואָלטן גע־

קאָנט זיין פּאַנאַמער אָדער נ׳ אַמעריקאַנער פּאַטרולן, בכדי איך זאָל קאָנען פריי און אומגעשטערט אַוועק צוריק אין קאָלאָן.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין יונגפרווילעכן וואַלד, וואָס איז בלויז איבערגעריסן געוואָרן דורך אונדזערע פּאָרזיכטיקע שטילע טריט אויף דער גאָר שמאָלער און געשלענגלטער סטעזשקעלע, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט אַ גראָ־בער און ווייכער דעק פון די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, בלומען און פרוכטן פון קדמונים־אָן. אַן איבערגעשראָקענע סאָווע האָט זיך אַ ריס געטון פון איר סטראַטעגישן צווייג מיט אַן אויסטערלישן געשריי: הו־האַ, הו־האַ! ווי אַן ס.אָ.ס.־צייכן. אַ האָז איז ווי אַ וויכער, כמעט צווישן אונדזערע פיס, אַ צעמישטער און צעטומלטער אַנטלאָפן פון אַ געפערלעכן שונא. איבערגעראַשטע מאַלפּעס, וואָס זענען מיט אַ ווילדער געקוויטשעריי געשפּרונגען פון צווייג צו צווייג און פון שפּיץ צו שפּיץ, זענען אַנטלאָפן ביז הויך אויף די צעצווייגטע קאַפּעלושן פון די ריזיקע טויזנטיעריקעביימער...

ביי אַ שעה צייט האָט געדויערט אונדזער גאַנג אין דופּטיקן וואַלד, וואָס האָט געוויעט מיט בלומען און פרוכטן, מיט לאָרבער און אייקאַליפּטן, מיט יאַלאָ־וויעץ און סאָסנעס, ווו די לבנה האָט נאָר ווו־נישט־ווו געוואַגט אַריינצושיקן אַ זילבער פּעדימל צווישן די זאַגאַניק־ביימער און הויכע שאַרפע גראָזן, ביז מיר זענען אַרויף אויף אַ שטיקל גלייכן און נישט שטאַרק באַוואַלדיקטן פּלאַץ, און באַלד אויף אַ שטיקל פעלד פון אַ צוויי הונדערט אויף אַ טויזנט מעטער, ווו עס געפינט זיך דאָס דאָרף פּוטשיטשאַקי. אַז די איינוווינער האָבן פונדערווייטנס דער־זען גיין פיר באַוואָפנטע מענער און דערצו אין ציוויליזירטע קליידער, האָבן אַלע קריגס־פעאיקע מענטשן זיך אויסגעשטעלט אין אַ טאָפּלטער ריי, באַוואָפנט מיט געווער פונעם פרימיטיוווסטן פייל־ און בויגן ביז אַ מאָדערנער יאַגד־ביקס, גרייט אָפּצושלאָגן אַ ציוויליזירטן איבערפאַל...

נאָר דאָ האָט דער סאַאַגילאַ נעלע קאַנטוקי אַריינגעשטעקט אין מויל דעם גראָבן פינגער און דריי מאָל אַ פייף געטון, און נאָכדעם עפּעס אַ געשריי געטון אויף זייער דיאַלעקט. די אינדיאַנער, דערקענענדיק ווער דאָס איז, זענען געפאַלן כורעים מיט די פּנימער צו דער ערד, צו באַגריסן די הויכע געסט.

ס׳איז געווען וועטשערע־צייט, און אַלע אינדיאַנער פון פּוטשיטשאַקי זענען געזעסן אויף געפלאָכטענע בענקלעך, אָדער קלעצלעך פאַר זייערע „הייזער" און געגעסן עפּעס, וואָס האָט מיר פאַרדרייט אין נאָז אַזוי ווי שטאַרקע גאָרטשיצע.

די אָרעמקייט פון די אָרטיקע תושבים איז אַ גרויליקע. לויט די אָרטיקע געוווינהייטן, זענען די קינדער אַרום די היימען אומגעלאָפן פולשטענדיק נאַקעטע. נאָר די דערוואַקסענע מענטשן, וואָס זענען יאָ געווען האַלב־אָנגעטון, זענען ממש געגאַנגען אין צעריסענע שמאַטעס.

מײַן האַרץ האָט זיך מיר געוואָרפן פאַר רוגזה און פּראָטעסט קעגן דעם לײַכט־זיניקן און איבערגעטריבענעם לוקסוס, פּרעסערײַ און פאַרשווענדערישקייט פון די ציוויליזירטע ווײַסע מענטשן אין די שטעט פול מיט עלעקטרי פון איין זײַט און אָרעמקייט, הונגער און נויט, שמוץ און אומוויסנקייט פון די אַזוי גוטע אינ־דיאַנער. דער הילוך פון די פּוטשיטשאַקיער האָט געקאָנט מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז מײַנע פּירערס, מײַנע גוטע באַגלייטער האָבן מיך פאַרראַטן, און אָנשטאָט מיך אַרויסצופירן פונעם בראשית־וואַלד און מיך צו באַפרײַען פון די שכורע שוואַרצע און ווײַסע שפּיאָנען, האָבן זיי מיך גאָר אַרײַנגעפירט אין אַ קאַניבאַלן־דאָרף.

פּרימיטיווע אינדיאַנער פון די סאַנבלאַסער אינדזלען
אין ציוויליזירטע מלבושים און מיט גרויסע נאָזרינגען

קליינע הײַזקעס פון אַ צווייַ מעטער די הויך, אַלע כמעט פון בלאָטע, אין איין גלײַכער שורה, נאָר מיט זייער אַ שמאָלן אָפענעם אַרײַנגאַנג, וואָס ווערט אויף בײַנאַכט פאַרשטעלט מיט אַ ברעט פון געפלאָכטענע פּאַלמען־פּעדים. אַנדערע הײַזקעס האָבן צומאָל דאָס אויך נישט. בלויז פיר גרעבערע דרענגלעך, אויף וועלכע עס איז איבערגעצויגן אַ דאַך פון רײַזיקע באַנאַנען־בלעטער, אָדער שאַרפּ־גראָז, אַזוי ווי דער סכך איבער אונדזערע היימישע סוכות, אָדער ווי אַ חופּה, נאָר ווי אַ באַשיצונג קעגן דער שרעקלעכער זון. זיי דינען אויך ווי אַ שירעם אין די מאָנאַטן פון יאָר פון כסדרדיקע רעגנס.

דאָס אויפנעמען אונדז איז געווען פּונקט אַזוי ווי בײַ די ציוויליזירטע: ווידער עסן און זויפן, נאָר אָן די חניפהדיקע דרשות, וואָס נודיען אָפּטמאָל ביז חלשות.

דער מאַלצייט דאָ איז שוין נישט באַשטאַנען פון פריש פלייש און פיש, ווייל זיי האָבן נישט דערוואַרט זייערע געטלעכע סאַאַגילאַס. דערפאַר איז די וועטשערע באַשטאַנען פון געבראָטענע שילדקראָטן און אַנדערע קליינע חיהלעך און פייגע־לעך, שוין פון עטלעכע טעג צוריק געשאָסענע, דערפאַר שוין פול מיט ווערים. האָט עס טאַקע פון די געשמאַקע „פאָטראַוועס" געאַווירט אַ שרעק, און זיי האָבן געמאַכט, אַז איך זאָל ניסן בעסער, ווי פונעם שטאַרקן שמעקטאַבאַק, וואָס מיין זיידע ר' גדליה פלעגט נוצן. נאָר מיינע הימלישע סאַאַגילאַס האָבן זיך מיט די מאכלים געקוויקט בעסער ווי מיט דעם געשמאַקסטן אינדיק „אַ לאָ ספּיעדאָ".

— דו נאַרישער פלאָקן וואָס דו ביסט, די ווערימלעך זענען דאָך פון דעם זעלבן פלייש, פונקט אַזעלכע ווי די ווערים פון קעז, וואָס דיינע ציוויליזירטע עסן מיט אַזוי פיל אַפּעטיט. און דו, פריינט, ביסט נישט אַהין און נישט אַהער. נישט דו ווילסט עסן ווי אַן אינדיאַנער, נישט דו ווילסט עסן ווי אַ ציוויליזירטער, און קלעפּסט ממש צו די אונטערדריקטע אינדיאַנער מאַסן... — האָט מיט אַ פול מויל אַווירדיק סאָווע־פלייש צו מיר געזאָגט מיט שפּאַסיקער תרעומת דער גוטער קאַטוקורריקאַ.

נאָך דעם פיינעם פליישיקס האָב איך פאַרביסן מיט געבראָטענע באַנאַנעס, צאַרטע קאָקאָס־ניס, און פאַרטרונקען מיט גאָר אַ פיינעם שנאַפּס, שטאַרק ווי פּאָליטור־בראָנפן, ווען נישט וואָלט איך געוועסט אָפּגעבראָכן מיין מאַמעס מילך...

אַזייגער עלף ביינאַכט האָט מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראָטשי פאַראָרדנט מאַר־שירן צום ים, כדי מיך אָפּצופירן צוריק אין קאַלאָן.

בכדי אָבער צוצוקומען צום ים, האָבן מיר ווידער געמוזט גיין איבערן גע־דיכטן וואַלד, איבער וועלכן די כשופמאַכערין פונעם ישוב האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פול מיט די בייזסטע חיות, ווי יאַגואַרן, פּומאַס, ווילדע קעץ, וועלף און בערן; אַלערליי שדים, טייוואָלים און סתם נישט־גוטע, און פון הימל אַראָפּ־געוואָרפענע נשמות פון די אַמאָליקע שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן, מערדער, פרומע רויבער, אויסגעלאַסענע פרויען, וואָס בלאָנדזשען איצט אַרום אויף דער זינדיקער וועלט. צוליב זייערע שרעקלעכע זינד קעגן די אָרעמע אינדיאַנער האָבן זיי די אינדיאַנישע באַשיצער אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, ביז דער גוטער גאָט פון הימל, ערד און וואַסער וועט זיי מוחל זיין און געבן אַ תיקון.

אָבער טויזנטער און מיליאָנען נשמות, ריינע, כשרע נשמות פון די אינדיאַ־נער, וואָס די בלוטדורשטיקע שפּאַניאָלן האָבן אויסגעהרגעט, נשמות פון אַלטע און יונגע, בתולות און זויג־קינדער, זענען מחנותווייז אַראָפּגעקומען פון הימל, זיי זאָלן נישט דערלאָזן, אַז די אויסגעוויקטע אין אינדיאַנער בלוט נשמות זאָלן זיך קאָנען אויסלייטערן און קריגן אַ תיקון...

דערפאַר, הייסט עס, זענען אין אורוואַלד פאַראַן אַזוי פיל שלאַנגען, אַלאַקראַ־נען, שפּינען און יאַשטשערקעס מיט קראָקאָדילן. דאָס זענען די נשמות פון די שפּאַנישע רוצחים, וואָס זענען אפילו פון גהינום פאַרטריבן געוואָרן...

דערפאַר טאַקע בייסן נישט אָט די אַלע מזיקים קיין אינדיאַנער, נאָר בלויז ווייסע, ווייל זיי ווילן זיך איצט חנפענען צו די אור־איינוווינער, כדי שנעלער אויסגעלייזט צו ווערן פון זייער ערדישן נע־ונד זיין...

נאָר זיי, די געדרודפטע אינדיאַנער, וועלן די שפּאַניאָלן קיינמאָל נישט מוחל זיין פאַר זייערע אכזריותן. אויף דור־דורות, ביז אין דער אייביקייט אַריין, ביז די זון וועט אַראָפּקומען און הערשן איבער דער געלייטערטער וועלט. יאָ, ביז די זון וועט צוריק ווערן די הערשערין איבער דער גאַרער וועלט, און וועט הערשן מיט דער זעלבער פּראַכט, ווי דאָס איז געווען איידער די שפּאַניאָלישע טייוואָלים אין מענטשן־געשטאַלט זענען געקומען און האָבן פאַרפּעסטעט מיט זייערע זינד די שיינע אַמעריקאַנער ערד...

וועלנדיק אויסמיידן די אָן אַ צאָל זומפּן, האָב איך צוליב אַ פאַלשן טראָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַן אַרויסגעשטאַרצטן וואָרצל און געפאַלן, און ווען נישט קאַטוקורריקאַ, וועלכער האָט מיר געהאָלפן זיך אויפשטעלן, ווייל איך האָב מיר גאָר שטאַרק צעקלאַפּט די קני, וואָלט איך דאָרט מסתמא אויפגעפרעסן געוואָרן פון די שלאַנגען און קראָקאָדילן.

די גרוילנדיקע מעשיות, וואָס די כשופמאַכערין און מיינע סאַגילאַס האָבן מיר אָנדערציילט, האָבן מיך אַזוי באַווירקט, אַז אינעם מאָמענט פון פאַלן אי־בער אַ וואָרצל, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון אַלע זייטן האָבן זיך צו מיר אַ לאָז־געטון די בייזע נשמות, שדים און רוחות רעות מיך צו פאַרצוקן...

— ווייסטו כאַטש, ווייסער ב׳ אַמעריקאַנער, וואָס זיי האָבן געטון אין פּאַנאַמאַ, דיינע שפּאַניאָלן? — האָט מיך געפרעגט מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראַטשי.

— באַלבאָאַ, וועלכער ווערט פאַררעכנט אַלס דער בעסטער פון די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן־רויבער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפריינדעט מיטן געט־לעכן קאַציק פּאָנקאַ, וואָס האָט אים געשאָנקען זעלטן־שיינע גאָלדענע צירונג און פולע זשמעניעס עכטע פּערל, אים איבערגעגעבן צו די שרעקלעכע אַלאַנאָס־הינט, וועלכע האָבן פּאָנקאָן מיט נאָך דריי זיינע מקורבים אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט. באַרטאָלאָמע קאָלאָן, דער ברודער פון קריסטאָבאַל קאָלאָן, האָט נאָכן באַפריינדן זיך מיט דעם אָנגעזעענעם רייכן קאַציק קיביאַן, אויסגעראָטעט דאָס גאַנצע דאָרף, ווו עס איז געווען קיביאַנס רעזידענץ, אויסגעשאָכטן אַלטע לייט און קינדער. און צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך אויסגענוצט קיביאַנס צוטרוי און אים געפאַנ־גען מיט נאָך פופציק מענטשן פון זיינע מקורבים, זיי געבונדן הענט און פיס, אַרויפגעוואָרפן אויף אַ שיף און געוואָלט זיי פירן אַלס טראָפּיי קיין שפּאַניע.

די געטין דאַבאַיבאַ, וועלכע האָט געשאַפן די זון, לבנה און שטערן, הימל און ערד, חיות און פייגל, און פיש אין די וואַסערן, און זי האָט אויך באַשאַפן דעם מענטש, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן אינדיאַנער, האָט אַזוי געזאָגט צו אירע קינדער, די אינדיאַנער:

„קינדער מיינע, טייערע אינדיאַנער, איר זענט דאָך פלייש פון מיין פלייש, בלוט פון מיין בלוט, און ביינער פון מיינע ביינער. איר זענט דאָך אַלע ברידער, מחמת איר אַלע קומט דאָך אַרויס פון מיין טראַכט. זעט זשע, קינדער מיינע, צו זיין גוטע, זיך ליב האָבן איינער דעם צווייטן, און ליב זאָלט איר האָבן יעדן מענטש, פונקט ווי זיך אַליין, פונקט ווי איך האָב אייך ליב, מיינע קינדער...

— די ערד, לופט און וואַסער האָב איך געשאַפן פאַר די מענטשן. זי איז דעריבער פריי פאַר אייך אַלעמען. זי איז אַלעמענס, אָדער קיינעמס נישט, מחמת איך בין די איינציקע באַלעבאָסטע איבער דער ערד און וואַסער, הגם איך וווין אויבן, הויך אין די הימלען...

— געדענקט זשע, זייט גוטע, טוט קיינעם נישט קיין שלעכטס, וועט איר האָבן עסן צו דער זעט, פלייש און קליידונג פון די חיות, פייגל און פיש. ווי אויך דאָס זעלבע פון דיביימער, תבואות, גראָזן און קרייטעכצער.

דערפאַר טאַקע האָבן די פאַלשע מענטשן, די שפּאַניער, באַזיגט די אינדיאַנער, הגם די אינדיאַנער זענען געווען טויזנט מאָל מער, מחמת זיי האָבן געמיינט, אַז די שפּאַניער זענען אַזעלכע גוטע ווי זיי, און זיי האָבן מיט צוטרוי זיך איבערגעגעבן צו די בייזע ווייסע מענטשן וואָס זענען אין דער אמתן גאָר בייזע שדים, — האָט אונטערגעכאַפּט נעלע קאַנטוקי.

— די געטין דאַבאַיבע, זעענדיק איר ליבן אינדיאַנער קאַציק קיביאַנען אין געפענקעניש אַ געקייטלטן, האָט זי מיט איר געטלעכער מוטער־ליבע אים געהאָלפן אַנטריגען פון דער שיף. ער איז צוגעשווומען צו זיין לאַנד, נישט ווערנדיק געשטערט פון די שרעקלעכע הייפיש, און ער האָט גענומען אַ ביטערע נקמה פון די שפּאַניער, וואָס האָבן באַזעצט די היימען פון די אויסגעשאָכטענע אינדיאַנער.

— און באַלבאָאַן האָט די גוטע געטין דאַבאַיבע איבערגעגעבן צו פּעדראַריאַסן, באַלבאָאַס שווער, נאָך אַ גרעסערן אכזר. און ער האָט דעם איידעם געקעפּט, נאָכדעם ווי ער האָט אַ צייט געהאַלטן אים אין געפענקעניש און אים געפייניקט, פונקט אַזוי ווי באַלבאָאַ פלעגט פריער פייניקן די אינדיאַנער...

— נו, ווייסער! ווען די שפּאַניער זענען אַזעלכע האַרצלאָזע רוצחים צווישן זיך, קאָנסטו שוין זיך פאָרשטעלן, ווי זיי זענען געווען לגבי די שוצלאָזע אינדיאַנער. אָבער די גוטע געטין דאַבאַיבע האָט פון זיי אַלעמען נקמה גענומען... (ד״ר פּיטיער אין זיין „נאַציאָנאַל געאָגראַפיק מאַגאַזין״ זאָגט עדות וועגן די רציחות פון די קאָנקיסטאַדאָרן).

מיין געפּעק, אין באַשטאַנד פון אַ גרויסער וואַליזע און צווי קלענערע, האָבן געטראָגן דריי האַלב־נאַקעטע אינדיאַנער, וועלכע האָבן קיין מורא נישט געהאַט פאַר גאָרנישט, נישט פאַר די גיפטיקע שלאַנגען און שפּינען, נישט פאַר די כמאַרעס פליגעלעך און זשוקעס מכל המינים, נישט פאַרן שאַרפן גראָז, און אויך נישט פאַר די נע־ונדע נשמות, וואָס זענען, לויט דער כשופמאַכערין און מיינע כאַאַגילאַס, געווען פול אויף יעדן שפּאַן...

ענדלעך זענען מיר צוגעקומען צום שטיינערנעם ברעג, וואָס ווערט געוואַשן פון די שוימיקע כוואַליעס פון דעם תמיד בייזן אַנטיליען־ים.

אויפן ים איז געווען אַ שטורעם, און דאָס געראַוש און געפּילדער פון די ריזיקע כוואַליעס איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַזוי אויסטערליש מעכטיק, אַז דער גאַנצער ברעג האָט געציטערט. די פּעטש, וואָס די כוואַליעס האָבן זיך געגעבן, און באַלד נאָכדעם זיך פאַראייניקט אין איין גרויסער ריזן־כוואַליע, און געשטורעמט דעם ברעג, האָבן אָפּגעהילכט אין דער ווייט, אַזוי ווי עס וואָלט געדונערט, אָדער באָמבאַרדירט געוואָרן דורך שווערער אַרטילעריע.

— אָט דאָ אַ וועסטו פאַרבלייבן אויף אַ צווי שעה ביז מיר וועלן ביי אונדזערע פישערס נעמען אַ שיפל און צו דיר אַהער קומען, — האָט צו מיר געזאָגט מאַקראַ האַראַ. און דערקענענדיק אפנים מיין אַנגסט, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז אויף דעם אָרט איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן:

— האָב נישט קיין מורא פאַר קיין שום בייז באַשעפעניש, אויך נישט פאַר קיין שדים, טייוואָלים, נישט־גוטע וכדומה. דאַרפסט נישט מער ווי געדענקען ניין פולן הייליקן נאָמען, מאַקראַ האַראַ, פּירא האַראַטשי, פּוניטשיטשי פּיניאַ קאַ־קאַ, וועט שוין אַלץ גוט זיין. ווייל אַזוי ווי איך און אַנדערע הייליקע סאַאַגילאַס קומען זייער אָפט אַהער, ווי אויך די הייליקע כשופמאַכערין פון פּוטשיטשאַקי, וואָס קומט אַהער מיט דער אַלמעכטיקער געטין דאַבאַיבע, האָבן מיר מיט אונדזערע הייליקע שפּרוכן און הייליקן פייער, וואָס מיר מאַכן דאָ זייער אָפט פאַר אונדזערע קאָלעקטיווע סעודות, פאַרטריבן ביז שאול תחתיה אַלע בייזע חיות און רוחות רעות...

די ביקס האָבן זיי מיר איבערגעלאָזט, אַ חוץ דעם וואָס איך האָב געהאַט מיין געלאָדענעם בראַונינג מיט אַ פיינעם, האַלבמעטערדיקן קינזשאַל. און דאָך האָט זיך מיר כסדר געדאַכט, אין מיין ווילדער איינזאַמקייט אויף די שוואַרץ־גלאַנציקע פעלדזן, אַז איך ווער איבערגעפאַלן פון אַלע זייטן...

פון מיין יינגסטער יוגנט בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין פּחדן, און אויך נישט קיין אָבערגלויביקער. אפילו דאַן, בשעת איך בין געווען שטאַרק פרום און בלב ונפש געווען אַריינגעטון אין די הייליקע ספרים, פלעג איך מיט ספקות אויסהערן די שרעקלעכע מעשיות וועגן שדים און נישט־גוטע; איך האָב תמיד

געגלייבט אין מיין גבורה, אין „הידים ידי עשו“... דאָך האָבן די נאַרישע אינדיאַנער־מעשׂיות אויף מיין צעשרויפֿטן מוח אַזוי געווירקט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַרצע שפּיאָנען און האַלב־שוואַרצע פּאָליציי, אָדער סתּם גזלנים באַפֿאַלן מיך פֿון אַלע זייטן. פֿאַרוואָס איך האָב אַזוי געציטערט פֿאַר דער שוואַרצער פּאָליציי, ווייס איך נישט. איך האָב דאָך גאָרנישט געטון, חלילה, קעגן די געזעצן פֿון פּאַנאַמאַ און קעגן קיין שום געזעץ פֿון אַן אַנדער לאַנד, אָדער פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָדער קעגן קיין יחיד. מיר האָט זיך אפֿילו געדאַכט, אַז איך זע נישט נאָר די שוואַרצע פּאָליציי, וואָס לויערט אויף מיר, נאָר אויך די מיט הונדערטער יאָרן צוריק געשטאָרבענע קאָנקיסטאַדאָרן מיט זייערע שטאָלענע און קופּערנע פּאַנצערס און העלמען, די גרויסע שפּיזן, העק און שווערדן, זייערע פֿאַרבלוטיקטע הענט פֿון די שחיטות, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף די אַפּיקורסים, אינדיאַנער און יידן... ביי יעדן שאָל און טראַסק פֿון די צעררייצטע כוואַליעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז הונגעריקע יאַגואַרן, פּומאַס און בערן ברומען עס אַזוי. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס וואָיען בייזע וועלף. און ביים אָנבליק פֿון אַ ווייטן לענגלעכן שטיין, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז גאָר אַ הונגעריקער קראָקאָדיל...

דער שטורעם אויפֿן ים איז העפֿטיקער געוואָרן. די כוואַליעס וואָס אַמאָל גרעסער און העכער, און דער געפֿילדער — פֿאַרטויבנדיקער. אָט לויפֿט אַ ריזיקע כוואַליע. זי וועט דאַכט זיך די וועלט פֿאַרפֿלייצן... אין דעם וואַקסט אויס אַ צווייטע כוואַליע, וואָס שלינגט איין די ערשטע, און שוין גאָר גרויס און אָנגעשוואָלן, ווערט זי צעטראַסקעט דורך אַ דריטער כוואַליע, וואָס איז דער פֿריערדיקער נאָכגעלאָפֿן, און זי ווערט שוימיק צעשוומען נאָכדעם, ווי זי שלאָגט זיך אָן אין דעם שוואַרץ־שטיינערנעם ברעג...

דער ווילדער געבריל פֿון די כוואַליעס האָט אויסגעזען, נישט ווי זיי וואָלטן געווען פֿון וואַסער, ביטער־געזאַלצן ים־וואַסער, נאָר ווי מיליאָנען טאָן שטיינער וואָלטן פֿון אַן אומענדלעכער הויך מיטאַמאָל זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שטאָלענער וואַנט...

די לבֿנה, אין איר גאַנצער רונדקייט, האָט מיר אין רוים אויסגעזען ווי אַ שניי־באַל, וואָס איז ערטערווייז אַביסל באַפֿלעקט, און זי איז מיר דאַן אַ סך נעענטער געווען ווי תּמיד. דער מערקורי איז אויך געווען נעענטער צו דער לבֿנה, און דער מאַרס איז ווי אַן אייפֿערזיכטיקער פֿאַרליבטער ממש נאָכגעלאָפֿן דעם מערקורי — אַ געשעעניש, וואָס איז מיר אין יענע מאָמענטן געווען מיין איינציקע טרייסט.

דער ברעג דאָרטן איבערן ים־פּלאַץ איז ביי אַ פֿופֿצן מעטער די הייך, און דאָך האָבן די כוואַליעס מיט זייער גוואַלדיקן אימפּעט געשפּריצט אַ סך העכער, און אָפֿטמאָל אפֿילו באַוואַשן אַ פֿיינעם שטח אַרום. איינמאָל בין איך אפֿילו גע־

ווען אין סכנה מיטצושווימען אין תהום אַריין. אַ מערכה וואָס איך בין געשטאַ־נען אויף אַ פּעלדז, וואָס איז געווען אַ צען מעטער העכער איבערן ברעג, בין איך דערפאַר ניצול געוואָרן.

אַ וועלט מיט יאָרן, האָט זיך מיר געדאַכט, האָט געדויערט מיין איינזאַמקייט. מיין איינציקע צעשטרייאונג איז געווען אַריינקוקן אין די לייכטנדיקע, שווימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן געשעמערירט און געבלישטשעט מיט מיליאָנען קאָלטע פּייערלעך פון טאַרנאַסאַל־קאָלירן.

און געטראַכט האָב איך אין יענע מאָמענטן שוין נישט פון יאַגוואַרן און קראָ־קאָדילן, נישט פון שלאַנגען און עסקאָלאָפּענדראָס, נישט פון פליי, וואַנצן און זשאַבעס, אין וועמענס גופים עס זיצן די נע ונדע נשמות פון די אכזריותדיקע קאָנקיסטאַדאָרן, אויך נישט פון די שרעקלעכע ים־מאָנסטערס, וואָס האָבן מיר פון תהום אַרויס געוויזן זייערע גרויסע און באַוואָפנטע פּיסקעס. איך האָב אויך נישט געטראַכט פון דער מעכטיקער שיינקייט פון די פאָספאָריזירנדיקע ים־כוואַ־ליעס, נאָר פון מאַקראָ האַראָ פּיראָ האַראַטשי.

אין מיין אַנגסט און פאַרצווייפלונג בין איך מאָמענטנווייז געווען איבערצייגט, אַז דער אינדיאַנער שופט איז דורך די פאַנאַמער שפּיאָנען אַריינגענאַרט געוואָרן אין אַ נעץ, און ווער ווייסט, צי האָבן זיי אים שוין נישט דערשאָסן צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער?...

אַן אינדיאַנער האָט דאָך נישט קיין שום ווערט ביי די מאַכטהאָבער — האָב איך געטראַכט — דעם אינדיאַנער, פּונקט ווי דעם ייד, מעג מען ראַבעווען, שענדן און הרגענען... דער אינדיאַנער, פּונקט ווי דער ייד, ווערט פאַרפאָלגט צוליב זיין גלויבן, ראַסע און עטיק. בייביידן האָט מען צוגעגזלט די ערד, ביידע, דער אינדיאַנער ווי דער ייד, האָבן קיינמאָל נישט געזוכט קיין מלחמות.

וואָסער אויסטערלישער צוזאַמענטרעף פון גורלות!...

בשעת איך האָב אין דער אַרויפגעצווונגענער התבודדות, אין דער פּחדפולער איינזאַמקייט, פאַרגעסן אין זיך זעלבסט, און אפילו פאַרגעסן אין דער אימה, וואָס האָט אינוואַדירט מיין נשמה, האָב איך פּלוצלינג דערזען אויף דער וואָר צוויי ריזיקע מאַרסאָפּלאָס, וואָס זענען איבערגעפאַלן געוואָרן פון פינף הייפיש.

די מאַרסאָפּלאָס האָבן געקעמפט ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע ים־מאָנסטערס, בעת דער ים האָט זיך קאָנוולסיוו געהוידעט, זיך געוויגט מיט אַן אויסערגעוו־וועגלעכן שטורעם. אָט הויבט זיך אויף אַ כוואַליע קלאַפטער־הויך, געפאַרבט מיטן בלוט פון אַ צעשטיקלטן הייפיש, און אָט ווערט צעריסן און אויפגעפרעסן איין מאַרסאָפּלאָ. די שוימענדיקע, שימערירנדיקע כוואַליעס בלישטשן רויט, ווי מיליאָנען רובינען וואָלטן אויף זיי אַרומגעשווומען. די גיגאַנטן קעמפן אויף די כוואַליעס, וואָס הויבן זיך, יאָגן איבער איינע די צווייטע און פאַטשן מיט פאַר־

טויבנדיקער געטראַסקעריי דעם שטיינערנעם ברעג, וואָס איז שוין אויך באַלד געפּאַרבט אויף רויט פון דעם קאַלטן בלוט פון די תנינים הגדולים. די פיר הייפיש און דער איינציקער מאַרסאָפּלאַ פּאַטשן מיט די פליישיקע עקן און פלוספעדערן דעם רויט־געפּאַרבטן שוים. אָט איז נאָך איין הייפיש צעריסן געוואָרן דורך די שרעקלעך־שפּיציקע און מעכטיקע ציין פונעם העלדישן מאַרסאָפּלאַ. די שוימיקע כוואַליעס זענען נאָך רויטער געוואָרן, און מיר דאַכט, אַז דער גאַנצער ים איז שוין נישט פון וואַסער, נאָר פון בלוט, נישט פון קאַלט בלוט, נאָר פון זודיקן בלוט פון מיליאָנען יידן און אומשולדיקע אינדיאַנער, וואָס זענען אויסגעמאָר־דעט געוואָרן דורך די פרומע און גאָטספּאָרכטיקע קריסטן אין משך פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר, בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען געווען פון אַן אַנדער גלויבן. דער איינציקער לעבנגעבליבענער מאַרסאָפּלאַ קעמפט נאָך מיט די דריי צערייצטע הייפיש. ער פּאַטשט מיט זיין שרעקלעכן עק, ער בייסט. אָט האָט ער ביי איין היי־פיש אויסגעריסן אַ פלוספעדער מיט אַ שטיק פלייש. די אַנדערע צוויי הייפיש, צוזאַמען מיט דעם טויטלעך־פאַרוווּנדעטן, טוען זיך אַ וואָרף אַנטשלאָסן, און מיט אַ שרעקלעכער רציחה אויפן אָפּגעשוואַכטן מאַרסאָפּלאַ, און צערייסן אים אויף שטיקער...

ערשט דאַן הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישן די צוויי לעבנגעבליבענע הייפיש: יעדער פון די מחבלים ווילן געניסן פונעם צעריסענעם מאַרסאָפּלאַ. דער קאַמף ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס ביידע בלייבן שווימען מיט אויפגעריסענע בייכער אַרויף...

אינדעם איז אָנגעקומען אַ גרויסע כוואַליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אי־בערן ברעג און אַרויפגעוואָרפן גאַנצע טאָנען פון די צעריסענע מזיקים, און אויך דעם פאַרוווּנדעטן נאָך לעבעדיקן הייפיש, וואָס כאָטש ער האָט געהאַט אָן אַרויסגעריסענעם פלוספעדער מיט אפשר אַ פּוד פלייש, האָט ער נאָך אָבער געהאַט געגנוג כוח, מיט איין פּאַטש פון זיין פליישיקן עק אָוועקצוהרגענען אפשר אַ האַלב טוץ אַזוינע ווי איך...

באַלד נאָכדעם איז דער ים רואיקער געוואָרן, — משמעות דער ים האָט נישט ליב קיין טויטע, הגם ער אַליין איז דער שוידערלעכסטער רוצח, וואַרפט ער אָבער אַרויס די נישט זיינע הרוגים. אין אַ ווײַלע אַרום, נאָכדעם ווי דאָס וואַסער איז צוריקגעלאָפן אין ים־שויס אַריין, און די ים־קאָנוולסיע איז לגמרי דורך, בין איך אַראָפּגעקראָכן פונעם הויכן שטיין, אויף וועלכן איך בין געשטאַ־נען די גאַנצע צייט, פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צום פאַרוווּנדעטן הייפיש און אַריינ־געשאָסן אין זיין ריזיקן קאָפּ פינף קוילן פון מיין יאַגד־ביקס.

— וואָסער העלדישקייט האָב איך דאָ אויפגעטון? — איך האָב מיט די קוילן דערהרגעט אַ קעגנער, אַ הייפיש, טאַקע אַ מערדער, אַ שרעקלעכן מחבל,

אָבער דאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַ פאַרוווּנדעטן, וואָס האָט זיך געפונען נישט אין זיין סביבה, ד"ה נישט אין ים... בין איך אַמאָל נישט באַגאַנגען אַ זינד? — האָב איך געטראַכט.

נאָכן פאַרענדיקן מיטן פאַרוווּנדעטן הייפיש האָב איך נאָך צוגעוואַרט אַ פּאָר מינוט, און זייענדיק זיכער, אַז דער מחבל איז שוין טויט, האָב איך אים אָפּגעמאָסטן, און געזען, אַז ער האַלט אַכט מעטער מיט פינף און צוואַנציק סענטימעטער אין דער לענג און איז איבער אַ האַלבן מעטער דיק, אַראָפּצו, נידעריקער פון קאָפּ.

בשעת איך האָב געהאַלטן אַזוי אין באַטראַכטן דעם שרעקלעכן טויטן מחבל, און געטראַכט ווי אַזוי אים איבערצומעסטן אינדערמיט פון זיין לענג, האָב איך פּלוצלינג דערפילט אַ שטאַרקע ברוטאַלע האַנט אויף מיין אַקסל.

אַן איבערראַשטער האָב איך דערזען פאַר זיך פיר איבערגעוואַקסענע יונגען, צוויי ווייסע און צוויי פעך־שוואַרצע, יענקישע, אָדער יענקיזירטע שפּאַנען אָדער קאָנטראַבאַנדיסטן.

— קע אַסע אוסטעד אַקי (וואָס טוט איר דאָ)? און אין ווּעמען האָט איר עס אַריינגעשאָסן גאַנצע פינף מאָל?... האָט מיך געפרעגט אַ ווייסער, אין דער שפּאַנישער שפּראַך מיט אַ יענקישן אַקצענט. דערנאָך האָט מיך גענומען אויפן צימבל אַ שוואַרצער, וואָס האָט אויסגעזען ווי דאָס יידישע „שוואַרץ־יאָר". די אויגן האָבן ביי אים געבלישטשעט ווי אַ ביי אַ הונגעריקער פּאַנטערע, און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָבן זיי מיך גענומען שלעפּן ווי אַ וואָלגאַרן פאַרברעכער אין וואַלד אַריין. טיף אין וואַלד האָבן זיי מיך פאַרשלעפּט און דאָרט מיך פאַרשפּאַרט אין אַ פּאָסטן־שטיבל, אָדער רויבער־ביידל, צי אפשר גאָר אַ קאָנטראַבאַנדיסטן־נאָרע...

די ביקס איז מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט נאָך דאַן, ווען די איבערפאַלער האָבן מיך געפאַנגען, און זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט הינטערן הייפיש. זיי האָבן מיך אגב נישט באַזוכט. צי דערפאַר אפשר, וואָס זיי זענען געווען לוט־שיכור. מיינע וואַליזעס האָבן זיי יאָ מיטגענומען.

— דו ביסט אַ קאָנטראַבאַנדיסט פון אָפּיום צי פון קאָקאַינאַ? און אפשר גאָר פון העראָינאַ? — האָט אַ משונהדיק־הויכער בלאָנדער יונג מיך געפרעגט, האַלטנדיק די רער פון זיין פּיסטויל ביי דעם לינקן שלייף פון מיין קאָפּ, — ענטפער שנעל און צו דער זאַך, ווייל טאָמער נישט וועט אַ פלעמעלע פון דעם „מאַשינדל" אָפּסמאַליען די גאָלדענע לעקעלעך פון דיין קאָפּ...

אויף מיין ענטפער, אַז איך בין נישט קיין קאָנטראַבאַנדיסט, האָט ער צוגענומען דעם פּיסטויל פון מיין קאָפּ און זיך פאַרמאָסטן אויף מיר מיט דער פויסט. דעם קלאַפּ האָב איך פלינק אָפּגעשלאָגן.

— איר ווייסט, חברה, דער הינטישער זון פון אַ גרויסער זונה מוז אוודאי זיין אַ באָקסער. ער האָט די האַנט מיר שיעור איבערגעבראָכן, — האָט דער שלעגער כמעט אַ וויינענדיקער געפּאָכט מיט דער האַנט ווי מיט אַ שמאַטע...

כל זמן מען האָט מיך נישט געשלאָגן, האָב איך נישט געפּרוווט זיך צו פאַרטיידיקן ווי ס׳דאַרף צו זיין, הגם מיין בראַנינג איז, ווי תמיד בעת מיינע וואַנדערונגען, געווען געלאָדן. אָבער דעם בראַנינג האָב איך געהאַט אינעם שיידל, דאַן ווען זיי האָבן זייערע רעוואָלווערן געהאַלטן איז די הענט. די מינדסטע באַוועגונג אַרויסצונעמען דעם רעוואָלווער וואָלט מיך געקאָסט דאָס לעבן. געהרגעט ווערן אַן קאַמף האָב איך נישט געהאַט קיין חשק, האָב איך געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו קאָנען אַרויסנעמען מיין „ציוויליזאַטער״, אָדער מיין קינדזשאַל, און דאַן ווייזן זיי ווער איז ווער. דער איבערגעוואַקסענער יונג האָט מיך שוין מער נישט אָנגערירט. די אַנדערע דריי שפּיאָנען האָבן אים נישט געלאָזט מיך שלאָגן, און אַלס לוין האָבן זיי געפאָדערט, איך זאָל זיי אָוועקגעבן, אָדער כאָטש פאַרקויפן דעם אָפּיום, קאָקאַינאַ אָדער הערױאינאַ, וואָס איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען.

— נעמט דעם קאָנטראַבאַנד וואָס איר וועט געפינען, — האָב איך צו זיי געזאָגט, דערלאַנגענדיק זיי די שליסלעך, וואָס האָבן נאָכגעהאָנגען אויף אַ קייטעלע פון דער קלענסטער וואַליזקע.

אין מיינע וואַליזעס האָב איך געהאַט, חוץ מיינע פּערזענלעכע זאַכן, אויך צוויי רעדוצירטע מענטשן־קעפּ, פּאַרקלענערטע אויף ווינציקער פון מיין פויסט. איין קאָפּ פון אַ פּאַרצייטיקן אוראַ־אינדיאַנער, און דער צווייטער — פון אַן איאָקוטשער קאַציקס אַ זון, עטלעכע פאַרשטיינערטע מענטשלעכע גלידער און ביינער פון פאַרצייטיקע באַשעפענישן, בילדער, סקולפּטורן און עקזאָטישע צעראַמיקן פון גרויסן היסטאָריש־פאַרשערישן ווערט, און אַנדערע זייער וויכטיקע זאַכן און כלים, וואָס איך האָב אין מיינע לאַנגע וואַנדערונגען צווישן די אינדיאַנער שבטים פון באָליוויע, פּערו, עקוואַדאָר און קאָלאָמביע צוזאַמענגעשלעפּט פאַר מזומן געלט, אַ חוץ מי און פּיין.

— עס אוסטעד און ברוכאָ (איר זייט אַ כשופמאַכער)! האָט זיך צעשריגן אויף שפּאַניש איינער פון די צוויי שוואַרצע, דערזעענדיק ביי דער שיין פון עלעקטרישן לעמפּל די צוויי רעדוצירטע מענטשן־קעפּ...

— אָ, יעס, יעס, יו אר א סארסערי, אַ קאַזשירער, אַ טעריבל וויזשאַרד (יאָ, יאָ, איר זייט אַ שרעקלעכער מכשף)! האָבן בײדע ווייסע זיך צערעוועט אויף ענגליש, אינגאַנצן טעראָריזירטע, און זיי האָבן מיך פאַרשפּאַרט אין פינצטערן בודקעלע אונטער אַ שלאָס.

אַן ערך דריטהאַלבן שעה בין איך געווען פאַרשפאַרט אין יענעם פינצטערן קאַרצער, ווו איך בין שיעור דערשטיקט געוואָרן צוליבן פעלן פון לופט. נאָר פלוצלינג האָב איך דערהערט אַ רעוועריי, עטלעכע זאַלפן, און דערנאָך אַ פאַרצווייפלט געראַנגל.

איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן, ווער מיט וועמען עס פירט אָט די מלחמה, ווי אַ מחנה פון אַ צוואנציק האַלב־נאַקעטע אינדיאַנער האָבן מיט העק צעפיצלט די טיר פון מיין געפענקעניש, און מיינעביידע סאַאַגילאָס, מיט קאַטוקורריקאַן בראש, האָבן מיך פון דאָרט אַרויסגענומען, מיך צוגעפירט צו דער לאָדקע, אויף וועלכער עס זענען געזעסן צוועלף סאַן בלאַסער אינדיאַנער מיט די וועסלעס אין די הענט, און זיי האָבן זיך, אין באַגלייטונג פון מאַקראָ האַראָ פיראָ האַראָטשי, נעלע קאַנטוקי און קאַטוקורריקאַן, געבראַכט צוריק אין קאָלאָן...

סעם גרין און מאַק ווייל וועלינגטאָן סטוטס שוטינג

כ׳בין שוין צוריק אין דער רווישיקער בבל־שטאָט קאָלאָן.

כ׳זע אַ שיין לוקסוסדיק גאַלאַנטעריי און אַנטיקן־געשעפט מיט אַ שרייענ־דיקער שילד:

— סעם גרין און מאַק ווייל וועלינגטאָן סטוטס שוטינג.

איך גיי אַריין און וויל עפּעס קויפן. וואָס הייסט, זיין אין דער באַרימטער פּאַנאַמאַ רעפּובליק און גאָרנישט קויפן פאַר מיין ווייב און קינד, פאַר מיין שיין און קלוג שרהלען? באַזונדערס, ווען איך דאָ אַלץ קריגן בחצי־חנם... דערויף איז דאָך קאָלאָן „אַ פריי״ האַפנשטאָט — האָב איך מיר געטראַכט — און אַ פרייער פּאָרט מיינט דאָך אוודאי, אַז אַלע סחורות קומען אַריין אָן שטייערן. האָב איך זיך געפרייט.

איך קויף טאַקע עטלעכע זאַכן ביי סעם גרין, אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, אַ שאַטינער מיט גרויסע, גרין־בלוילעכע אויגן, אַ שיין געטאָקטע סעמיטישע נאָז און מיט אַ ברייטן רבנישן שטערן, אַ מיטלמעסיק מויל פול מיט קינדערשע ציינדלעך, פּערעלעך ממש, און אַ לאַנגן „אוואַנטי״־ציגאַר אין מויל.

סעם גרין, טאַקע זייער אַ סימפּאַטישער, האָט אָבער געגעבן „געפּעפּערטע״ פּרייזן, און פאַר די מערסטע זאַכן האָט ער מיר אַראָפּגעלאָזט צווישן דרייסיק און פערציק פּראָצענט. דער שותף זיינער האָט מיר פאַר די זעלבע זאַכן נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן קיין איין סענט, און האָט רק געשריגן אויף ענגליש:

— איך גיב אייך מיין ענגליש וואָרט, אַז דאָס איז זייער ביליק. איך קאָן נישט אַראָפּלאָזן. איך קאָן נישט, איך פאַרקויף אייך ממש אונטערן קרן...

סעם גרין האָט זיך אויך געשוווירן, אַז ער קאָן נישט אַראָפּלאָזן, דאָך איז ער ווייכער געוואָרן און האָט מיר אַראָפּגעלאָזט.

ווי איך בין דערנאָך געוווּיר געוואָרן , איז סעם גרין געווען, ראשית, מאַק ווײלס אַ משרת, און מחמת זיין טאַקט, געשיקטקייט און ערלעכקייט האָט אים

דער קאַרגער מאַק ווייל תחילת צוגענומען פאַר אַ פערטל שותף, און מיט דער צייט פאַר אַ גלייכן שותף צום געשעפט. דאָס נישט וועלן אָפּלאָזן פונעם פרייז פונעם ענגלענדער איז אויך געווען נישט מער ווי אַ טריק, כדי דער צווייטער שותף זאָל שנעלער פאַרקויפן „אַלץ״.

ביים שרייבן מיר דאָס קבלה־צעטל האָט סעם גרין, דערהערנדיק אַז איך הייס פּאַרישעווסקי, מיך געפרעגט, צי איך בין אַ פּאָליאַק אָדער אַ ייד, און דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ ייד, האָט ער זיך פאַר מיר גלייך אויסגעגעבן, אַז ער איז אַ קישינעווער ייד, און הייסט שמואל גרינבלאַט, און אַז ער האָלט דאָס געשעפט בשותפות מיטן ענגלענדער שוין אַ צוויי יאָר צייט.

ביינאַכט נאָך אַ קינאָ־פאָרשטעלונג, ביי אַ קאַלטן גלאָז ביר, האָט סעם גרין מיר געענטפערט אויף מיין פראַגע וועגן קולטור־געזעלשאַפטלעכע ענינים און וועגן זיינע „ביזנעס״:

— הלוואי וואָלט דאָ אַזוי געווען אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, ווי דאָ זע־גען פאַראַן דאָלאַרן, פונטן, זלאָטעס, יענס, קראָנען, פעזעס און פעסעטאַס... געלט שאַר איך, פונקט ווי די אַנדערע יידן און נישט־יידן דאָ, ממש ווי בלאָטע, ווי מיסט... אָבער יידישקייט, יידישע קולטור דאַרף דאָ קיינער נישט... אָט דאָ, אין דעם דור הפלגה, בין איך שוין דאָ, זינט די מלחמה פון 1914 האָט זיך אָנגעהויבן. אָנפאַנג דעם יאָר 1914 האָב איך געשוואָרצט די גרענעץ און אַוועק פון צאַ־רישן רוסלאַנד. אָבער די עלף יאָר, וואָס איך בין דאָ, ווייזן זיך מיר אויס ווי אַכציק, אין דער קורצער צייט בין איך, פונקט ווי אַנדערע יידן, ממש אין אַן אייזל פאַרוואַנדלט געוואָרן. איך בין אגב דער איינציקער פון די עטלעכע און צוואַנציק אַנשטענדיקע יידן, וואָס זאָגט אויס דעם אמת, אַז איך בין אַ ייד. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס זאָג איך אויס בלויז אַ ייד. די נישט־יידן דאַרפן עס נישט וויסן. אַזוי פאָדערט פון מיר מיין שותף, מחמת אויך צווישן די נאָרד־אַמערי־קאַנער פעלן נישט אויס קיין אַנטיסעמיטן...

— די אַנדערע צוויי מנינים יידן, פוילישע, רומענישע, רוסישע — פון די ספּרדישע און דייטשע יידן איז אָפּגערעדט — זענען אַלע אַזוי פאַרקאָכט אין שמידן גאָלדענע רענדלעך, אַז זיי האָבן שוין באַלד פאַרגעסן זייער שורש...

— ביבליאָטעק, קינדער־דערציאונג, יידישע שפּראַך און אפילו רעליגיע האָבן אַלע שוין, דאַכט מיר, לאַנג פאַרגעסן. און גראָד די געוועזענע פרומע האָבן זיך שנעלער אָפּגעטרייסלט פונעם פינטעלע ייד, ווי די אויפגעקלערטע. מער ווי דעם עגל הזהב ווילן זיי נישט, און זיי מיינען, אַז מיט דעם פאַרלייקענען זייער יידישקייט מיט אַסימילאַציע און אפילו שמד, מיט געבן אויף קירכעס, פוטבאָל און פערדלעך, וועלן זיי אין אַן אומגליק און עת צרה זיך אויסקויפן פון די אַנטיסעמיטן...

די צרה איז אויך, וואָס דאָ זענען פֿאַראַן זייער ווייניק יידן און פֿרישע קו־מען נישט צו. בעת איך בין אַהער געקומען, בין איך געווען דער איינציקער אָנ־שטענדיקער ייד. די רעשט זענען געקומען נאָך דער מלחמה. די גרעסטע טייל זע־נען שוין געווען אין ב׳ אַמעריקע, ווו זיי זענען קאַליע געוואָרן אין יענעם הור־האָ, אין יענעם שרעקלעכן שמעלצטאָפּ...

צום גרויסן אומגליק זענען די איינציקע יידן, וואָס זענען פֿאַראייניקט אין אַ געזעלשאַפֿט, די טמאים. זיי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דער מאַכט, אַז זיי זענען עכט־פֿרומע און אָרנטלעכע יידן. זיי פֿראַווען אַלע יידישע ימים־טובים, פֿון ראש השנה און יום כפור איז דאָך אָפּגערעדט...

זיי, די פֿינצטערע טמאים, האָבן נאָך די חוצפּה צו טייטלען אויף די אָרנטלע־כע מיט די פֿינגער און שפּעטן פֿון אונדז, אַז מיר זענען די „וויטישע יאָלדן", גאָטלעסטערער, מחמת מיר האַלטן אָפּן די געשעפֿטן אין די ימים־נוראים, אַז מיר זענען אָן ערע און אָן אַ גאָט אין האַרצן...

שטעלט אייך פֿאָר דעם וויטיק, אַז אַ טמא זאָל אויף אייך טייטלען, אַז איר זענט אָן ערע און אָן אַ גאָט אין האַרצן, צוליב דעם, וואָס איר מאַכט נישט צו אייער קלייט אום ראש־השנה און יום־כפור, און איבערהויפּט ווייל איר גייט נישט דאַווענען אין זייער פֿאַרפּעסטעטער שול...

און שולדיק זענען מיר, די אָרנטלעכע סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס מיר האָבן זיי געלאָזט אויפֿהויבן זייער קעפּ, ווייל מיר פֿאַראייניקן זיך נישט אַלע, בעסאַראַבער, פּוילישע און ליטווישע יידן אין איין פֿאַראיין, און מאַכן נישט אַ סוף צו אָט די טמאים, דעם אָפּפֿאַל פֿון אונדזער פֿאָלק. אויך איך בין שולדיק, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט נישט אָנגעהויבן עפּעס צו טון אויף צו גרינדן אַ קול־טור־צענטער, אַ ביבליאָטעק, אַ שול, און אַלץ וואָס אַ קולטור־וועלטלעכער און רעליגיעזער ייד דאַרף האָבן פֿאַר זיין נשמה...

אַ סך האָט אויך צו זאָגן דאָס, וואָס דער קיבוץ איז דאָ נישט מער ווי עטלע־כע יאָר אַלט און איז אָפּגעריסן פֿון אַ קאָמפּאַקטן יידישן צענטער, און אויך דאָס, וואָס כמעט אַלע 24 אָרנטלעכע יידן דאָ זענען אַהער אָנגעקומען אָן די ווייבער, און די רעשט זענען בחורים דערווייל. איך אַליין האָב אַ ווייב מיט צוויי קינדער־לעך, זאָלן לעבן און געזונט זיין. זיי זענען שוין אין בוענאָס איירעס, און איך וועל זיי אַהער אין דער חמימה און שמעלצטאָפּ נישט אַריבערנעמען...

אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום וועל איך זיך באַזעצן אין בוענאָס איירעס, ווו איך האָב, אויסער ווייב און קינדער, נאָך משפּחה. איך קאָן שוין מער נישט לעבן ווי אַ וואָלף בלויז פֿאַר זיך, בלויז פֿאַרן גוף. לא על הלחם לבדו יחיה האדם. איך קאָן נישט לעבן אָן אַ יידישער צייטונג, זשורנאַל, אָן אַ יידיש בוך און אָן יידיש

טעאַטער. איך דאַרף האָבן אַ יידישע סביבה, און ציען ווייטער דעם המשך פון מיינע אבות, וואָס זענען פאַרבליבן דאָרט אין קעשענעוו ביים רומענישן עמלק.

נאָך גרעסער איז דער ווייטיק, וואָס אפילו די יידישע וועלט־שלוחים קומען צו אונדז נאָך קיין געלט אויך נישט. אַ סברה, אַז קיינער פון די יידישע פאָרשטייער ווייסט אפילו נישט, אַז דאָ זענען פאַראַן יידן,רייכע יידן, וועלכע לעכצן ממש נאָך אַ יידיש וואָרט, און וואַרטן בלויז מען זאָל קומען נאָך געלט: מעג זיין פאַר פּאַלעסטינע, צי פאַר איראָפּע, צי פאַר אַמעריקאַנער קולטור־געזעלשאַפטלעכע צוועקן...

אין דעם איז אַריינגעקומען אין קאַפע מיין נייעם פריינטס שותף, מאַק וויל וועלינגטאָן סטוטס. אַן אויסגעצוואָגענער, אַ גלאַט־ראַזירטער, אָנגעפּודערט און פּערפומירט, אין אַ גראָבן בלוי־וואָלענעם רעקל און לאַנגן שפּיציקן וועסטל פון זעלבן שטאָף און קאָליר און מיט זייער ברייטע פראַנעלענע ווייסע הויזן; אַן איינגעלייגטער שטייפער קאָלנער מיט לאַנגע שפּיצן, אַ גראָבער שטעקן פון קירשן־האָלץ מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ פון אַ בולדאָג אין האַנט. ער האָט זיך אָנידערגעזעצט לעבן אונדז, זיך מיט מיר זייער העפלעך, גאָרנישט ענגליש, באַגריסט, און האָט תיכף באַשטעלט אַ פלאַש וויסקי, סאַנדוויטשעס, פּיקלעס און לוקעסטרייק־ציגאַרן. באַלד האָט ער געהייסן דעם קעלנער צוברענגען נאָך סאַנדוויטשעס און צאָלרייכע צובייסעכץ.

— זאָגט מיר, סער, ווי געפעלט אייך דאָס אָרט, די געזעלשאַפט, און דאָס לעבן בכלל? — האָב איך אַ פרעג געטון מאַק ווילן באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלאָז ריינעם וויסקי. ער האָט נאָך מיין פראַגע ווידער אויסגעטרונקען צוויי גלעזער וויסקי, שוין מיט סאָדע, האָט פאַרביסן אַ סאַנדוויטש פון שינקע, נאָכדעם ראָקעפאָרט־קעז און געפּרעגלטע רויגן. נאָכן פאַררויכערן האָט ער קאָקעטיש איינגעשפּיגלט זיין צוויק־רויטן פּנים, אַ גלעט געטון זיין פיין־אָנגעגאָמירטע קאַשטאַנענע טשופּרינע. דאַן האָט ער זיך ווידער אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויסקי מיט סאָדע, און אויך מיך און זיין שותף מכבד געווען.

— איי אם דערסטי. איי אם ווערי האנגרי (איך בין דורשטיק, איך בין זייער הונגעריק), — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פול געפּאַקט מויל — איך בין געווען אויף אַ טעניס־פּאַרטי, און ליידער כסדר פאַרשפּילט, וועל איך דערפאַר עסן און טרינקען מיט מער אַפּעטיט... דו, שותף מיינער, טרינק און עס כל זמן דו לעבסט, און זאָג דיין פריינט, ער זאָל אויך עסן און טרינקען, וויפל נאָר זיין האַרץ גלוסט, וויסקי און צובייסן קריגט מען וויפל מען וויל נאָר, אַבי דו האָסט נאָר גענוג מאָני אין קעשענע... איך צאָל היינט, און מאָרגן וועסטו צאָלן, סעם, האָסטו געהערט?...

סעם האָט אים דערמאָנט, אַז איך האָב עפּעס געפרעגט. דער ענגלענדער האָט

ווידער אַ זופּ געטון פון זיין גלאָז, זיך נאָכאַמאָל אַ גלעט געטון זיין זעלטן־שיינעם קאָפּ האָר, און האָט אָנפאַנגען דברן:

— צו מיינע דריי און פערציק יאָר האָב איך נאָך אַזוינס נישט געהערט, אַז אַ נישט־ענגלענדער זאָל וואַגן צו פרעגן אַן עכטן ענגלענדער, ווי אַזוי ער פילט זיך, בעת ער פילט זיך אַלרייט... און אפילו ווען איך בין געווען אַן אָנגעשטעלטער, האָט מיך אויך קיינער נישט געוואַגט צו פרעגן אַזאַ שטותעריי... — האָט מאַק ווייל געריעדט מיט ענגלישער זיכערקייט. — זעט איר דען נישט דאָס גליקלעכע און זאָרגלאָזע לעבן דאָ? מאַני מאַכט מען דאָ ווייפל מען וויל נאָר אַליין... די שיפן פון דער גאַנצער וועלט פאָרן דאָ דורך, און פאַרן גרעסטן מיסט נעמט מען דאָ אויך אַ געהויבענעם פרייז, ווייל אַלע מיינען, אַז דאָ איז אַלץ ביליקער ווי אומעטום, מחמת די שטאָט האָט אַ פרייען האַפן. די וועלט איז גרויס, מענטשן אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַ סך, און יעדע רגע ווערט געבוירן אַ נייער שוטה, וועלכער וויל כאַפּן מציאות, פונקט ווי איר מיסטער מאַרקוס, און פאַלט נעבעך אַריין... די גויים זאָגן, אַז דער ייד איז אַ געניטער סוחר. ס׳איז אַ ליגן און אַ באַליידיקונג פאַר די ענגלענדער. קיין בעסערער און קליגערער סוחר ווי דער ענגלענדער איז נישטאָ און וועט נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט... די זאַך איז נאָר אָט וואָס: דער ייד אויף צוצוקומען צו געלט מוז אַרבעטן ווי אַן אייזל. ער שפּאָרט פון סענט צו סענט, ער פאַרגינט זיך נישט קיין שום לוקסוס. דערפאַר, אַז דער ייד פאַרקויפט גאָלד, זאָגט מען אַז עס איז מעש, און אַז דער ענגלענדער פאַרקויפט מעש, זאָגן די קויפער, אַז ס׳איז ריין גאָלד. דעם ענגלענדער גלויבט מען ווי קיין שום אַנדער פאָלק אויף דער וועלט. וויסקי קריגט מען דאָ ווייפל מען וויל, אַבי ס׳איז נאָר דאָ מאַני. מיידלעך קריגט מען אויך לויט דער קעשענע און גוטהאַרציקייט פונעם אַמאַטער... ביכער? צו וואָס דאַרף איך זיי? אַ ביבליאָטעק? זאָלן אַהין גיין די סריסים און די אַלטע מיידן. איך האָב שוין גענוג געלערנט און געלייענט אין ענגלאַנד, בעת איך בין געווען אַ ייִנגל. ווען מיר פאַרגלוסט זיך יאָ אַ בוך, קויף איך עס, לייען איבער און האָב דערנאָך איינצוּוויקלען וואָס איך פאַרקויף. באַזונדערס, גיי איך נישט שלאָפן, איידער איך האָב נישט איבערגעלייענט כאָטש איין קאַפּיטל פון דער הייליקער ביבל. דערויף בין איך דאָך אַן עוואַנגעלישער מעטאָדיסט פון דער ערשטער מעטאָדיסטן־קירכע... איך בין גליקלעך, איך האָב דאָ אַלץ וואָס אַ געזונטער און נאָרמאַלער ענגלענדער דאַרף האָבן...

איר פרעגט פּאָליטיק? זאָל זיך דער פרעמיער ברעכן דעם קאָפּ! זאָל דער ענגלישער מאַרקס, דער נאַרישער סאָציאַליסט און פוריטאַנער, מעקדאָנאַלד זיך ברעכן דעם קאָפּ. מעקדאָנאַלד, דער לאַבאָריסט, ער לויפט דאָך רק צו די „רויטע״, צו די רוסישע קאָמוניסטן, צו די גאָטלאָזע באָלשעוויקעס, און פונדעסטוועגן האַלט ער, מעקדאָנאַלד, אויך פון דער ביבל. און דערפאַר זעט ער אויס אין מיינע אויגן

ווי דער טייוול מיטן קרייץ אויף דער ברוסט, אָדער ווי אייערע פרויען־הענדלער מיט די ספר־תורהס...

מאַק וויל, כאַפּנדיק זיך, אַז ער האָט אונדז באַליידיקט מיטן זאָג: „אייערע פרויען־הענדלער״ — האָט ווי אַן אמתער דיפּלאָמאַט גלייך באַמיט זיך צו פאַר־גלעטן דעם שלעכטן איינדרוק:

— איך ווייס, מיסטער מאַרקוס, אַז די עטלעכע אויסוואורפן זענען נישט דאָס אויטענטישע יידישע פאָלק, איך ווייס, אַז קיין ריינער און מאָראַלישער פאָלק, אַ מער צניעותדיק ווי דאָס יידישע, איז גאָר נישטאָ. די שלעכטע פּראַזע האָט זיך ביי מיר נאָר אַרויסגעכאַפּט, מחמת איך הער אַזוי רעדן כסדר אין טעניס־קלוב, אין באַסקעט־באַל־קלוב, אין פוטבאָל־קלוב, און אין אַנדערע קלובן... איך קען די גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן און איך קען פּראָסטע יידן, ווי מיין שותף איז. און אַלע אָרנטלעכע יידן זענען אָרנטלעך, אָבער זיי דאַווענען קיינמאָל נישט. זיי גייען קיינער נישט אין סינאַגאָגע און נישט אין קירך אַריין. דערפאַר געפעלן מיר אַ סך פון די פרויען־הענדלער, ווייל זיי גייען יאָ אין סינאַגאָגע, און אַ סך פון זיי גייען אפילו אין יעדע היכלס, אין יידישן און אין פּראָטעסטאַנטישן. די אָרנטלעכע יידן טוען שלעכט, וואָס זיי דאַווענען נישט און גייען קיינמאָל נישט אין סינאַגאָגע, וואָס די רופיאַנעס האָבן. איר יידן טוט זייער שלעכט וואָס איר פאַרטרייבט פון זיך מענטשן, בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען רופיאַנעס. קיין פאָלק אין דער וועלט פאַרפאָלגט נישט אַזוי אַ רופיאַז, ווי עס טוען עס אייערע יידן, מיסטער מאַרקוס. דערפאַר האָב איך עס געזאָגט, ווייל איך האָב געוואָלט אָנרירן אייער אייגנליבע... נאָטינג מאָר (מער גאָרנישט).

מאַק וויל האָט שוין דערווייל אויסגערויכערט אַ גאַנץ פּעקל ציגאַרן, אויס־געטרונקען כמעט אַליין אַ ליטער וויסקי, אָבער ער איז נאָך אַלץ נישט געווען שיכור. וואָס מער ער האָט געטרונקען און גערויכערט, אַלץ באַרײדעוודיקער איז ער געוואָרן.

דער שווייס האָט זיך עמערוויז געגאָסן פון זיין שיינעם שטערן אויף דער ערד אַראָפּ, און די וויסקי פון פלאַש — צו אים אין גאָרגל אַריין.

— אָ, יעס, סער, — האָט ער פאַרגעזעצט נאָך אַ ווילע אידיליש פלוידערן מיט דער שיטערער זייטשישער קעלנערקע, מיט די פלאַקסענע האָר און חזירי־שע וויעס, — דער גרעסטער אומגליק אין דער וועלט זענען די רוסישע געגנס־מערס, די גאָטלאָזע באָלשעוויסטישע באַנדיטן: עס מוז קומען אַ מלחמה קעגן אָט דעם שרעקלעכן מאָסקאָוויטישן בער, וואָס האָט געוואַגט אויסצוהרגענען די גאַנ־צע קייזערלעכע משפחה, וואָס איז געווען פאַרוואַנדעט מיט אונדזער קעניגלעכן הויף, מיט אונדזער קעניגלעכער פאַמיליע...

— איז דאָס נישט קיין גרוילעכער פאַרברעכן? פון קירכעס האָבן די באָל־שעוויקעס געמאַכט טעאַטערס, ביבליאָטעקן, מוזעאומס און שולן. איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן קעגן דער מאָנאַרכיע און קעגן גאָט?



רואינען פון דער אַמאָליקער פּאַנאַמער קאַטעדראַלע
וועלכע איז צעשטערט געוואָרן דורכן ענגלישן
פּיראַט מאָרגאַן, אין יאָר 1671

— אַ פּשוטער זעלנער זאָל דעם גענעראַל זאָגן „חבר״, און זאָל זיך נישט אויסציען פאַר אים. איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן קעגן דער אָנגענומענער דיסציפּלין?... איז דאָס נישט לעכערלעך? אַלע דאָרט אין יענעם לאַנד זענען גלייך: אַ דאָקטאָר, אינזשיניער, אַדוואָקאַט, פילאָזאָף, גענעראַל, און אַרבעטער; אַ פּשוטער אַרבעטער איז דאָרט גלייך צו אַ געשולטן פּראָפעסיאָנאַל...

— איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן קעגן דער אָנגענומענער מאָראַל, קעגן מאָדוס וויווענדי?...

— קיין רייכע לייט זענען שוין דאָרטן, אין דעם קאָמוניסטישן באַרבאַרן־לאַנד, נישט פאַראַן. קיין געלט אויך נישטאָ, אויף אַזוי פיל, אַז קיין גנבים גע־פינט מען שוין מער נישט אין די גרענעצן פון דעם וויסטן לאַנד פון ווייסע, געלע און גרויע בערן. און ווי אַזוי זאָל דאָרט קאָנען לעבן אַ גנב, אַז פאַר גנבענען הענגען די באָלשעוויסטישע ריכטער אויף... און אַ חוץ דעם, נאָך וואָס זאָל דאָרט עמעצער וועלן זיין אַ גנב, אַז קיין זאַך איז דאָרט גאָרנישט ווערט, מחמת אַלץ געהערט דעם שטאַט, און קיינער וועט דאָך ביי דעם גנב סיי ווי נישט קויפן די

גנבה, מחמת קיינער האָט נישט מיט וואָס צו צאָלן. איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי קאָנען דאָרט מענטשן לעבן אָן געלט?...

— איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי נישט...

— איך פאַרשטיי נאָר איין זאַך, אַז געלט איז — אַלץ, די ביזנעס זענען — פאַר אַלץ. מיט געלט קריג איך אַלץ. אָט, איר האָט געזען די פלאַקסענע דייטשישע קעלנערקע? זי איז אַלט צוואַנציק יאָר און האָט בלויע אויגן, ווי דער מלאך רפאל, — זי האָט אויך ליב געלט... און אַז איך האָב אַ פולן בייטל מיט פונטן שטערלינגס אָדער דאָלאַרן, בין איך גוט געשטימט, איך בין שטאַרק און מעכטיק: איך טרינק דעם בעסטן וויסקי, רויכער די בעסטע ציגאַרן, און איך גענים פון לעבן. זינדיק איך? קויף איך אויס מיט געלט אַלע מיינע זינד. איך גיב אין יד אַריין מיין גלח, און ער פאַרגיט מיר אַלע עבירות. איך לייען דערנאָך איבער אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, און גאָט איז מיר אויך מוחל... האָסטו געלט, מעגסטו זינדיקן אַפילו ווי יודאַס איסקאַריאָט און ווערן דערנאָך אַ הייליקער, פּונקט ווי פּאַוול...

— דערפאַר פאַרשטיי איך טאַקע נישט מיין יידישן גוטן פריינט, מיין שותף — מיין איך. רק ער בענקט און בענקט, חלומט נאָך אַן אַנדער געזעלשאַפט, נאָך ביבליאָטעקן, קאָנפערענצן. פּונקט ווי ער וואָלט זיך געפונען ערגעץ ווו אין אַ מדבר... דאָ זענען אויך פאַראַן ביבליאָטעקן, טעאַטערס און קאָנפערענצן. ביסט דאָך נישט צווישן ווילדע — זאָג איך אים. האָסטו געלט אין קעשענע, קריגסטו אַלץ. און ער רק ער בענקט...

— יעס, יעס, סער. עס מוז קומען אַ מלחמה, אַ מלחמה פון אַלע קריסטלעכע פעלקער קעגן דעם באָלשעוויסטישן קלאַס, קעגן דעם אורס, וואָס איז אַרויס־געטראָטן קעגן דעם „מאָדוס וויוועגדי", קעגן דער געטלעכער עטיק און קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּרינציפּ...

— און פאַרגעסט נישט, סער מאַרקוס, אַז ווער עס פאַרטשעפּעט זיך מיטן קאַפּיטאַל און מיט גאָט, דער מוז האָבן אַ מפּלה!...

— און וואָס דענקסטו, מאַק־וויל, וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע? — האָט אים פלוצלינג אַ פרעג געטון זיין שותף, סעם גרין.

— אַ דעקלאַראַציע איז טאַקע אַ דעקלאַראַציע, פּונקט ווי אַלע דעקלאַראַ־ציעס און פאַקטן. אַ פאַקט צווישן איין מלוכה און דער צווייטער איז אַזוי לאַנג גילטיק, ווי לאַנג עס איז נויטיק. געפינט אָבער אויס דער אויסערן־מיניסטער, אַז דער פאַקט לוינט מער נישט, דענונסירט מען אים און — פאַרטיק, אויס פאַקט. דאָס זעלבע איז מיט אַ דעקלאַראַציע. לוינט עס, ווערט עס פאַרווירקלעכט, אלא, נישט, איז אָדער די דעקלאַראַציע ווערט דורך אַ צווייטן מיניסטער אַנו־

לירט, און אויב נישט, ווערט די דעקלאַראַציע פאַרשימלט צווישן אַנדערע מיליאָנען דעקלאַראַציעס.

ווען לאָרד באַלפור זאָל אייביק לעבן, און דערצו נאָך זיין אויסערן־מיניסטער, וואָלטן די יידן געמעגט און געקאָנט האָבן טענות צו אים. ער איז דאָך אָבער שוין מער נישט מיניסטער, און ענגלאַנד דאַרף דאָך שוין מער נישט האָבן די יידן. דער טערק איז דאָך שוין פאַרטריבן מיט דער הילף פון יידיש געלט און בלוט, און ענגלאַנד איז איצט די הערשערין...

— אָט דאָס איז די קוועסטשן, אָט דאָ ליגט, אָדער שטייט, די ענגלישע גרויסקייט!... די ענגלישע פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע איז די שענסטע און בעסטע. אָן בלוט־פאַרגיסונג געווינען מיר תמיד אַ סך מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. מיר געווינען שטענדיק...

— דער ענגלענדער וואַרפט אַריין דעם קאַשטאַן אין פייער, אַ צווייטער נעמט אים אַרויס, בריט זיך אָפּ די פינגער, און אויפעסן דעם קאַשטאַן עסט אויף דער ענגלענדער, אפילו שוין אָן אָפּגעשיילטן...

— דאָס איז אַלץ. דאָס איז די פּראָבלעם. איך בין אַן ענגלענדער פריער פון אַלץ!...

מיטן קאַריבישן ים קיין גוואַטעמאַלאַ

פיר דעם זייגער פאַרטאָג.

ס׳האָט געפּלייצט אַ צעבערדיקער רעגן. אַזש מיין שוואַרצער פּעקלטרעגער טאָם מאַקינבעל האָט זיך פאַרגונען צו זאָגן: גאָט, מיין גאָט, דאָס איז דאָך אַן אמתער מבול!...

אַן אויטאָ האָט מיך צוגעפירט צו דער האָלענדישער פּראַכט־שיף „טעוטאָניאַ״, וואָס איז ביי מיין אויפשטייגן שוין געווען אַזוי אָנגעלאָדן מיט אַלערליי סחורות, אַז אפילו אויפן דעק זענען געלעגן גאַנצע בערג זעק, פּעק און קאַסטנס אָן אַ שיעור. איבערהויפּט זענען געלעגן גאַנצע בערג באַנאַנעס, צווישן וועלכע עס איז קוים געבליבן אַ סטעזשקעלע דורכצוגיין.

געווען בין איך דער איינציקער פּאַסאַזשיר, און אַלס פּראַנצויזישער בירגער, האָב איך געקראָגן אַ קאַיוטע מיטן הויפּט־מאַשינער, אַ האָלענדער מיט אַ ווייצענעם קאָפּ האָר אויף אַ משונהדיק לאַנגגן און רויטן האַלדז; אויערן ווי גראַמאַפאָן טובעס, צוגעקלעפּטע צו די פאַרגרינטע באַקן, אַ פּאָר העל־בלויע פּיצלעך אייגעלעך, אַריינגעפּאַסט אין וויאַלעטע אויגן־לעכער, וועלכע האָבן געקוקט מיט אַ בליק פון אַן אומבאַהאָלפן גוט קינד. ער האָט געהאַלטן אין איין קייען טאַבאַק מיט אַ סמאַלע־געשטאַנק, און ער האָט געשפּיגן און געכראַקעט ברוינעם לייכעץ אין אַלע זייטן.

כמעט די גאַנצע נידעריקערע מאַנשאַפט פון אַ זעכציק פערזאָן, אַ חוץ די אָפיצירן, זענען געווען פעך־שוואַרצע, און האָבן געשטאַמט פון האָלענדיש־גויאַנאַ און האַיטי. אינדיער פון יאַוואַ און באָרנעאָ, פון טיבעט און קובאַ, פון בראַזיל, יאַמאַיקאַ, דאָמיניקאַנער און טראַנסוואַל.

די אָפיציעלע שפּראַך אויף דער שיף איז טאַקע געווען האָלענדיש. דער הימן און די לויב־געזאַנגען צו יויזלען און צו דער קעניגין ווילהעלמינאַ און צו האָלאַנד זענען טאַקע אויך געווען אין דער האָלענדישער שפּראַך, אינעם לשון פון די אויבערשטע פון שטויסל. אָבער די פּשוטע מאַטראָזן, די שוואַרץ־אַרבעטער האָבן צווישן זיך גערעדט אַלע שפּראַכן פון בבל...

דורכן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל בין איך מיט דער גרויסער פּראַכט־שיף טעאָוטאָניע אַריין אינעם קאַנוולסיוון קאַריבישן ים, און מיט דער רוטע, שיפּנדיק זיך תּמיד נישט ווייט פון צענטראַל־אַמעריקאַנישן ברעג, בין איך ראשית אָפּגעשטיגן אין וואונדער־שיינעם פּאָרט לימאָן, וואָס איז דער הויפּט־האַפן פון קאָסטאַ ריקאַ, און פון דאָרט בין איך מיט דער זעלבער שיף אַוועק דירעקט קיין גוואַטעמאַלאַ.

איך בין אָפּגעשטיגן אין באַריאָס, דעם הויפּט־האַפן פון גוואַטעמאַלאַ, אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן. איך וואָלט קיינעם נישט געראַטן צו מאַכן אַזאַ מין רייזע אויף אַ פּראַכט־שיף, מעג זיין אַפילו אַ האָלענדישער.

איך האָב אין די צוויי וואָכן שלעפּן זיך (אַ מאָדערנע פּאַסאַזשיר־שיף מאַכט עס דורך אין צוויי טעג) אָנגעוווירן גאַנצע צוועלף קילאָגראַם וואָג. דערפאַר האָב איך צוגענומען סקאָרבוט, קרעץ, לייז, וואַנצן און פליי, וואָס האָבן מיך געפּרעסן אַ לעבעדיקן.

באַריאָס, די האַפן־שטאָט און הויפּט־פּאָרט פון גוואַטעמאַלאַ, איז אַביסעלע אַנדערש פון אַנדערע מאָדערנע האַפן־שטעט. אין מיינע אויגן זעט די שטאָט אויס, ווי דאָס גרויסע צעוואָרפענע אָדער שיטער־צעשפּרייטע שוואַבן־דאָרף ריי־כעווע, ביי דער ווייסל, צווישן אַלט־יאַבלאָנע און נאָווידוואָר (אין פּוילן).

פּאָרט באַריאָס איז אַ דאָרף אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, אָן פּיין געשני־טענע גאַסן און אָן עלעקטרישער באַלייכטונג, הגם עלעקטרישע באַלייכטונג איז יאָ פאַראַן אין די רייכע הייזער. אַן אויסטערליש־שטיקנדיקער ריח ווי פון אַ קאָלעקטיוון בית־הכסא אין מאַזעפּעווקע, אָדער ווי דער געשטאַנק פון ריאָטשו־עלאָ־טייך צווישן וו. אַלסינאַ און לאַ באָקאַ, פאַרפּעסטעט די לופט. אין אייניקע צעדרייטע הינטער־געסלעך פון באַריאָס פילט זיך אַ פאַרנער געשטאַנק פון די שטייענדיקע, זומפּיקע וואַסערן אין די רינשטאָקן, אַזש עס שניידט אין נאָז און אויגן, און עס צופּט, און קיצלט אין האַלדז, אַזוי ווי מען וואָלט געגעסן טערקישן פעפער. אייניקע דאָרטיקע תּושבים האָבן מיר געזאָגט, אַז גאָרנישט זעלטן גיסט דאָרט אַ מבולדיקער רעגן. ער גיסט דאָרט אָן אויפהער טעג און אַמאָל אויך וואָכן, און דאַן וואַשט ער אָפּ און רייניקט אָפּ די גאַסן און רינשטאָקן פון דעם גאַנצן אָפּפאַל, מענטשלעכן און פון אַנדערע בעלי־חיים. דאַן ווערט די לופט, הגם זייער דאַמפּיק־הייס, דאָך אָבער זויבער און ריין.

אַן אַרכאַאישן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די עקזאָטישע פּאַנאָראַמע:

פון מזרח — דער אַנטיליען ים, שוין נישט ווייט פון שרעקלעך־הייסן, און תּמיד־שטורמישן מעקסיקאַנער גאָלף מיט קלאַפּטער־הויכע כוואַליעס. אַפילו מיט דעם הוילן אויג זעט מען אָפּט אַלערליי הייפיש, פונעם ווולגאַרן ביזן שווערד־

הייפיש, האַמער־הייפיש, זעג־הייפיש, מאַינאַטיס, דעלפינען, אָרקאַס און מאַרסאָ־פּליאַס, וואָס קומען נאָענט צום ברעג איינצושלינגען דעם אָפּפאַל פון עסן און דאָס מיסט פון די שיפן וואָס קומען אַריין אין פּאָרט. די הייפיש פירן צווישן זיך אַ שרעקלעכע מלחמה איבער דעם רויב. איבערן ים, איבער די שיפן און הייזער ביים ברעג פליען אַרום די ריזיקע אַלקאַטראַסן מיט וויאַלעטענע בייטלען איבער דער גאַנצער לענג פון ריזיקן אונטערשטן האַלבן שנאָבל. מעוועס פון כלערליי גרייס, שוואַנען מיט לאַנגע העלדזער, ווילדע קאַטשקעס, גאַזשאַרעטעס און גענדז, ים־שוואַלבן און ים־טויבן, פאַרקראַקען די לופט מיט זייערע טריומף אָדער מפּלה־געשרייען. אַ מעווע האָט געכאַפּט אַ קאָפּ פון אַ סאַבאַלאַ־פיש, וואָס דער קוכער האָט אַרויסגעוואָרפן דורך דעם שיף־פענצטער. קומט אונטער פּלוצ־לינג די ריזיקע ים־וואָראָנע, מערגאַנזאַר, און כאַפּט אַרויס דעם סאַבאַלאַס קאָפּ פון דער מעוועס שנאָבל אַרויס, פונקט דאַן ווען די לעצטע האָט אויפגעהויבן איר שנאָבל אַרויפצו, כדי בעסער צו קאָנען איינשלינגען דעם גרויסן סאַבאַלאַ־קאָפּ. קומט פלינק אונטער די שלאַנקע און גראַציעזע מאַראַבעלאַ מיט איר לאַנגן און שפּיציקן שנאָבל און כאַפּט אַרויס דעם קאָפּ פון דער מערגאַנזאַרס שנאָבל, און מיט אַ געפלעסקערײ פון אירע פלינקע פליגל הויבט זי זיך אויף אין דער הויך, העכער איבער אַלע פייגל. דער קאָפּ פון פיש איז אָבער צו גרויס, און דער שנאָבל פון דער מאַראַבעלאַ איז צו שמאָל אינעם האַלדז זי זאָל קאָנען אַראָפּשלינגען דעם קאָפּ, וואָס וועגט אפשר אַ האַלבן קילאָגראַם. דער קאָפּ פאַלט איר אַרויס פונעם שנאָבל, און באַלד ווערט אַ קנויל פון פייגל אין דער לופטן. דער סאַבאַלאַ־קאָפּ פאַלט פון שנאָבל צו שנאָבל, ביז ער פאַלט אַריין צום סוף צו איינעם פון די אַלקאַטראַסן *), וועלכער שלינגט אים כהרף עין איין...

אין ים ווערט פּלוצלינג אַ קאָנוווּלסיע, ווי דאָס וואַסער וואָלט פּלוצלינג געגומען קאָכן: עטלעכע מאָנסטערס שלאָגן זיך איבער אַ ביסן, אָדער איבער אַן „איינפלוס־ספערע". אויך אין די טיפענישן פון ים, פונקט ווי אויף דער יבשה, וויל איין מאָנסטער באַהערשן דעם צווייטן. און ווער ווייסט — האָט צו מיר פילאָזאָפירט דער שטיוול־פוצער, — צי די הייפיש אינעם ים האָבן זיך נישט אָפּגעלערנט פון די מענטשישע הייפיש, וועגן „איינפלוס־ספערעס" און „לעבנס־רוים", וואָס באַזירט זיך אויף — אַלץ פאַר מיר! גאָרנישט — פאַר דיר!

און די מענטשישע זייט, ד"ה די יבשה אין דער האַפן־שטאָט: די הייזער — צעוואָרפן, אָן שום אָרדענונג, אָן שום עסטעטיק. ביי עטלעכע קוואַרטאַלן די לענג, אין סאַמע פראָנט פונעם האַפן ציט זיך אַ שורה בלעכענע און פון אַנדערע מאַ־טעריאַלן צעקאַליעטשעטע בית־הכסאות, וואָס שטייען אַ פּאָר מעטער ווייט פונעם

*) פעליקאַן.

ברעג. דאָס שמוץ, וואָס פאַלט אַריין אין וואַסער, וואַרפן די זודיקע ים־כוואַליעס צוריק אַרויס, ווען דער ווינט בלאָזט פון זומפּיקן ברעג, וואָס קאָכט ממש פון דער גוואַטעמאַלער פלאַמיקער זון...

אַזוינע בילדער האָב איך באַגעגנט אין אַ סך ערטער פונעם האַפן־שטעטל: זומפּן, גריבער, אָפענע קלאָזעטן, פאַרשטעלטע מיט אַ שטיקל ראָגאָזשע אַנשטאָט טירן, אייניקע מיט אָפענע דעכער, איבער די פאַרפּעסטעטע זומפּן, וועלכע פלאָ־דיען, מיט דער הילף פון דער פייערדיקער זון, אַלערליי מינים פליגעלעך, פליגן און זשוקעס, פון די ריזיקע טאַבונען, טאַראַקאַנען, מאָסקאָנען און קאָמאַרעס, ביז די מיקראָסקאָפּישע פליגעלעך און אַנדערע טויטלעכע באַשעפענישן.



שטיבלעך פון אַרבעטער אין אַן אָפּגעזונדערט געסל
אין פּאָרט באַריאָס — גוואַטעמאַלאַ

— דערפאַר איז דאָ די שטערבלעכקייט אַזוי גרויס, — האָט מיר געזאָגט מאַרגאַריטאַ גיבסאָן — דאָס גיבראַלטאַרער דינסטמיידל פון מיין קאַרטאָגענעם האָטעל. מענטשן שטאַרבן דאָ איבערהויפּט פון מאַלאַריע, נישט זעלטן פון געלן פיבער, פּסיטאַקאָזיס, סינאָסיטיס, מענינגיטיס און פון אַנדערע טראָפּישע חולאתן, ווייל כמעט אין יעדן הויז איז פאַראַן איינער אָדער עטלעכע פּאָפּוגייען, און אַנ־דערע פייגל און מאַלפּעס. טיילמאָל באַווייזט זיך די בובאָנישע פּעסט, צוליב די שטשורעס וואָס פלאָדיען זיך אין די זומפּן, רינשטאָקן און קלאָזעטן, און אויך פון די וואָס די שיפן ברענגען מיט זיך מעבר לים. אַ סך מאָל שטאַרבט קינד־ און קייט פון די שלעק, וואָס די פרישע אימיגראַנטן ברענגען מיט זיך פון דער קראַנקער אייראָפּע. דאָס זענען קרענק, וואָס די אייראָפּעער גופא און די נ׳ אַמעריקאַנער האַלטן נישט אויס דאָ צוליב דער שרעקלעכער היץ און צוליבן פעלן פון די עלעמענטאַרסטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען...

מיין „לוקסוסדיקער" האָטעל פון קאַרטאַן, ווו איך בין איינגעשטאַנען, קוקט אויג־אויף־אויג אין דער שטאָלצער שערענגע בית־הכסאות, וואָס ביי דעם ים־ברעג, און דערפאַר טאַקע איז ער גאָר אַ טייערער, — „פּאַר לאַ בריסאַ דעל מאַר" (צוליבן ים־ווינטעלע)... נישט קאָנענדיק מער אויסהאַלטן די „בריסאַ מאַרינאַ", וואָס איז טאַקע געקומען פון ים, און האָט פאַרפּעסטעט די לופט מיט דעם צואה־גערוך, בין איך טאַקע אַנטלאָפן דורך די שמאָלע שטעגעלעך צווישן די הייזער, הייזקעס און גראָזענע אינדיאַנישע כאַטעס אַהין, ווו איך האָב דערהערט אַ גרילצנדיקע מוזיק, און אַ שאַרף ליכט האָט ווי אַ רעפלעקטאָר פאַרבלענדט מיינע אויגן...

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. דער הימל איז אַזוי נידעריק, מיט דער האַנט אָנצונעמען. ס'איז חושך שוואַרץ, — עס וועט זיך אוודאי צעכליאָפּען אַ רעגן. נאָר וואָס איז מיר די נפקא מינה? — זאָל רעגענען, זאָל גיסן, אפילו מבלען, אַבי די שרעקלעך־דושנע היץ זאָל אַביסל זיך אָפּקילן! און אַזוי גייענדיק, ניין, לויפנדיק, קריך איך איבער קלעצער, גריבער, זומפּיקע קאַנאַוועס און שטייענדיקע פאַרפוילטע וואַסערלעך. איך פאַל עטלעכע מאָל אין דער פינצטער. ענדלעך שטויס איך מיך אָן אויף אַ גרויסן געפּגרטן הונט, איבער וועלכן עס פירן אַ מלחמה אויף לעבן און טויט אַ סטאַדע בויטרעס, קאַראַנטשאָס און ריזיקע קראָען, וועלכע איך האָב איבערגעשראָקן מיטן ליכט פון מיין עלעקטריש לעמפּל. איך האָב מיך פאַרטשעפּעט אין אַן אַרויסגעשטאַרצטן דראָט פון אַ פּלויט, און זיך געמאַכט אַ גוואַלדריס אין דעם הויז פון רעכטן פוס ביז נידעריקער פון דער קני. צום גליק האָט דער פאַרזשאַווערטער דראָט געהאַט שכל, און ער האָט מיין טאַטנס ווערק, דעם פוס, נישט צעריסן...

ענדלעך בין איך צוגעקומען צו די הייזער, פון וואַנען איך האָב געהערט די רוישיקע, שרייענדיקע מוזיק.

פון די צוואַנציק גוט־באַלויכטענע „געשעפט־הייזער" האָט זיך די מוזיק פון די עלעקטרישע קלאַווירן, קלאַרנעטן און מאַרימבאַס געלאָזט הערן אויף די העכסטע טענער, וואָס וואָלטן אפילו אַ טויטן געקאָנט אויפוועקן. (די מאַרימבאַ איז אַ מין קלאַוויר, דערפונדן דורך אַ סאַלוואַדאָרער אינדיאַנער).

מאַנופאַקטור־געשעפטן, גאַלאַנטעריי, שפּייזקראָמען און אַנדערע געשעפטן האָבן געהאַט מאַרימבאַס, עלעקטרישע פּיאַנעס, גראַמאָפאָנען און וויקטראָלאַס, וואָס האָבן געשפּילט אויף די העכסטע טענער, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיינעמס שלאָף.

ביי אַ ריזיקער מאַרימבאַ זענען געשטאַנען אַכט באָרוועסע אינדיאַנער־מוזיקער און האָבן געקלאַפּט מיט הילצערנע העמערלעך אין די הילצערנע קלאַווישן פון דער מאַרימבאַ. זיי האָבן געשפּילט פון אויסנווייניק, אָן נאָטן. ווער ווייסט עס דאָרט, וואָס אַזעלכס זענען די פיגורן מיט די קעפּלעך אַרויף און מיט די קעפּלעך

אַראָפּ, און וואָס זיי באַדייטן? דאָך שפּילן די אינדיאַנישע מוזיקער גאַנץ פיין. קענטיק, אַז זיי האָבן אַ גוטן געהער, זכרון און מוזיקאַלישן געפיל. נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָפּגעשפּילט לודוויגס אַ מלאכס חלום, באַדאַרסעווסקאַס — אַ תפילה פון אַ בתולה, שובערטס — אַווע מאַריאַ און טשייקאָווסקיס קאָנצערט נומער איינס, האָב איך געפרעגט דעם באָרוועסן דיריזשאָר, וויפל ער פאַרדינט אַ מאָנאַט.

דער אָרעמער אינדיאַנער האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן:

— וואָס הייסט, וויפל איך פאַרדין אַ מאָנאַט? שפּיל איך דען אַ גאַנצן מאָנאַט? איך שפּיל דאָך בלויז ביינאַכט, און דאָס אויך נישט אַ גאַנצע נאַכט, נאָר בלויז אַ זעקס־זיבן שעה אין דער נאַכט, און קריג מיר 75 ב׳ אַמעריקאַנער סענט פאַר יעדער נאַכט. און מיינע לייט פון אָרקעסטער קריגן צו פופצן סענט פאַר אַ נאַכט. עס איז אַ שרעקלעכער קריזיס, די באַלעבאַטים פאַרדינען נעבעך נישט, האָט דאָס גלחל פון מיין פּאַראַפיע אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן נישט פאָדערן צופיל, און טאָמער וועלן מיר נישט פאָלגן דאָס הייליקע פאָטערל, וועלן מיר פאַרלוירן ווערן אין די פלאַמען און קעסלען פון גיהנום — האָט פרום פאַרענדיקט דאָס קלוגע אינדיאַנערל.

איך גיי אַריין אין אַ גרויס גאַלאַנטעריי־געשעפט, אַ קלייט אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטן. אָנגעשטעלטע, פאַרקויפערינס, פאַרקויפערס, יונגע און עלטערע, גאָר שיינע און האַלב־שיינע. אין האַלבן הינטערגרונט — אַ טיש, אַרום וועלכן עס זיצן אַ האַלב טוץ בוכהאַלטערס. אַ רעש, אַ טומל. דער גרויסער און טיפער לאָקאַל איז פול מיט מענטשן.

אין האַפן שטייען פיר שיפן: צוויי ב׳ אַמעריקאַנישע, איינע אַן ענגלישע, און די „טעאוטאָניאַ״ — אַ האָלענדישע. פון די פיר שיפן זענען אַראָפּ אויף דער פון גאָט געבענטשטער ערד עטלעכע טויזנט מענטשן, צווישן פּאַסאַזשירן, טוריסטן און מאַטראָזן. די גאַסן זעען אויס ווי אַ מאַניפעסטאַציע. ביים ברעג, קעגנאיבער די שיפן, אַ געוויש, אַ רופעניש, פון דער יבשה צו די שיפן און פון די שיפן אַראָפּ צו די מענטשן ביים ראַנד. אַ הו־האַ, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ האַפן...

די מענטשן, די נאָר־וואָס אָנגעקומענע, צעלויפן זיך, ווער אין קאָטשן, ווער אין אויטאָמאָבילן, און די גרעסטע טייל — צעגייען זיך גרופּעסווייז, ווי די צעהיצטע שעפסן, שטעלן זיך אָפּ פאַר די שרייאיקע שויפענצטער און קויפן אַלע נאַרישקייטן: געפעלשטע צעראַמיקעס, מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז זיי זענען געמאַכט געוואָרן נאָך איידער גאָט האָט פון אַ גאָרנישט געמאַכט די וועלט... בילדער־געמעלן פון די באַרימטסטע וועלט־מייסטערס: סקולפּטורן, גראַווירונגען און אויסגייעכצן: עכטע „ניאַנדוטי״, — שווערט זיך די פאַרקויפערין — אָבער נישט פון פּאַראַגוויי, נישט געמאַכט פון דער צאַרטער האַנט פון אַ גואַראַני־אינדיאַנערין, געפעלשטע, אויסגענייט מיט אַ מאַשין אין אַ ריזיקער פאַבריק פון ניו־יאָרק.

„זילבערנע", „פּלאַטינענע" און „גאָלדענע" אַנטיקן. אַנדערע שטייען ביי די בופעטן און זויפן אָן אַ שיעור: ביר, וויסקי, גראַפּאַ, קאַניאַ, ווייַן פון געמייַנסטן סאָרט און עכט „רוסישע" וואָדקאַ, וואָס האָט קיינמאָל רוסלאַנד נישט אָנגעזען, און אַלערליי אַנדערע אַלקאָהאָלן.

ביי דער קאַסע זיצט אַ העל־בלאָנדע דאַמע פון אַ יאָר 27—28 מיט אַן אַריסטאָקראַטישן גוידער וואָס איז באַצירט מיט אַ טאָפּלטער שנור פּערל. אַ צווייטע שנור פון פּלאַטין מיט אַ גאָלדענעם צלם, ווו עס זיצט אייַנגעפּאַסט אַ ריזיקער שמאַראַגד פון ווענעזועלאַ, באַצירט אַרום מיט די פייַנסטע רובינען. אויף דער ברוסט וואָס איז הויך אויפגעהויבן און ווייַזט דעם צווישנברוסט — אַ טייערע פּלאַטינענע בראָש מיט אַן אייַנגעפּאַסטן עכטן סאַפּירשטיין וואָס האָט צוגעהאַלטן די רויט־זייַדענע בלוזקע, כדי די בריסטן זאָלן נישט אַרויספאַלן צוליבן גרויסן דעקאָלטע.

אין איר פאַרקאַמטן קאָפּ האָר, ווי צייטיקע האָבער־זאַנגען, עטלעכע אַנדאַלוזישע קאַמען, אַ שוואַרץ פינטל, אַ קינסטלעך, אויפן שפּיץ פון רעכטן בעקל און אויגן־לעפל.

דער קאָליר פון די אויגן? — איך ווייס נישט דעם נאָמען פון יענעם אויגן־קאָליר. עפּעס האָבן זיי געהאַט אין זיך אי דעם זיסן קוק און קאָליר פון אַ גיפּטיקן שלאַנגען־אויג, דעם אַגאַטאַ־קאָליר און בייזן קוק פון אַ וואַלד־קאַץ, און אויך דעם נאַרישן קוק פון אַ היציקער מאַלפּע. איר קוק איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישצינישער, און איר שמייכל — אַ צניעותדיקער...

אויף די לאַנגע פּיאַנאָ־פינגער, און נאָך לענגערע עסמאַלטירטע נעגל אויף פּונסאָ — עטלעכע סיגנעטן.

לעבן שרייבטיש שטייט אַ העל־שאַטינענער מאַן פון אַ יאָר 40, אַטלעטיש געבויט, ברייטע פּלייצעס און הויכע ברוסט, אפשר מער פון זעקס פוס די הויך, שטייפע, מאַרשאַלישע וואָנצעס, דורכדרינגלעכע, פאַרשנדיקע, קעצישע אייגלעך, דער קאָפּ — כמעט אָפּגעראַזירט און אין מויל אַ לאַנגער גראָבער בלעטער־ציגאַר.

— מאַן און ווייב!

די באַנעמונג — זייער אַ פייַנע, אַ ביז גאָר העפלעכע, וואָס גרעסער דער קויף, אַלץ נידעריקער פאַרבייגן זיך ביידע, סיי די קאַסירערין, סיי דער קאָנטראָל.

— מאַן און ווייב!

זיי רעדן עטלעכע שפּראַכן: פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש, האָלענדיש, פּלעמיש, אונגאַריש און שוועדיש. אָבער בעסער, פייַנער און פליסיקער פון אַלע שפּראַכן רעדן זיי אַן עכט־בערלינער דייטש.

מאַן און ווייב האָבן מיר מיט שטאָלץ דערציילט, אַז זיי זענען עכטע דייטשן, עכטע אַריער, און דערצו נאָך, אַז אין זייערע אַרישע אָדערן פליסט טאַקע אַדעליק אַריסטאָקראַטיש בלוט, מיט אַ גענעאַלאָגיע פון באַרבאַראָסאַס צייטן אָן...

דער הינטערגרונט פון ריזיקן געשעפט איז פאַרשטעלט מיט אַ פונסאָ־פּלו־שענעם פאָרהאַנג ווי אין אַ טעאַטער, און הינטערן פאָרהאַנג הערט זיך לאַכן, זינ־גען, רעדן אויף אַלערליי לשונות, און טאַנצן לויטן קאָמפּאַס פון דער מאַרימבאַ־מוזיק וואָס פאַר דער טיר אינדרויסן.

דער הויכגעשעצטער אַדעליקער באַלעבאָסטעס אַ שוועסטער פון אַ יאָר צוואַנ־ציק, אַ שלאַנקע, אַן אײדעלינקע מיט אויף פלאַטין־געפאַרבטע האָר, אַ צלמל פון בלוט־רויטע רובינען הענגט אַראָפּ פון דער הימל־בלויער פערלבאַנד, וואָס אַרום איר צאַרטן און אַלבאַסטער־ווייסן האַלדז. זייער אַנשטענדיק אָנגעטון אין אַ פיין, ווייס־זיידן לאַנגן יאַקעלע, אַ דורכזיכטיקס, וואָס לאָזט זען איר רייצנדיקן סילועט מיט כּמעט יעדן קנייטשעלע אויף איר צאַרטן לייב. זי נעמט מיך איידל אונטערן אָרים, און פירט מיך אַריין אין „פאַרווײלונגס־זאַל“, וווּ איך טרעף אַ צוויי צענד־ליק מאַטראָזן, אָפיצירן און פּאַסאַזשירן, טאַנצנדיק אַ שימי, באַטשיטשאַ און טאַנ־גאָ מיט אַזאַ צאָל דאַמען. אַלע זענען זיי אַנשטענדיק אָנגעטון, פּונקט ווי די פּלאַ־טינענע דאַמעלע, דער באַלעבאָסטעס שוועסטערל...

דאָס זעלטן־פיינע און אומשולדיק געשעפט־הויז פון די אַדעליקע דייטשן מיט דעם יחוס־בריוו פון פרידריך באַרבאַראָסאַ האַנדלט מיט צווייערליי אַרטיקלען: טויטע און לעבעדיקע סחורה...

— גנעדיקע און הויך־געשעצטע פריילן בערטאַ. ווי קומט אַזאַ וווּנדער־שיינע, אַדעליקע דייטשישע פריילן, אַן עכטע אַריערן, אין אַ שאַנדהויז? — האָב איך זי געפרעגט, בשעת זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַסטיל כיניך קעגן מאַלאַריע און קעגן געלן פיבער.

— אום גאָטעס ווילען, זי זענען דאָך פאַריקט! זי זענען דאָך אומפאַר־שעמט! — האָט די שיינע בערטאַ זיך צעבייזערט אויף מיר מיט אַן עכטן פּרינ־צעסישן שטאָלץ, — זי זאָלן ניכט פאַרגעסען מיט וועמען זי שפּרעכען, דאָנער־וועטער נאָך איינמאַל, האָבען זי פאַרשטאַנען?! דומער הער! ווען איך וואָלט געלעבט אין באַראַבאַראָסאַס צייטען, וואָלט איך אַ פּרינצעסן געוועזן! האָבען זי פאַרשטאַנען, הער מיטן דומען קאָפּ? איך בין דאָך קיינע הור, איך בין די אויפזעערין איבער די מעדכענס, וואָס גייען שלאָפן מיט אַ נאָבעלען הער, בלאָז דאַן, ווען זי באַקאָמט דערפאַר בעפאָר דעם באַשטימטן פּרייז... האָבען זי פאַר־שטאַנען? אונד וואָס אַנבאַלאַנגט מיך, בין איך אַבסאָלוט מער נאָך אַנשטענדיק, ווי די הייליקע יונגפראַו... איך גיי ניכט שלאָפן מיט קיינעם. יאָ, איך קאָן פאַר־ברענגען בלויז אין אויסנאַמספאַלן, נאָר דאַן ווען אַ גאָר אַנשטענדיקער הער,

אַ רייכער, וועלכער וויל ניכט פאַרברענגען מיט קיינע פון די מעדכענס און נאָר מיט מיר, און דער הער באַצאָלט מיר פיין פאַר מיין אויפמערקזאַמקייט... איר מוזט זיכער זיין אַ ייד, ווייל די נאַרישע מאָראַל, דאָס שעמען זיך, איז אַ יידישע דערפינדונג, יידישע מאָראַל... און איך בעט, איר זאָלט וויסן מיט וועמען איר רעדט! איך בין אַן אַדעליקע דאַמע, אַן אַנשטענדיקע, נישט קיין פאַרפלוכט יידיש מעדכען. איך בין עכט־דויטש, אַריערן, אַ בלוי־בלוטיקע פרינצעסן, האָבען זי פאַרשטאַנען?... מיין ביוראָ איז פול מיט הייליקע בילדער, איך בין אַ פרומע לוטעראַנין... באַזונדער, די טיים איז גאָלד, און ביזנעס איז בעפאָר אַל, קאָמען זי אין מיין שלאָף־צימער, ווער איך אינען ציַיגן, דאָס איך בין אַן עכטע פרינצעסן, אַן עכטע אַדעליקע דאַמע, אַן אַנשטענדיקע יונגפראַו...

און אמת, בערטאַ, ווי איר שוועסטער און שוואָגער, וואָס האָבן יחוס־בריוו פון באַרבאַראָסאַ, איז נישט קיין פאַרפלוכטע יידישקע, וואָס אַרבעט אין אַ פאַב־ריק און פאַרדינט צוואַנציק דאָלאַר אַ מאָנאַט פאַר שווערע ביטערע האָרעוואַניע. זי איז אַן אַדעליקע, פאַר וועמען עס איז אַ שאַנדע צו אַרבעטן, זי קאָן נישט פאַרשמוצן אירע הענט מיט פיזישער אַרבעט...

די אַלע אַנדערע שטאַרק־באַלויכטענע געשעפט־הייזער זענען אויך אַזעלכע אַנשטענדיקע הייזער, אויך מיט ברייט־צעעפנטע טירן. „ביזנעס־הייזער״, וואָס צאָלן גרויסע פאַטענטן, און האָבן „פון אַלץ״...

בלענדנדיקע ליכט, מיט רוישיקע מעכאַנישע מוזיק ביי די געשעפט־הייזער פון נאָבעלע דייטשן, איטאַליענער, שפּאַניער און אַנדערע פאַרפעסטן מיט קאָרופּ־ציע דאָס שיינע און פרייע גואַטעמאַלאַ!

אַלץ אַנטלויפט פון די דושנע אַנגעגליטע האָטעל־צימערן צו די פריילעכע „גאַלאַנטעריי״־געשעפטן, אייזן־קראָמען, שפּייז־געשעפטן, רעסטאָראַנען, קאַפעען און קינאָס... די בייזע מאַלאַריע־פליגעלעך לאָזן דעם וואַנדערער נישט שלאָפן. עס העלפן נישט די אָנגעשפּריצטע פליט, און נישט די אָנגעצונדענע יאַפּאַנישע ליכטלעך.

און דאָ מוז מען וואַרטן גאַנצע 24 שעה אין פּאָרט, ביז די באַן קומט און דערבאַרעמט זיך איבער די צעביסענע פּאַסאַזשירן, און פירט זיי אָפּ קיין גוואַ־טעמאַלאַ־סיטי, די הויפּטשטאָט פון דער צווייטער צענטראַל־אַמעריקאַנער מדינה.

איך כאַפּ מיך אויף פאַרטאָג. די ברוסט, די אַקסלען און די פּלייצעס טוען מיר שטאַרק וויי. איך ריר אָן די פּאַרווייטיקטע ערטער־בלאָזן, אַזוי ווי אָפּגעבריט. איך גיי צו צום שפּיגל, און זע — בלאָזן, אָבער מאָדנע: זיי זעען אויס ווי אַ שלשלת. אַ סך אַזעלכע שלשלתן...

עס איז נאָר טאָג געוואָרן, לויף איך אַוועק צום דאָקטאָר, וואָס שטייט אייך אין אינטערנאַציאָנאַלן האָטעל און פאָרט מיט דער זעלבער באַן וואָס איך קיין גואַטעמאַלאַ.

— דאָס איז גאָרנישט — זאָגט דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכעלע — איר האָט גוט אָפּגעשניטן, איר האָט, זע איך, מזל. איר זענט נישט געביסן געוואָרן פון דער עסקאָלאָפּענדראַ (אַ מין סקאָרפּיאָן), נאָר זי האָט בלויז אויף אייך אָנ־געפּישט, נישט מער. ווען די עסקאָלאָפּענדראַ וואָלט אייך געביסן, וואָלט איר שוין זיכער צו מיר נישט געקומען!...

גוואַטעמאַלאַ

די מדינה גוואַטעמאַלאַ פאַרנעמט אַ שטח פון אומגעפער 124.691 קוו' קילאָ־מעטער און ליגט אין דרום פון מעקסיקאָ; אין מזרח דער אַנטיליען־ים, אין מערב דער פּאַציפיק און רעפּובליק סאַלוואַדאָר, און אין צפון די רעפּובליק האָנדוראַס.

אין דרום פון גוואַטעמאַלאַ געפינען זיך די העכסטע בערג פון לאַנד: ווולקאַנען — אָפּצווייגונגען פונעם באַרימטן מעקסיקאַנישן קאָרדיליערן־סיסטעם, מאַדרע. אין דער צענטראַלער זאָנע פון לאַנד געפינען זיך בערג, וואָס דערגרייכן צו די דריי און פיר טויזנט מעטער די הייך איבערן ים־פלאַך. אין דער באַרגיקער געגנט ביז צו די צוויי טויזנט מעטער הויך איז די לופט אַזוי ווי אין דער שווייץ אָדער ווי אין איטאַליע זומער־צייט. אין די בערג־געגנטן איז דער קלימאַט — אַן אינטערטראָפּיקאַלער (ד"ה הייסער ווי טראָפּיקאַל). דער קלימאַט איז אַ פייכטער, אַן אומדערטרעגלעכער ווי אין אַ שוויצבאָד. דאָס זעלבע אין אַלע נידעריקע, פלאַכע ערטער פונעם לאַנד.

גוואַטעמאַלאַ האָט אַ סך טייכן, ברייטע אָבער קורצע, גרויסע און טיפע אָזערעס מיט אַלערליי פיש. אין די זומפּן אַרום די טייכן און אָזערעס, פלאָדיען זיך שלאַנגען פון די גיפטיקסטע, ביז די ריזיקע ווערג־שלאַנגען, וואָס דערגרייכן ביז איבער צען מעטער די לענג און קראָקאָדילן, פונעם אַרגענטינער יאַקאַרע ביזן קאַימאַן און גאַוויאַל.

עס פעלט בלויז דער עגיפּטישער קראָקאָדיל.

גוואַטעמאַלאַ איז דאָס אינדיאַנישסטע לאַנד פון גאַנץ אַמעריקע. נײַנציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זענען אינדיאַנער, אָדער זייערע אָפּשטאַמלינגען. דער וויכטיקסטער אינדיאַנער שבט, דער גרעסטער אין צאָל, קולטורעלסטער און ציוויליזירטסטע, איז דער קיטשע־מאַיאַ.

די יונגפרוילעכע וועלדער זענען פול מיט אומשאַצבאַרע געהילצן און זענען אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי חיות, איבערהויפּט מאַלפּעס. און ווי די אינדיאַנער האָבן מיר דערציילט, איז אויך נישט זעלטן זיך צו טרעפן מיטן יאַגואַר, פּומאַ, ווילדע קעץ, פון אַלערליי גרייס און זייער אַגרעסיווע. עס איז פאַראַן אַן

עקזאָטיש חיהלע, וואָס הייסט מאַפּאַטשאַ, זייער אַ היגיענישע... זי וואַשט אָפּ אין ריינעם וואַסער יעדעס עסן, איידער זי מאַכט זיך אַ מאָלצייט. דער טאַפּיר, דער קאַטשיניליאַ (אַזאַ אינזעקט, וואָס גיט אַרויס אַ פיינע, רויטע פאַרב), גאַראַבאַ (אַ חיהלע וואָס האָט אַ זייער שלעכטן געררוך).

די אויסגערעכנטע חיות זענען נאָר אַ מינימאַלע טייל פון די אָן אַ שיעור באַשעפענישן, וואָס ווימלען זיך אויף דער גואַטעמאַלער ערד. גאָר אָן אַ שיעור פייגל מכל המינים, פון דעם פיצעלע פיקאָפלאָר (בלומענשטאָך) ביזן ריזיקן קאָנדאָר און שטרויספויגל.

די גואַטעמאַלער ערד גיט אויך אַרויס אַלערליי פּרוכטן, געמיזן, הילדזן און תבואות. דער באָדן איז רייך מיט מעטאַלן און מינעראַלן.

⁂

פונעם פּאָרט באַרריאָס האָט די באַן מיך געפירט איבער אַ מדבר־וועג פון זאַמד, שטיינער און אַלערליי קאַקטוסן. דערנאָך איבער פיינע באַאַרבעטע פעלדער, לאָנקעס, געדיכטע וועלדער און ווידער זאַמד, שטיינער, קאַקטוסן און דערנער־ביימלעך, אַזוי האָט זיך די פּאַנאָראַמע און די לאַנדשאַפט געביטן עטלעכע מאָל, ביז ביזן האַרץ פון דער באַרימטער גואַטעמאַלאַ־סיטי.

אינמיטן וועג, אַ פינף קילאָמעטער פון דעם פייער־הייסן שטעטל עסקוינטלאַ, בין איך איבערגעראַשט געוואָרן פון עטלעכע ביקסן־זאַלפן. צווישן די אויסלענדישע פּאַסאַזשירן, איבערהויפּט צווישן די פרויען, איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. אַ סך האָבן געחלשט און אַנדערע האָבן ספּאַזמירט... דער לאָקאָמאָטיוו איז מאָמענטאַל געבליבן שטיין, און נישט געקוקט אויף דער פאַרזיכערונג פון די באַן־באַאַמטע, אַז עס וועט קיינעם גאָרנישט געשען, האָט דאָך קיינער נישט געוואָלט גלויבן זייערע פאַרזיכערונגען, מחמת אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַן איבערפאַל פון די טרויעריק־באַרימטע פּאַנטשאָ־ווילאַס באַנדיטן פון מעקסיקאָ.

די באַן איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ מיליטערישן קאָרדאָן פון סאָלדאַטן אין קורצע לייוונטענע מייטקעס, גרויסע היט פון פּאַלמען־בלעטער אויף די קעפּ, גלאַנציקע באַגנעטן אויף די ביקסן אין די הענט, אָנגעצילט קעגן די באַן־פענצטערלעך.

באַלד איז אַרויף אַ העכערער מיליטאַר, נאָך אים אַ צענדליק ציוויל־געקליידטע מיט רעוואָלווערן אין די הענט, אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע רימענס, וואָס זענען געווען אָנגעזעצט מיט קוילן, און מיט נאָך רעוואָלווערן אין דער לינקער זייט ביים רימען. נאָך דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ זענען אַרויף עטלעכע פון די באָרוועסע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונדז אַלעמען באַזוכט און באַטאַפּט, און יעדעס

באַשריבן שטיקל פּאַפּיר, וואָס זיי האָבן געפונען, האָבן זיי איבערגעגעבן די ציווילע הערן, און די לעצטע — דעם קאַפּיטאַן־מאַיאָר, וועלכער האָט עס איבערגעלייענט, און צוריק אָפּגעגעבן דעם פּאַסאַזשיר.

צווישן די ציווילע זענען געווען מענטשן מיט בילדונג, מחמת עס זענען געווען פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געלייענט ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, יאַפּאַנעזיש, כינעזיש, און איבערהויפּט יידיש און רוסיש. יידיש איז געלאָפן פון האַנט צו האַנט און פון מויל — צו מויל. משמעות, אַז אַלע ציווילע פּאָליציאַנטן האָבן געקאָנט רוסיש און יידיש.

איך בין שפּעטער געוויר געוואָרן, אַז דאָס איבערפאַלן די באַנען מצד דער מיליטערישער מאַכט איז געווען, ווייל אין לאַנד האָט געהערשט קריגס־צושטאַנד, צוליב אַן אויפשטאַנד פון אַ קעגנערישן גענעראַל. האָט מען נאָכגעזוכט און בודק געווען צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס קומען מעבר לים, צי איז צווישן זיי נישט פאַראַן אַמאָל אַן אַנטרונענער אָפּאָזיטאָרישער פּאָליטיקער פון יענער זייט „טשאַר־קיטאָ״ (ריטשקעלע) — ווי דער אַטלאַנטיק און פּאַציפיק איז דאַן אָנגערופן געוואָרן אין יענע מקומות — וואָס איז נישט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט קאָמוניזם, צי אַן אַנדער איזם מיט אַ פּראָגרעסיוון און אויפקלערישן כאַראַקטער, אָדער אידעע, רחמנא ליצלן...

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ערשט מיט אַ פיר אָדער פינף יאָר צוריק איז געווען אַ רויטע רעוואָלוציע אין דעם גרויסן רוסלאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסטל פון דער וועלט... אַן אַבסאָלוטער אימפּעראַטאָר, ניקאָליי דער צווייטער, איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן. פון אַ זעלבסטהערשערישער און דעספּאָטישער אימפּעריע איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַרישע רעפּובליק, מיט אומבאַגרענעצטע פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן, וואָס באַווינען יענץ לאַנד. דער קאַפּיטאַליזם, עקספּלואַטאַציע, גניבה, פּראָסטיטוציע און אַלע אַנדערע שלעק און פּורעניות, וואָס האָבן געבליט אין דעם צאַרס צייטן זענען ביי די שרעקלעכע קאָמוניסטן פאַרטיליקט געוואָרן, אויסגעראָטן געוואָרן ביזן וואָרצל.

פאַרשטייט זיך, אַז מען מוז זיך שטאַרק היטן פאַר אַזוינע שלעק, ווי דאָס זענען די רוסישע קאָמוניסטן. מען מוז זיך היטן פאַר די אַ שרעקלעכע עקסטרעמיסטן, וועלכע האָבן אַ תל געמאַכט פון אַזאַ מין צאַרסקן אַפּאַראַט. זיי קאָנען נאָך חס וחלילה דאָס זעלבע אָפּטון אין אַן אַנדער לאַנד. און דערפאַר טאַקע האָט פּרעה געזאָגט:

— הבה נתחכמה לו פן ירבה: טאָמער מאַכן זיך נאָך אַזעלכע רעוואָלוציעס, איז דאָך אַדיע מיט אונדזערע קאַפּיטאַלן און פּריווילעגירטע פּאָזיציעס לגבי די אינדיאַנער, די שוואַרצע שוואַרץ־אַרבעטער...

דער ס.אָ.ס.־סיגנאַל האָט געשוועבט איבער ימים און לענדער, איבער טייכן, בערג און רוימען... ס.אָ.ס.! דאָס גרויסע רוסלאַנד האָט דערוואַכט. דאָס פאָלק פון אַרבעטער און פּויערים וואָס איז תמיד געווען געהאָרכזאַם און מילד ווי אַ שעפּעלע, האָט זיך צעבריקעט, האָט געקראָגן הערנער שאַרפע, לאַנגע און שטאָל־שטאַרקע. דער ביז נעכטן תמימותדיקער רוסישער אַרבעטער און פּויער האָט רעוואָלטירט, האָט ווי אַ פלוצלינגדיקער פרילינג צעשפּרייט איבער דער רוסישער ערד די שרעקלעכע תורה פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, נישט ערגער ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן...

ס.אָ.ס.!

ווי אַ פייערשפּייענדיקער ווולקאַן, ווי אַ וואַסער באַפרייט פון אַ גרויסער דאַמבע, וועמענס ווענט זענען צעזעצט געוואָרן פונעם גוואַלדיקן וואַסער־דרוק, צעשפּרייט זיך איבער דער וועלט. זאָלן די גרענעצן פון אַלע „דעמאָקראַטיעס" פון דער וועלט ווערן פאַרשלאָסן, פאַרריגלט און פאַרצוימט אַזוי, אַז קיין פרעמדער, איבערהויפּט, קיין פרעמדער אַרבעטער, זאָל נישט אַריינגעלאָזט ווערן, ווען אפילו דאָס לאַנד זאָל בלייבן פּוסט...

געדענקט, פעלקער און לענדער פון דער וועלט, אַז אפילו אַן אייגענער האָרעפּאַשניק, וואָס איז אין לאַנד געבוירן געוואָרן און איז אַוועק אויף אַ שטיקל צייט אין אַ פרעמד לאַנד, מוז גוט חוקר ודורש ווערן, צי איז ער חלילה נישט געוואָרן אַ טרעגער פון פאַרגעשריטענע אידעען, גאָט באַהיט...

אין באַן לעבן מיר איז געזעסן אַ ציוויליזירטער אַכציקיעריקער קיטשע־אינדיאַנער פון מיטעלער וווקס, אָנגעטון אין אַ ווייסן לייוונטענעם אַנצוג. זיין ברוין, האָרלאָז פּנים פול מיט קנייטשן ווי אַן אָפּגעטריקנטער עפּל, מיט בייליקע אויער־רינגען אין זיינע פלאַטשיקע אויערן און אַ האָלענדישער פּיפּקע אין זיין מויל.

— איך בין אַן אינדיאַנער — האָט ער מיר געזאָגט, — איך פאַר זיך זען מיט רעגירונגס־באַאַמטע וועגן אַ משפּט, וואָס איך פיר קעגן אַ דייטש, וואָס האָט דורך כאַבאַר פאַרכאַפּט אַ שטיק פרוכטבאַר לאַנד פון מיין משפּחה. און ווייסטו, אויסלענדער, אַז דאָס שיינע קיטשע־מאַיאַ לאַנד איז איידער עס איז דעראָבערט געוואָרן דורכן בלוטיקן רוצח, דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, געווען אַזוי פרוכטבאַר, אַז עס איז געווען ווי אַ גן־עדן?

— און דערפאַר טאַקע, וואָס אַלוואַראַדאָ איז געווען דער בלוטיקסטער פון אַלע אכזריותדיקע דעראָבערער, האָט דער פרומער און הייליקער קאַרל דער פינפטער, דער קעניג פון שפּאַניע און אימפּעראַטאָר פון דייטשלאַנד, אים דערהויבן צום ראַנג פון „גענעראַל־קאַפּיטאַן" איבער גאַנץ גוואַטעמאַלאַ אין די לענדער אַראָפּצו ביז פּאַנאַמאַ...

— איז געקומען דער קריגערישער אָבער גערעכטער גאָט הויזיטאָפּאָטשלי צום גוטן גאָט פון קונסט, קולטור, געבורט און לעבן קעזאָטקאָטל. דיביידע געטער האָבן אין דער עת־צרה זיך פאַראייניקט צום וויל און נוצן פון זייער געפלאָגט פאָלק, און האָבן, אַלס נקמה קעגן דעם פאַלשן קאָנקיסטאַדאָרן גאָט, וועלכער פריידיקט ליבע און פאַרפייניקט אינדיאַנער, פאַרוואַנדלט דאָס שיינע קיטשע־לאַנד, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די נשמהלאָזע שפּאַניער, אין אַ טויטן מדבר, כדי די קאָנקיסטאַדאָרן זאָלן נישט האָבן וואָס צו עסן...

***

די הויפּטשטאָט פון דער מדינה גוואַטעמאַלאַ, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס צעשפּרייטע אַרגענטינער שטעטל ראַפאַעלאַ, אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ סאַנטאַ פע, נאָר מיט עטלעכע טראַמווײ־ליניעס.

די גרעסטע טייל פון די הייזער האָב איך געטראָפן נידעריקע, אָן שטאָקן. אַ סך הייזער זענען געווען פון רערען־שטעקלעך, אָדער פון ברעטלעך, באַקלעפּטע מיט בלאָטע. אַנדערע זענען געווען פון בלעך, און גאָר אַ סך פון אַ ספּעציעלן קאַרטאָן, אָדער גאָר פון רויע ציגל. גאָר אַ סך הייזער ווערן געמאַכט פון פּאַפּיר, געמישט מיט אַמיאַנטאַ, וואָס ווערט אויסגעגאָסן אין בלאָקן קאַרטאָן וואָס האָבן נישט מורא פאַר פייער.

עס זענען אָבער אויך פאַראַן הייזער פון געברענטע מאַשין־ציגל, און טשאַלעטן אפילו מיט פּאַלירטן שטיין באַפּוצטע, הייזער פון שטיין, אייזן און צעמענט ביז אויף שטאָקן הויך.

די שמאָלע גאַסן, ברוקירטע מיט איי־פאָרמיקע שטיינער, פון דער נאַטור פאַרקיילעכדיקטע, און פון פאַרשידענער גרייס, דרייען אויס די פיס ביים גיין, און שאָקלען אַרויס די קישקעס דעם וואָס פאָרט איבער זיי. צוליב דעם אָוואַלשטיינערדיקן ברוק זענען די גאַסן זייער שמוציק, פול מיט מיסט, און באַוואַקסן מיט גראָז און קראָפּיווע.

הויבט זיך אויף אַ ווינטל, ווערט מען ממש בלינד פונעם שטויב, וואָס עס הויבט זיך אויף, און פאַרשטעלט די זון, אַזוי ווי אַ מין „טרוקענער נעפּל". די גאַסן ווערן זעלטן געקערט, און ווען אפילו יאָ, איז עס אויך אוממעגלעך אויסצוקערן דעם שמוץ, וואָס זאַמלט זיך אָן צווישן די שטיינער.

עס זענען אָבער דאָך פאַראַן עטלעכע ברייטע אַווענידעס, אָדער בולוואַרן, מיט אַ גאַנץ פיינעם ברוק, ווי אויך עטלעכע שפּאַציר־פּלעצער, און פיין־אַספאַלטירטע גאַסן, וווּ עס וווינט די „סמעטענע" פון שטאָט.

איבער עטלעכע גאַסן גייט אַ טראַמוויי מיט אַ שנעלקייט פון מוילאייזלען, וועלכע שלעפּן קוים זייערע פיס. אין געוויסע שעהען פון טאָג, איבערהויפּט ווען די זון שרפעט שטאַרקער, זעט מען נישט קיין מענטשלעכן נפש אין גאַס. טיר און טויער זענען צוגעהאַקט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז גאַנץ גוואַטעמאַלאַ איז איינגעזונקען אין אַ לעטאַרגישן שלאָף... די זעקסטע אַוועניִדאַ איז, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע גאַסן, באַלעבט, איבערהויפּט פון אַכט אינדערפרי ביז עלף פאַרמיטאָג, און פון פינף פאַרנאַכט היז נאָך די טעאַטער־ און קינאָ־שעהען.

אין אַלגעמיין אָבער האָט גוואַטעמאַלאַ „לא נועוואַ“ (די נייע) געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ צעוואָרפענער, אָדער פון ווי אַ פאָכער צעשפּרייטער און פאַרשלאָפענער שטאָט. און אַן עקזאָטישער, זייער ווילדע מנהג איז דאָ פאַראַן: מען באַפּט אין גאַס מענטשן, נישט נומערירטע, גאָרנישט ערגער ווי להבדיל די בוענאָס אייִרעסער היצלעס כאַפּן די נומערלאָזע הינט... עס עקזיסטירט עפּעס אַן אויסטערלישער געזעץ, וואָס וואָלט אפילו אין אַ קאַפּרען־לאַנד אויסגעקומען עקזאָטיש. יעדער מענטש, וואָס געפינט זיך אין שטאָט מער פון זעקס מאָנאַטן צייט, מוז באַצאָלן אַ געוויסן שטייער, כדי צו האָבן רעכט אַרומצוגיין אָדער אַרומצופאָרן איבער די עסטעטישע גוואַטעמאַלער גאַסן. צוויי מאָנאַטן אין יאָר, אין מערץ און אין יולי, מוז יעדער צווייפיסיקער, וואָס וויל אַרויסגיין אין גאַס, מיטנעמען מיט זיך אַזאַ ספּעציעלן נומער, אַ צייכן אָדער סימן, אַז דער באַזיצער פון דעם איז אַ גוטער בירגער, וואָס האָט איינגעצאָלט דעם שטייער, און האָט שוין רעכט זיך אויסצולענקען די פיס גייענדיק, אָדער זיך אַרויסשאָקלען די געדערים פאָרנדיק אויף די צעהויקערטע גאַסן.

די גוואַטעמאַלער בירגער, קינד און קייט, וואָס זענען זייער קולטורעלע און ציוויליזירטע מענטשן, און קליגער פון די גרעסטע כעלעמער חכמים, גיבן זיך שוין אַן עצה נישט אָפּגעשטעלט צו ווערן יעדע רגע פון דער אוניפאָרמירטער און געהיימער פּאָליציי, וואָס פאָדערט דעם „וועג־פּאַטענט“:

— אַ ווער סו באָלעטאַ דע קאַמינאָ! (ווייזט אייער וועג־בילעט).

גייט יעדער בשר־ודם אַרויס אין גאַס אין יענע פּאָרכטיקע טעג מיט די פּאַטענטן־נומערן צוגעשפּיליעט צום לאַץ, אין פראָנט פון קאַפּעלוש אָדער היטל, אָדער אויף אַנדערע אָנגעזעענע ערטער אַזוי, אַז דער פּאָליציאַנט אָדער אינספּעקטאָר זאָל עס קאָנען זען פון ווייטנס און אים נישט אָפּשטעלן. די נומערן זענען, צוליב דעם, געצוג גרויסע.

בלויז די אַריסטאָקראַטיע, די קאַפּיטאַליסטישע און פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן טראָגן דעם מאָדנעם נומער אונטערן לאַץ. דאָס איז גאָר אַ ספּעציעלער נומער, גאָר אַ קליינער, אין דער פאָרעם פון אַ פּאָרצעלייענעם זשעטאָן. אַזאַ מין נומער האָבן בלויז די מענטשן, וואָס האָבן צייט, און ווען אַ פּאָליציאַנט פרעגט

ביי זיי אויף דער „באַלעטאַ דעל קאַמינאָ״ (וועג־בילעט), הויבן זיי אויף דעם לאַץ, און ווייזן דעם אָפּיציעל רעגיסטרירטן נומער פון וועג־פּאַטענט.

היות איך האָב נישט געוווסט פון דעם עקזאָטישן געזעץ, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב געזען קינד און קייט אַרומגיין מיט די נומערן אויף די היטן, לאַצן, היטלען און אַנדערע ערטער, בין איך אַרויס, פאַרשטייט זיך, אין שטאָט אָן אַזאַ נומער. האָט מען מיך בלויז אין דעם ערשטן טאָג פון מיין זיין אין גוואַטעמאַלאַ 26 מאָל געשלעפּט אין די פאַרשידנסטע פּאָליציי־צירקלען, און געפאָדערט ביי מיר דאָקומענטן און צייגענישן, אַז איך געפין זיך נאָך נישט קיין זעקס מאָנאַטן אין שטאָט, און דאַרף דעריבער נישט צאָלן פאַר דעם רעכט אַרומצוגיין אין די גאַסן.

— אַ ווער סו באַלעטאַ דעל קאַמינאָ! דאָנדע טיענע סו נומעראָ רעכיסטראַדאָ (ווייזט אייער וועג־בילעט, וווּ האָט איר אייער רעגיסטרירטן נומער)? — האָט מען מיך געפרעגט אין גאַס. און אַזוי ווי אַ סך פּאָליציאַנטן קאָנען נישט לייענען, האָבן זיי מיך גענומען בכבוד גדול פאַרן אַרבל, ווי איך וואָלט געווען אַ קעשענע־גנב, צוגענומען מיינע דאָקומענטן און מיך געפירט צום נאָענטסטן פּאָליציי־צירקל. עטלעכע מאָל האָט אגב געטראָפן, אַז ווי נאָר איך בין אַרויס פון אַ פּאָליציי־הויז, האָט מיך באַלד אַ צווייטער פּאָליציאַנט צוריק אַריינגעפירט. צוויי מאָל האָט דער זעלבער פּאָליציאַנט וואָס האָט מיך נישט דערקענט, אָדער זיך געמאַכט, אַז ער דערקענט מיך נישט, ווידער מיך אַריינגעפירט אין דער זעלבער פּאָליציי־אָפּטיילונג, פון וועלכן מען האָט מיך נאָרוואָס אַרויסגעלאָזט. אַזוי לאַנג ביז איך בין מיד געוואָרן און איינגעצאָלט פאַרן וועג־פּאַטענט און איך האָב זיך געקויפט אַ גרויסן אויטאָ־נומער, וועלכן איך האָב צוגעטשעפּעט צום פראָנט פון מיין שטרוי־ענעם מעקסיקאַנישן הוט, כדי ער זאָל זיך אָנזען פון ווייטנס, און מען זאָל מיך מער נישט פירן אין די פּאָליציי־צירקלען...

***

ווי געזאָגט שוין, איז גוואַטעמאַלאַ דאָס אינדיאַנישסטע לאַנד פון גאַנץ אַמע־ריקע: זעכציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זענען פולבלוטיקע אינדיאַנער, דרייסיק פּראָצענט זענען מישלינגען: פון ווייסע און אינדיאַנער, שוואַרצע מיט אינדיאַנערינס, אינדיאַנער געמישטע מיט יאַפּאַנער און כינעזער, און בלויז צען פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג געהערט צו דער ווייסער קאַווקאַזישער ראַסע.

דער פיזישער אויסזען פונעם גוואַטעמאַלער אינדיאַנער איז אַ גאַנץ אָנגענע־מער: הויך און שלאַנק, מיט אינטעליגענטע געזיכט־שטריכן, און ווען נישט דער פאָראורטייל און די נאַכלעסיקייט מצד די געהעריקע אויטאָריטעטן לגבי דעם אינדיאַנער, וואָלטן אָט די געוועזענע באַלעבאַטים פון אַמעריקע געקאָנט ווערן

אַ קולטור־פֿאַקטאָר נישט נאָר פֿאַר דער צו שיטער־באַפֿעלקערטער גוואַטעמאַלאַ, נאָר אויך פֿאַר גאַנץ אַמעריקע.

צום שבח אָבער פֿון דער גוואַטעמאַלער רעגירונג, לעגיסלאַטור און קאָנסטיטוציע מוז דערמאָנט ווערן, אַז קיין גלח טאָר נישט אַרויסגיין אין גאַס אין זיינע פּראָפֿעסיאָנעלע קליידער אָן אַ באַרעכטיקטן מאָטיוו, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס פֿאָלק איז קאַטויליש. דער גלח מעג אַרויסגיין און אַרומגיין אין גאַס אין זיינע טראַדיציאָנעלע קליידער בלויז דאַן, ווען ער דאַרף דערפֿילן זיינע פֿונקציעס. — דאָס האָט מיר דערציילט דאָס אינדיאַניש מיידל, וואָס פֿלעגט אויפֿראַמען מיין צימער. — דערפֿאַר טאַקע איז דאָס לאַנד נישט אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט קלויסטערס, סעמינאַרן און קאָנוועטן. ווער עס וויל לערנען פֿאַר אַ גלח אָדער גלחטע פֿאָרט אַוועק קיין סאַלוואַדאָר אָדער מעקסיקע, אָדער אין דעם קאַטויליש־פֿרומען פּערו.

צום גרויסן צעטל שבחים, וואָס איך האָב צו פֿאַררעכענען אויפֿן חשבון פֿון דעם גאַסטפֿריינטלעכן גוואַטעמאַלאַ, מוז איך נאָך צוגעבן, אַז די אינדיאַנער אין דעם לאַנד זענען פֿרייער ווי ערגעץ ווו אין אַן אַנדער אַמעריקאַנער שטאָט.

אַ סך אינדיאַנישע שבטים לעבן זייער אייגנאַרטיק לעבן, אָפּגעזונדערט מערוויינקער פֿון דער מאָדערנער קולטור און ציוויליזאַציע. זיי פֿירן אָבער אַ מיזעראַבלען לעבן, איבערהויפּט אין די הונגער־יאָרן, ווען צופֿיל רעגן, אָדער צו ווייניק רעגן, האָגלען אָדער טייפֿונען פֿאַרניכטן די זריעה, און די פֿעלדער און וועלדער גיבן גאָרנישט. דאָס פּאַסירט אָבער קיינמאָל נישט כמעט מיט די קיטשיס־אינדיאַנער, וועמענס אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין זענען מערקווירדיק.

און ווידער אַמאָל צום לויב פֿון דער גוואַטעמאַלער רעגירונג, די איינציקע אין אַמעריקע וואָס אַכטעט און דולדעט ווי אַ הייליקע טראַדיציע די קיטשיס־מאַיאַ פֿרייהייט און כמעט אומאָפּהענגיקייט. די רעגירונג האָט זיי באַפֿרייט פֿון אַ כּך צינזן און דערלויבט זיי אויפֿצוהאַלטן זייערע מנהגים און רגילותן, און טוט אַלץ, וואָס עס איז אין אירע מעגלעכקייטן, אַז דער זאַנדערבאַרער שבט זאָל קאָנען לעבן בשלום מיט די איבעריקע איינוווינער פֿון דעם שיינעם לאַנד גוואַטעמאַלאַ.

צום גליק איז אויסגעקומען צו שניידן דעם פּאַנאַמעריקאַנער וועג איבער די קיטשי־מאַיאַ טעריטאָריעס. דער וועג שניידט דורך די וואולקאַנישע און אָזערעגעביטן פֿון גוואַטעמאַלאַ. די ציוויליזירטע רייזנדיקע און וואַנדערער קאָנען זייער פֿיל לערנען פֿון די געוווינהייטן, טראַדיציעס און אַרבעטסזאַמקייט פֿון דעם אוראַלטן און אויסערגעוויינלעכן אינדיאַנישן שבט, וועמענס מענטשן האָבן שוין היינט, לפֿנים, נישט קיין מורא פֿאַר קיין ווייסן אויסלענדער, און זיי זענען העפֿלעך און פֿריינטלעך צו יעדן מענטש.

אָבער טיף אין זייערע הערצער לעבט נאָך יענע הייליקע שבועה:
— און אַטיטלאַן האָט אַזוי געזאָגט:
— „זאָלסט נישט מישן דיין בלוט מיטן בלוט פון קיין שום איבערישן אויסלענדער, איבערהויפּט נישט מיט די מענטשן פון דער שרעקלעך־גרויזאַמער שפּאַנישער ראַסע. ווייל אָט די שרעקלעכע בערדיקע טייוואָלים האַלטן תמיד אַ צלם אין האַנט, אַ צלם הענגט נאָך ביי זיי פון האַלדז, אַ צלם הענגט נאָך אויף שוואַרצע אַסאַבאַטשע קרעלן ביי די מלבושים, און אַ צלם אויסגעגאָלט איינ־מיטן קאָפּ, אָבער טיף אין האַרצן, בחדרי חדרים טראָגן זיי אַ גיפטיקע שפּין“...
דער גרעסטער ישוב פון די קיטשיס איז טשיטשיקאַסטעלנאַנגאָ, נישט ווייט פון סאַנטאַ קרוז דעל קיטשע. פאַראַן אָבער אויך גאַנצע געגנטן מיט די „אַלבי־נער“ אינדיאַנער. טאַקע נישט קיין אַלאַבאַסטער־ווייסע מיט גאָלד־בלאָנדע האָר, אָדער פלאַקסענע, אָבער גאָר אַ סך פון זיי, וואָס זענען נישט צופיל געמישט, זענען כמעט — בלאָנדע.
אין די וועלדער און בערג אַרום עסקוינטלאַ און אַרום קעזאַלטענאַנגאָ, אין די געדיכטענישן פון רעטאַלולעאַ האַלטן זיך אויף עקזעמפּליאַרן פון די אַלבי־נער אינדיאַנער, וועלכע קומען אין די שטעטלעך צו פאַרקויפן אויף די מערק זייערע היימישע סחורות.
ביי זיך אין זייערע אָרעמע כאַטעס, גייען זיי אָנגעטון בלויז אין אַ פּאָר קור־צינקע מייטקעלעך, אָדער אַרומגעוויקלט מיט אַ שטיקל געוואַנט, וואָס ווערט אָנ־גערופן „טשיריפּאַ“, אָן שום אונטערוועש. יינגערע קינדער דאַרפן דאָס אויך נישט...

שבועה פון בלוט פון טשיטשי קאַסטעלנאַנגאָ

אויפן דריטן טאָג פון מיין פאַרברענגען אין גואַטעמאַלאַ־סיטי, אַזייגער פיר נאָכמיטאָג, בשעת די אכזריותדיקע זון האָט פלאַמיק געגאָסן אירע גינגאָלדענע שטראַלן איבערן שיינעם לאַנד, בין איך אַוועק כאַפּן אַביסל לופט אין דעם געדיכט־באַבוימטן און באַבלומטן צענטראַלן פּאַרק, און איך האָב זיך געזעצט אַביסל אָפּ־רוען לעבן דער ריזיקער סטאַטוע פון קריסטאָבאַל קאָלאָן.

אויף אַ צווייטער באַנק, אונטער אַ צעצווייגטן טשילומפּיטאָ (אַ מין סעיבאַ־בוים) איז געזעסן מיין באַן־קאָלעגע, דער סימפּאַטישער אַלטער אינדיאַנער, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין זוכן יושר ביי די ווייסע אויטאָריטעטן.

— האָלאַ, צינקסזטאַטלאַן, וואָס מאַכט איר, און ווי איז אייך געגאַנגען אין דער גערעכטיקייט־זוכעניש? — האָב איך אַ פרעג געטון דעם אַכציקיעריקן אינ־דיאַנער.

— ווי אַ רשע אויף יענער וועלט, — האָט מיר געענטפערט דער אַלטער אינדיאַנער. — צום אומגליק איז דער הויפּט אין יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער נעמט אויף די אָנקלאַגעס, אַן עכטער שפּאַניער, און איר, הער מאַרקוס, קענט זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס אַן אינדיאַנער קאָן דערוואַרטן פון די בייזע שפּאַניער! אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן אַ בלעטל געשיכטע, אמתע געשיכטע וועגן מיין פאָלק און וועגן די בלוטיקע שפּאַניאָלן:

— ווי די געשיכטע פון מיין פאָלק דערציילט, האָט אין יאָר 1523 דער זייער פרומער דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, דער בלוטיקסטער פון אַלע האַרצלאָזע קאָנקיסטאַדאָרן, דעראָבערט גואַטעמאַלאַ און על סאַלוואַדאָר, ווו ער האָט אויס־געמאָרדעט די גרעסטע טייל פון דער פרידלעכער און דער אַרבעטסזאַמער אינ־דיאַנישער באַפעלקערונג. ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט די זייער ציוויליזירטע און בראַווע קיטשיס־אינדיאַנער, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם קלוגן און העלדישן גענעראַל זייערן, טעקום, און זיי האָבן פאַרפירט אַן אמתע מלחמה מיטן מערדערלעכן שפּאַנישן מיליטער.

— חדשים לאַנג האָט געדויערט די אומגלייכע מלחמה; די שפּאַניער מיט זייערע פערד, שרעקלעך־בייזע הינט, שאַרפע און לאַנגע שטאָלענע שפּיזן, פּאַנ־

צערס, ביקסן און האַרמאַטן, און די אינדיאַנער מיט פיילן און בויגנס, קורצע, קופּערנע, זילבערנע אָדער גאָלדענע שפּיזן, וואָס זענען ווייכער ווי שטאָל, אָן ביקסן און אָן האַרמאַטן, אָן פערד און אָן די מחנות הינט, און דערצו נאָך האָבן די אינדיאַנער נישט פאַרמאָגט די שטאָלענע וועגענער, וואָס די שפּאַניער האָבן געהאַט.

— און הגם די קיטשיס זענען אויף די שלאַכט־פעלדער באַזיגט געוואָרן נאָר אַ דאַנק די ביקסן, הינט און פערד, האָבן אָבער די קיטשיס, פּונקט ווי די אַראַוקאַנער פון די טשילענישע אַנדן, זיך נישט אונטערגעגעבן די איגוואַזאָרן. נאָכדעם, ווי דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ האָט אויפגעבויט די שטאָט גואַטעמאַלאַ די נייע, זענען די קיטשיס אַוועק פון זייער פרוכטבאַר היימלאַנד און האָבן זיך באַזעצט אין דער בערגיקער וואולקאַנישער געגנט.

— דער גרויזאַמער אַלוואַראַדאָ, ווי ליב עס איז אים נישט געווען שעכטן, ברענען און בראָטן דעם אינדיאַנער, האָט ער זיך אָבער דאָך אָפּגעהאַלטן צו גיין אין די וואולקאַנישע און זומפּיקע געגנטן, פול מיט געפאַרן און סורפּריזן, זוכן די בראַווע קיטשיס. עס זענען נאָך אים גוט געלעגן אין זכרון די שרעקלעכע מפּלות וואָס ער האָט געליטן אין די שלאַכטן מיט זיי. און צוליב נאָך אַ טעם האָט אַלוואַראַדאָ געמוזט אויף דערווייל אויפהערן צו הרגענען די גואַטעמאַלער אינדיאַנער, דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז אַוועק קיין פּערו, וווהין ער איז אָנגעקומען באַלד נאָך דעם, ווי פּיזאַרראָ האָט פאַרפייניקט אַטאַהואַלפּאַן. שפּעטער איז ער אין מעקסיקאָ געהרגעט געוואָרן: זיין געליבט פערד האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אין יאָר 1541...

דאַן האָבן די קיטשיס, אָנגעפירט דורך טעקומען, אַרויסגעגעבן אַ תקנה, וואָס קלינגט ווי אַ געזעץ פאַר אַלע ציוויליזירטע און קולטורעלע אינדיאַנער: אָפּזונדערונג און זעלבסט־פאַרזאָרגונג (אוטאַרקיאַ)...

און אַ דאַנק אָט דער תקנה איז אונדז געלונגען צו לעבן ביז היינט, מחמת דאָס רוב אינדיאַנער פון דער קיטשי־מאַיאַ ראַסע זענען קיינמאָל נישט געקומען אין באַרירונג מיט די פאַראַכטעטע מענטשן פון דער ווייסער און שוואַרצער ראַסע. זיי לעבן זיך זייער לעבן, אָפּגעזונדערט כמעט אומאָפּהענגיק פון דער ווייסער, ציוויליזירטער באַפעלקערונג.

די קיטשיס רופן אָן די תקנה זייערע:

— „שבועה פון בלוט פון טשיטשיקאַסטעלנאַנגאָ“

— און די געשיכטע פון מיין פאָלק דערציילט:

— דער גייסט פונעם גרויסן קאַציק אַטיטלאַן, וועמענס גוף די שפּאַנישע רוצחים האָבן אומגעבראַכט, און זיין גייסט איז אַוועק אין די אומענדלעך־הויכע וועלטן, אַהין וווּ עס זיצט זיך מילד דער לייכטנדיקער גאָט איבער אַלע געטער,

קעטזאַלקאָאַטל, פאַר וועמען ער, אַטיטלאַן, האָט אָנגעגעבן זיין ביטערע אָנקלאַגע קעגן די בייזע מענטשן, וואָס זענען געקומען מעבר לים און הייסן שפאַניאָלן...

— דער גרויסער און ליכטיקער גאָט קעטזאַלקאָאַטל *) האָט, נאָכן אויסהערן אַטיטלאַנס אָנקלאַגע קעגן די שפאַניער, געזאָגט צו אים פול מיט ליידנשאַפט־לעכן צער: — גיי אַראָפּ, מיין קינד אַטיטלאַן, צו מיינע קינדער, די אינדיאַנער, אויף דער פאַרשקלאַפטער ערד, און איך וועל שוין דיך אויסלערנען וואָס דו האָסט צו טון, און וואָס דו זאָלסט זיי עצהנען. און אַז אַטיטלאַן איז צוריק אַראָפּגעקו־מען פון דער זון, ווו ער האָט געוווינט, איז ער געווען נאָך מער גייסט ווי פריער. און ער האָט געשיינט פונקט ווי קעטזאַלקאָאַטל, פון וועמענס ליכט זיין גייסט האָט זיך אָנגענומען, און ער האָט מיט טרערן אין זיינע ליכטיקע אויגן גערעדט מיט פאָטערלעכע תחנונים צו זיין פאַרפייניקט קיטשי־מאַיאַ פאָלק און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— איר אַלע, קינדער מיינע, קינדער פון זון, לבנה און שטערן, אויב איר ווילט האָבן די זכיה צו בלייבן לעבן ווי אַ פאָלק אויף אייער געראַבטער ערד, זאָלט איר נישט ניצן קיין שום זאַך פון דעם, וואָס אַן איבערישער אויסלענדער, אָדער אָפּשטאַמלינג פון זיי, וועט אייך וועלן פאַרקויפן, אָדער אויסבייטן אויף זאַכן פון אייער לאַנד. איר זאָלט אייך אָבער יאָ באַניצן מיט אַלץ וואָס זיי אַר־בעטן אויס. קאָפּירט נאָך אַלע זייערע דערפינדונגען, כדי איר זאָלט זיך אָפּלער־נען זיי נאָכצומאַכן פאַר אייער נוצן און באַדאַרף, איבערהויפּט אַלע כלי־זין, אפילו פערד און הינט זעט צו האָבן, ווייל זיי וועלן אייך, קינדער מיינע, צונוץ קומען אין אַ טאָג, ווען איך וועל אייך הייסן זיך אויפהויבן קעגן די בעסטיאַלע אַריינדרינגער...

— אָבער בכדי, פאַראייניגטע, די רוצחים צו שעדיקן, זאָלט איר נוצן בלויז די זאַכן, וואָס ווערן געמאַכט דורך די הענט פון אייערע פויערים און בעלי־מלאכות, כדי אַזוי אַרום זיי צו מוטיקן און סטימולירן זיך צו לערנען און גרייטן צום קאַמף. נאָר זעט זיך באַלד אויסצולערנען זייער חכמת המלחמה, זייער דיס־ציפלין און זייער סטראַטעגיע.

— געדענקט אָבער, קיטשיס, מאַיאַס, טאָטאָנעקאַס און אַלע אַנדערע שבטים פון מיין געפּלאָגט פאָלק, אַז דער גאָט איבער אַלע געטער, קעטזאַלקאָאַטל, האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אייך וואָרענען: ווען איר וועט באַזיגן די שפאַניער און איר וועט ווידער איינפירן אייער הערשאַפט איבער דער וועלט, זאָלט איר די באַזיגטע הערדעס פון די שפאַניער נישט אויסהרגענען. איר זאָלט שוינען אַלטע לייט, פרויען, קינדער, קראַנקע און פאַרוואונדעטע. איר זאָלט בלויז משפטן

*) די זון.

די אַנפירער און הויפּט־שולדיקע, וואָס האָבן געטון פאַרברעכנס אויף זייער איי־גענער איניציאַטיוו. דאָס האָט מיר געהייסן קעטזאַלקאָאַטל, כדי די ווייסע באַר־באַרן זאָלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן, אַז די ווילדע באַרבאַרן זענען זיי, און נישט מיר...

— נאָר דערוויייל טאָר קיין שום קיטשי־מאַיאַ אָדער אַנדער שבט נישט מישן זיין בלוט מיטן בלוט פון קיין מענטשן, וואָס געהערט צו דער ווייסער ראַסע. איבערהויפּט זאָלט איר קיין שום מגע־ומשא נישט האָבן מיט קיין איינעם פון דער שפּאַנישער ראַסע. מחמת די שפּאַניער דאָס זענען גאָר קיין מענטשן נישט. איך, אַטיטלאַן, האָב תחילת געמיינט, אַז די שפּאַניאָלן זענען געטלעכע קינדער פון גוטס, פון דערהויבנקייט. צום סוף, זענען זיי נישט מער ווי בערדיקע טייוואָ־לים, ערגער ווי די בייזסטע גיפטיקע שלאַנגען אָדער שפּינען. זיי הרגענען צי זיי דאַרפן יאָ, צי נישט.

— הערט, קינדער פון קעטזאַלקאָאַטל, — האָט אַטיטלאַנס שטימע געשאַלט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן, — אָט דער זעלבער אַלוואַראַדאָ מיט זיין האַרצ־לאָזן שר הערנאַן קאָרטעס האָבן נאָך דעם, ווי מאָקטעזומאַ האָט זיי אָוועקגעגעבן אַלץ פון זיין מלוכה־אוצר און פאַרראַטן זיין פאָלק, אים געהאַלטן אין געפענקע־ניש ווי אַ ווולגאַרן פאַרברעכער ביז זיין טויט. נאָכן אויסרויבן אייערע שטעט און דערפער האָבן זיי די ישובים פאַרברענט און מאַמעס מיט קליינע קינדער אין פייער געוואָרפן, אונדזערע ווייבער און טעכטער געשענדט, די זקנים מיט די פערד צעטרעטן און זויג־קינדער אויף די שפּיזן געטראָגן...

— אפילו די גייסטלעכע זייערע, וואָס וואָלטן באַדאַרפט זיין די נשמה־פירער און לערער, זענען גאָר די אָנרעגער צום בייז, צו גרוילטאַטן. אַנשטאָט מיטלייד, מיטגעפיל, יושר און רחמנות, וואָס זיי פּריידיקן, גייען זיי גאָר אום מיט אַ טייוול אינעם האַרצן...

זיי, די גלחים זייערע, האָבן אונדז אויך גענאַרט. זיי האָבן מיט שענדלעכער חניפה, ליגנס און פאַלשער ליבשאַפט, אונדזער לאַנד אויסגערויבט, אונדזער ווער־דע מיט די פּיס געטרעטן, פון אונדזערע טעמפּלען אַלע ווערטפולע חפצים אויס־גערויבט, און נאָכדעם צעשטערט אונדזערע היימען און אונדזערע טעכטער צו שאַנד פאַרקויפט. אַלץ אין נאָמען פון גאָט, וואָס זיי פאַרערן...

— קיטשיס, קינדער פון מיין פאָלק, הערט זיך צו צו קעטזאַלקאָאַטלס רייד:

— די שפּאַנישע דעראָבער זענען די פאַלשסטע מענטשן אין דער וועלט: מענטשן אָן ערע, אָן ווערדע, אָן מאָראַל און געוויסן! זייער מיליטערישן נצחון האָבן זיי באַקומען נאָר אַ דאַנק שרעקלעכער פאַלשקייט.

— מיר אינדיאַנער פלעגן נוצן דאָס גאָלד, זילבער, קופּער און אַנדערע בליש־טשענדיקע מעטאַלן נאָר פאַר קיכגעשיר און באַפּוצונגען. און זיי, די קאָנקיסטאַ־

דאָרן, וואָלטן פאַר אַ שטיקל גאָלד מיט זייערע אייגענע מאַמעס, טעכטער און שוועסטער געטון דאָס זעלבע וואָס מיט די אינדיאַנער פרויען. צוליב אַ שטיקל גאָלד, צוליב אַ נאַריש שטיקל זילבער, וואָס אין אונדזערע אויגן האָט עס נישט קיין שום ווערט, וואָלטן זיי זייערע אייגענע פרויען אין פייער געוואָרפן און זיי־ער פלייש געפרעסן...

— אינדיאַנער! זייט שטאַרק ווי גואַטעמאָזין, דער לעצטער אַצטעקישער קעניג. מיט אַ יאָר צוריק האָט הערנאַן קאָרטעס מיט זיין אַדיוטאַנט, דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, גענומען געפאַנגען דעם אומגליקלעכן קעניג גואַטעמאָזין, און זיי האָבן ביי אים געפאָדערט גאָלד. גואַטעמאָזין האָט געענטפערט, אַז ער האָט שוין מער נישט, אַז דאָס לאַנד האָט שוין נישט מער קיין איין קערנדל גאָלד אָדער זילבער. האָט קאָרטעס מיט אַלוואַראַדאָן אַרויפגעלייגט גואַטעמאָזינען און זיין פינאַנץ־מיניסטער אויף ברענענדיקע קוילן. האָט דער מיניסטער, ליגנדיק אין פייער זיך געבעטן ביי זיין באַליבטן קעניג, ער זאָל אויסגעבן דעם סוד, ווו עס געפינען זיך די אימפּעריאַלע אוצרות, כדי זיך צו באַפרייען פונעם שרעק־לעכן לאַנגזאַמען טויט, און קריגן אַ לייכטערן, אַ שנעלערן... האָט גואַטעמאָזין גע־ענטפערט סטאָאיש און מיט אמתער מענטשלעכער ווערדע:

— דענקסטו אפשר, מיניסטער מיינער, אַז איך ליג אויף אַ ווייך בעט, אויסגעשפּרייט מיט דופּטיקע רויזן?...

— דאָן האָט דער קיטשי שבט געענטפערט דעם הייליקן גייסט פון אַטיט־לאַן מיט אַ שטים, וואָס האָט פאַרהילכט אַלע הימלען און די גאַנצע וועלט פון איין עק ביזן צווייטן:

— — הייליקער גייסט פון אַטיטלאַן, הייליקער פאַרטיידיקער פון די פאַר־פאָלגטע אינדיאַנער, מיר שווערן ביי דיין אומשולדיק בלוט, גוטער אַטיט־לאַן, בלוט וואָס רינט פון דיין קערפּער, אַז מירן דערפילן דיין באַפעל!...

***

זייער אַ גרויסער פּראָצענט פון דער גואַטעמאַלער באַפעלקערונג, דער איינגעבוירענער, גייט אום באָרוועס. הגם אויך די פּאַראַגווייער, פּונקט ווי די אָרימע מאַסן פון אַנדערע טראָפּישע דרום־אַמעריקאַנער און צענטראַל־אַמעריקאַ־נער לענדער גייען אום באָרוועס, האָב איך אָבער אין ערגעץ נישט געזען אַזאַ פּראָצענט אָן שיך, ווי אין גואַטעמאַלע. אפילו דאָס פּשוטע מיליטער, די „אָן בענדלעך" גייט אום באָרוועס. מיליטער לגבי דער קליינער באַפעלקערונג האָט גואַטעמאַלע קיין עין הרע זייער אַ סך געהאַט אין דער צייט פון מיין וויילן אין דער קאָכעדיקער מדינה. צו יענער צייט איז דאָס לאַנד געווען אונטער באַלאַ־גערונגס־צושטאַנד, וואָס אפּיקורסים רופן: „געזעץ אויסערן געזעץ", ווייל ער

שטעלט אַלע געזעצן „אונטערן געזעץ" פון זיינע געזעץ־דעקרעטן, אַ צושטאַנד וואָס אפילו אַ פרעמדער דורכרייזנדיקער האָט באַלד דערקענט צוליב דער גרוי־סער צאָל ביז צו דער גאָמבע באַוואָפנט מיליטער און פּאָליציי, וואָס מען האָט געזען פּאַטרולירן.

קומט אָן אַ באַן, שטייט אַ מחנה מיליטער און שטאַרק באַוואָפנטע פּאָליציי, ווי וואַרטנדיק אויף אַן אַנגריף... אויך די ציווילע באַפעלקערונג איז אָנגעפּיקע־וועט מיט געווער, אָנגעטאָט אַ שפּאַציר־שטעקעלע, אָדער אַ ראַפּניק, ווי מ'זעט ביי די אַרגענטינער „גאַוטשאָס", האָב איך אַ סך מאָל געזען מענטשן מיט לאַנגע מעסערס אין די הענט, אַזוי ווי די טערקישע צימיטאַראַ, און ווי די שווערדן פון גרויסן סאַן מאַרטינס צייטן. אין ברייטן רימען ביי דער זייט איינעם און זייער אָפט צוויי רעוואָלווערן. גאָר אַ סך פון די ציווילע מעסער־העלדן און רעוואָלווער־פּאַטריאָטן זענען מערסטנס פּולבלוטיקע אינדיאַנער, אָדער מישלינגען, וואָס גייען אַזוי באַוואָפנט אין גאַס אַריין אין גאַנדיס מלבושים, נאָר אָן אַ ציג...

צו יענער צייט האָט געהערשט אין לאַנד טויט־שטראָף, און עס איז כמעט נישט געווען דער טאָג, אַז אַ „צוויי פּיסיקער" קעגנער פון דער רעגירונג, אָדער אַזוי אַ „באָלשעוויק" זאָל נישט דורכגעלעכערט ווערן מיט אַ זאַלפּ קוילן, אָדער זאָל נישט אַרויסשטעקן אַ לאַנגע בלויע צונג ווי אַ חוזק צו די דורכגייער, וואָס האָבן געוואַגט אַ קוק צו טון צו דער הוידלקע...

דער אַנאַלפאַבעטיזם איז זייער גרויס, פאַרשטייט זיך, אַז הויפּטזעכלעך צווישן דעם אינדיאַנער עלעמענט. דער אור־איינוווינער (נייטיוו) פילט זיך גליקלעך: אַז קיין שול איז נישט פאַראַן, איז בעסער, דאַרף ער נישט גיין מיילן־ווייט און זיך בלענדן די אויגן, ברעכן זיך דעם קאָפּ און קוקן אין ביכער, זיך לערנען שרייבן. פאַר די „קאַציקעס" איז די אינדיאַנער דעציזיע נאָך בעסער. אין דער הינזיכט זענען די „קאַציקעס" דורך און נאָכגיביק. דאָס זענען דאָך די עקרים פון די דעספּאָטישע קאַציקן: וואָס אומוויסנדיקער דאָס „נאַרישע" אַר־בעטער־פאָלק איז, אַלץ געהאַרכזאַמער איז עס. וואָס אומוויסנדיקער דאָס פאָלק איז, אַלץ גרינגער איז פאַר די קאַציקעס דאָס פאָלק צו באַהערשן און איינשפּאַ־נען אין יאָך... אַן אַרבעטער און פויער, וואָס קען נישט לייענען און שרייבן, וועט פּונקט ווי דער אָקס און פערד קיינמאָל נישט שרייען, וועט זיך קיינמאָל נישט רעבעלירן און וועט די באַלעבאַטים קיינמאָל נישט שטעלן קיין פאָדערונגען...

בלויז צווישן די יידישע מלכים האָט געקאָנט זיין אַזאַ מין נישט פּאָליטי־קער, ווי שלמה, וואָס זאָל הייסן זיינע אונטערטאַנען לערנען, און טאַקע וואָס מער לערנען: תורתי אל תשכח ומצותי יצר לבבך: כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך. חסד ואמת אל יעזבך, קשרם על גרגרותיך. כתבם של לוח לבבך. ומצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם...

דאָס זעלבע האָט דער גרויסער משה אונדז געלערנט נאָך קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר פאַר דער קר׳ צייט־רעכענונג. לערנען, אַ סך לערנען, ווייל נאָר דורך בילדונג קאָן אַ פאָלק עקזיסטירן.

אָבער נישט אַלע פעלקער פאַרשטייען אַלץ איינס, און די הערשער אוודאי און אוודאי נישט. דאָס מיין איך, די דעספּאָטן, ווי קאַליגולאַ, נירון, די אַטילאַס, די טיראַנישע צאַרן און אַנדערע פון דעם שניט. דער דעספּאָט האָט בלויז איין לייט־מאָטיוו:

— געזעץ איז געזעץ!...

— דינא דמלכותא דינא... (דאָס געזעץ פונעם מלך איז אַ געזעץ).

אַזוי האָבן דאָך אפילו אונדזערע תלמידי־חכמים אויך געפּסקנט. איך אַליין בין אויך נישט חלילה קעגן דינא דמלכותא דינא. מיר פאַרדריסט בלויז אויף די טיראַנישע קאַפּריזן, וואָס לאָזן נישט דאָס פאָלק זאָל זיך בילדן.

גוואַטעמאַלאַ איז אַ טראָפּיש לאַנד, קיין אינדוסטריע איז כמעט נאָך נישט פאַראַן. קינדערלעך ווערן געבוירן אַ סך, בפרט אַז דאָס קאָסט קיין געלט נישט... אינדיאַנער מיידלעך זענען פאַראַן זייער אַ סך, אין סאַמע בלי־צייט, טאָ זאָלן געבוירן ווערן קינדערלעך, און גאָר פיל, האָט דאָך גאָט אַליין געוווּנטשן דעם ערשטן פּאָרל, וואָס ער האָט באַשאַפן: פרו ורבו, ומלאו את הארץ...

און פאַרוואָס טאַקע נישט? דער פרו ורבו איז דאָך דער תוך און דער עיקר פון יעדן הערשער, און פאַרוואָס טאַקע נישט? — וועל איך פרעגן נאָך אַמאָל.

לאַנד איז דאָך פאַראַן זייער אַ סך. גוואַלדיקע שטרעקעס פרוכטבאַרע לענ־דערייען זענען פוסט. די טויערן פאַר אימיגראַציע זענען פאַרריגלט אויף זיבן שלעסער, גרעסערע ווי דעם בעל שמס מעזשבעזש. טאָמער קומט אַריין, חלילה, אַן אומגעוווּנטשענער אימיגראַנט, עמעצער מיט פאַרגעשריטענע אידעען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין...

ווי זאָגט דאָרט דוד עדלשטאַט איז זיין „נאַטור און מענטש“: —

אָ, מענטש, פאַר גליק און לעבן
האָט די נאַטור דיר אַ וועלט געשאַפט,
דיר איז אַ פרייע ערד געגעבן,
דאָך איצט איז ערד און מענטש פאַרשקלאַפּט...

די שטערבלעכקייט, איבערהויפּט צווישן די קינדער איז אַ גרויסע. זאָלן טאַקע דערפאַר געבוירן ווערן אַנדערע קינדערלעך, וואָס זאָלן אויספילן די בלויזן, בכדי דאָס לאַנד זאָל נישט בלייבן פוסט, אויב נייע שטראָמען מענטשן מעבר לים וועלן נישט אַריינקומען...

רעוואָלוציעס, מיליטערישע און ציווילע, זענען דאָך אין די צענטראַל־אַמע־ריקאַנער לענדער ממש אַ טעגלעכע דערשיינונג, און עס פאַלן ווידער טויזנטער

מענטשן... טאָ זאָלן טאַקע געבוירן ווערן אַנדערע, אַז נישט וועט דאָס לאַנד בלייבן אומבאַפּעלקערט, און עס וועט נישט זיין פאַר וועמען צו פּראַווען דעם יום־טוב, וואָס דער גרויסער אַרגענטינער פּרעזידענט היפּאָליטאָ איריגאָזשען האָט אַ נאָמען געגעבן — „דיאַ דע לאַ ראַסאַ" (טאָג פון דער ראַסע).

דערפאַר טאַקע איז אין פּרט פון ליבע פאַר אַ מענטשן מיט דאָלאַרן, אַן אמתער גן־עדן און דער סוד פון דעם ליבע־תמצית איז אַ קינדעלע, אַ צווילינג, טיילמאָל אַ דריילינג, און אַמאָל אויך אַ פערטלינג...

דער יקרות איז גרויס, אַ שרעק. און דער פּשוטער אינדיאַנער אַרבעטער פאַרדינט זייער ווינציק. בלויז צען גואַטעמאַלער פּעזעס פאַר צען שעה אינטענ־סיווער אַרבעט אַ טאָג. (צען גואַטעמאַלער פּעזעס זענען צו יענער צייט געווען אומגעפער 17 סענט פון דאָלאַר נ"אַ), אָדער 60 פּעזעס פאַר אַ דאָלאַר.

דער אינדיאַנער פּראָטעסטירט נישט: געזעץ איז געזעץ. און טאָמער קומט שוין יאָ צו פליען אַ שטראַל פון פאַרשטאַנד, אַ גאָט באַהיט! (דוד עדלשטאַט), פאַרשטייט מען תיכף אין די גאָר הויכע פענצטער, אַז דאָס פּלוצלינגדיקע פאַ־דערן אַ לוין־העכערונג קאָן נישט קומען פון העלער הויט. מען פאַרשטייט גלייך, אַז דאָס איז אַן אַגיטאַציע־אַרבעט פון עקסטרעמיסטן. און עס קומען דאַן די לייבלעכע ברידער, די אינדיאַנישע באַרוועסע סאָלדאַטן, און זיי שטילן איין דעם עולם...

— די שטרייקן און די פאָדערונגען פון די אינדיאַנישע מאַקסימאַליסטן — האָט מיר געזאָגט אַ הויך־ציוויליזירטער שפּאַניער סוחר — קומען דערפון, ווייל דער גאַנצער דרום און מערב פון לאַנד איז זייער פּרוכטבאַר. ס'וואַקסן אַלערליי פּרוכטן און קרייטעכצער אין די געדיכטע וועלדער און דזשונגלס, און דער אינדיאַנער דאַרף דאָך נישט קיין סך: מחמת פון באַנאַנען בלויז מאַכט ער זיך אַלץ. מאַנדיאָקע און קוקורוזע האָט ער אויך צו דער זעט; ווילדע פייגל, פיש און חיות האָט ער אויך אָן אַ שיעור, איז טאַקע גרויס די געפאַר, אַז דער וויל־דער אינדיאַנער זאָל מער פאַרדינען. ער קאָן נאָך חלילה קאַליע ווערן... איר ווייסט דאָך, מיין ליבער פראַנצויז, אַז דער אינדיאַנער איז נאָך ערגער פונעם ווייסן, און אַז דער ווייסער אַרבעטער איז אויך פונקט ווי דער חזיר. און איר ווייסט דאָך, אוודאי, דאָס שפּאַנישע וואָרט: אַ חזיר, אַז מען ווייזט אים אַ פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט. דערפאַר טאָר מען דעם אינדיאַנער קיין סענט נישט דערלייגן. מחמת, טאָמער, חלילה, וועלן די אינדיאַנער עפענען די אויגן, און פאַרשטיין, אַז זיי זענען פונקט אַזעלכע מענטשן ווי מיר, דאַן וועלן מיר נישט זיכער זיין מיט אונדזער פאַרמעגן. קיין שום אַרבעטער טאָר נישט פאַרדינען מער, וויפל ער באַדאַרף, און דער אינדיאַנער אוודאי און אוודאי נישט.

און טאַקע, דער שפּאַניער איז „געדעכט", — דער אינדיאַנער דאַרף גאָר־נישט, ער לעבט ווי אַ חיה, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האָט נישט געגנוג עסן, פאַרמאָגט נישט קיין שום קולטור. און איז גליקלעך. אַז מען לאָזט אים לעבן אין די וועלדער, בערג און אויף דער זומפּיקער קראַנקער ערד אָדער בערגיקער שטיינער־מדבר. ער באַגנוגנט זיך מיט זיין ביסל חיהשער פרייהייט, וועלכע ער געניסט אָן קלעפּ.

דערפאַר אָבער ליידט פיזיש, גייסטיק און עקאָנאָמיש דער אייראָפּעאישער אַרבעטער, דער ציוויליזירטער און קולטורעלער, וועלכער קאָן נישט פירן אַזאַ הינטיש־מיזעראַבלען לעבן, ווי דער אומוויסנדיקער, תמיד איבערגעשראָקענער אינדיאַנער.

די איינציקע אויסלענדישע אַרבעטער, וואָס פאַרדינען דאָ רעלאַטיוו־גוט, זענען די ב׳ אַמעריקאַנער, וועלכע זענען כמעט די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע; אַן ענגלישער אַרבעטער פאַרדינט אויך נישט שלעכט: ער איז דאָך עפּעס אַ שטיקל שותף צום לאַנד, — אַ רייכער און ביז גאָר מעכטי־קער שכן. ער האָט באַמבאַרדירער, שיפן פון האַרטסטן שטאָל, און ער האָט גע־קראָגן אַ „מתנה" איינס פון די רייכסטע געגנטן — בעליסע, אָדער נײַ־האָנדו־ראַס. און ביז גואַטעמאַלאַ וועט ווערן אַ לאַנד פאַר אינטענסיווער אימיגראַציע פאַר אויסלענדישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס בכלל, וועט נאָך אוודאי עפּעס געדויערן...

דער קלימאַט אין די נידעריקע און פלאַכע וואַלד־געביטן איז אַ שרעקלעך־הייסער און פייכטער, און דערפאַר אַ זייער אומגעזונטער, גינסטיק איבערהויפּט פאַר מאַלאַריע (פּאַלודיזם) קרענק און געלן פיבער, צוליב דער גרויסער צאָל אָזערעס און זומפּן, וועלכע פּרוכפּערן אַלערליי מינים גיפטיקע אינזעקטן, שפּי־נען, שלאַנגען, אַלאַקראַנען און אפילו אמתע ביבלישע עקדישן.

דערפאַר איז דער קלימאַט אין דער הויפּטשטאָט צו דערליידן אפילו פאַר אַ נאַרוואָס אָנגעקומענעם אייראָפּעער...

**
*

איך האָב געטראָפן זעכציק יידישע נפשות אין דער גאַנצער גואַטעמאַלער רעפּובליק, שוין אַריינגערעכנט ווייבער און קינדער; צוואַנציק פאַרהייראַטע און פערציק „בחורים", און פון זיי אַלעמען האָבן בלויז צוויי געוואַגט מיר גלייך אויסצוזאָגן דעם „סוד", אַז זיי זענען יידן. די צוויי זענען פאַמיליאַנטן, ענריקע ענגעל און פּיוול יאַשענסקי.

די פערציק יידן־בחורים, אָדער אָן ווייבער, זענען מערסטנס אשכנזישע יידן, פון פוילן, גאַליציע, רומעניע און רוסלאַנד (געקומענע אַ קורצע צייט פאַר דער

אָקטאָבער־רעוואָלוציע), און זיי באַשעפטיקן זיך מיט פּעדלעריי, „קוענטע". די יידן מיט די פאַמיליעס זענען מערסטנס ספּרדישע, כמעט אַלע אַסימילירטע. ניין דייטשישע יידן מיט פאַמיליעס, ד"ה מיט ווייבער און קינדער, שוין גאַר אַסימי־לירטע, אָדער האַלב־אַסימילירטע, אַ טייל פון זיי מיט קריסטלעך־פרומע אַרישע ווייבער, ווי עס פּאַסט פאַר „דויטשן פון מאָזעס גלאָבן"...

די יידן זענען פאַרצייכנט דורך דער באַפעלקערונג ווי „טורקאָס, אַראַבעס, גרינגאָס, גריעגאָס, מאַרועקאָס, פּאָליאַקאָס, רומאַנאָס אָדער אַוסטריאַקאָס", לויטן לאַנד פון וואַנען זיי זענען געקומען.

דער יידישער דרייערלייאיקער ישוב אָדער קיבוץ זעט זיך אָן צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פונעם לאַנד ווי אַ טראָפּן אין ים. דאָך זענען די דריי פראַקציעס פונעם יידישן קיבוץ אַזוי ווייט און פרעמד צווישן זיך, אַזוי ווי כי־נעזער מיט שווייצער, אָדער אַביסינער מיט פּאָליאַקן...

איך האָב נישט אָנגעטראָפן קיין סימן פון אַ קולטורעל אָדער געזעלשאַפט־לעך לעבן, און אפילו נישט קיין רעליגיעזן צוזאַמענקום פון די דאָרטיקע יידן, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אפילו אין די ימים־נוראים זענען זיי זיך נישט צוזאַמענגעקומען. די דייטשישע יידן, די אַסימילירטע, פלעגן זיך יאָ אַמאָל צוזאַמענקומען מיט זייערע הינט, ווייבער און קינדער. די ספרדי־שע — אויך אַמאָל, צוליב אַ חתונה אָדער לויה, אָבער קיינמאָל נישט אַלס יידן, נאָר אַלס בירגער פון די לענדער, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

ווען איך האָב געזאָגט דעם רייכן און זייער הייסן ייד ענריקע ענגעל, אַז איך האָב שוין אָנגעציילט 60 יידישע נפשות אין דער רעפּובליק, האָט ער אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן, און מיך געפרעגט, צי איך האָב נישט קיין טעות:

— ווי הייסט, איך בין שוין אין גואַטעמאַלאַ זינט דעם יאָר 1896, ד"ה שוין 25 יאָר. איך קאָן דאָ אַלע יידן, און צווישן די אַלע דריי יידישע פראַקציעס האָב איך קוים אָנגעציילט 11 יידן, שוין אַריינגערעכנט מיך מיט פּיוול יאַשענסקין. טאָ ווי אַזוי האָט איר אָנגעציילט גאַנצע זעכציק?...

אָבער נישט תמיד געפינט אפילו דער בעסטער זוכער. דאָרט ווו קיין לעבע־דיקע יידן זענען נישט געווען, האָב איך דאָך פון טויטע מאַראַנען, געשטאָרבענע מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, קיין לעבעדיקע יידן נישט געקאָנט מאַכן. דאָך וועלן די רייזנדע, וואַנדערער און יידישע פאָרשער, וואָס וועלן קומען נאָך מיר, אין פינף, צען, אָדער דרייסיק און פערציק יאָר שפּעטער, זיכער אויסגעפינען שיינע יידישע קיבוצים, יידישע ישובים און אפשר אויך בליענדיקע יידישע ערד־אַרבעטער קאָלאָניעס, ווייל דאָס גואַטעמאַלער פאָלק איז מילד און נאָבל, און דאָס לאַנד איז גוט פאַר יידישער איינוואַנדערונג.

דערווייל איז מיר דאָס האַרץ שטאַרק פאַרצערט, וואָס איך געפין נישט אַט דאָס שיינע יידיש געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן ווי אין אַרגענטינע, אורוגוויי, טשילע, און אפילו, פּאַראַגוויי און בראַזיל.

יעדער האָט דאָ זיינע דלת אמות, וואָס ער „באַאַרבעט״ פאַר זיך אַ „קליענ־טעלע״ (קונדשאַפט) און מער אינטערעסירט אים נישט.

— וואָס קולטור, ווען שמולטור? און נאָך וואָס קולטור? און דערצו נאָך יידישע קולטור, שמולטור, — האָט זיך אויף מיר צעשריגן אַ פּאָדאָליער יונגער־מאַן, אינעם אינדיאַנישן שטעטל אַמאַטיטלאַן, — איך בין אַוועק פון די פּעטלו־רישע פּאָגראָמען און בין געקומען אין גוואַטעמאַלאַ, דאַרף איך דען דאָ ווידער טראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פון דער פאַרפאָלגטער יידישער קולטור?...

— יונגערמאַן, — האָב איך אים געענטפערט, — עס וועט אייך נישט העלפן אייער באַהאַלטן זיך און אפילו דאָס אַסימילירן זיך, אויב עס וועט זיך צעפלאַקערן דער פיזישער אַנטיסעמיטיזם, וועט מען אייך אויך, די פאַרשטעלטע און די בוגדים, געפינען. און טאָמער וועט קיין ייד נישט זיין, זענען די אַנטיסע־מיטן קאַפּאַבל אפילו פון אַ גלח צו מאַכן אַ ייד, אַבי צו האָבן קעגן וועמען צו האָוקען און פון וועמען צו צאַפּן בלוט... פאָלגט זשע בעסער מיך, קומט אַלע זיך צוזאַמען, גרינדעט אַ קולטור־צענטער, אַ קולטור־ווינקל, כדי איר זאָלט קאָנען לעבן פרייער און יידיש־מענטשלעכער...

דאָס נישט וועלן זיך אויסגעבן פאַר יידן איז געווען צוליב דעם אַנטיסעמי־טיזם, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד און אויסער זיינע גרענעצן. אַנטיסעמיטיזם אָן יידן, ווייל נײַן און ניינציק פּראָצענט פון די אַנטיסעמיטן האָבן צומאָל נישט געוווסט, וואָס אַזעלכס איז אַ ייד, און וואָס אַזוינס איז אַנטיסעמיטיזם. דער טע־אָרעטישער אָדער קלעריקאַלער אַנטיסעמיטיזם איז מיט דער צייט געוואָרן בולטער אַנטאַפּנדיקער. די אונגאַרישע, צאַרישע און דייטש־פאַשיסטישע דעגענערירטע אַדעליקע אימיגראַנטן, אַנטרונענע פון זייערע געבורטלענדער נאָך דער מלחמה פון 1914—18, האָבן זיך צעשפּרייט מיט זייער אַנטיסעמיטישער פּעסט און אַנטי־סאָציאַליסטישן סם איבער אַלע ווינקעלעך פון צענטראַל־אַמעריקע.

אָט די אַדעליקע פּלעדערמייז, וואָס זענען אַנטלאָפן אין פחד פאַרן שטראַלנ־דיקן רויטן שטערן, שלעפּן זיך אַרום איבער די קאַבאַרעטן, קרעטשמעס און שאַנדהייזער פון אַלע אַמעריקאַנער לענדער. מיט דער הילף פון ענגלישע פונטן און ב׳ אַמעריקאַנער דאָלאַרן שיכורן זיי און באַראַבעווען, וועמען נאָר עס לאָזט זיך, און פאַרסמען די אומוויסנדיקע מאַסן מיט אַן אידיאָטישן האַס צו יידן, און צו אַלץ, וואָס איז יושרדיק, צו אַלץ וואָס איז ערלעך, דעמאָקראַטיש, סאָציאַליסטיש און ליבעראַל.

ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אפילו דער „ציווילֿיזירטער‟ גואַטעמאַל־טעקאָ (גואַטעמאַלער) קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן פּראַקטישן אָדער פיזישן יידנהאַס. דער „קולטורעלער‟ האָט נאָר פונעם גלחס פּרעדיקן די הייליקע „פּאַסקואַ־דרשות‟ געוווסט וועגן אַ שרעקלעכער מענטשן־ראַסע — „כודיאָס‟, וואָס האָבן נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געהרגעט זייער גאָט, און מער גאָרנישט. דער פּשוטער אינדיאַנער, בפרט דער פון די דזשונגלס און בערג, צו וועמען קיין גלח קומט נישט, מחמת עס פעלט אים אַ קירכע צו פּרעדיקן, האָבן זיך נישט אָנגעשטעקט מיט קיין שום יודאָפאָביע, מיט קיין שום אַנטיסע־מיטיזם...

צו יענער צייט, ווען איך האָב געוויילט אין גואַטעמאַלאַ, זענען די מערסטע מייל אויסלענדער געווען דייטשן, ב׳ אַמעריקאַנער, ענגלענדער און רוסישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען געווען די אייגנטימער פון די גרעסטע לאַטיפונדיעס (לאַנד־שטחים) און גרעסערע אונטערנעמונגען. די הויפּט־געשעפט־לייט זענען געווען, פּונקט ווי אין פּערו און אין אַנדערע ווייניק־אינדוסטריאַ־ליזירטע לענדער, כינעזער, יאַפּאַנער און אַראַבער...

אַ באַגעגעניש מיט רוסישע וויסנוואַרדייער

אַן ערך אַכציק קילאָמעטער פון קעזאַלטענאַנגאַ געפינט זיך דאָס גיהנום־הייסע שטעטל רעטאַלולעו, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ 25 טויזנט נפשות, און מיט אַ דורכשניטלעכער טעמפּעראַטור צווישן 36 און 42 גראַד אין שאָטן. אויף דער זון איז אַזאַ חמימה, אַז איך האָב געזען, ווי אינדיאַנער האָבן אויף אַ פלאַטשיקן שטיין, וואָס זיי האָבן געלייגט אַקעגן די שטראַלן פון דער זון, געבראָטן פלייש. איך האָב דאָרט אויך געגעסן טעראָ־אייער, וואָס גוטע אינדיאַנער האָבן פאַר־מיינעטוועגן אָפּגעבראָטן אינעם אָנגעגליטן זאַמד...

אין אַ לויטערן פאַרטאָג בין איך אַרויס פון מיין האָטעל־צימער אין בלויזן קאָפּ און צוגעגאַנגען צום באָד־צימער, וואָס שטייט ווי אַ יתום אַליין אַ הונדערט מעטער ווייט אין הינטערגרונט. איך האָב געוואָלט כאַפּן אַ קאַלטן טוש, האָב איך איבערן וועג געכאַפּט אַזאַ סמאַל, אַז די הויט פון מיין קאָפּ האָט זיך אויף עטלעכע ערטער אָנגעבלאָזן, ווי אָפּגעבריט מיט זודיקע וואַסער, און עס האָט געפּלאַצט. דער דאָקטאָר, וואָס האָט מיך נאָכדעם קורירט, האָט מיר געזאָגט, אַז אונטער דער הויט פון קאָפּ איז נישטאָ קיין פלייש, נאָר בלויז אַ דינינקער שיכט פון שמאַלץ, האָט דאָס פעטס אויפגעקאָכט ווי געפּרעגלט אויף אַ פאַטעל־ביע, און האָט געמאַכט, עס זאָל פּלאַצן די האָר־הויט פון מיין קאָפּ...

— און איך, אַלס דאָקטאָר, פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי איר לעבט נאָך, נאָך אַזאַ שרפען זיך. איר, פריינט, מעגט גיין אין קלויסטער אַריין און געבן אַ שיינע נדבה דער הייליקער „בתולה פון די נסים“, ווי אויך אַ נדבה פאַרן „הייליקן האַרץ“ פאַר דעם מאָדנעם נס, וואָס מיט אייך איז געשען... — האָט פאַרענדיקט דער זייער פרומער דאָקטאָר.

בעת מיין וויילן אין דעם פייער־פלאַמיקן שטעטל, ווו קינד און קייט איז געווען קראַנק אויף מערידן, און אויך איך האָב דאָרט דערפילט דעם טעם פון דער קראַנקייט, און ווו כמעט אַלע טראָגן טונקעלע ברילן, כדי נישט בלינד צו ווערן פון יענעם אויסטערלישן זונענשיין, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן בלוטיקן וויסגוואַרדייאישן גענעראַל סאָקאָלאָווסקי און מיט

119 אַדללייט, אייניקע אפילו פון דער צאַרישער משפחה, וועלכע זענען געווען פאַרשטעלט אַלס דאָנער קאָזאַקן און טשערקעסן...

זעקס גרויסע קאַמיאָנען זענען געוואָרן אָנגעפּאַקט מיט די קאָזאַקן און זייערע וואַליזעס, קאַסטנס און פּעק, און אין זיבעטן, וואָס איז אויך געווען אָנגעפּאַקט און אָנגעלאָדן מיט די קאָזאַקישע „טשעמאָדאַנעס" און איז געלאָפן פאַר־אויס, איז געפאָרן אַן עלטערער קאָזאַק אין גענעראַלסקע ווינטער־קליידער. די הויכע ברוסט באַהאָנגען מיט אַלערליי מעדאַלן, קרייצן און אַנדערע אויסצייכע־נונגען. לעבן דעם גענעראַל איז געזעסן אַ צווייטער מיליטאַר אין קאָראָנעל־מלבושים און מיט אַן אָפּגעביסענער שפּיץ נאָז. דער גענעראַל האָט אים גערופן „וואַטש" וואַנקאַ קאָרסאַקאָוו. ביידע אין די זעלבע טשערקעסישע ווינטער־טו־לופּן, הויכע פוטערנע היטלען און „באַשליקעס".

אין דעם זעלבן קאַמיאָן בין איך געפאָרן, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פּאַ־סאַזשירן.

פון אָנפאַנג האָט קיינער פון אונדז, די צען פּאַסאַזשירן, נישט געוואַגט צו רעדן צווישן זיך, צוליב דרך ארץ פאַרן גענעראַלסקן פאַרזעעניש אין די פּאָלאַרע מלבושים, דאָ אין דער אויסטערלישער היץ, ווו דאָס בלויזע העמד אויפן לייב איז אויך איבעריק...

און מיר, פרעמדע נאַיווע פּאַסאַזשירן, מיינענדיק, אַז דאָס זענען געוויס עפּעס אַן אַמבאַסאַדאָר פון גרויסן ראַטנלאַנד מיט זיין סוויטע, וואָס שטאַמען אוודאי ערגעץ פון סיביר, צי פון בייקאַל, אָדער פון די אייז־קאַלטע לענאַ־געביטן, האָבן פאַרחדושטע שטום אָבסערווירט דעם גענעראַלסקן עקסעלענץ און זיין „וואַטש" (דאָקטאָר). ער ווידער, זיין עקסעלענץ, האָט אויך נישט גערעדט, ווייל אפשר האָט אים נישט געפּאַסט צו רעדן צו אונדז, פשוטע בשר־ודמס, אָדער אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געקאָנט קיין שפּאַניש.

ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן קוים אַ פופצן־צוואַנציק מינוט איבערן גלייכן כלאַך פון דעם אַראָמאַטישן וואַלד־וועג, און דער אויטאָ־קאַמיאָן איז אַריין אין אַ שמאָלן וועג צווישן פּלאַנטאַציעס פון קאַקאַאָ, קאַפע און וואַטע, האָט דער באַפעלצטער גענעראַל געחלשט צוליב די גליענדיקע שטראַלן־כוואַליעס, וואָס די צערייצטע זון האָט ווי אַן אויפגעשטורעמטער ווולקאַן אויסגעגאָסן אויף אונ־דזערע קעפּ.

גראָד איך, נישט קיין דאָקטאָר, האָב באַמערקט, אַז דער גענעראַל איז נישט מיט אַלעמען, און איך האָב עס אָנגעוויזן דעם וואַטש וואַנקאַ קאָרסאַקאָף, וואָס איז געזעסן לעבן גענעראַל.

דער גענעראַל איז געוואָרן בלייך און באַלד גרין און געל, און האָט פאַר־לייגט זיין קאָפּ מיטן פוטערנעם הויכן שטריימל דעם דאָקטאָר אויפן אַקסל, די

אויגן איבערגעדרייט ווי ביי אַ געהאַנגענעם, און מיט אַ בלוטיקער סלינע אין די מויל־ווינקלען...

אַ דאַנק די מעדיצינישע קענטעניש פון וואַנקאַ קאָרסאַקאָף איז דער גענע־ראַל גיך געקומען צו זיך, און איך האָב גאַנץ העפלעך געפרעגט דעם גענעראַל אויף רוסיש, ווי ער פילט זיך, און ער האָט מיר, אויך זייער העפלעך, גאַנץ קורץ געענטפער:

— ספּאַסיבאָ, וועליקי קופּעץ, אָטשען כאַראָשאָ! (אַ דאַנק, גרויסער סוחר, זייער גוט)...

— טאָ ניטשעוואָ, וועליקי קופּעץ, טאָ טשעפּוכאַ, ניעאָבכאָדימאָ! (דאָס איז גאָרנישט, גרויסער סוחר, דאָס איז אַ נאַרישקייט, אומבאַדינגט)... — האָט דער וואַטש קאָרסאַקאָף, פּאַנפּענדיק מיט זיין אָפּגעבליסענער נאָז, אונטערגעבאָמקעט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער גענעראַל מיך געפרעגט, צי איך וואָלט אים נישט געוואָלט געבן אַ ציגאַר (געבעטן האָט ער עס ביי מיר אין אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש, ווייל ער האָט געהערט ווי איך האָב דערקלערט אַ פּאַטרול, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם קאַמיאָן, אַז איך בין אַ פראַנצויזישער בירגער). נאָכדעם ווי איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, געגעבן דעם ציגאַר, איז ער געוואָרן מיט מיר זייער היימיש.

ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם ערשטן שענק עפּעס איבערצו־כאַפּן און צו אַריינגיסן אין גרגרת אַריין, האָט דער גענעראַל מיר פאָרגעשטעלט זיין באַגלייטער, דעם וואַטש קאָרסאַקאָף. מיר האָבן צוזאַמען אויסגעטרונקען עט־לעכע גלעזלעך און פאַרביסן מיט הירשן־פליש — סאַנדוויטשן מיט פּיקלעס, ענלעכע צו אונדזערע היימישע שוואַרצע יאַגדעס, אָבער אין טעם זענען עס גע־ווען זייער האַרבע פּעפּערלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גענעראַל, זיין וואַטש און זייערע באַגלייטער, מיט זייערע באַגילדעטע פּאַגאָנעס, קאַראַקולענע היטלען, גרויסע און ברייטע ווי חסידישע שטריימלעך, זייערע לאַנגע און ברייטע פּוקסענע מאַנטלען מיט אַ זילבער־גרויען אויבערדעק און מיט שוואַרצע לאַקי־רענע שטיוול מיט הויכע כאַלעוועס ביז איבער די קני, זענען געווען אָן אַן אי־בעריקן סענט.

דער „איידעלער" גענעראַל האָט גערעדט מיט מיר נאָר פראַנצויזיש, מחמת איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז די איינציקע שפּראַך, וואָס איך קען, אויסער שפּאַניש. די עטלעכע רוסישע ווערטער וואָס איך קען, — האָב איך אים גע־זאָגט, — האָב איך מיך אויסגעלערנט, ווען איך בין געווען אַ מאַטראָז פון פראַנצויזישן אָקופּאַציע־פלאָט אין אָדעס...

זייער אָרעמקייט האָט נאָך מער עדות געזאָגט, אַז איך האָב דאָ צו טון מיט עכטע סאָוויעטישע מענטשן, מחמת די רעאַקציאָנערע צייטונגען פון יענער צייט

האָבן פאַנפלעטירט די וועלט מיטן גרויל און שוידער, אַז אין די ראַטנרעפּובליקן איז אַבסאָלוט אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס געלט, און אַז אַ גענעראַל, דאָקטאָר און אינזשיניער פאַרדינען ווינציקער ווי אַ קוימענקערער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער...

— ווער זענט איר, וואָשע וועליטשעסטוואָ, גאָספּאָדין גענעראַל? זענט איר נישט אַ ספּעציעלער שליח פון רוסלאַנד? — האָב איך אים געפרעגט גאָרנישט דיפּלאָמאַטיש.

— יאָ! — איז געווען קורץ און טרוקן זיין ענטפער. און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער צוזאַמענגעצויגן זיינע געדיכטע שאַטיגע ברעמען, האָט פאַרדרייט זיינע וואָנצעס פון דעם זעלבן קאָליר, און שוין מיט אַ דיפּלאָמאַטישער רעזיגנאַציע, פאָרגעזעצט:

— יאָ! איך בין פון רוסלאַנד, איך בין אַן אַקטיאָר, דער נאַטשאַלניק פון דער טרופּע...

און באַמערקנדיק מיין אינסטינקטיוון בליק ביי זיין באַטיטלען זיך אַלס „נאַטשאַלניק״, אָנשטאָט דירעקטאָר אָדער רעזשיסער און מיין פאַרשנדיקן בליק אויף זיין חבר דעם „וואָראַטש״ מיט דער אָפּגעביסענער נאָז, האָט ער, משמעות, ווי אַ פעאיקער גונב־דעת זיך אָנגעשטויסן, אַז איך פאַרדעכטיק עפּעס, האָט ער געפּרווט אָפּוועגדן מיין בליק פונעם קריפּל, וועלכער האָט געמאַכט אויף מיר אַ שוידערלעכן איינדרוק. ער האָט מיט פילאָזאָפישער פאַרטראַכטקייט, פאָרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם שמועס:

— איך האָב געזאָגט — נאַטשאַלניק — און נישט רעזשיסער אָדער דירעקטאָר, ווייל אַזאַ בין איך פאַר זיי. איך בין טאַקע אַן אַקטיאָר, זייער רעזשיסער, אָבער איך גיי אָנגעטון ווי אַ רייכער צאַרישער גענעראַל. אויך דער גאַנצער אַנסאַמבל פון מיין טרופּע גייט אַזוי אָנגעטון, דער מלבושים קאָמפּלעקס האָט שוין אַזוי אויף אונדז געווירקט, אַז מיין גאַנצער מהות, מיין גאַנצער אַמביענט און מיין פּעריפעריע איז מיליטאַריזם... און דער דרוג (חבר) מיינער, דער דאָקטאָר איז אויך אַן אַקטיאָר. ביי אים אין זיין פּראָפעסיע, פּונקט ווי ביי מיר אין מיינער, קומען פאָר אָפּטמאָל געפערלעכע סורפּריזן: דער דאָקטאָר האָט דערפילנדיק זיין פּראָפעסיע, באַדאַרפט אַריינקוקן אין האַלדז אַרייַן אַ נעאוראַסטענישע אַקטריסע, מיט דיפטעריע־פּלאַקעס, וואָס איז פּלוצלינג משוגע געוואָרן און זי האָט עס אים אַזוי שרעקלעך צעקאַליעטשעט די נאָז... אָ, ווען נישט דער גוטער דאָקטאָר וואָלט אַ העלפט פון אונדז שוין לאַנג אפשר געווען אין דעם הימלישן קעניגרייך. מיר פאָרן, נייַן, מיר וואַנדערן אַרום איבערן פייער־הייסן קיטשע־מאַיאַ לאַנד, און אין געזאַנג און רוסישע פאָלקסטימלעכע טענץ, באַגלייט

פון דער באַלאַלאַיקע און מאַנדאָלינע, מיט דער האַרפּע און האַרמאָניע, גיסן מיר אויס רוסלאַנדס געפּאַלענע גרויסקייט...

— נו דאַ, טאָ פּראַוודאַ, טאָ טשעפּוכאַ, טאָ נעאָבכאָדימאָ! (נו יאָ, דאָס איז אמת, דאָס איז אַ נאַרישקייט, דאָס איז אומבאַדינגט)... האָט פּאַנפּענדיק שטיל צוגעבורטשעט דער דאָקטאָר, און זיך געווישט מיט אַ שמוציק גרין זיידן טי־כעלע דעם שווייס פון זיין גלאַטן און פעטן שטערן, פון וועלכן עס האָט ריטשקעס־ווייז זיך געגאָסן דער שווייס, און זיך געקייקלט איבער זיין קיילעכדיקן פּנים און אַראָפּגעטריפט פונעם שטיקל ביינערדיקן נאָז.

דער גענעראַל האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקלערט און שפּעטער צוגעגעבן:

— איך מיין, אַז מיר זאָגן דער וועלט מיט אונדזער געזאַנג, מוזיק און טענץ, אַז פאַר דער בלוטיקער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז רוסלאַנד געווען דאָס גרעס־טע און מעכטיקסטע לאַנד אין דער וועלט, און היינט איז פון אונדזער געפאַלנ־קייט געוואָרן „עטלעכע" אומווירדיקע רעפּובליקלעך: פינלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, עסטלאַנד און פּוילן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער הייליקער מוטערל־רוסלאַנד, וואָס וואָלטן, צוליב זייער פאַרראַט, געדאַרפט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד־אויבערפלאַך...

די דיגינקע בלויע ליפּן פון זיין מויל האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע פון אַ פאַרליבטן כלב, וואָס האָט געקראָגן אַ דראַפּע פון אַ קאַץ, און עפּעס אַזאַ מין עניגמאַטיש, אונטערטעניק־קעציש שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף זיינע פאַרדרייטע שפּיציקע קאַשטאַן־וואָנצעס, אַ שמייכעלע, וועלכן איך האָב דאַן, אין פלוג, נישט פאַרשטאַנען.

און נאָכן בעטן צום צענטן מאָל, אָט אויף רוסיש און אָט אויף פראַנצויזיש: טוט מיר אַ טובה און גיט מיר נאָך אַ ציגאַר, — האָט ער נאָך יעדעס מאָל פאַר־רויכערן פאַרדעכטיק אַ קריץ געטון מיט די ציין.

דער דאָקטאָר האָט ווידער אויטאָמאַטיש־מאָרפאָמאַניש צוגעברומט זיין:

— נו דאַ, טאָ טשעפּוכאַ, נו דאַ, טאָ פּראַוודאַ, נו דאַ, טאָ נעאָבכאָדימאָ!... און פּאָנפּענדיק אונטערן שטיקל ביינערדיקן נאָז, פאַרריכט זיינע קאָזאַצקע פּאות, וואָס זענען אים געקראָכן אין די אויגן אַריין, און האָט דערלאַנגט דעם גענעראַל עפּעס פון אַ גלעזערן רערל גלייך אין מויל אַריין (ווי איך בין דערנאָך געוויר געוואָרן איז עס געווען קאָקאַינע).

דער אויטאָ־קאַמיאָן איז, קרעכצנדיק און סאָפּענדיק, געלאָפן איבערן גע־ברעקלטן, האַלב־גלייכן וועג. באַרג־אַרויף האָט ער הייזעריק געברומט ווי אַן אַלטער לייב, אָט העכער, אָט שטילער, אָט לויפט ער, און אָט, דאַכט זיך מיר, וועט ער בלייבן שטיין אַ פאַרמאַטערטער, אָן כוחות... דער שאָפער האָלט אין איין טרובען. אָט אַ קליינעם, אַ קורצן טרומייטער, ביי אַ קליינעם קערעווע, און אָט

גאָר אַ שטאַרקן, אַ לאַנגן טרומייטער, וואָס עגבערט די אויערן, אַזוי ווי אַ תקיעה־גדולה, ביי אַ געפּערלעכן זיגזאַג, אָדער ספּיראַל, ד״ה אַן ס.אָ.ס.־סיגנאַל, אָדער אַ וואָרענונג דעם מעגלעכן אויטאָ, וואָס קאָן אַנטקעגן קומען אויף דעם שמאָ־לינקען, שלאַנגען־וועג.

פון דער ווייט זעט זיך דער פייער־שפּייענדיקער באַרג־פּועגאָ (פייער) פון 3.835 מעטער די הויך. זיין נאָמען פּאַסט זיך זייער צו זיין פייערדיקער גרוי־זאַמקייט. פיל אומגליקן האָט ער שוין פאַרשאַפט דעם זייער געשטראָפטן גואַטע־מאַלער פאָלק. דאָס איז דער זעלבער מחבל, וואָס האָט חרוב געמאַכט די ערשטע גואַטעמאַלער הויפּטשטאָט, וואָס הייסט לאַ אַנטיגואַ (די פּאַרצייטיקע).

די געגנט אַרום איז פונקט אַזוי ווי אַלע מקומות, נישט ווייטע פון פייער־שפּייענדיקע בערג: עס זעט זיך אַ וויסטע פון שטיין, אַש און זאַמד, וואָס, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט אַריבער אַן אייביקייט ביז מיר וועלן זיך אַרויס־רייסן פון יענעם לאַווע־שלל.

אַ דייטשיש פּאָרל, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז אין קאַמיאָן אויף זייער האָניק־חודש אין אַ גוט פון זייערן אַן אָנקל אין קעטזאַלטענאַנגאָ, האָבן ביידע געקראָגן געפערלעכע זונענשטיכן, און מען האָט געמוזט זיי אַראָפּנעמען פון דעם קאַמיאָן און אַריינפירן אין אַן אכסניא אונטערוועגנס, וואָס האָט געהערט צו אַ טאַטאַנעקאָ אינדיאַנער, אַ זנאַכער, וואָס האָט גענומען טאַנצן און שפּרינגען ווי אַ בער ביים ציגיינער און מאַכן אַלערליי העוויות, און אַרויסרופן אַלע פּאַרצייטיקע געטער און גייסטער, ווי אויך די גייסטער פון די קריסטלעכע הייליקע און דעם הייליקן דריילינג. איך האָב נישט געוואַרט אויף די זנאַכערישע ניסים פון דעם אינדיאַנער, און אויף די מעדיצינישע קענטענישן פון דעם וראַטש קאָרסאַקאָף, און איך האָב פּשוט צוגעלייגט צו די קעפּ פון די קראַנקע אייז־קאָמפּרעסן, און אין אַ שעה אַרום איז זיי געוואָרן בעסער. עס איז, דרך אגב, צו דערמאָנען, אַז אין גואַטעמאַלאַ איז פאַראַן קינסטלעך אייז אפילו אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקע־לעך. דאָס איז, דאַכט מיר, די פאַרשפּרייטסטע אינדוסטריע אין לאַנד. נאָכדעם, ווי עס איז דעם האָניק־פּאָרל געוואָרן בעסער, האָט דער גוטער טאַטאַנעקאָ־אינדיאַנער געטענהט, אַז נאָר זיין ספּיריטואַליזם, אַז נאָר זיין געטלעכע זנאַכעריי האָט געראַטעוועט דאָס יעקע־פּאָרל...

די זון, די גואַטעמאַלער זון, האָט אַזוי געברענט, אַזוי שרעקלעך געשרפעט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, איך וועל צעשמעלצן ווערן. די האָר אויפן קאָפּ האָבן געוויילט, און דאַכט מיר, אפילו געסמאַליעט. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויס־געטון ביז צו די העמדער, און איך, ווילדער פון די ווילדע, האָב אויך דאָס העמדל אויפן לייב אויסגעטון, און געבליבן זיצן מיט דער נאַקעטער ברוסט און פּלייצע. קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט קעגן מיין אומפאַרשעמטקייט, אפילו נישט דאָס

פּאַרל פון דער „רעטונגס־אַרמיי". אַ מעקסיקאַנער יונג, אַ ריז, מיט צוויי רעוואָלווערן איןביידע זייטן, איז צוגעגאַנגען און נישט דרייסט מיך אַ פרעג געטון, ווער עס איז מיין באָקס־מענעדזשער, וויפל עס וועט קאָסטן אַ בילעט, און האָט געבעטן אַ דערלויבעניש מיך אַ טאַפּ צו טון. ער האָט אפילו געפּרוווט טרעפן, ווער עס וועט זיין מיין קעגנער אויפן רינג...

— זייט איר נישט אַמאָל קאַרפּענטיער? דאָס איז דאָך דער שטאַרקסטער מענטש, נישט נאָר פון פראַנקרייך, נאָר פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע צייטן...

— יאָ, וואָס דען, פון אַלע דורות, פון אַלע צייטן, — האָבן אונטערגעברומט די סאַלוואַשיאָניסטן.

— יאַוואָל, דאָס איזט וואַר, „פריידע, גליק אונד ליבע דורך קראַפט" — האָט דער נאַרוואָס געהלשטער דייטש געזאָגט, — אָבער קראַפט באַזיצן בלויז דויטשע יונגען...

צום גליק זענען מיר געוואָרן פאַרשטעלט פון דער זון דורך אַ פאַרקיילעכדיקטן לייוונטענעם דאַך איבערן קאַמיאָן, אַזוי ווי אַמאָליקע רבנישע בוידן. דער שוויס האָט זיך פון אונדז אַלעמען געגאָסן עמערוויז. די צוויי רוסן, דער גענעראַל מיט זיין דאָקטער, האָבן אָבער דאָך נישט אויסגעטון זייערע הויכע קאַראַקולענע היטלען, און נישט זייערע לאַנגע און ברייטע פעלצן.

בעתן פאָרן אויף אָט דעם פייערדיקן שליאַך צווישן שטיינער, זאַמד און גלאַנציקער לאַווע האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך געפין מיך אין אַ מדבר־אומענדלעכקייט. פּלוצלינג האָט זיך פאַר מיינע פאַרשנדיקע אויגן אַנטפּלעקט אַן אימפּאָזאַנטע און זעלטענע לאַנדשאַפט פון גרינע לאַנקעס. דער וועג — אַ ברייטער, פון ביידע זייטן הויכע, ביז די וואָלקנס, עאוקאַליפּטן, סאָסנעס און ריזיקע טאָפּאָליעס, פעלדער מיט גאָלדענע גערשטן, ווייצן און האָבער־זאַנגען, ווי גינגאָלדענע לאָקעלעך באַצירטע. גערטנער מיט פּרוכטביימער, פול מיט אַראָמאַטישע פּרוכטן, און אַנדערע — מיט בלומענקווייטן, שניי־ווייסע, בלוטיקרויטע, וויאָלעטע און בלויע. זיי האָבן געכשופט מיט זייערע פאַרבן און נאַרקאָטיזירט מיט זייער פּערפום.

דער דופט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָס דייטשישע פּאָרל און די צוויי רוסן האָבן זיך פאַרשטעלט די נעזער, בכדי נישט צו פאַרטשאַדעט ווערן פון זייער שטאַרקן ריח.

די גרעסטע טייל פון דער גוּאַטעמאַלער טעריטאָריע איז באַדעקט מיט אַ מאַנטל פון אומדורכדרינגבאַרע וועלדער, מיטביימער טויזנט יאָר אַלטע, און צווישן וועלכע עס לעבן ווילדע בייזע חיות, פונקט ווי אומשעדלעכע און שרעקע־

דיקע. און דער מענטש, דער פאַרפאַלגטער אָרעמער אינדיאַנער, וועמענס ערד, ווערדע און זעלבסטשטענדיקייט די ווייסע האָבן צוגערויבט, געפינט אין דער פינצטערער געדיכטעניש זיין שטיקעלע פרייהייט, זיין צוגעזאָגטע זעלבסטשטענ־דיקייט...

— ווי לאַנג וועט עס אַזוי דויערן?...

עס וועט דויערן ביז דער דייטשישער סוחר וועט נישט קריגן די קאָנצעסיע פון דער מאַכט אויסצוהאַקן די וועלדער. ביז דאַן וועט דער אינדיאַנער, די חיות און די פייגל לעבן אין זייער רעלאַטיווער פרייהייט...

ביז צו די טויזנט פינף הונדערט מעטער די הייך זעען זיך ביז העט־ווייט, ווו דאָס אויג קאָן נאָר דערגרייכן, יענע פיינע און אין גאָלדענע כוואַליעס ליכט — געבאָדענע גערטנער, פעלדער און לאַנקעס. און צווישן אָט דער זעלטענער שפע פיטערן זיך אויף די לאַנקעס קי, שעפסן, פערד, ציגן, אייזלען, מוילאייזלען און חזירים. אויף אַ סך פון די גרעסערע בהמות גייען אָדער שפרינגען אַרום די „סטאָליער־פייגל״, וואָס רייסן אַרויס די גאַראַפּאַטאַס און אַנדערע פּאַראַזיטן־ווערים וואָס קריכן אַריין צו די חיות אונטער דער הויט, און דאָס גיט צו נאָך אַ פאַרב, נאָך אַ פענדזל־שטריך צום פון דער נאַטור געבענטשטן גוואַטעמאַלער קאָלאָריט.

— איר ווייסט, סוחר, — האָט נאָך אַ שפּאָרער ווײַלע שטילשווייגן ווידער אָנגעהויבן דער גענעראַל, וועמענס נאָמען איך האָב נאָך אַלץ נישט געוווּסט, און במילא אויך נישט געוווּסט וועגן זיין ראָל אַלס פּאָגראָמשטשיק, — דאָס איז אַ געגנט, וואָס איז פונקט אַזוי שפּרודלדיק און פול מיט לעבן, ליבע און געניוס, ווי געוויסע געגנטן צווישן די קאַווקאַזער בערג אָדער פון קרים. יענץ האַלב־אינדזל, וועמענס דריי זייטן ווערן געוואַשן דורך די כוואַליעס פונעם שוואַרצן ים, ווו איך האָב מיך אויפגעהאַלטן די לעצטע צייטן, איידער איך בין אַוועק מיט מיין טרופּע קיין אירקוטסק...

— אירקוטסק, אַך ווי קאַלט דאָרט איז! און ווי גרויס איז דער אונטערשיד! קרים, — אייביקער פרילינג. אירקוטסק — כמעט אייביקער ווינטער. אַך, ווי גרויס מיין פאָטערלאַנד איז געווען... פון די דייטשישע גרענעצן ביזן בערינג־קאַנאַל, קעגנאיבער ב׳ אַמעריקע, און אַמאָל, גאָר נישט לאַנגער אַמאָל, האָט רוס־לאַנד אויך געהאַט אַ שטיק ב׳ אַמעריקע — אַליאַסקאַ, מיין איך, וואָס אַ נאַרי־שער צאַר האָט פאַרקויפט דעם ב׳ אַמעריקאַנער „דרייקאָפּ״...

— איך בין אַ געבוירענער אין אוקריינע, ווו אום ווינטער איז אויף אַן אמת קאַלט, ביז 40 גראַד און מער פראָסט אין געוויסע ווינטערס, און פונדעסטוועגן, אין אָט די ווינטער־טולופּן, וואָס איך שטאַרב דאָ אין זיי פון היץ, בין איך אין אירקוטסק געשטאָרבן פון קעלט, כאָטש צו דעם בין איך נאָך געגאַנגען אָנגעטון

אַ גראָבן באַשליק איבערן קאָפּ, און וואָליקעס, גראָבע וואָליקעס אויף די פיס ביזן דיך...

— נאָר אַ גליק נאָך, די וואָדקאָ און קאַוויאַר דאָרט... וואָדקאָ פלעגט זיך גיסן אין מיין פאָטערלאַנד ווי וואַסער, פונעם גאַסן־קערער ביזן גרעסטן אַריסטאָ־קראַט, אַלץ דערקוויקט זיך מיט אַ שלונג „סאָראָקאָוועקע״, 57־קער און 95־קער ספּירט. ווען נישט די וואָדקאָ, וואָלט איך מיט מיין טרופּע שוין לאַנג געוועסט אויסגעפּגרט, ווי אַ סך פאַרשיקטע סיביראַקעס, פון סקאָרבוט און אַנדערע טונ־דראַ־חולאתן אין יענעם שרעקלעכן ווינטער. אַזוי ווי די פאַרלאָזענע הינט וואָלטן מיר אומגעקומען אויף יענעם אומענדלעכן געפרוירענעם סטעפּ, פון די סיבי־רער פרעסט.

— מען זאָגט, אַז לענין מיט דער הילף פון זיין יידישן מיניסטאָרן־קאַבינעט, פון דעם גרויסן ב׳ אַמעריקאַנער־יידישן אינזשיניער שטיינמעץ און פון דעם יידיש־דייטשישן פיזיקער אַלבערט איינשטיין און פון אַ סך אַנדערע יידישע געלערנטע מיליאָנערן האָבן אויסגעפונען, אַז דער באַרימטער גאָלפשטראָם לויפט דאָרט ערגעץ אונטער דער ערד, נישט ווייט פונעם באַיקאַל. זיי, די יידישע אינזשי־ניערן — זאָגט מען — האָבן געלעכערט דאָרט די ערד ביז צו די הייסע וואַסערן פונעם גאָלפשטראָם, און די זודיקע וואַסערן זעצן איצט אַרויס פון אונטער דער ערד און זיי וואַרעמען איצט אָן אַביסל די נישט־באַווינבאַרע סטעפּעס, ווען נישט וואָלטן אַלע און אַלץ דאָרט אויסגעשטאָרבן.

— נו דאַ, טאָ פּראַוודאַ, נו דאַ, טאָ טשעפּוכאַ, נו דאַ, טאָ ניעאָבכאָדימאָ!... האָט צוגעפּסקנט דער וואַטש און זיך אַריינגעלייגט אין זיין האַלב־אידיאָטישער מאָרדע אַריין אַ פּאַסטיליע קאָקאַינע.

— דאָך בענקט זיך מיר זייער אַהין! אגב, מוז איך צוגעבן, אַז מיין פאָלק האָט זיך זייער שלעכט אויפגעפירט לגבי מיר, ווי לגבי מיינע עלצטע. מיינע „אַרטיסטן״־לערער, מיין איך, וועמען איך בין שולדיק מיין לעבן, — האָט דער גענעראַל פאַרגעזעצט, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין — ווען דער געקרייציקטער וועט נאָר העלפן, און דער הימל וועט זיך אויסלייטערן פון די רויטע שטורעם־כוואַליעס און די ווירבלווינטן וואָס בלאָזן דאָרט אַזוי מעכטיק, אַז זיי האָבן אויסגעריסן און רייסן אויס הונדערט יעריקע „דעמבעס״, וועלכע זענען פאַר־פלאַנצט געוואָרן נאָך אין יאָר 1613 דורכן צאַר מיכאַיל פיאָדאָראָוויטש.

— דאָן ווען דער שטורעם וועט אַריבער און דער הימל וועט זיך אויסלייטערן וועל איך אַהין צוריקפאָרן...

— יאָ, עס בענקט זיך מיר זייער אַהין! איך וואָלט כאָטש נאָך איין מאָל געוואָלט זען דאָס הערלעכע „סיאַניע נאַ ניעביע״, וואָס מ׳זעט נאָר אין סיביר...

— אינדערהיים, דאָרט אין וווּנדערלעכן אוקראַינע, ביי קיעוו, אויך אין קרים און אויף קאַווקאַז, האָב איך אַלץ געהאַט, און אַלץ געלאָזט אויף גאָטס באַראָט, הייזער, דינסטן, בהמות. דאָרט בין איך געווען רייך און מעכטיק, און דאָ אויף מיין וואַנדערוועג בין איך נישט מער ווי אַ „ב"...

די לעצטע זילבע האָט ער נישט פאַרענדיקט, אָפּהאַקנדיק אין צייט זיין לאַנגן פּאָדים־מאָנאָלאָג. אַזוי אַז איך ווייס נישט, צי ער האָט געוואָלט זאָגן בראָדיאַגאַ, באָסיאַק, אָדער עפּעס אַן אַנדער זידלוואָרט. פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ פּאָר אוקראַיינישע ווערטער:

— קוליס יאַ ביוו באָהאַטי, באָהאַצקו הראָשי מאַל. מענע בילי קאַראָווי, קאָני, דאָמי אי דיעווקי. אַ טעפּיער, יאַ ביעדני פּיאַניצאַ אָסטאַווסיאַ נאַשטשאָט, נאַשטשאָט...

אַרום צען דעם זייגער ביינאַכט זענען מיר אַריינגעקומען קיין קעטזאַלטע־נאַנגאַ. איך בין פאַרפאָרן אין צענטראַל־האָטעל, און דער עניגמאַטישער אַרטיסט אין גענעראַלסקע קליידער מיט זיין נאָך מער עניגמאַטישן דאָקטער — אין אַן אַנדער האָטעל.

אַ פּעדלער — אַ כלי קודש

— קאָרטעס, קאַסימירעס אי מעדיאַס פּאַראַ סעניאָראַס, דע סעדאַ־אַ־אַ!...*)

ווען איך האָב געהערט דעם פּעדלערס אויסרופן מיט אַ גמרא־ניגון אין אַ פאַרקריפּלטן שפּאַניש, בין איך געווען ביים גענעראַל דאָן ראַפאַעל קאָרדאָבאַ, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פּאָליטישער, פּאָליצייאישער און מיליטערישער שעף־פּרעפעקט פונעם גאַנצן קעטזאַלטענאַנגאָ־באַצירק.

דאָס איז געווען אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג.

אַראָפּגייענדיק די טרעפּ פון פּרעפעקטס־קאַנצעלאַריע, האָב איך פון צוויי קוואַרטאַלן ווייט נאָך אַלץ געהערט דאָס מאָנאָטאָנע גמרא־געזאַנג פון יענעם מיסטעריעזן פאַרקויפער, וועלכער האָט אַזוי צעהרגעט די שיינע שפּאַנישע שפּראַך. איך בין נאָכגעגאַנגען זיינע קולות, ביז איך האָב אים ענדלעך אָנגעיאָגט, און איך בין אים נאָכגעגאַנגען אָפּגערוקט אַ צען טריט. אַ גאַנצע מחנה ווייסע חברהניקעס, צווישן זיי אייניקע שוין גרייז־גרויע באָרוועסע מענער און פרויען, מיט קינדער און זעק אָדער פּלאַכטעס אויף די פּלייצעס, און מיט קוישן, קרוגן, פולע אוןליידיקע אויף די קעפּ, זענען אים נאָכגעגאַנגען פּוסטריט.

איך האָב מיך דורכגעשטופּט דורך דער מאַסע נייגעריקע, און בין צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו דעם זינגענדיקן פּעדלער, האָבנדיק די מעגלעכקייט אים צו באַטראַכטן פון פאָרנט און פון הינטן און פון אַלע זייטן.

געווען איז עס אַ מענטש פון אַ יאָר 45, אויסטערליש־הויך און מאָגער־דין ווי אַ שפּאַראַג. אַ הויכער און צעקנייטשטער למדנישער שטערן, טונקעלע שאַטינע האָר געמישט מיט גרוי, אַ לאַנגע רוימישע שופר־נאָז מיט גרויסע און צעשטופּטע נאָזלעכער, גרין פון טאַבאַק־שמעקן, אַ רויטלעך ציגן־בערדל, מיט לאַנגע און שיטערע רויטע וואָנצעס, וואָס זענען אים אַראָפּגעהאָנגען איבער זיינע וויאָלעט־בלוילעכע ליפּן. אַ גרויסער מעקסיקאַנישער הוט פון פּאַלמען־בלעטער אויפן קאָפּ, און אַ שוואַרץ־פאַרגרינטער ראָק מיט אַ שפּאַלט אינדערמיט און

*) שניט־סחורה, קאַסימירן און זאָקן פאַר דאַמען, פון זייד!

לאַנג, כמעט ווי אַ פּויליש־חסידישע קאַפּאָטע, אַ צעפּליקטער ווייס־זיידענער שלייף אַלס קראַוואַט אויפן גלחשן קעלנערל, וואָס האָט אים צוגעגעבן דאָס אויסזען פון אַ יעזואיטישן מיסיאָנער פון די ווילדע אינדיאַנער מקומות.

ווען ער וואָלט נאָך דערצו געהאַט ראַסינאַנטען מיט אַ לאַנגן הילצערנעם שפּיז אין דער האַנט, וואָלט ער זיכער געווען דער ריכטיקער טיפּ פון סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט דע לאַ מאַנטשאַ...

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָבן די באַרוועסע פונדיקעס ענטוזיאַסטיש געשריען און הילכיק געפּאַטשט מיט די הענט.

— קאַנטע מאַס, קאַנטע מאַס, טשיוויטאַ פלאַקאַ (זינג מער, זינג מער, מאָגערע ציגל)! — דין מאָגער און לאַנג איז ער ווי אַ גייץ*), אוודאי אָן קישקעס, אָן געדערים אינגאַנצן, טאַקע ווי אַ גייץ, רויט — ווי אַ צייטיקע פשעניטשקע, אפילו זיין בערדל איז אַזוי ווי פון אַ צייטיקער קוקורוזע פשעניטשקע, און גייט אָנגעטון אין ווינטערדיקע מלבושים, נישט ווי ער וואָלט געווען אין קעטזאַלטעי נאַנגאָ, נאָר ערגעץ אויף די באַשנייטע הויכע בערג!... — האָבן אים נאָכגעשריגן די צעווילדעוועטע פרויען מיט זייערע קינדער אין די זעק אויף זייערע פּלייצעס.

— וואָס שרייען זיי אַזוי, און פאַרוואָס פּאַטשן זיי מיט די הענט יעדעס מאָל ווען איך זאָג זיי אויף „כישפּאַניאַליש״, אַז איך האָב פּאַר זיי גוטע סחורות און זיידענע זאַקן צום פאַרקויפן? — האָט דער אויסטערלישער פּעדלער געפרעגט איינעם אַ נידעריקן פּאַרשוין מיט ברייטע פּלייצעס און אַ קורץ מאָפּסן־נעזל און מיט צוויי גרינלעך־בלויע כיטרע אייגעלעך, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטון אין ווייסע לייוונטענע הויזן און אין אַ שוואַרצן אַלפּאַקענעם רעקל. אין דער רעכטער האַנט האָט דער פּאַרשוין געטראָגן אַ לעדערנע שווערע וואַליזע, און אין דער לינקער האַנט — אַ טאַבורעטקע.

— האַ, פרידריך, וואָס זאָגסטו צו דעם, פרידריך, האַ? — האָט דער דאָן קיכאָטישער פּעדלער געהאַלטן אין איין פרעגן.

פרידריך, וועלכער האָט, ווי עס ווייזט אויס, אַביסל מער געקענט שפּאַניש, האָט געענטפערט אין אַ פּערפעקטן אָדעסער יידיש, אַז דאָס זענען די נאָכלויפערס אַנטציקט פונעם לאַנגנס שפּאַניש, און אַז זיי פאָדערן, ער זאָל פאַר זיי אויסזינגען אַלע אַרטיקלען, וואָס זיי ביידע האָבן צו פאַרקויפן.

— אַהאַ, אַזוי אַזוי, די אָרעמע אינדיאַנער פאַרלאַנגען, איך זאָל זיי זינגען אַ גמרא־ניגון, נו, וועלן מיר ביידע זיי זינגען אַ מכה אין ווילהעלמס און הינדענבורגס הערצער אַריין! אוי, רבונו של עולם! ווען נישט דער פאַרשאָלטענער יעקע, וואָלט דאָך די מלחמה נישט געווען, און וואָלט די מלחמה נישט געווען,

*) טעניאַ: לאָמבריז: אַזאַ מין טאַשמע־וואָרים וואָס ליגט אין די געדערים פון טייל מענטשן און בהמות.

וואָלט דאָך ניקאַלייקע נישט פאַרשפּילט, און וואָלט ניקאָלייקע נישט פאַרשפּילט, וואָלטן דאָך קערענסקיס לייטלעך נישט געקומען צו דער מאַכט, און ווען קערענסקי וואָלט אַביסל קליגער געווען, וואָלטן דאָך די „אַנדערע" נישט געקומען, און וואָלטן זיי נישט געקומען, וואָלט איך דאָך נישט באַדאַרפט אַנטלויפן און זיך פּלאָגן דאָ אין דעם אָפּקומעניש, — האָט דער לאַנגער געזאָגט אין אַ צעבראָכענעם דייטש, געמישט מיט לשון קודשדיקע און רוסישע ווערטער.

פרידריך האָט ווי אַ קאַץ פאַרזשמורעט זיינע אייגעלעך מיט די חזירשע וויעס, האָט אַ קריץ געטון מיט זיינע לאָפּאַטע־ציין און האָט באַפּעלעריש אָפּגעענטפערט קורץ און שאַרף:

— איר זענט אַ נאַכאַל!.. און זאָל עס פון אייך נישט אַרויסרעדן אַזוי פיל... איר דברט אי ווי אַ נאַרישער פּאָפּוגיי, אי ווי אַ גראַמאָפאָן... איר טאָרט פאַר קיינעם נישט דאַכטן, אַז איר זענט אַן אָדעסער ייד, וואָס איז געוואָרן אַ ראַבין בלויז צוליב „זיין גענאָד", וועלכער איז אַנטלאָפן פון די יידישע און נישט־יידישע בראָדיאַגעס, באָסיאַקעס און נאַכאַלן... איר זאָלט אויף קיין פאַל נישט אַרויספּלאַפּלען, אַז אויך איך בין פון אָדעס. קיינער טאָר נישט וויסן מיין גרויסע ראָל דאָרטן... געדענקט, אַז מיר מוזן אַ סך געלט פאַרדינען, גאָר אַ סך, מיר דאַרפן העלפן צוריק אויפשטעלן אונדזער פאַראומגליקט חרוב הויז... און דאַן, און דאַן, וועט איר מיט גאָטס השגחה ווערן דער הויפּט־רב פון דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע, מיט אַ געהאַלט און כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אַזוי פיל געטון פאַר אונדזער פאַרשוועכט געזאַלבט הויז... ווייסט דאָך, אָסיפּ, אַז כדי צו האָבן דעם גן־עדן, מוז מען פריער האָבן דעם גיהנום... כדי צו גרייכן ווילשטאַנד, געלט און רום, מוז מען פריער אַביסל ליידן חבלי־לידה... דערפאַר טאַקע, צו דער אַרבעט, ברודערל, זאָלן אַריינפליסן אין אונדזערע ביטלען אַ סך, גאָר אַ סך דאָלאַרן, און איך וועל תמיד זיין דער קאַסירער... דאַן וועט זיין גוט פאַר מיר, און אויך פאַר דיר און פאַר „דייניקע"...

— יאָ, אַזוי וועט דאָס זיין, פרידריך, אַ דייטש איז אַ דייטש און פּאַרטיק! — האָט פאַרזיכערט דער לאַנגער, — אַז גאָט וועט העלפן, און אַלץ וועט זיין צוריק ווי געווען, דו וועסט ווידער זיין „אויפן פערדל" און וועסט געבן ברכות און ישועות מיט דיינע הייליקע שפרוכן דיינע שעפּעלעך און עס וועלן זיך אוודאי ווידער מאַכן פּאָגראָמען, זאָלסטו, למען השם, געדענקען אין מיין הויז־געזינט, און מיין משפחה און אַלע מיינע טרייע פריינט, און זאָלסט נעמען אין אַכט דאָס, וואָס איך האָב געאָפּפערט פאַר אונדזער זאַך...

ווען זיי זענען צוגעקומען צום מאַרק־פּלאַץ, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און דער נידעריקער ברייט־ביינערדיקער האָט אויפגעשטעלט זיין טאַבורעטקע, אויף וועלכער ער האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע וואַליזע.

איך האָב מיך נענטער צוגערוקט, כדי בעסער צו באַטראַכטן די צוויי מיס־טעריעזע הענדלער, פון וועלכע עס האָט געווייעט אַ פּאַרדאַכט...

איך האָב מיך גוט איינגעקוקט איןביידן — דער לאַנגער האָט מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט דאָן קיכאָטס בילד, נאָר אַ שאָד וואָס ער האָט נישט יענעמס פערד, שפּיז און פּאַנצער, און דער ברייט־ביינערדיקער וואָלט טאַקע אויך געקאָנט זיין אַ סאַנטשאָ פּאַנסאָ. עס האָט אים בלויז געפעלט יענעמס אידיאָטיש בערדל און סאַנטשאָ פּאַנסאָס אייזל...

— גוט העלף אייך, יידן! שוין יאָרן־לאַנג ווי איך האָב מיין וואַנדער־וועג נישט געהערט קיין יידיש וואָרט, אפילו פון גאָר פרומע יידן, איינגעזעסענע און גוט־אַרויפגעאַרבעטע, און דאָ הער איך גאָר צוויי יידישע „וואַנדעראָרן״ (פּעדלער) רעדן אַ זאַפטיקן יידיש, — האָב איך זיך געווענדט צו זיי.

דער לאַנגער, ווי אַן אַלט־אויסגעטריקנטער לולב, האָט אויסגעצויגן זיין באַוואַקסענעם אינדיק־האַלדז מיט די אַרויסגעשטאַרצטע אָדערן ווי אַנגעלאָפענע וואַריסעס און דאָס רויטעביינדל אויפן גאָרגל איז געוואָרן ווי אַ שפּיציק רויטער געשוויר, גרויס ווי אַ וועניגער־פּלוים, און מעשה־תם, כלומרשט נישט פאַרשטיי־ענדיק וואָס איך רעד צו אים, האָט ער אָנשטאָט צו ענטפערן, מיר דערלאַנגט אַ שטיקל ציצענע סחורה אין ווייסע און שוואַרצע קראַטקעלעך, און מיט אַ קלויז־פולן הקדמות־ניגון געזאָגט צו מיר אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן שפּאַניש, איך זאָל עס קויפן:

— דאָס איז אַ קאָנטראַבאַנד פון אַן ענגלישער שיף, ווו איך בין געווען קאַפּעלמייסטער. די שיף איז אונטערגעגאַנגען צוליב אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ „טעמפּאַן״ (אייזבאַרג) ביים קאַנאַדער גאָלף פון סאַן לאָרענסאָ. מיט מיין שיף איז געשען דער זעלבער אומגליק, וואָס מיט דער לוקסוסדיקער שיף טיטאַניק, וועלכע איז אַזוי שנעל אונטערגעגאַנגען אינעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַ צעשפּאָל־טענע אויף צווייען...

און ווען איך האָב אים געענטפערט אויף יידיש, אַז איך האַלט נישט ביים קויפן, ווייל איך בין אויף דער רייזע, האָט ער מיר דאָך ווייטער געשטעקט אין די אויגן אַריין דאָס שטיקל שטאָף, און אויף זיין קוים פאַרשטענדלעכן שפּאַניש, מיר אויסגערעכנט די מעלות טובות פונעם שטיקל סחורה:

— עס איז די טייערסטע ענגלישע סחורה, אַזאַ יאָר אויף מיר, אויף מיין ווייב און אַכט קינדער און און... ריינע וואָל פון די בעסטע סקאָטלענדישע שעפסן, אַן אמתע מציאה!...

און אויף מיין פאָדערונג, ער זאָל רעדן צו מיר אויף יידיש, וועל איך אפשר עפּעס קויפן, האָט ער גענומען פּלאַפּלען צו מיר אויף אַ געבראָכענעם דייטש:

— איך בין אָבער דאָך אַ דייטש, אַן אמתער דייטש פון דייטשלאַנד, פון סאַמאַראַדנעם בערלין. איך קען נאָר רעדן דייטש און כישפּאַניאָליש, — האָט ער געטענהט צו מיר קשי־עורפדיק, און די בלויע אָנגעלאָפּענע אָדערן ביי אים אויפן האַלדז און שלייפן זענען געוואָרן נאָך אָנגעבלאָזענער, נאָך אָנגעלאָפּענער, אַזוי אַז איך האָב מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט פּלאַצן. דאָסביינדל אויפן גאָרגל איז אים געוואָרן נאָך רויטער, גרעסער און שפּיציקער. זיך צופּנדיק פּאַרלעגן זיין שיטער ציגן־בערדל, האָט ער געזאָגט צו זיין חבר, וואָס מיטן געשטאַלט פון סאַנטשאָ פּאַנסאָ:

— האָ, פרידריך? וואָס זאָגסטו צו דעם אומגליק, צו דעם אָנשיקעניש, האָ וואָס? די יידעלעך שפּראַצן ממש פון דער ערד אַרויס, אפילו ווו מען זייט זיי נישט. גיי ווייס, אַז אין דעם העק געפינט זיך אַ יידעלע, אַזאַ מין אָנשיקעניש, וואָס לאָזט נישט לעבן... נו, אדרבה, ווען אפילו עס זאָל זיין אמת, אַז איך בין אַ ייד, טאָ איז וואָס? בין איך שוין דען קיין מענטש נישט? טאָר דען נישט אַ משונה־רייכער טוריסט קויפן ביי מיר אַ שטיקל סחורה, א מציאה פּאָר אַ שיבוש?... דו, פרידריך, ביסט דאָך אָבער יאָ אַ דייטש, אַן ערל, אַ יעקע, אַן אמתער יעקע פון יעקעלאַנד, מיטן אַן אמתדיקן יויזל אויפן האַרצן, אַ צלם אין האַרצן און אַן איקאָנע לעבן האַרץ. אַ נו, פרידריך, ווייז אים דיין צלם מיטן יויזל, דיין יעקישן גאָט אויפן צלם...

פרידריך, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און זיך גע־ביסן די אונטערשטע ליפּ, האָט ענדלעך גענומען רעדן צו מיר אין אַ גויאישן יידיש און אַ נאָך־ערגערן דייטש, וועלנדיק אַזוי אַרום אימיטירן די דייטשע שפּראַך, און האָט פּראָטעסטירט, הלמאי איך באַלעסטיק זיי און לאָז זיי נישט פאַרקויפן:

— רעדט צו מיר דייטש, און נישט דעם יידישן זשאַרגאָן, וואָס איז קיין שפּראַך נישט! די יידישע שפּראַך איז לשון־קודש, די שפּראַך פון משהן, די נבי־אים און אַלע גוטע העברעער. יאָ, אַלע יידן, וואָס זענען נישט קיין באָלשעוויקעס, רעדן העברעאיש אָדער רוסיש, שפּאַניש, ענגליש אאַ״וו. בעט איך אייך דעריבער, רעדט נישט צו מיר קיין יידיש, נאָר דייטש אָדער שפּאַניש, ווייל טאָמער וועט חלילה וחס דורכגיין אַ דייטש, אָדער אַן אַנדערער, וואָס פאַרשטייט יידיש, וואָלט ער נאָך געקאָנט מיינען, אַז איך בין חלילה אַ שוואַרץ־מאהניק, צי אַ וויס־גוואַר־דייער, אַן אַנטלאָפענער פון די באָלשעוויקעס.

איך האָב געזען אין זיינע אויגן אַזוי פיל גיפטיקע שנאה צו אַ פרייען מענטש, פונקט ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, וואָס קאָן נעבעך מער נישט הרגענען, ווייל מען האָט איר אַרויסגעריסן די שפּריצער־ציין. איר זענען נאָך אָבער פאַרבליבן די גיפט־

דריזן, און זי געפינט זיך פּנים אל פּנים מיט אַ מענטש, וועמען זי וואָלט גע־וואָלט בייסן, און קאָן נעבעך נישט...

און ווי אַ בליץ איז מיר דורכגעלאָפן אַ מחשבה, אַז דאָס זענען אפשר פאַר־שטעלטע ווייס־גוואַרדייאישע פּאָגראָמשטשיקעס מיט אַנגעראַבירטע סחורה, אָדער סתם פּשוטע כוליגאַנעס, צאַרישע מאָנאַרכיסטן, אַנטלאָפענע פון זיגרייכן, פרייען פּראָלעטאַרישן רוסלאַנד.

און דער לאַנגער, וואָס זעט אויס ווי אַ ייד, ווער איז ער? — איך מוז געוואָר ווערן?!...

זעענדיק מיין פאַרשנדיקן און פאַראַכטנדיקן בליק אויף זיך, האָט דער גראָ־בער דאָך אָנגעפאַנגען צו רעדן יידיש, אַ פּראָסטן אָדעסער יידיש, און אַן אונטער־טעניקער מיך געבעטן אים אַנטשולדיקן. באשר עס זענען איצט פאַראַן אין גוואַ־טעמאַלאַ אַ סך רוסישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, האָט ער געמיינט, אַז איך בין איינער פון זיי, און דערפאַר האָט ער, ווי זיין שותף, זיך נישט געוואָלט אַרויסגעבן אַלס יידן... ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים העלפן פאַרקויפן, ד״ה אַז ווען ער וועט אָנהויבן צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אַרטיקלען, זאָל איך זיין דער ערשטער וואָס וועט קויפן אייניקע זאַכן פאַר עטלעכע דאָלאַר, איבערחזרנדיק די אָפּעראַ־ציע עטלעכע מאָל, ווען עס וועלן אַוועקגיין די ערשטע צושויער, און עס וועלן זיין נייע פּנימער, וועט דער גאַנצער עולם אויך קויפן, און נאָכדעם וועט ער מיר אומקערן דאָס געלט...

— איך וויל נישט אומזיסט. איר זענט דאָך אַ ייד, פּונקט ווי מיין קאָלעגע פּאָ ניעסטשאַסטיו און איך... און אַ ייד האָט דאָך שכל געלט צו פאַרדינען מער ווי אַ גויאישער קאָפּ. פאַר אייער טרחה וועל איך אייך געבן צוויי דאָלאַר פאַר יעדע צוואַנציק דאָלאַר לייזונג, אָדער אַ דאָלאַר פאַר יעדע צען, ד״ה צען פּראָ־צענט פון ברוטאָ־לייזעכץ. האָט איר פאַרשטאַנען? נו, מאַכן מיר געשעפט?

ער האָט זיך צוגעגלעט דאָס ביסל פלאַקסענע האָר, וואָס האָבן פאַרשטעלט זיין פליך אין מיטן קאָפּ. זיין גלאַט־ראַזירט פּנים האָט געגלאַנצט ווי אַ פּאָליר־טע חזיר־פעל, און אין די ווינקלען פון זיין עטוואָס קרומען מויל, אויסגעאַרבעט פון כסדרדיקן רויכערן אַ ליולקע, האָט זיך באַוויזן אַ כיטרע שמייכעלע, ווי איי־נער זאָגט: — אָט, האָב איך געפּאַקט אַ לעשטש!...

— איך נעם אַלץ אָן, — האָב איך מיר געטראַכט, — אַבי וויסן ווער און וואָס זיי זענען.

לאַנגזאַם, פלעגמאַטיש האָט ער געעפנט זיין וואַליזע, פון וועלכער ער האָט אַרויסגענומען אייניקע געבאַרטע דייטשישע, יאַפּאַנעזישע און טשעכאָסלאָוואַקי־שע אַרטיקלען, פאַרקויפנדיק צו דאָלאַר אַ שאַכטעלע, וואָס האָט אַנטהאַלטן: אַ געל

קײטעלע, אַ בלעכן שערעלע, אַ פּיצעלע פֿען־מעסערל, אַ דראָטענעם פּראָפּנציער און עטלעכע נאָדלען, — אַלץ פֿון בלעך אָדער דראָט.

כּדי צו רופֿן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם נײַגעריקן אומוויסנדיקן עולם, האָט ער ראשית געמאַכט עטלעכע שוואַרץ־קינסטלערישע שטיק: ער האָט זיך אַריינגערוקט אין מויל אַריין אַ לאַנגן שטילעט, ער האָט געגעסן אײַזערנע, קליינע און זייער שאַרפֿע שוסטער־שטיפֿטן, זיך אָנגעגאָסן אַ מויל בּרען־ספּירט און דאָס אונטערגעצונדן, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט פֿאַרוויכערט פֿון דעם פֿלאַם־פֿייער, וואָס האָט געפֿלאַקערט פֿון זײַן אָפֿן מויל. ער האָט אויסגעטרונקען צוואַנציק ליטער רויטן ווײַן, נאָכדעם האָט ער אַריינגענומען אין מויל אַ גומענע קישקע, דער לאַנגער האָט אָנגענומען זײַן רעכטע האַנט, און מיט איר געשאָקלט ווי מיט אַ פּלומפּ, און צוריק אַרויסגעפּאָמפּעט די גאַנצע צוואַנציק ליטער, אַבער שוין נישט קיין ווײַן, נאָר ריינעם וואַסער. ער האָט אויפֿגעפֿרעסן צוויי לעבעדיקע טויבן, און באַלד זיי איינציקווייז אַרויסגעשלעפּט פֿון מויל צוריק און זיי לעבעדיק געמאַכט. אַן אינדיאַנערין, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ און זיך צעלאַכט, האָט ער געשאָנקען אַ נאָרד־אַמעריקאַנער זילבערנעם דאָלאַר, און איר געהייסן אַריינגעמען אים אין מויל. פֿון דאָלאַר איז תּיכּף געוואָרן אַ הענגשלאָס, וואָס האָט זיך דער אינדיאַנערין נאָכגעבאָמבלט ביי די ליפּן. אַ געוואַלד, אַ געטומל. האָט ער גרויסמוטיק אַרויסגענומען אַ שליסעלע, האָט אויפֿגעשלאָסן דאָס שלעסל, און האָט עס צוריק אַרײַנגעלייגט אין קעשענע ווי אַ זילבערנעם דאָלאַר. ער האָט אויפֿגעפֿרעסן אַ טיי־גלאָז, בייסנדיק פֿון דעם שטיקער, ווי דאָס וואָלט געווען צוקער אָדער אײַז... צום סוף, האָט ער פֿון אַ קעסטעלע אַרויסגענומען אַ שרעקלעך גיפֿטיקע שלאַנג, דין ווי אַ פֿינגער און לאַנג אומגעפֿער אַ מעטער. די שלאַנג האָט פֿאַרמאָגט שאַרלעך־רויטע און אַלבאַסטער־ווייסע רינגען מיט פֿינטלעך שוואַרצע, גרינע, געלע און בלויע. פֿון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי אַ זעלטענער שנור קרעלן פֿון כּלערליי קאָלירן. די אויגן ביי דער שלאַנג האָבן געשטראַלט ווי שמאַראַגדן. דאָס איז, אגב, די איינציקע שלאַנג, וואָס צו איר גיפֿט איז נאָך דערווייל נישטאָ קיין קעגנגיפֿט, און איר ביס איז פֿאַטאַל.

די שרעקלעך־טויטנדיקע שלאַנג, וואָס הייסט, צוליב איר קאָראַלן־פֿאַרבּ טאַקע „קאָראַל“, האָט דער פֿאָקוסניק אַרומגעוויקלט אַרום זײַן האַלדז, ווי אַ האַלדז־באַנד, אַרײַנגענומען איר סמיקן פּיסק צו זיך אין מויל אַריין; דערנאָך האָט ער צוגעטראָגן צו דער שלאַנגס פּיסק אַ לעבעדיקע ווייסע ווערעקלע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ קליאַטקעלע. די קאָראַלן־שלאַנג האָט פֿון איר מויל אַרויסגעלאָזט אַזאַ מין גליטשיקן שוים, מיט וועלכן זי האָט באַשפּיגן דאָס היפּנאָטיזירטע און ציטערנדיקע באַשעפֿעניש. דער שלאַנגס מויל האָט זיך אויסטערליש־ברייט צעעפֿנט, און דאָס ווערעקלע, היפּנאָטיזירט פֿון דער שלאַנגס

אויגן, איז נישט אַנטלאָפן, און ווען די שלאַנג האָט אַריינגעכאַפּט דעם חיהלעס קעפּל, האָט עס אויסגעזען, ווי נישט די שלאַנג איז דאָ עפּעס שולדיק, נאָר גאָר דאָס וועווערקעלע, וואָס האָט זיך עפּעס אַזוי חוצפּהדיק אַריינגעכאַפּט אין דער שלאַנגס אָפענעם פּיסק...

די גאַנצע מחנה צושויער, איבערראַשט פון דעם פּאַקוסניקס שטיק, איז נאָך מער פאַרגאַפט געוואָרן, ווען דער שוואַרץ־קינסטלער האָט די בייזע קאָראַלן־שלאַנג באַהאַלטן צו זיך אין בוזים.

— דאָס איז אַ הייליקער, פון קעטזאַלקאָאַטל אַ געשיקטער, אָדער ער איז אַ שליח פון אַנדערע געטער...

— ניין, נישט פון אייער גאָט קעטזאַלקאָאַטל איז ער געשיקט, נאָר פון אונדזער קריסטלעכן גאָט. בלויז ער קאָן אַזעלכע וואונדער באַווייזן... — האָבן צווישן זיך גערעדט די געצנדינערישע אינדיאַנער מיט די אויפגעקלערטע, פרומע, קאַטוילישע אינדיאַנער...

קיינער אָבער פון די באַגייסטערטע צושויער האָט נישט געוווּסט, אַז די שרעקלעכע קאָראַל־שלאַנג איז אָפּערירט געוואָרן דורך אַ הינדואישן פאַקיר, און אירע שרעקלעכע סם־דריזן מיט די בייטלען גיפט זענען געוואָרן אויסגעשניטן...

דאָס אומוויסנדיק פּובליקום האָט זיך ווי אַ לאַווינע אַ וואָרף געטון צום פאַרקויפער, זיך שטופּנדיק און ליאַרמענדיק, טרעטנדיק אויף קינדער און צעקוועטשנדיק אַלטע לייט. איבער די קעפּ האָט מען אים געשטופּט גאַנצע פּעקלעך גוואַטעמאַלער פּעזעלעך (60 פּעזעס דער דאָלאַר).

ראשית זענען פאַרקויפט געוואָרן דעם לאַנגנס שטיקלעך שטאָף, — צען דאָלאַר אַ שטיק, וואָס איז נישט ווערט געווען קיין איין דאָלאַר. נאָכדעם פּריד־ריכס שאַכטלעך. ער איז געווען גרויסמוטיק, — ער האָט נישט געציילט. ער האָט גענומען די פּעקלעך געלט, און זיי געוואָרפן אומגעציילט אין קעסטל אַריין. כ'איז קיין צייט נישט געווען צו ציילן, כדי ביים עולם זאָל זיך נישט אָפּקילן דער עקסטאַז...

— קוי זשעלעזאַ פּאַקאַ גאָריאַטשאַ! (שמיד דאָס אייזן, כל זמן עס איז הייס) — האָט מיר פרידריך געזאָגט מיט אַ ציניש שמייכל...

— אַ דאָלאַר אַ שאַכטעלע! נישט מער ווי אַ דאָלאַר אַ שאַכטעלע! — האָט ער געשריען צום עולם. און אין ווינציקער פון צוויי שעה האָט ער פאַרקויפט מער ווי דריי הונדערט שאַכטעלעך, אַ חוץ די דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס זיי האָבן איינגעקאַסירט פאַר דעם לאַנגנס שטיקלעך ציץ.

פאַר מיין טרחה האָב איך געקראָגן 65 דאָלאַר. איך האָב דערנאָך זיך דער־וווּסט, אַז יעדעס שאַכטעלע שוין מיטן אַפּצאַל האָט זיי געקאָסט נישט מער ווי אַכט נאָרד־אַמעריקאַנער סענט.

***

די צווייטע שטאָט אין אימפּאָרטאַנץ נאָך גוואַטעמאַלאַ־סיטי איז קעטזאַלטע־נאַנגאָ, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון 41 טויזנט נפשות, מערסטנטייל אויסלענ־דער און זייערע אָפּשטאַמיקע. די שטאָט שטייט אין אַ רחבותדיקן טאָל, אויף אַ הויך פון 2.262 מעטער איבערן ים־פלאַך, צווישן די ריזיקע וווּלקאַנישע בערג סאַנטאַ מאַריאַ און סעררא קעמאַדאַ און די נישט־וווּלקאַנישע בערג זוניל, סיעטע אָרעכאַס, טשוקאַבאַל, לאַקאַדאַן, קאַקאַהוסט, איזמוסביק און סוכט. די בערג, וואָס רינגלען אַרום קעטזאַלטענאַנגאָ, געהערן צום אָראָגראַפישן און געאָלאָגישן סיס־טעם פון די אַנדן־קאָרדילירן, וועמענס שפּיצן, אייניקע גאָר הויכע, באַהאַלטן זייערע שעוועלורעס צווישן די וואָלקנס. קעטזאַלטענאַנגאָ האָט אויך צוויי גאָר ווילדע טייכן, לאַכאַ און סאַמאַלאַן, וואָס קומען פון די בערג מיט גוט, פריש וואַסער און גוטע באַטעמטע פיש.

די שטאָט קעטזאַלטענאַנגאָ, פּונקט ווי גוואַטעמאַלאַ־סיטי איז צעטיילט אין גאַסן און אַווענידעס, געשניטן פון מזרח צו מערב די ערשטע און פון צפון צו דרום די צווייטע. אַלע בערג, וואָס מען זעט ווייט אַרום דער זייער סימפּאַטישער שטאָט, זעען פון דערווייטנס אויס ווי אַ סאַמעט־גרינער פּייזאַזש און שימערירנ־דיקע טאַרנאַסאַל־קאָלירן פון די רעפלעקסן פון די אַלערליי תבואות, סעדער, און פּלאַנטאַציעס. און העכער אַרויפצו ביז איבער די דריי טויזנט מעטער זענען די בערג באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן בראשית־וואַלד.

יענעם טאָג האָט דער העל־בלויער הימל־צעלט איבער קעטזאַלטענאַנגאָ זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ווייט, ווייטער ווי תמיד, און דורכזיכטיק — ווי אַ ווייטער מיראַזש פאַר אַ דורשטיקנס אויג. די שטאָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, שטייט 2.262 מעטער איבערן ים־פלאַך, צווישן אַ שלל פוןביימער־גרינקייט ביז אונ־טערן הימלס בלויקייטן. פלאַנצן און בלומען צעשפּרייטן זיך רחבותדיק אויף אַלע גאַסן. אַלץ איז דופּטיק, אין אַלע זייטן — פּערפום־ריחות, אומעטום — ריטשקעס קרישטאָל־קלאָרע וואַסער (כמעט ווי אין דער ווונדער־שיינער אַרגענטינער מענ־דאָסאַ). דאָס וואַסער לויפט אַראָפּ פון די בערג און מורמלט אַ ברכה און אַ תפילה צום אומבאַגרייפלעכן יוצר פון זייער זיין, צום גאָט פון באַרג־באַשאַף, און אַ תפילה און ברכה צום מענטש, פאַר זיין שטאָט־באַשאַף, מיט די שפּאַציר־פלעצער, פּרוכטגערטנער, בלומען־גערטנער. פאַר די גאַסן און אַלייען פולע מיט ביימער, פלאַנצן, קלאָמבעס מיט בלומען און פעלדער מיט תבואות.

און די זון, די גוטע און צאַרטע קעטזאַלטענאַנגער זון, האָט צעגאָסן גאַנצע כוואַליעס ליכט, ווי דער בין־השמשות־קוש פון אַ פאַרליבט, מילד מיידל. דער בולוואַר לאַ סיענאַגאַ, דער רחבותדיקער באַבוימטער שפּאַציר־פלאַץ צענטראַל־אַמעריקע, וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, איז געווען ממש פול מיט מענטשן. גרויס און קליין, באַרוועסע, שמוציקע און אָפּגעריסענע

אינדיאַנער זענען געווען אויסגעמישט מיט פּיין־געקליידטע, ציוויליזירטע. אַריס־טאָקראַטקעס, פּיין־געפּוצטע, דעקאָלטירטע, אָנגעפּאַרבטע קרעקיניאַל־דאַמען, באַ־האָנגענע מיט די טייערסטע צירונג, זענען געווען אויסגעמישט מיט די אָרעמע, אַרויסגעשטויסענע אינדיאַנער־מאַסן, באַהאָנגענע מיט צאַצקעס, אין איין גרויסן קנויל, פּונקט ווי די צעהיצטע בינען אַרום דער בין־קעניגין, אָדער ווי די פּאַרחי־דושטע שעפּסן אַרום עפּעס אַ נייגעריקס, וואָס זייערע אורזיידעס האָבן עס צומאָל נישט געזען...

די אַטראַקציע, — דאָס זענען געווען די הונדערט מיט צוואַנציק דאָנער קאָזאַקן, אין זייערע גרויסע טשערקעסענע היטלען, לאַנגע און זייער ברייטע שוואַ־רע קאַפּאָטעס, שוואַרצע, גרויע און ברוינע, לאַנגע כמעט ביז צו דער ערד. אַ לע־דערנער רימען אַרום די לענדן געדיכט אָנגעזעצט מיט לאַנגע, מעשענע גילדזן מיט שפּיציקע ניקעלנע קוילן, צו צוויי קורצע שטילעטן פון ביידע זייטן אַרום זייערע בריסטן און פינף פּאַטראָנעס אויף ביידע זייטן ברוסט צווישן די שטילעטן.

אויף דעם באַבוימטן און באַבלומטן פּלאַץ צענטראַל־אַמעריקע, אין סאַמע צענטער, כמעט ביים פּיעדעסטאַל פונעם מאָנומענט פאַר דעם באַרימטן גענעראַל כוסטאָ רופּינאָ באַריאָס, וואָס דינט אויך אַלס מאָנומענט דער צענטראַל־אַמערי־קאַנער אייניקייט, איז אויף קאָזלעס אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טריבונע, אויף וועלכער עס זענען געשטאַנען אָדער געזעסן די פּני פון דער שטאָט צוזאַמען מיט די פּני פון די קאָזאַקן.

אויפן גרויסן צירקל אַרום מאָנומענט האָבן די קאָזאַקן געוויזן זייערע קונצן און זייער ספּריטנעקייט: זיי האָבן געטאַנצט, גערייטן אויף ווילדע פערד אָן זאָטלען, סימולירט אַ מלחמה, ווען דער רייטער ווערט כלומרשט דערהרגעט און פאַלט אַראָפּ פון צעווילדעוועטן, איבערגעשראָקענעם פערד און איין פוס פון דערהרגעטן בלייבט שטעקן אין דער סטרעמעניע; דאָס פערד לויפט און שלעפּט נאָך זיך נאָך דעם „טויטן" קאָזאַק, וועלכער ווערט צוריק לעבעדיק, כאַפּט זיך אַרויף אויף זיין פערדל און נעמט זיך ווידער שיסן אין די דייטשן... און נאָך אַנדערע קונצ־שטיקן און ראַנגלענישן אויפן קאָזאַצקן שטייגער. צום סוף האָבן זיך אַלע צעזונ־גען רוסישע און אוקריינישע לידער. איין לידל האָב איך אויפגעכאַפּט:

— אַך מיי בוט ליודי, שאָ מענע זנאַיוט
טאָ מענע טשלענעם פּאָטשיטאַיוט,
אַ צו בליאַכו וושאַק זגלאַזויע,
טאָ מענע וו׳מאַרדו פּאָצאַלויע.
העי, באַך אָבאָשטשאָט, באָ יאָ פּאַן סאָצקי!... אאָ״וו.

און נאָך אַנדערע אַזוינע פיינע לידער, פאַר וועלכע זיי זענען באַשאָנקען גע־וואָרן מיט די הילכיקסטע אַפּלאָדיסמענטן. אַ חוץ דעם איז דער פּרעזידיום פון

דער פעסט־קאַמיסיע באַשאַנקען געוואָרן מיט עטלעכע גרויסע בוקעטן פון לע־בעדיקע ארכידייען.

איך בין צוגעגאַנגען צו איינעם אַ יינגערן קאָזאַק, וואָס האָט געהאַט זייער אַן איידל בלאַס פּנים, אַ העל־בלאָנדער מיט גרויסע כאַבער־בלויע אויגן, טונ־קעלע, לאַנגע, קאַשטאַנענע וויעס, כמעט שוואַרצע (זעט אויס געפאַרבטע), רונדע און גאָר געדיכטע ברעמען, אויסגעשטשיפּעטע אָדער אַרומגעגאָלטע ביי די זייטן, ווי עס טוען קאָקעטישע פרויען.

דער קאָזאַק מיט אַ פּנים פון אַ זיידענעם ישיבה־בחור איז מיר געווען עפּעס פאַרדעכטיק באַקאַנט, נאָר איך האָב בשום אופן זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווו איך האָב אים געהאַט געזען.

איך האָב אים אַ פרעג געטון, וואָס עס הערט זיך אין רוסלאַנד, און ווי לאַנג ער פעלט שוין פון סאָוויעטנלאַנד.

— אַך, באָזשע פּאָמילוי (גאָט דערבאַרים זיך)!... אין רוסלאַנד איז איצט זייער ביטער!... אין רוסלאַנד פעלט ברויט און לופט!... אין רוסלאַנד פעלט אַלץ. עס פעלן דאָרט אַ סך קעפּ. עס פעלט גאָטס גייסט, עס פעלט ברויט און פרייהייט פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געלט, און אויך פאַר די וואָס האָבן פריער געהאַט געלט...

— וואָס זאָגט איר? איך פאַרשטיי נישט: אין רוסלאַנד פעלט ברויט און פרייהייט?... אפשר פאַר די אַמאָליקע קאַפּיטאַליסטן, רופיאַנען, פּראָסטיטוטקעס, גנבים, שאַכער־מאַכערס, ליידיקגייער און סתם שווינדלער און שוואַרצמאַהני־קעס?... האָב איך אַן אויפגעקאָכטער אים איבערגעשלאָגן, — עסן? צווייפל איך אויך זייער שטאַרק, צי עס קאָן גאָר געמאָלט זיין, אַז עס זאָל פעלן עסן היינט צו טאָג אין דער גרעסטער מדינה פון דער וועלט, ווו אַלע געזונטע און אַרבעטס־פעאיקע מענטשן מוזן זיך פּראָלעטאַריזירן און פּראָדוצירן וואָס מער, יעדערער לויט זיין באַרוף, לויט זיין פעאיקייט און ספּעציאַליטעט...

זיינע ממש מלאכישע קינדערשע אויגן האָבן פּלוצלינג אָנגענומען אַ בלוטיק־רויטלעכן גלאַנץ. דאָס עטוואָס צו קורצע דיקלעכע נעזל — צווישן סלאַוויש און טעאוטאָניש — איז דאַכט מיר אין יענעם מאָמענט געוואָרן ברייטער און אויך זיינע עטוואָס געפאַרבטע, דינינקע ליפּעלעך, גלאַט ראַזירטע, וואָס ער האָט אױ־טאָמאַטיש אַ ביס געטון, האָט זיך באַוויזן אַן עניגמאַטיש שמייכעלע, אַזוי ווי אַ קינדערשע גרימאַסע, ווען מען ווייסט נישט, צי עס וויל וויינען, צי גאָר לאַכן... און נאָכן אָנטון זיך זיינע גאָלדענע פּענסנע, האָט ער ווי אַ געשולטער דיפּלאָ־מאַט פאַרגעזעצט:

— יאָ, טאָוואַרישטש, יאָ, טאָוואַרישטש, איר האָט רעכט, איר זענט אַבסאָלוט גערעכט, דאָך זענט איר נישט גערעכט... איר זענט שולדיק, ווייל איר האָט מיר

איבערגעשלאָגן!... ווען נישט, וואָלט איר געוווסט מער ווי איר ווייסט!... עס איז אַזוי, ווי איר האָט מיר געזאָגט, טאַקע אַזוי!... איך האָב טאַקע אַזוי געמיינט צו זאָגן... איך האָב געוואָלט זאָגן אַז אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד איז איצטער זייער ביטער פאַר אַזוינע מינים גרויסע קופּצעס (סוחרים) ווי איר, טאָוואַרישטש, זענט, וועמענס גאַנצן פאַרמעגן די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט קאָנפיסקירט... עס איז אויך זייער ביטער פאַר די לײדיקגייער, בורזשויען, רופּיאַנעס, גנבים און סתם בראָדיאַגעס, ווי מאַקסים גאָרקי רופט אָן אָט דעם קלאַס מענטשן... איך מיין די, וואָס ווילן נישט, אָדער קאָנען נישט אַרבעטן. זיי פעלט אַלץ, אפילו ברויט און פרייהייט... מיר זענען שוין אַזוי אויף אָט דער פון גאָט געשטראָפטער ערד גאַנ־צע פיר יאָר צייט; אין פיל לענדער געווען, אומעטום גוט אויפגענומען געוואָרן, אומעטום טריאומפירט... און איצטער זענען מיר אָט דאָ, אין דעם הייסן און תמיד פייכטן און דאָך צעפלאַמטן לאַנד, ווו מיר דאַכט זיך כסדר, אַז איך געפין מיך אין אַ שוויצבאָד...

— און וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער מיך פלוצלינג אַ פרעג געטון, קוקנ־דיק שפיזיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין, וועלנדיק אפנים מיך היפּנאָטיזירן, און ווי ער וואָלט אין מיר עפּעס שרעקלעכעס דערזען. אַ סברה, אַז ער האָט מיך אויך האַלב דערקענט, פונקט ווי איך אים, און אויך ער האָט זיך נישט גע־קאָנט דערמאָנען. נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ וועלט־רייזנדער פון אַ גרויסער פראַנצויזישער פירמע פון פּאַריז, און אַז פון גוואַטעמאַלאַ וועל איך פאָרן קיין מעקסיקע, אַז איך קום פון אַרגענטינע, ווו איך האָב מיין פער־מאַנענטע היים, האָט ער זיך זייער דערפרייט. זיינע שטאָלענע אויגן זענען באַלד פול געוואָרן מיט גוטסקייט, פונקט ווי ביי אַ פאַרטריבענער וואַלד־קאַץ, וואָס דערזעט אַ נייעם, פרישן וואַלד פול מיט פרידלעכע באַשעפענישן, וועלכע זי וועט רואיק קאָנען פאַרצוקן...

ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער „גרויסער" פּראַוואָסלאַוונער רוסישער קאָלאָניע, ווער עס איז אַמבאַסאַדאָר און קאָנסול פון רוסלאַנד, צי שטיין איז פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן, און ווער עס איז דער נייער רוסישער פּאַטריאַרך, און צי איז אפשר גאָר דער אַלטער פּאַטריאַרך פאַרבליבן אויף זיין „הייליקן" פּאָסטן; צי אַרגענטינע פאַרמאָגט אַ סך יידן, זייער פּאָזיציע און אָנשויאונג. צי זענען זיי פרומע, צי טראָגן זיי לאַנגע בערד און די טראַדיציאָנעלע לאַנגע קאַ־פּאָטעס. צי געפינען זיך אין אַרגענטינע אַ סך סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָ־מוניסטן? צי עס הערשט אין אַרגענטינע סימפּאַטיע צום איצטיקן רעזשים אין רוסלאַנד?...

לויט זיין רעדן, זיינע אַרגומענטן, זענען מיינע פריערדיקע ספקות און חשדים

וועגן זיין מענטשלעכקייט פאַרשוואונדן. עס האָט מיר אויסגעזען, אַז ער איז ווי געשטימט סאָציאַליסטיש.

— און איר, טייערער טאָוואַרישטש, זענט נישט קיין קאָמוניסט, אָדער כאָטש קאָמוניסטיש געשטימט? — האָט ער אַזוי ווי אומשולדיק מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

איך האָב אים נישט געענטפערט. און ווי האָב איך אים געקאָנט זאָגן מיין אני מאמין, אַז איך האָב אפילו נישט געוווסט ווער ער איז, און געווען איז ער מיר אַזוי פאַרדעכטיק באַקאָנט... זאָל עס זיין ביי מיר אַן אויטאָסוגעסטיע?...

— איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר מיר, טאָוואַרישטש. איך בין אויך אַ באָלשעוויק, און איר מעגט מיר זאָגן דעם אמת, — האָט דער אײדעלער קאָזאַק שוין עפּעס צופיל געבראַווירט מיט זיין באָלשעוויזם, קאָמוניזם און טאָוואַרישטשקייט, און זיין פראַגע האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי קינדערש־נייגעריק און נאַאיוו. ווען איך האָב אים קאַטעגאָריש דערקלערט צום צווייטן מאָל, אַז איך בין נישט קיין קאָמוניסט (פאַר זיין אַ קאָמוניסט האָט מען אין יענער צייט געקאָנט גיין צו דער „הוידעלקע"), און האָב אים דערצו נאָך מגלה סוד געווען, אַז די רוסישע אינטעלעקטועלע קאָלאָניע אין אַרגענטינע איז אַזוי ווי נול, אַז אפילו די רוסישע פּרעסע אין אַרגענטינע שטייט אין אין יידישע הענט און ווערט אויסגעפּולט דורך יידישע מוחות, איז זיין שיין אַפּעמינירט פּנים געוואָרן פאַרכמאַרעט. ער האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע און דערנאָך זיי צוריק נערוועאיש אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז. ווען איך האָב אים נאָכדעם געזאָגט, אַז די גרעסטע מערהייט פון רוסיש־קריסטלעכן עלעמענט באַשטייט גאָר פון אוקריינער, פון צאַרס חדר, פון פּעטליוראַס, דעניקינס און אַנדערע רוצחישע אָנשויאונגען, וועמענס אידעאַלן זענען — די שענקען און טוגנט — שכורקייט, האָבן זיינע כאַבעראויגן אויפגעלויכטן ווי ביי אַ הונגעריקער היענע, וואָס האָט דערפילט אַלטע פּגירה. נאָכן הערן פון מיר ווידער, אַז די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דעמאָקראַטיש, אַז די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע איז איינע פון די דעמאָקראַטישסטע אין דער וועלט, און אַז די יידישע באַפעלקערונג איז שטאַרק אַרגענטיניש־פּאַטריאָטיש, איז זיין בלייך געזיכט געוואָרן קאַרמין־רויט און באַלד נאָכדעם ווידער בלאַס. ער האָט עפּעס געמורמלט צו זיך שטיל און מיט אַ גסיסה־שמייכל האָט ער געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אויפכאַפּן. נאָך אַ מינוט שווייגן, האָט דער אַריסטאָקראַטישער קאָזאַק ווידער גענומען רעדן:

— אַזוי גאָר, דער אַרגענטינער הימן איז אַ דעמאָקראַטישער, און אויך די קאָנסטיטוציע, איז דאָך דאָס פאָלק מסתמא אויך דעמאָקראַטיש?... דערפאַר פאַרשטייט זיך זענען די יידן אוודאי גרויסע פּאַטריאָטן פון לאַנד. יאָ, די יידן זענען

אַלעמאָל געווען דעמאָקראַטן, אויך דאַן ווען זיי זענען געווען אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלייך. לויט עס דערציילט די ביבל, זענען די נביאים, און אפילו אַ סך פֿון זייערע דעמאָלטיקע הערשער, געווען דעמאָקראַטן, נאָך מער — סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן. איז דען ישעיהו נישט געווען דער טאַטע פֿון אַלע קאָמוניסטן? איך דענק אָבער, אַז די קאָמוניסטן זענען נישט קיין דעמאָקראַטן. איר ווייסט, „טאָווארישטש קופּעץ״, איך דענק, אַז ביים צאַרס לעבן איז רוסלאַנד יאָ געווען דעמאָקראַטיש, טאַקע נישט סאָציאַליסטיש, און אוודאי נישט קאָמוניסטיש, אָבער דעמאָקראַטיש יאָ. די יעווריעיטשיקעס (יידעלעך) האָבן געהאַט אַ סך סינאַגאָגעס, עס זענען געווען גרויסע יידישע סוחרים, פֿאַבריקאַנטן, מיליאָנערן ממש, יידישע באַנקירן, און היינט איז מיט דעם אַלעמען אויס. נישט אַזוי? און פֿונדעסטוועגן זענען די יידן ביים צאַרישן רעזשים נישט געווען אַזעלכע פּאַטריאָטן, ווי זיי זענען עס היינט ביים סאָוויעטישן רעזשים, און נישט אַזוינע פּאַטריאָטן ווי די יידן וואָס לעבן אין אַרגענטינע. כ׳לעבן עס איז ווינטשנווערט זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן דעם...

אָט דאָס כסדרדיקע בייטן זיינע אידעען, פּונקט ווי עס האָבן זיך ביי אים כסדר געביטן די קאָלירן אינעם פּנים, דאָס מיסטעריעזע זויערע שמייכעלע אין די ווינקלען פֿון זיין מויל, און דער פּיכטער גלאַנץ פֿון זיינע פֿאַרשנדיקע אויגן זענען פֿאַר מיר געווען מערקווירדיק. זיין פּנים פֿלעגט אַזש בלאַס ווערן, ווען ער פֿלעגט דערמאָנען טראָצקין און אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן פֿון דער רומפֿולער רוסישער רעוואָלוציע. יעדעס מאָל ווען ער פֿלעגט דערמאָנען דעם נאָמען לענין, קאַלינין אָדער סטאַלין פֿלעגט ער ווי אינסטינקטיוו פֿאַרבייסן די ליפּן און אַרויפֿלייגן די האַנט אויפֿן רעוואָלווער־בייטל... זיין אָפֿנהאַרציקייט אין יענער קאָשמאַרער צייט, ווען אַ „פֿאַרגעשריטענע״ אידעע האָט אין גוואַטעמאַלאַ נישט געטאָרט זען די ליכטיקע שיין, האָט מיך שטאַרק שאָקירט.

— ווער קאָן עס זיין? — האָב איך מיר געבראָכן דעם קאָפּ, — איך האָב דעם פֿאַרשוין ערגעץ ווו שוין געטראָפֿן, אָבער ווו און ווען? איך האָב דאָך קיין שום קאָזאַק נישט געזען זינט יענעם „בלוטיקן מיטוואָך״ אין וואַרשע אויפֿן ראָטהויז־פּלאַץ... און דערצו נאָך אַ יידישער קאָזאַק! — גערעדט האָט ער פּערפֿעקט רוסיש, פּויליש, ענגליש, פֿראַנצויזיש, שפּאַניש, יידיש און דייטש...

אויף מיין פֿראַגע, ווי קומט עס אַ ייד צו זיין אַ קאָזאַק? — האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז אַ קאָנטאָניסט אַן אייניקל, און אַז ער איז אַ ייד פּונקט ווי איך (ער האָט פֿון אַ פֿריערדיקער באַגעגעניש מיט מיר געוווסט, אַז איך בין אַ ייד).

איך האָב צום הונדערטסטן מאָל באַטראַכט זיין פּנים, און בשום אופֿן נישט געקאָנט אויסגעפֿינען דעם מינדסטן שטריך פֿון דעם אַזוי כאַראַקטעריסטישן

יידישן צלם אלהים. האָב איך מיך געהאַלטן נאָך מער פאָרזיכטיק נישט אַרויס־צורעדן קיין איבעריק וואָרט...

איך האָב, אגב, נאָך אויך נישט געוווסט, אַז די צוויי מיסטעריעזע פעדלער, וועגן וועלכע איך האָב פריער דערציילט, געהערן אויך צו דער באַנדע ווייסגוואַר־דייאישע „דאָנער קאָזאַקן", און אַז די קאָזאַקישע „אַרטיסטן" זענען אין דער אמתן ווייסגוואַרדייער. האָב איך אים דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט די פּעדלער. ער האָט אויף דעם אַ פאַרטראַכטער געענטפערט לאַקאָניש:

— וואָט ניעסטשאַסטיע! נאַבאָזשני יעווריעסקי ראַבין, ז'דוכאָוונים פּראַוואָס־לאַוונים! עטאָ זשע נאַשאַ סטראַשנאַיאַ דאָליאַ (אָט אַן אומגליק! אַ פרומער יידישער רב מיט אַ פּראַוואָסלאַוונעם גייסטלעכן! אָט דאָס איז אונדזער שרעקלעכער גורל)...

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיך באַזוכט דער גענעראַל וואָס איז געפאָרן מיט מיר אין קאַמיאָן, דער וואַטש קאָרסאַקאָף און נאָך אַ קאָזאַק. אַלע דריי אין שוואַרצע, אָבער שטאַרק אָפּגעטראָגענע ציווילע מלבושים.

— מיר זענען געקומען אייך פאַרבעטן צום גרויסן קאָנצערט, וואָס מיר וועלן געבן דעם קומענדיקן זונטיק. מיר ווייסן, אַז איר זענט אַ גוטער מענטש, אַ וועלט־רייזנדער פון אַ באַרימטער פירמע. איר באַזיצט אויך זייער גוט די שפּאַנישע שפּראַך. מיר ווייסן עס. — האָט דער גענעראַל גענומען רעדן צו מיר, קוקנדיק אויף אַראָפּ ווי אַ פרומער קאַטוילישער גייסטלעכער. — איר וואָלט אונדז געקאָנט טון אַ גרויסע טובה, אויב איר וואָלט נאָר געוואָלט, און באַפרייען אַן אַריינגעפאַלענעם אין טורמע.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ קאָזאַק, וועלכער האָט איבערגעוואָלד אַריינגע־ריסן זיך אין שלאָפצימער פון דער האָטעל־קעכין, ווו ער איז איינגעשטאַנען, אַ פרוי פון אַ יאָר 65, און האָט געוואָלט שענדן איר דרייצן יעריק אייניקל. נאָר אַזוי ווי דאָס אינדיאַנער מיידל איז גראָד געווען אין קינאָ, האָט ער פאַרגוואַל־דיקט די באָבע, זי באַרויבט, און זי נאָך געוואָלט דערשטיקן. אַ טויטע רעדט נישט... — האָט ער זיך געטראַכט.

איר קענט אַזוי גוט די היגע אויטאָריטעטן, וואָלט איר מיט רייד און עט־לעכע דאָלאַרן געקאָנט באַפרייען פון געפענקעניש אַן אומשולדיקן טאָוואַרישטש.

דער גענעראַל האָט מיר, דיפּלאָמאַטיש, נישט געזאָגט, וואָס זיין „טאָוואַ־רישטש" (חבר) האָט אָפּגעטון. וועגן דעם בין איך שפּעטער געוואָר געוואָרן.

— נו דאַ, נו דאַ, טאַ פּראַוודאַ, טאַ טשעפּוכאַ, טאָ ניעאָבכאָדימאָ! — האָט דער דאָקטאָר קאָרסאַקאָף צוגעבאָמקעט נאָך יעדער שטאַרקערער פראַזע פון זיין גענעראַל.

נאָכן אויסטרינקען עטלעכע שאָפּן פון דעם זייער געשמאַקן גוואַטעמאַלער ביר, האָט דער גענעראַל מיך געפרעגט, ווו אין וועלכן לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד

וואָלט בעסער געווען פאַר זיין „טרופּע״, און איך, נישט וויסנדיק מיט וועמען איך האָב צו טון, האָב אים תמימותדיק געענטפערט, אַז איך אַרגענטינע. איך האָב אים דערצו נאָך געגעבן אייניקע אַדרעסן און רעקאָמענדאַציעס. איך האָב פאַרוואָרפן אָן אַ זייט די חשדים, וואָס האָבן מיך פאַרפאָלגט זינט איך האָב די קאָזאַקן דער־זען. זייערע סאָציאַליסטישע רייד האָבן מיך באַאיינפלוסט און איך האָב אָנגע־הויבן צו טראַכטן, אַז זיי זענען אוודאי געשיקט געוואָרן פון דער ראַטנרעגירונג מיט עפּעס אַ געהיימער קאָמערציעלער שליחות... און איך בין דאָך אַן אַרגענ־טינער פּאַטריאָט און האָב ליב דאָס שיינע אַרגענטינע, אפשר וועל איך מיט דעם צולייגן אַ האַנט צו אַרגענטינעס גרויסקייט, רום און רייכקייט? — זאָל נאָר אַרגענטינע אָנקניפּן קאָמערציעלע באַציאונגען, וועט שוין במילא קומען דאָס דיפּלאָמאַטישע, און אין אַרגענטינע וועט בליען „פּראָספּעריטי״ — האָב איך מיר געטראַכט מיט שטאָלץ אויף מיין אויפטו.

— איך ווייס, — האָט מיט אַן אונטערערדישער שטים זיך פּלוצלינג אַריינ־געמישט דעם גענעראַלס צווייטער באַגלייטער מיטן נאָמען סאַשאַ טאַוואַראָוויטש, אַ יונג אַ ריז מיט בערישע ידים, ווייצענע גלאַנציקע האָר, אַ קורצער גאָרילאָ־שטערן מיט אַ פּאָר קאָסאָקע צינאָצעפּאָלאָ־אויגן און אַ טאָטעריש פּנים. — איך ווייס, אַז איר האָט היינט פאַרבראַכט מיטן יידישן ראַבין און מיטן פּראַוואָ־סלאַוונעם פּאָפּ... זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז איר האָט היינט פאַרדינט ביי זיי אַ סך געלט, גאָר אַ סך, אַ חוץ וואָס איר פאַרדינט פון אייערע געשעפטן... זיי ביידע זענען אמתע רוסישע פריינט! יאָ, ווי איראָניש דאָס זאָל נישט קלינגען אין אייערע אויערן, איז עס אָבער דאָך אַ פאַקט, — אַ יידישער ראַבין און אַ רוסישער פּאָפּ און זיי זענען שותפים און חברים... אַ ראַבין פון די יידן, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל אויסגעהרגעט, זאָל זיין אַ וויסגוואַרדייאישער פריינט, איז עס נישט אַ צייכן פון אַ נייעם באָגדאַן כמיעלניצקי?.. און נאָך מער, אַ זשידאָווסקי ראבין מיט פרומע ציצקעס (ציצית) זאָל שלאָפן אין דעם זעלבן צימער מיט אַ רוסישן פּאָפּ, וואָס טראָגט אויפן האַלדז אַ צלם, און וואָס מאַכט שותפות מיטן זשיד, זשידאָווסקי געשעפטן... כאַ, כאַ, כאַ!... איז דאָס נישט אַן איראָניע פון דעם רוסישן אומגליק־לעכן גורל?...

— וועלכער איז עס דער ראַבין, און וועלכער איז דער פּאָפּ? — האָב איך געפרעגט כלומרשט אַ דערשטוינטער.

— דער לאַנגער, ווי אַ טרוקענער יאַלאָוועץ*), דער מיטן רויטן אינדיק־האַלדז און ציגענעם בערדל. דער מיטן שוואַרצן פראַק, דאָס איז דער ייד, נאָר אַ גוטער ייד... וואָס, איר דערקענט נישט אייערע ברידער?... דערפאַר טאַקע,

---

*) אַזאַ מיןביימעלע מיט נאָדל־בלעטער, פון דער סאָסנע משפּחה.

וואָס דער ראַבין איז אַ גוטער ייד, וועט ער לעבן אַזוי לאַנג, כל זמן ער וועט נוצלעך זיין פאַר אונדזער זאַך... נאָר ווען ער וועט אונדז מער קיין נוצן נישט ברענגען, וועט ער גיין צו די היצלעס... כאַ, כאַ, כאַ!... איז דאָס נישט געניאַל? מיר וועלן גאָר אין קורצן אויך שיקן אַ גאַנג אייער גרויסן לענינען מיט זיין גאַנצער קאַמאַריליע, מיר וועלן אים שיקן צו יענע זשידעס, וואָס קאָנען שוין מער נישט שרייען „איי, ווי, געוואַלד, ראַטעוועט!"... צו די טויטע, מיין איך, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע הענט דערוואָרגן. כאַ, כאַ, כאַ!...

— און דער פּראַוואָסלאַוונער פּאָפּ, ער איז אַן עכטער, הייליקער מענטש, אַן אַלטרואיסט ווי אַלע הייליקע, ווי די נביאים, אונדזערע הייליקע פּאַטריאַרכן... ער, ניקיטאַ איוואַנאָוויטש, האָט מקריב געווען זיין שיינע פּאַטריאַרכאַלע באָרד, זיין לאַנגע אַפּאָסטאָלישע קאַפּאָטע, געמאַכט שותפות מיטן טייוולאָנישן ראַבין, אַבי צו מאַכן געלט, אַ סך געלט, כדי בעסער צו קאָנען דינען אונדזער זאַך...

איך האָב ממש געברענט פאַר כעס, אָבער דאָך זיך איינגעהאַלטן, געוואָלט וויסן מער, ביז איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט זיי אַנצולערנען. איך בין געוווּר געוואָרן, אַז דער יידישער פּעדלער, וועמען די באַנדיטן האָבן גערופן ראַבין, איז געווען אַן אַרויסגעשטויסענער פון דער אָדעסער יידישער געזעלשאַפט, אַ פרומער פערד־גנב, וועלכער איז אין טורמע געקרוינט געוואָרן פאַר אַ רבי איבער אַלע אָדעסער טמאים און גנבים, און איבער אַלע אָדעסער אונטערוועלטניקעס און דיעשאָוועקעס. אַלס מסור איז ער געוואָרן שמעלקע מיט דער אָדעסער אָכ־ראַנקע... דורך מסירה איז ער געוואָרן רייך, און געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון צו־קערלעך, טאַקע בשותפות מיטן פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ, וועלכער איז געווען פּונקט אַזוי פרום, ערלעך און מאָראַליש ווי דער יידישער פערד־גנב. נאָכדעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן, זענעןביידע, דער יידישער פערד־גנב, און דער פּראַוואָסלאַוונער פּרויען־הענדלער, אַריינגעטראָטן צו די ווייסגוואַרדייאישע פּאָגראָמשטשיקעס, און ביידע שלעפּן זיך איצט אַרום איבער די לאַטייניש מדינות.

איך האָב געמיינט, אַז דער קאָזאַק סאַשאַ טאָוואַראָוויטש האָט באַקומען אַ משוגעת־אָנפאַל, אַזוי האָט ער אויסגעזען. אַ דאַנק טאַקע דעם אָנפאַל זענען מיינע חשדים באַגרינדעט געוואָרן, און עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב צו טון מיט צאַרסקע באַנדיטן, ווייסגוואַרדייאישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, שונאים פון סאָוויעטנלאַנד, און במילא אויך שונאים פון יידן...

וויפל דער גענעראַל האָט צו אים נישט געוווּנקען און אונטערגעהוסט, ער זאָל נישט רעדן, האָט דאָך דער בגילופינדיקער סאַשאַ טאָוואַראָוויטש גערעדט ווי פון אַ גראַמאָפאָן אַרויס:

— אָט זעט, קופּיעץ, אַ ווראַטש (אַ דאָקטאָר) מיט אַן אָפּגעביסענער נאָז! און ווייסט איר כאָטש ווער עס האָט אים די נאָז אָפּגעביסן? — אַ זשידאָווסקי סמאַרקאַטע מיידל פון פּראָסקוראָוו. איז דאָס נישט לעכערלעך?! אַ זשידאָווסקע מיידל, וואָס האָט מיט קיין מאַן זיך קיינמאָל נאָך נישט פּאָסמאַקעוועט, זאָל וואַגן אָפּצובייסן די נאָז אַ וורעטש מיטן טיטל, און אַ פּאָלקאָווניק פון די רומפּולע באַפרייאונגס־אַרמייען?!...

— מיט מער ווי הונדערט פון די שענסטע און זאַפטיקסטע זשידאָווקעלעך פון אַלערליי עלטער און מיט אַ סך פּראַוואָסלאַוונע קאָמוניסטקעלעך בין איך געשלאָפן גאַנצע נעכט, און נאָכן אָנשפּילן זיך מיט זיי פלעג איך זיי דערשטיקן, אָדער מיטן מעסער מאַכן „כיק״ איבערן גערגעלע און פאַרטיק...

— מיך האָט קיינער נישט געוואַגט צו בייסן, דערויף בין איך דאָך סאַשאַ טאָוואַראָוויטש. און ע׳ר, דער ניעגאָדיאַי, דער דוראַק, דער וורעטש קאָרסאַקאָף, באַלד ביים ערשטן פרווו צו פאַרזוכן אַ זשידאָווקעלע, האָט זי באַלד אים די נאָז אָפּגעביסן. און מיטן שטיק קריסטלעכן נאָז אין איר זשידאָווסקע פאַרכאַטן מויל האָט זי נאָך געהאַט צייט צו אַנטלויפן, און קיינער האָט זי נישט געכאַפּט.

— אָט אַ העלדיש מיידעלע! אָט אַ בראַווע! אויב זי האָט געקאָנט, איז זי ווערט אַ מעדאַל! — איך אַליין וואָלט איר דאָס לעבן געשאָנקען, — האָט אונ־דזער גרויסער פּעטליוראַ געזאָגט... נו, איז דאָס נישט קיין חרפּה פאַר דעם וורעטש?...

— אָט זעט איר, די צוויי, דער זשיד און דער רוס, איך מיין דעם ראַבין און דעם פּאָפּ, דאָס זענען צוויי עכטע רוסישע צאַרסקע פריינט, אומקאָנדיציאָנעלע מאָנאַרכיסטן. און אַנדערע צוויי, אויך אַ זשיד און אַ רוס, זענען ווידער רוסלאַנדס ערגסטע שונאים.

— טראָצקי — אַ זשיד. לענין — פּראַוואָסלאַוונער רוס. זייביידע האָבן פאַראומרייניקט דעם צאַרסקאָיע סעלאָ. זיי ביידע האָבן פאַראומגליקט דאָס רוסי־שע פאָלק. זיי האָבן צוגענומען אַלע מאַיאָנטקעס פון די רוסישע פּריצים, צעטיילט די פעלדער, די בהמות, די וועלדער און די הייזער צעטיילט צווישן די אומוויסנ־דיקע, ווילדע פּויערים. זיי האָבן צוגענומען די פאַבריקן פון די אינדוסטריאַלן און זיי איבערגעגעבן צו אַ בינטל פאַרכאַטע באָלשעוויקעס. די הייליקע צאַרסקע דינאַסטיע האָבן זיי אומגעבראַכט. עס קומט שוין אָבער אויף זיי אַ שטראָף, פריער פון יויזל און דערנאָך פון מענטשן. לענין — דער רוס, האָט שוין באַקו־מען גאָטס שטראָף: ער איז געליימט. דער צווייטער, דער זשיד, און דאַכט זיך מיר, נאָך מער פאַנאַטיקער ווי לענין, דער שרעקלעכער דעמאָן טראָצקי, ער לעבט נאָך, ער איז נאָך געזונט. אָבער אָן דעם צו קלוגן און זייער פאָרזיכטיקן טעאָרע־טיקער לענין וועט טראָצקי זיין אַזוי ווי דאַלילאַ אָן לוציפערן, אָדער ווי שמשון

אָן זיינע צעפּ... עס וועט נאָך קומען אַ כאַאָס אויף די גאַטלאָזע באָלשעוויקעס, עס מוז קומען אַ שרעקלעכע מלחמה, און די באָלשעוויקעס וועלן כאַפּן קלעפּ פון אַלע זייטן, ביז זיי וועלן ווערן פאַרטיליקט. און אַ רוס, שוין נישט קיין אַנאַרכיסט, נאָר אַן עכטער, פּראַוואָסלאַוונער פרומער רוס, אפשר גראָד אַ מוזשיק, דער זעל־בער מוזשיק, וועמען דער זשיד טראָצקי האָט אַוועקגעגעבן אונדזערע פעלדער, בהמות, וועלדער, פאַבריקן און הייזער, וועט אים טויטן, און דאַן, דאַן...

זיצנדיק אַזוי איינגעגראָבן דעם שיכורן קאָפּ צווישן די קניען, האָט ער נאָך אַ קליינער פּויזע פאַרגעזעצט:

— און דאַן, דאַן, לעניִן וועט שוין מער נישט זיין, ער לעבט שוין נישט מער. טראָצקי, דער שרעקלעכער יידישער אַנטי־קריסט, וועט געהרגעט ווערן, און דאַן, דאַן... וועלן פליען קעפּ פון מיליאָנען, נישט נאָר פון זשידעס, נאָר אויך פון אַ סך, פון גאָר אַ סך עכטע רוסן. אויף אַלע ביימער, סלופּעס און באַלקאָנען וועלן הענגען און הוידען זיך רוסישע קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. אפילו פרויען און קינדער פון די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, און פון אַלע יעניקע, וואָס האָבן צוגעהאָלפן צום באָלשעוויסטישן אויפשטייג...

— מיידלעך, צום צייט־פאַרטרייב, וועלן ווידער נישט פעלן. איך און אַלע מייניקע האָבן אַ גוטן אַפּעטיט: מיר וועלן זיך נישט אָפּזאָגן צו שלאָפן מיט עכטע רוסישע קאָמוניסטישע בארישניעס און נאָכדעם זיי אָפּשניידן די ציצקעס, כדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו שפּילן אין פוטבאָל... אַזוי בין איך, ווען עס האַנדלט זיך פון באָלשעוויקעס, סאָציאַליסטן, אָדער סתם דעמאָקראַטן און ליבעראַלן... ביי עכט רוסישע מיידלעך, פונקט ווי ביי זשידאָווקעס וועל איך שניידן ציצקעס און עפּענען בייכער... כאַ, כאַ, כאַ!... און דאַן וועט דער געשענדטער צאַרסקאָיע סעלאָ ווידער פאַרנומען ווערן דורך אַ הייליקער רוסישער פיגור פון דער ראָמאַנאָוו־משפחה...

דער שיכורער סאַשאַ טאַוואַראַוויטש האָט אַזוי געהאַווקעט, ביז דער גענעראַל האָט אים איבערגעשלאָגן און אַ רעווע געטון:

— מאַלטשי, סוקין סין, דאַוואָלנאָ באַלאַקאַט (האַלט דעם פּיסק, הינטישער זון, גענוג געפּלאַפּלט!)...

עה, גענעראַל, אמת טאַקע, אַז איר זענט אַ גענעראַל, אָבער דאָרט, נישט דאָ, קאָנט איר מיך האַלטן אויפן צימבל! איך בין טאַקע נישט מער ווי אַ ראָטני קאָ־מאַנדיר, אָבער געדענקט מיט וועמען איר רעדט! איך בין פון אַדעליקן אָפּשטאַם. גענעראַל סקאַלאָן, גובערנאַטאָר פון וואַרשע, איז געווען מיין זיידע פון דער מאַמעס צד. איר זייט טאַקע אַ גענעראַל, וועמען איך מוז אָפּגעבן טשעסט, אָבער זאָגן מיר — סוקין סין, טאָרט איר אויך נישט, מחמת איר שטאַמט פון מוזשיקעס...

דער וויזיט פון די אומגעבעטענע פּאַרשוינען האָט מיר אינגאַנצן געעפנט די אויגן און איך האָב איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווער זיי זענען. ווי אַ בליץ איז מיר דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק, איך זאָל אָנגרייטן מיין פּיסטויל, מיט מיין סימור־לירטן באַמבו־שטעקן, וואָס מיט דער שמאָלער שווערד אינעווייניק. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע נפשות זענען נישט קיין אַרטיסטן, וואָס באַרייזן די וועלט, נאָר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וויסגוואַרדייער און שונאים פון יידישן פאָלק. אָט די פּאָגראָממשטשיקעס דענקען, אַז איך האָב אַ סך געלט און ווילן מיך, מן הסתם, איבערפאַלן.

איך האָב אומבאַמערקט אויסגעדרייט מיין בראַונינג, וועלכן איך האָב געהאַט אויפן גאַרטל, כמעט אויפן רוקן. מיין שווערדל האָב איך סיי ווי געהאַט די גאַנצע צייט אין די הענט און זיך מיט אים געשפּילט.

— „קטאָ ראַנאָ ווסטאַיע, טעמו פּאַן בוג דאַיע‟ (ווער עס שטייט אויף פרי, דעם גיט גאָט) — זאָגט אַ פּויליש ווערטל. איך האָב מיך צוגעגרייט צו זיין דער ערשטער אַרויסצוכאַפּן דאָס געווער.

אינמיטן דערין איז אַריינגעקומען יענער איידעלער סאַמעטענער קאָזאַק, וועלכער האָט מיט מיר געהאַט גערעדט אויפן שפּאַציר־פּלאַץ. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ שוואַרצן, גאָר פיינעם און גוט־געניי טן אָנצוג מיט עטלעכע לע־מיאָסאָטי בלימעלעך אין לאַץ, מיט ווייסע זיידענע הענטשקעס אויף די הענט און אַן אַרטיסטישן שפּיצרוט מיט אַ גאָלדן הענטל אין דער לינקער האַנט.

דער גענעראַל, דער וואָראַטש און דער בגילופינדיקער סאַשאַ זענען דערזע־ענדיק דעם יונגנמאַן אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און געבליבן שטיין אויסגעצויגן. זיי האָבן זיך צוריקגעזעצט בלויז דאַן, ווען דער אַריינגעקומענער האָט זיי אַ ווונק געטון. דערנאָך האָט ער יעדן פון זיי דערלאַנגט די שפּיצן פינ־גער, און אויך מיר האָט ער דערלאַנגט די האַנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

ערשט זעענדיק אים אין ציווילע קליידער, האָב איך זיך דערמאָנט, דאָס וואָס איך האָב זיך פריער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, ווער דער דאָזיקער פּאַרשוין איז.

איך האָב מיך דערמאָנט, אַז נישט נאָר איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין אורוגוואַיאַנאַ (בראַזיל), נאָר אויך אַז איך האָב מיט אים געהאַט אַ פּויסטן־געפּעכט, פון וועלכן ער איז געבליבן אַ פאַרחלשטער. לעבן אים איז דעמאָלט געשטאַנען זיין פּראַטעקטאָרין, די יידישע אַקושאָרקע, פּרוי שוף און האָט ביטער געוויינט. איך בין דאַן געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז אַ נאָענטער קרוב פון רוסישן עקס־צאַר, און אַז זיין מוטער, עפּעס אַ פירשטין, האָט זיך צו יענער צייט אויפ־געהאַלטן אין בערלין ביים פּרינץ פערדינאַנד פאַן דער האָפּענסטאַופען (וועגן מיין באַגעגעניש מיט אים האָב איך דערציילט אין „די פּרעסע‟ אין 1920).

כדי איך זאָל נאָך זיכערער זיין, אַז איך האָב נישט קיין טעות, איז גאַנץ פּלוצלינג אַריינגעקומען נאָך אַ קאָזאַק, וועמען די פריערדיקע האָבן גערופן — זשאַרין פּאַוולאָוו (איך האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ געוועזענער פּאָלקאָווניק פון וורענגעלס אַרמיי).

דער ביער גאַסט איז געווען אַ הויכער און שטאַרקער יונג פון אַ יאָר 33, מיט אַ גלאַטן שטערן, העלע פלאַקסענע האָר, אַ קורץ מאָפּסן־נעזל מיט שיטערע וואָנצעלעך. פון זיינע גרויע אויגן האָט געשפּריצט מיט פייער ווי פון אַ הונגעריקן וואָלף. פון זיינע קיילעכדיקע באַקן האָט זיך געגאָסן דער שווייס און פון זיין מויל האָט זיך געהערט דער גערוך פון גראַפּאַ (אַלקאָהאָל).

— האַלאָ, באַטיושקאַ סאָקאָלאָווסקי! — האָט ער אָן אַ גוטן אָוונט זיך געווענדט צו מיין גענעראַל, וועמענס נאָמען איך האָב איצט דערהערט צום ערשטן מאָל. — איר ווייסט, באַטיושקאַ, דער ראַבין מיטן פּאָפּ האָבן באַצאָלט ווו מען דאַרף, און זיי האָבן מיך אַרויסגענומען פון הינטער די קראַטעס, פון דער שטייג, וווּ איך בין געשטאַנען צוגעבונדן מיט אַ קייט אויפן פוס צו אַ קלאָץ, וווהין איך בין אַריינגעפאַלן צוליב דער פאַרכאַטער אינדיאַנערין...

— אַ מינוט פריער האָב איך מיך ווידער געזען מיטן ראַבין און ביי אים געבעטן אַביסל געלט, האָט ער פאַרגלאָצט די אויגן, און האָט מיר געענטפערט, אַז אונדזער פּאַדריאַטשיק האָט אים באַשווינדלט. דער כיטרער פּאָפּ האָט הונדערטער דאָלאַרן, און ער — גאַרנישט. זיין שותף — דער פּאָפּ — זאָגט ער, — גוליאַעט אַלע נאַכט מיט דיעוואָטשקעס*) און דאָך האָט ער נאָך פולע בייטלען מיט „נאָרד־אַמעריקאַנער", און ער האָט קוים אַ טאָג איבערצולעבן. אָבער דאָך איז דער ראַבין בעסער און קריסטלעכער ווי אונדזער פּראַוואָסלאַוונער פּאָפּ, וואָס זעט אויס אָן דער באָרד ווי אַ קו אָן אַ וויידל. דער סוקין סין, דער פּאָפּ, האָט מיר קיין סענט אויך נישט געוואָלט געבן! רק ער סטראַשעט, אַז ער וועט מסרן אויב מיר וועלן אים צופיל דערקוטשען...

— אָט האָב איך נאָך די פינף דאָלאַר, וואָס דער גוטער ראַבין האָט מיר געגעבן! וועל איך ווידער גוליאַען מיט אַ שיינער סעניאָריטאַ!...

און וואַקלענדיק זיך פון שיכרות האָט ער זיך צעזונגען:

— טרי דערעווני, דוואַ סיאָלאַ, וואָסעם דיעוואָק, אָדין יאַ, קודאַ דיעווקי, טודאַ יאַ. דיעווקי וואליעס, יאַ זאַ נימי, דיעווקי סטאַלי, יאַ ס׳נימי...

דער עלעגאַנטער קאָזאַק האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום שכורן זשאַרין, און אָן אויפגערעגטער געוווּנקען צו אים, ער זאָל שווייגן. דער שיכור האָט אָבער אַלץ ווייטער געפּלאַפּלט ווי אַ פּאָפּוגיי:

*) מיידעלעך

— דער ראַבין האָט מיר געגעבן דאָס געלט, אָבער ער האָט מיר געזאָגט, ווען איך האָב געבעטן מער, אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג נישט אויף צו העלפן בראָדיאַגעס און נאַכאַלן צו שיכורן, נאָר כדי צו רעסטאַווורירן די צאַרסקע וולאַסט... דער זשיד האָט געווינט מיט ביטערע טרערן און האָט אַלץ געטענהט, אַז ער האָט שוין אַלץ אַוועקגעגעבן איך, זיין ליכטיקע גרויסקייט, דעם קניאַזש ד. ראָמאַנאָוו...

דער שיכור האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיינע ווערטער, ווי סאָקאָלאָווסקי, וואַטש קאָרסאַקאָף און סאַשאַ טאָוואַראָוויטש האָבן ווי צערייצטע טיגערס זיך אַ וואָרף געטון אויף אים מיט געביילטע פויסטן און אַלע דריי מיטאַמאָל האָבן אַ רעווע געטון:

— מאָלטשי, מערזאַוויעץ! אויב נישט, וועסטו נאָך היינט שטאַרבן אָן ווידוי!

ווען דער עולם האָט זיך באַרואיקט, און עס איז שטיל געוואָרן, האָט דער פּרינץ ד. ראָמאַנאָוו זיך געווענדט צו מיר מיט אַ דערשראָקן שמייכעלע, דורכגעוועבט מיט גיפט:

— האָט נישט קיין פּאַראיבל, גרויסער סוחר. דער סוביעקט איז שיכור, און ווייסט נישט אַליין וואָס ער רעדט!... איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז ווען איך זאָל זיין אַ פּרינץ, אַ קניאַזש, וואָלט איך דאָך קיין אַרטיסט נישט געווען. אָט וועל איך אייך וויזן אַ דאָקומענט, אַז איך בין אַן אַרטיסט, וואָס באַרייזט די וועלט...

און אויפהויבנדיק זיך, איז ער אָנשטאָט צו ווייזן זיין דאָקומענט, האַסטיק צוגעגאַנגען צו סאָקאָלאָווסקין, אים עפּעס איינגערוימט אין אויער און איז אַרויס אָן אַ זיי־געזונט...

— ווי איך זע, זייט איר אַ ייד, פונקט ווי אַלע יעווריעטשיקעס, די קאָמוניסטלעך! טאָ פאַרוואָס האָט איר עס מיר באַלד נישט געזאָגט? — האָט סאָקאָלאָווסקי זיך דערנענטערט צו מיר ברומענדיק. — אַלע זשידעס דאַרפן אויסגעשאָכטן ווערן און זייער געלט דאַרף מען צונעמען אויף צו רעסטאַווורירן די הייליקע צאַרסטוואָ פון דער רוסישער אימפּעריע, וואָס די קאָמוניסטן, די באָלשעוויקעס האָבן צעשטערט!...

איך האָב שוין מער נישט געטראַכט און נישט געוואַרט. איך בין דעם געבעראָל אַנטקעגנגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פויסט צווישן די אויגן, אַז ער איז אומגעפאַלן אויף סאַשאַ טאָוואַראָוויטשן. מיטן סימולירטן שטעקן האָב איך דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ דעם וואַטש און צוויי נאָך שטאַרקערע קלעפּ דעם ריזיקן סאַשאַ טאָוואַראָוויטש איבערן אויער. ער איז אומגעפאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. איך האָב נאָך דערצו אַרויסגעכאַפּט מיין בראַונינג, אויסגעשאָסן איינמאָל צום סופיט, און גלייך נאָכדעם אָנגעצילט אויף מיינע געפער־

לעכע געסט. דערנאָך האָב איך אַרויסגעשלעפּט פון דער שטעקן־הוילקייט מיין עסטאָקע (שווערדל) און די דריי אומגעפּאַלענע געהייסן זיך פאַרנעמען פון מיין צימער מיט אויפגעהויבענע הענט...

מיט דעם טויט פאַר די אויגן זענען די באַנדיטן געוואָרן ווי לעמעלעך, און דער שיכורער זשאַרין פּאַוולאָוו, דער איינציקער וואָס האָט נישט פאַרזוכט מיין פויסט, האָט מיט אַ פלעגמאַטישער ניכטערקייט אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט זיין צונג:

— נו, אַז איר זייט אַ יעווריעטשיק, טאָ איז וואָס? אַ יעווריעטשיק האָט דען נישט די זעלבע נשמה ווי אַ פּראַוואָסלאַוונער? די יעווריעטשיקעס האָבן דען ווינציק גוטס געטון פאַרן רוסישן פאָלק? איך, בין נישט שולדיק, איך האָב גאָרנישט גערעדט און זיך נישט געזידלט. פרעגט דעם ראַבין, וועט ער אייך זאָגן, צי איך האָב אים אַמאָל באַליידיקט. און אויב איר זענט אַ ייִד, זענט איר דאָך אוודאי פון די טאָוואַרישטשעס. איז, זייט פונדעסטוועגן נישט ברוגז אויף אונדז מילאָסטיווי גאָסודאַר, באַהאַלט דעם פּיסטויל. דאָס איז אַ געפערלעכער אויטאָ־מאַטישער פּיסטויל, עס קאָן זיך נאָך אַרויסכאַפּן אַ קויל. געגנוג בלויז די שווערד קעגן פיר אומבאַוואָפנטע „טאָוואַרישטשעס”, ווייל איך און טאָוואַרישטש סאָקאָ־לאָווסקי האָבן נאַר געשפּאַסט... אויף דעם זענען מיר דאָך אַרטיסטן, קאָמיקער פון דאָנער ראַיאָן, קאָזאַקישע אַרטיסטן פון סאָוויעט...

— נו דאַ, טאָ פּראַוודאַ, נו דאַ, טאָ טשעפּוכאַ, נו דאַ, טאָ ניעאָבכאָדימאָ! מיר האָבן נאַר געשפּאַסט, — האָט וויינענדיק צוגעגעבן דער וורישטש, צוהאַלטנדיק זיך ביים צעביילטן קאָפּ.

און לאַנגזאַם, זייער פאַמעלעך, זיך וואַקלענדיק פון אַלקאָהאָל און מיינע קלעפּ, גייענדיק אויף הינטערוויילעכטס מיט די הענט אינדערהויך, האָבן זיי פאַר־לאָזט מיין צימער.

עס איז געווען האַלב צוויי פאַרטאָג.

גוואַטעמאַלאַ — סאַלוואַדאָר

פון גוואַטעמאַלאַ־סיטי ביז צו דער ערשטער „גרויסער״ שטאָט פון על סאַל־וואַדאָר איז אומגעפער 240 קילאָמעטער, אַ שטרעקע וואָס האָט נאָך נישט קיין באַן, נאָר אַ וועג פאַר אויטאָמאָבילן, אויטאָ־קאַמיאָנען און פוסגייער. 20 ב״אַ דאָלאַר קאָסט די רייזע פאַר אַ פּערזאָן אָן שום געפּעק, ד״ה אין אַ לאַסט־קאַמיאָן. געפּעק קאָסט 25 סענט נ״אַ אַ קילאָגראַם, און אַן אויטאָ קאָסט, פאַרשטייט זיך, אַ סך טייערער.

דרך אגב איז כדאי צו דערמאָנען, אַז הגם גוואַטעמאַלאַ איז אַ זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק מיט אייגן געלט און אייגןווירטשאַפט, איז די הויפּט־מטבע דאָרט דער דאָלאַר.

איך האָב אויך געהאַט אַ פאַל, ווען איך האָב געהאַט אַ פולן זאַק מיט איינצלנע גוואַטעמאַלער פעזעס, און עס איז מיר שווער געווען זיי אויסצובייטן אויף גרעסער געלט. בלויז אַן ערשטראַנגיקע באַנק האָט, אַ דאַנק פּראָטעקציע, מיר עס צוליב געטון און, פאַרשטייט זיך, מיט ראַבאַט. ערשט דאָס גרעסערע גוואַטעמאַלער געלט האָב איך געקאָנט אויסבייטן אין אַ נ׳ אַמעריקאַנער באַנק אויף דאָלאַרן...

— לעבן זאָל דער דאָלאַר! אָנקל סעם האָט אים געגעבן חן און וויכטיקייט אין דער גאָרער וועלט!..

דער גאַנצער וועג האָט פון ביידע זייטן געדיכטע באַנאַנען־פּלאַנטאַציעס ווי ריזיקע וועלדער. עס וואַקסט דאָרט אַ קלאַס באַנאַנעס, אָדער פּלאַטאַנאַס, וואָס יעדע פרוכט דערגרייכט ביז דרייסיק צענטימעטער די לענג. דער באַנאַנע־בוים האָט דאָרט בלעטער, וואָס דערגרייכן ביז איבער דריי מעטער די לענג און אַ מעטער די ברייט. אייניקע קלאַסן באַנאַנען קאָן מען רויערהייט נישט עסן. זיי דאַרפן זיך גוט אויסשטיין. פון אָט די באַנאַנען מאַכט מען מעל, וואָס מ׳נוצט אָנשטאָט ווייצנמעל, מחמת ווייץ וואַקסט כמעט נישט אין די טראָפּישע לענדער.

די באַנאַנען־פּלאַנטאַציעס זענען פאַר גוואַטעמאַלאַ איינס פון די וויכטיקסטע רייכטימער: די באַנאַנע ווערט געגעסן אַלס רויע פרוכט, געקאָכטע, געפּרעגלטע און מאַרינירטע. פון באַנאַנע־מעל באַקט מען ברויט; אַלערליי לאָקשן און אַנדערע

עסנס. באַנאַנען־עקסטראַקט וואָס איז זייער טייער, ווערט גענוצט צו אַלערליי פאַרבן. פון די באַנאַנען־בלעטער מאַכט מען קוישן, קאַפּעלושן; שטריק, זעק, פּיינעם פּאַפּיר און אפילו שטאָף פאַר קליידער און וועש; די אינדיאַנער פאַרדעקן מיט די באַנאַנען־בלעטער די ווענט און דעכער פון די אָרעמע כאַטעס, און די באַנאַנען־בלעטער נוצן אויך אַלס שפּייז פאַר זייערע בהמות אאַ״וו.



פּרעזידענטן־פּאַלאַץ פון דער שטאָט סאַן סאַלוואַדאָר,
הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק על סאַלוואַדאָר

פוןביידע זייטן וועג וואַקסן רחבותדיק די נידעריקע און זייער ברייטע קאַ־קאַאָ־ביימלעך, באַדעקטע מיט אַלבאַסטער־ווייסע בלומען־קווייטן, צווישן וועלכע עס סטאַרטשען הויך אַריבער, אַזוי ווי גלייכע און דינע קאָלומנעס, הויכע קאָקאָס־ביימער, טייטל־ביימער, וואָס אויף זייערע לולבים־צווייגן און לולבים־בלעטער פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר דעם אַלטעגלעכן ברויט גאַנצע מחנות ליליפּוטישע מאַלפּעלעך מיט, אין פאַרגלייך מיט זיי, גרויסע וועווערקעלעך. אויף אַנדערע ביימער פירן צווישן זיך אַ מלחמה גרויסע, ווי שימפּאַנזעס, מאַלפּעס. אַ סברה, אַז די ווילדע מאַלפּעס זענען מענטשלעכער פון דעם מענטש, ווייל זיי שלאָגן זיך קיינמאָל נישט מיט קלענערע און שוואַכערע פון זיך. בעת דער מענטש, וואָס האָט געירשנט די שלעגערישקייט פון די מאַלפּעס, מאָרדעט אויס דערפער און שטעט און גאַנצע לענדער פול מיט מענטשן. די מאַלפּעס שלאָגן זיך צוליב אַ קאָקאָס־בוים, אָדער אַ נוסבוים, אָדער גאָר צוליב אַ סימפּאַטישער כלה, אָבער

זיי הרגענען קיינמאָל נישט דעם קעגנער, און די מענטשן פירן מלחמות צווישן זיך צוליב אַ שטיקל גאָלד, צוליב נאַפט אָדער קאַוטשוק... און ווער עס זיגט אין דער מאַלפּישער מלחמה, דער, פאַרשטייט זיך, בלייבט הערשן איבער דעם בוים מיט זיינע זאַפטיקע פּרוכטן. די בראשיתדיקע וועלדער זענען דאָרט פול מיט ווילדע אַגואַקאַטעס, ניס, באַקסערס און אַנדערע פּרוכטן.

די פּרוכטבאַרקייט פון דער געבענטשטער גוואַטעמאַלער יונגפרוילעכער ערד איז אַזאַ, אַז מען זעט דאָרט הונדערט יעריקע און אפילו טויזנט יעריקעביימער. טיטאַנען ביימער, אפילו גרעבערע פונעם אַפריקאַנער באַאָבאַב, דעם קעניג פון די ביימער. אין אַזאַ מין גוואַטעמאַלער זקנס הוילקייט און אויף זיינע צווייגן האָבן דריי אינדיאַנער פאַרפעלקער מיט זייערע קינדער און שטוב־פייגל און חיות זיך געמאַכט זייערע „ווױן־הייזער״. איינעם אַזאַ קלאָץ בין איך נייגעריק געווען אי־בערצומעסטן זיין גרעב: אַכט מענטשן האָבן אים נישט געקאָנט אַרומנעמען. עס זענען אויך פאַראַן גרויסע שטרעקעס, ווו די ביימער זענען אַזוי אַנגעזעצט איינער אויפן צווייטן, אַז עס איז נישט מעגלעך אַדורכצודרינגען זיין מיסטעריע אָן אַ האַק אין האַנט, ווייל אַנדערש איז אוממעגלעך זיך צו עפענען אַ וועג.

אויך דער פּרוכטבאַרער ווילדער גן־עדן פירט מלחמה. די טויזנטיעריקע ריזיקע ביימער, געמישט מיט אַנדערע, אַנעמישע, איבערגעוואַקסענע ראַכיטישע ביימעלעך, יאָגן זייערע שפּיצן אַרויף צווישן די שפּעלטעלעך, אָדער לעכעלעך, פון זייערע ריזיקע שכנימס צווייגן און בלעטער, וועמענס לופט, זון, רעגן און זאַפט פון דער ערד האָבן זיך פאַרכאַפּט די גראָבע, פּרעסערישע, ברייט־צעצווייגטע און ברייט־פלייצעדיקע ביימער. — דער רייכער, דער סאַדיסט און תקיף האָט מיט זיינע ריזיקע וואָרצלען און ברייט־צעשפּרייטע צווייגן פאַרכאַפּט אַלץ פאַר זיך...

שטאַרצן אַריבער איבער די ברייטע ריזיקע שעוועלורעס פון די פעט־לייביקע ביימעלעך די שיינינקע און מילדע פנימלעך פון די שוואַכינקע ביימעלעך, וואָס האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט איבער די קעפּ פון די גראָבע זיך צו דערקוויקן כאָטש מיט אַביסעלע זון און לופט, ווען די ערד האָבן פאַר זיך פאַרכאַפּט די מעכטיקע ביימער...

דער גאַנצער צענטראַל־אַמעריקאַנער העמיספער איז זייער און זייער פּרוכט־באַר, און וואַרט נאָר, אַז די רעגירער זאָלן ווערן פאָטערלעכער, זיי זאָלן צעטיילן אַביסל ערד די אָרעמע אינדיאַנער, וואָס רייסן זיך זי צו באַאַרבעטן. און זאָלן אויך די רעגירער ווייכער ווערן און אַריינלאָזן די מיליאָנען באַדנלאָזע מענטשן זי צו אַקערן און אַרויסציען פון איר אינגעווייד איר וווּנדערבאַרע שפע, וואָס וועט זיין אַ ברכה פאַר די וואָס וועלן זי באַאַרבעטן און אַ געוווּס פאַר די וואָס וועלן זוכה זיין פון איר שעפערישקייט...

און דאָך איז די אָרעמקייט אַזוי גרויס! דער אינדיאַנער האָרעפּאַשניק, וואָס פּלאָדיעט איבערהויפּט קינדערלעך, איז באַדנלאָז. פּאַר אַ פּאָר סענט אַ טאָג אַר־בעט ער מער ווי אַן אייזל. צען, דרייסיק און פופציק קילאָמעטער ווייט גייט דער אינדיאַנער מאַן און פרוי מיט שווערע פּעק סחורה, אייגענע און מערסטנס, פון רייכן סוחר, לאַטיפונדיסט אָדער אינדוסטריאַל, פּאַר אַ שיבוש. און דער רייכער ציוויליזירטער איז דאָך אַ „גוטער", ער האָט מיטלייד מיטן אינדיאַנער, ער וויל אים „אַרויסהעלפן". איז אַנשטאָט צו דינגען אַ פערד און וואָגן, אָדער אַ קאַ־מיאָן, און צו באַצאָלן צוויי דאָלאַר און מער פּאַר די הונדערט קילאָ, צאָלט ער דעם אינדיאַנער נישט מער ווי צען סענט יעדע 50 קילאָ, אָן עסן און אַנדערע הוצאות. דערצו בלייבט ער נאָך, דער אַרבעטסגעבער אַ פיינער און וויל־דערצוי־גענער ציוויליזירטער מענטש: ער העלפט דאָך דעם „ווילדן" אינדיאַנער מיט ברויט און ציוויליזאַציע...

די גוואַטעמאַלער בערגקייט איז באַדייטנדיק נידעריקער ווי די זיד־אַמערי־קאַנער, און ביז העט־ווייט אין די אומענדלעכע רוימען זענען אַ סך פון די וואול־קאַנישע בערג באַדעקט מיט וועלדער פון שלאַנקע סאָסנעס, ריזיקע טאַפּאָליעס, ליפּעס אָדער לינדן־ביימער, דעמבעס און עאוקאַליפּטן־ביימער, וועמענס שפּיצן זענען אַזוי ווי באַהויכט מיט אַ געדיכטן דאַמף, ווי מיט רויך־קרוינען.

דער קלימאַט אויף די בערג, אין די טראָפּיקאַלע לענדער איז גאָר אַן אַנדע־רע ווי אין די סוב־טראָפּיקאַלע אויף דער זעלבער הויך. דאַן ווען אין טשובוט, סאַנטאַ קרוז און פייערלאַנד איז אויף טויזנט און ווינציקער מעטער הויך, פראָסט, איז אין די צענטראַל־אַמעריקאַנער געביטן אויף דער הויך פון 3.500 מעטער און אפילו העכער, זעלטענער זומער אין די וואַרעמע מאָנאַטן, און אין די „קאַלטע" דערגרייכט די טעמפּעראַטור צו זעראָ, אָדער העכסטנס צו איין גראַד אונטערן נול.

דערפּאַר איז דער גאַנצער גוואַטעמאַלער באַרג־סיסטעם ממש וווּנדערלעך פּרוכטבאַר ביז איבער 3.500 מעטער די הויך, וווּהין עס האָבן זיך פּאַרקליבן די מערסטע טייל פון די איבערגעבליבענע אינדיאַנער שבטים. נאָר ווו־נישט־ווו זעט מען דעם סקעלעטן־האַלדז מיט אַן אָפענעם גיהנום־פּיסק, פון וואַנען עס זעצט אַרויס צום הימל אַ שוואַרצער אָדער געלער רויך פון אַ פייער־שפּייענדיקן באַרג. וואולקאַנען האָט צענטראַל־אַמעריקע אין די הונדערטער און אַקטיווע — 31. גוואַטעמאַלאַ אַליין האָט 28 וואולקאַנען.

אין מיין גאַנצן וואַנדערוועג, פון גוואַטעמאַלאַ־סיטי ביז דער גרענעץ פון על סאַלוואַדאָר, האָב איך געזען די באַרוועסע און אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע אינ־דיאַנער, אָפּשטאַמלינגען פון די אַמאָל ציוויליזירטע און שטאָלצע אַצטעקן, טאָ־טאַנעקן, מאַיאַס, קיטשיס און פון אַנדערע ציוויליזירטע שבטים, איצט דעגראַ־

דירטע און ווי דעגענערירטע, וואָס אַרבעטן אין די פּלאַנטאַציעס פון קאַווע, רייז, קאַקאַאָ און באַנאַנען, גייענדיק פון די צוקער־פּלאַנטאַציעס, ווו זיי האַקן מיט זייערע מעסערס פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג פאַר אַ הונגער־לוין. אַנ־דערע ווידער פירן סטאַדעס קי, אייזלען, ציגן, אינדיקעס אָדער מולאַס, זיי לויפן נאָך די בהמות, פונקט ווי אומעטום, ווו עס האָט אַ השפּעה די אינדיאַנער־מאָראַל, און דערוועגן זיך נישט אויפצוזעצן רייטן אויף אַ פערד, אייזל אָדער מולאַ (מוילאייזל). זיי קוקן נאָך מיט אומצוטרוי דעם פרעמדן דורכגייער מיט זייערע דורכדרינגלעכע און פאַרשנדיקע אויגן פון אַ פיל־געשטראָפטער און פאַריאָכטער ראַסע, וועלכע איז נישט מער ווי מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק געווען די הערשערין פון די אַלע לענדערייען, און היינט צו טאָג זענען אירע זין נאַקעט און בלויז, אָן שום בילדונג און וויסן; ברומען זיי, ווי צערייצטע לעמפּערטן אין אַן ענגער שטייג, אין זייערע האַלב־שפּאַנישע און האַלב־אינדיאַנישע דיאַלעקטן.

אַנדערע ווידער גייענדיק קייען רויע, אָדער געבראָטענע קוקורוזע אָדער אַרבעס און טראָגן אויף דער פּלייצע אַ ריזיקן פּאַק, וואָס הענגט ביי זיי אויף אַ רימען פון אַ ביקן־וואָרצל אַרום דעם שטערן. איינגעאיבטע און איינגעוווינטע צו שלעפּן אויף זיך שווערע משאות פון דער צאַרטסטער יוגנט אָן, האָבן זיי גע־קראָגן האַרטע, מאַזאָליעדיקע שטערנס, נישט ערגער ווי אָקסן, וואָס טראָגן אַ יאָך אויפן שטערן...

— דאָס איז גראַדע גוט, — האָט צו מיר געזאָגט דאָן אינאָסענסיאָ אָראָ־פּעסאָ — דאָס איז זייער גוט, וואָס די „ווילדע" אינדיאַנער האָבן געקראָגן אַזוינע האַרטע קעפּ... מיר, עספּאַניאָלן, די אמתע דעראָבערער פון אָט די לענדער און פעלקער, באַגרייפן, אַז ווען די אינדיאַנער וואָלטן חלילה נישט געקראָגן אַזעלכע מין האַרטע קעפּ, וואָלטן זיי מיט דער צייט געוועזן באַזיגט מיט זייער גרויסער ציוויליזאַציע און קולטור, די ציוויליזאַציע און קולטור פון דער שפּאַנישער מאַמע־פּאַטריאַ, וואָס האָט הינטער זיך אַזאַ מין גרויסע און ערנהאַפטע געשיכטלעכע פּערזענלעכקייט, ווי דאָס איז די הייליקע קעניגן איזאַבעלאַ די קאַטוילישע, די וואָס האָט איינגעפירט די הייליקע אינקוויזיציע קעגן די ווילדע מוסולמענער און יידן און שפּעטער אויך קעגן די אינדיאַנישע באַרבאַרן... און איר, לאַנדסמאַן (ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַן אַנדאַלוז), דאַרפט אגב וויסן, אַז וואָס דער אינדיאַנער האָט געקראָגן אַזאַ האַרטן קאָפּ איז גוט נישט נאָר פאַר אונדז, שפּאַ־ניער, די אַנטדעקער פונעם קאָנטינענט, נאָר אויך פאַר דער לאַנדס־רעגירונג. יאָ, פאַר דער לאַנדס־רעגירונג אוודאי און אוודאי...

בלויז פערד איז גוט צו האָבן קלוגע, אָבער נישט קיין מענטשן אונטערטאַנען פון אַ נידעריקערער ראַסע... דאָס פערד וואָס קליגער עס איז, אַלץ מער אונטער־טעניק איז עס און פאָלגט בעסער. אָבער דער אינדיאַנער, צי דער שוואַרצער

אַפריקאַנער! נו, נו, זאָל שוין גאָט מיט דער הייליקער בתולה באַהיטן! פאַר־שטאַנען?...

כמעט די גאַנצע שטרעקע פון גוואַטעמאַלאַ־סיטי ביז דער סאַלוואַדאָרער גרע־נעץ האָב איך צו יענער צייט נישט געזען קיין איין מעטער באַאַרבעטע ערד פון פּריוואַטע אייגנטימער־פּויערים מחמת אַלץ כמעט האָט געהערט דאָרט צו רייכע לאַטיפונדיסטן, אויסלענדישע אָדער נאַציאָנאַלע גרונט־באַזיצער. דערפאַר האָבן מיר די אַלע ישובים, וואָס איך האָב דורכגעוואַנדערט, אויסגעזען ווי איינגעדרימלט אין אַ הינערפּלעט. די גרויסע ערד־באַזיצער און די מיליאָנערסקע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן פּלאַנטאַציעס פון צוקער־רערן, וואַטע און קאַקאַאָ און קאַפע, זענען נישט ווייט פון די גרעסערע שטעט, און אין גיכּגנטן ווו די ערד איז ווי ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר יענע פּלאַנטאַציעס. וועגן נישט, לאָזן זיי בעסער פוסטעווען די פעלדער און וועלדער, ווו עס פּיטערן זיך זייערע בהמות. געווען זענען מאָמענטן, וואָס האָבן מיר אויסגעזען, ווי איך וואָלט געפאָרן איבער אַ בית־הקברות־וועג, ווו עס סטאַרטשען אַרויס טויזנטער איבערגעבליבענע רעשטן פון מאָנומענטן, חורבות פון אַמאָליקע הייזער, שטעט און דערפער. מחמת דער שרעקלעכער אומ־דערטרעגלעכער זון, וואָס בראָט און ברענט מיט אכזריות, ליגן די גרעסטע טייל אינדיאַנער איינוווינער אין יענעם ווילדעניש, אַזוי ווי די וויסקאַטשאָס אין זייערע לעכער, אָדער אין שאָטן אַרום זייערע כאַטעס. די מערהייט פון זייערע אָרעמע כאַטעס זעען טאַקע אויס ווי קיילעכדיקע בודעס, ווי די וויסקאַטשאַ־בערגלעך און ווי מוראַשניקעס.

אָט איז דאָס דערפל מיט אירע אַלבינער (ווייסע) אינדיאַנער, וואָס פאַר־מאָגן גרוי־פינקלדיקע אויגן און שלאַנקע, בויגיקע קערפּערס, ווי די גאַסעלאַס (אַפריקאַנער הירשן) מיט לאַנגע האָר ווי האָבער־שטאַנגען.

אין דעם לאַנגן, איין זייט־וועגיקן דאָרף זעט מען אָט די אַלבינער אינדיאַ־נער, שוין נישט אין זייערע „פרייע הייזער", פון בלאָטע געקנעטענע מיט מיסט, אַ סגולה קעגן די צעבערדיקע רעגנס פון יענעם טראָפּיק אין דער רעגן־תקופה, זיצן זיי אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס, אָדער אויפן אַזיאַטישן שטייגער, די פיס אונטער זיך און שפּינען, העפטן, מאָלן, אָדער לויזן זיך מיט אַ באַזונדערער חריפות.

— דאָס איז, — האָט מען מיר געזאָגט — דאָס באַרימטע דאָרף מיט די אַלבינער אינדיאַנער. דאָס דאָרף איז באַרימט נישט אַזוי צוליב עטנאָלאָגישע, ביאָלאָגישע אָדער אַנטראָפּאָלאָגישע מאָטיוון — אין דעם זאָלן זיך גריבלען די וויסנשאַפטלער — באַרימט זענען זיי צוליב זייער אַטאַוויזם צו קלעפּטאָמאַניע. זיי זענען — זאָגט מען — די איינציקע גנבים פון גאַנצן לאַנד און אפשר אויך פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע.

מען דערציילט מיר, אַז אַמאָל האָט אַ באַרימטער גענעראַל און פּאָליטיקער, דאָן כאָסע מאַריאָ רעינאַ, אין יאָר 1898, פּרעזידענט פון גוואַטעמאַלאַ צו יענער צייט, אָפּגעשטיגן צום דעמאָלטיקן אַלקאַלדע (בירגערמייסטער) פון דאָרף, און די פּערד, זיינע און פון זיין סוויטע, האָט ער געהייסן אָנבינדן צו די שטאַמען פון די ביימער אַרום דעם אַלקאַלדעס הויז. די שומרים פון די פערד זענען געווען די בני־בית פון אַלקאַלדע. און ווען דער גענעראַל רעינאַ מיט זיין סוויטע זענען אַרויס פונעם בירגערמייסטערס שטוב, האָט ער נישט געפונען נישט די פערד און נישט די שומרים.

— אַ בייזער רוח האָט זיי געמוזט איינשלינגען — האָבן די אינדיאַנער דער־קלערט דעם גענעראַל.

דער פּרעזידענט מיט זיין שטאַב, בלית ברירה, האָבן געמוזט רייטן אויף אַנ־דערע פערד, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דער קאַוואַלעריע, וואָס איז געשטאַנען אויסערן דאָרף. אָבער ווי נאָר דער קריגס־העלד איז אַוועק ווייט פון דאָרף, זע־נען די פערד מיט די פאַרשוווּנדענע שומרים צוריקגעקומען צום אַלקאַלדעס פערד אויף אַ וויזיט...

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז דאָס איז געשען — האָבן די אינדיאַנער מיר דערציילט — אין איינער פון די ברוטאַלסטע צייטן נישט נאָר פאַר גוואַטעמאַלאַ, נאָר פאַר גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע: דער גענעראַל און פּרעזידענט פון גוואַטע־מאַלאַ, דאָן כאָסע מאַריאָ רעינאַ, האָט צו יענער צייט געפירט מלחמה מיט על סאַלוואַדאָר. גוואַטעמאַלאַ איז דאַן געווען די אַוואַנגאַרד רעפּובליק, וועלכע האָט זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַראייניקן גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע אין איין פעּ־דעראַטיוון שטאַט, און די סאַלוואַדאָרער פּאָליטיקער, געשטיצטע פון מעקסיקאַ־נער און נ׳ אַמעריקאַנער מערסענאַרן זענען געווען קעגנער...

דער גענעראַל רעינאַ איז געווען אַ פּערזענלעכקייט פון גרויסן פאַרנעם. אַ דאַנק אים זענען איינגעפירט געוואָרן עטלעכע זייער וויכטיקע געזעצן: ער האָט געהאָלפן דער קאָמערציעלער אַנטוויקלונג, פאָלקס־בילדונג, אינדיווידועלע פרייהייטן און אַנדערע וויכטיקע געזעצן.

***

אין כוליאַפּאַ איז דער קאַמיאָן בעל כרחו געבליבן שטיין: אַ גומי־ראָד האָט געקראָגן אַ שטאָך פון אַ דאָרנשפּיץ, און מיר זענען זיך, ביז וואָס ווען, פונאַנ־דערגעגאַנגען צו די דאָרטיקע אַלקאָהאָל־קלייטלעך, וואָס זענען אויך רעסטאָראַ־נען און אכסניות.

איך און אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק מיט איר געליבטן, וועלכער האָט ערשט מיט אַ פּאָר שעה פריער דערשאָסן אויף טויט איר מאַן און איז דעריבער געפאָרן

קיין סאַלוואַדאָר, כדי נישט געמשפּט צו ווערן, זענען אַריין אין אַ גאַנץ נישקשה־דיקן רעסטאָראַן פון אַ „זויבערן" יאַפּאַנער און דאָרט עפּעס איבערגעכאַפּט.

איך האָב געטרונקען אַ גלעזל און פאַרביסן מיט אַ שטיקל טאָרט. דערנאָך אַ גאָר „פרישע" „מינעסטרינאַ" (אַזאַ מין זופּ), אַ ביף מיט צוויי געפּרעגלטע אינדיק־אייער. אַ פּאָר מינוט נאָכן עסן האָב איך דערפילט ראשית אַ ברענונג, ווי איך וואָלט געהאַט אָנגעצונדענע קוילן אין די קישקעס, דערנאָך אַ שרעקלעכע שניידעניש אין די געדערים. אַ ברוויזנדיקע רעוואָלוציע אין בויך. — אויף דער־רויף בין איך דאָך אין צענטראַל־אַמעריקע — האָב איך מיר געטראַכט, — מילא, אויב עס מעגן זיין מיליטערישע און אַנדערע רעוואָלוציעס, מעג דאָך אַמאָל זיין אַ שטיקעלע איבערקערעניש אין בויך. איבערהויפּט, אַז איך געפין מיך אין גוואַטע־מאַלאַ, און נישט מער ווי איין שפּאַן פון על סאַלוואַדאָר, וואָס איז איינע פון די זעקס צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליקן...

— מיינט נישט, אַז איך האָב אייך, חלילה, געגעבן נישט פרישן טאָרט, זופּ, ביף אָדער אייער, איר מוזט אוודאי זיין קראַנק אויף אַפּענדיסיטיס, אָדער גע־בריכט, אָדער ביידע צוזאַמען, ווייל איר האָט זיך אַזוי אָנגעשאָקלט אויפן קאַ־מיאָן... יאָ, יאָ, דער קאַמיאָן האָט אייך געמאַכט אַן אַפּענדיסיט מיט אַ געבריך, אויב איר האָט אַזוינע שרעקלעכע בויך־שמערצן. און די ליידי, אפשר האָט זי גאָר געמפּלט פון צופיל אָנשאָקלען זיך? — האָט געטענהט דער יאַפּאַנער רעסטאָ־ראַטאָר, בשעת ער האָט דעם ציינגפינגער פון דער רעכטער האַנט אַריינגעשטעקט טיף אין נאָז, און אַרויסגעשלעפּט אַ שטיק ראָץ, מיט וואָס ער האָט דערנאָך זיך געשפּילט ווי מיט אַ שטיקל קיט. די לינקע האַנט האָט ער אַריינגערוקט זיך טיף אין קראָק, מחמת ער איז טאַקע געווען געבריכט נעבעך.

ס'איז אָבער נישט אַזוי געווען ווי דער איידעלער יאַפּאַנטשיק האָט דער־קלערט, און ווי זיין יפיפיה ווייבעלע מיטן סאַפּאַזשאָ־קאָפּ האָט אָנגענומען פּאָר גוט געלט: געשאַדט האָט מיר טאַקע דאָס זייער פרישע עסן, איבערהויפּט דער טאָרט, און די אינדיטשטקע־אייער. איך און מיינע צופּעליקע באַגלייטער האָבן בחפזון געמוזט בעטן, מ'זאָל אונדז במחילה זאָגן ווו עס איז דער קלאָזעט...

— גייט דאָרט אין הינטערגרונט, דאָרט צווישן די פיר גרויסע באַנאַנע־ביימער, ווו עס שטייען די מיידלעך און וואַשן, — האָט די יאַפּאַנעזערין אונדז געוויזן מיט איר פאָרדעקטער האַנט, וואָס זי האָט זיך אויסגעשמירט אין איר קינד, וואָס האָט זיך באַמאַכט אויף איינעם פון די טישן, ביי וועלכן מיר זענען מיט אַ מינוט פריער געזעסן. זי האָט די צואה אַראָפּגעווישט מיט דער גאָלער האַנט, וועלכע זי האָט דערנאָך אָפּגעווישט מיט דער זעלבער סערוויזשעטע, מיט וועלכער זי האָט פריער מיט אַ רגע אָפּגעווישט דעם בופעט, די טישן און די טעלער.

דער מערדער לויפט דער ערשטער, נאָך אים איך און זיין געליבטע נאָך מיר, אַלע לויפן אַהין, וווהין די יאַפּאַנעזערין האָט אונדז פריער אָנגעוויזן מיט איר האַנט, פול מיט איר קינדס צואה.

קיין קלאָזעט זעט מען נישט, נאָר זייער אַ גרויסן פּירקאַנטיקן טיפן גרוב, איבער וועלכן עס איז געלעגן לענגאויס זייער אַ גרויסע, גראָבע און ברייטע ברעט, פון אַ פינף מעטער די לענג מיט אַכט קיילעכדיקע לעכער, אָן שום מחיצה פון איין לאָך צום צווייטן...

פליגן פון אַלע מינים און קאָלירן פליען אום פון איין לאָך צום צווייטן מיט אַ רציחהדיק געזאַנג און זשומעריי. שטשורעס, גרויסע ווי די בערן, און מייז ווי שטשורעס, לויפן אום פראַנק און פריי, — און דער געשטאַנק, דער שרעקלעכער אַוויר, האָט געשניטן נישט נאָר אין האַלדז און נאָז, נאָר אפילו אין די אויגן, וואָס האָבן מיר געגומען טרערן, אַז עס האָט אָנגענומען אַ גרויל....

אָבער ערגער פון אַלץ זענען געווען די זעקס אינדיאַנער מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אַ דריי מעטער פונעם גרוב, וואָס האָט געדינט פאַר אַ קאָלעקטיוון בית־הכסא...

איך פרעג איינע פון זיי, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, אַרומגעוויקלט מיט אַ שמאַטע ביז אונטער די בריסטן, וואָס זענען איר נאָכגעהאָנגען ווי צוויי פלאַטער־דיקע אייטערס: — זאָג מיר, שיינינקע, ווו איז דער קלאָזעט?

— דו, נאַרישער גרינער, וואָס דו ביסט, ביסטו דען בלינד? אָט דאָ איז דער קאָ...! דער גרוב איז גענוג גרויס און טיף, אַז ער זאָל קאָנען איינשלינגען נישט נאָר דיין ביסל צואה, נאָר אויך דיך אינגאַנצן און נאָך אַ הונדערט אַזעלכע אומ־גליקלעכע טויגעניכצן ווי דו...

נאָכדעם ווי די ווילדע האָט מיך אַזוי אָפּגעזידלט, האָט זי ממש געשיינט פון איר געניאַלער חכמה, און מיט איר האָבן מיטגעלאַכט אויפן הויכן קול די אַנדערע פינף אינדיאַנערקעס. מיר איז אָבער דערפון נישט געוואָרן גרינגער. אַרויסגיין אין פעלד איז נישט מעגלעך, מחמת באַלד אַ צוויי דריי מעטער פונעם גרוב געפינט זיך אַ הויכער פּאַרקאַן, און הינטערן פּאַרקאַן לויפט זייער אַ טי־פער טייך. אין בויך דרייט מיר און ברענט, אין די קישקעס שניידט ווי מיט אַ מעסער און אין מאָגן קלעמט. אָט דרייען זיך מיר איין דאָס ביסל קישקעס אין אַ געפלאָכטענעם שטריק, און זיי וועלן, דאַכט מיר, מיר אַרויסשפּרינגען פון בויך צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס אין בויך געפינט זיך... דערווייל ברעך איך מיר אַרויס די גאַל. מילא, דאָס אַרט מיך נישט... ברעכן מעג דאָך יעדערער, ווו און ווען וועמען עס גלוסט זיך נאָר, אָבער, ווי טוט מען די חיהשע באַדערפעניש אין קעגנוואַרט פון אַזוי פיל מיידן?...

איך גיי צו צו אַ צווייטער, מיר דאַכט זיך, אַ בעסערע, און בעט זי: — זיי אַזוי גוט, שייניבקע, גוטינקע, טייערינקע, און גיי אַוועק אויף אַ רגע, נישט מער ווי אויף אַ רגע, מיט די אַנדערע מיידלעך, טאַקע נישט מער ווי אויף אַ רגע, איך וועל דיך באַפרידיקן...

— און ווער וועט פאַר מיר מאַנגלען? און ווער וועט פאַר די אַנדערע מיידלעך קאָכן און וואַשן? אַז דיטזאַנטקאַלט וועט פאַר דיר נישט אָפּקאָכן, וואָס וועסטו פרעסן? אַז דו וועסט נישט פרעסן וועסטו זיך נישט איבערפרעסן. און אַז דו וועסט זיך נישט איבערפרעסן, וועסטו נישט קומען צו לויפן אַהער מיט אַזאַ מין געאייל... — ענטפערט מיר די געבעטענע, בויגנדיק זיך אינדרייען פון געלעכטער, און פרעסט ווייסע וועש מיט אַ גראָבן שטעקן, אַזוי ווי אַ וואַלגערהאָלץ...

— און אפשר וועסטו גאָר פאַר מיר צוגרייטן די וועטשערע? — האָט זיך אָנגערופן דיטזאַנטקאַלט, אַן אינדיאַנערין פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס איז געווען די קעכין, אָנגעטון פונקט ווי די ערשטע. דערפאַר אָבער איז איר ברוינער האַלדז באַהאָנגען מיט בלעכענע און גלעזערנע צאַצקעס, און אין די אויערן — גרויסע רינגען.

דער מערדער מיט זיין געליבטער האָבן אָבער נאָך אויך געהאַט אין זיך אַזוי פיל בושה און מאָראַל, אַז זיי האָבן זיך אויך איינגעהאַלטן כל זמן עס איז געווען מעגלעך. ביז עס איז שוין מער נישט מעגלעך געווען... כמעט אַלע דריי אין זעלבן מאָמענט...

נאָך אָט דער געשעעניש האָב איך, אַלס זנאַכער אין די זאַכן, געמוזט אויסרייבן די בייכער דעם פּאָרל מיט אַלקאָהאָל. זי, די געליבטע פונעם מערדער, איז גאָר געווען פאַרביי, זי האָט, ווי מיר שיינט, געקראָגן דיזענטעריע: עס האָט זיך פון איר געגאָסן בלוט ווי פון אַ קראַן. זיך אַליין האָב איך אויך איינגעריבן מיט ריינעם אַלקאָהאָל און אויסגעטרונקען צוויי גלעזער טיי פון מילגרוימעןהויט מיט אַ צוואַנציק טראָפּנס לאַודאַנאַ. עס איז מיר בעסער געוואָרן. דאָס זעלבע — אויך דעם פאַרליבטן פּאָרל...

דו, ריקאַרדאָ, ווייסט, גאָט האָט מיך געמוזט זיכער שטראָפן צוליב דיין זינד, וואָס דו האָסט דערהרגעט מיין פאַקיטאָ, מיין מאַן! — האָט זי געזאָגט שטיל אויפן אויער איר געליבטן מיט קענטיקער חרטה.

— יאָ, גאַנץ מעגלעך, קאַרמען גלאָריאַ, איך דענק אָבער, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט פאַר דיינע זינד, ווייל דו האָסט מיך צוגערעדט, איך זאָל אין דיין פאַקאַן אויסליידיקן די זעקס קוילן וואָס פעלן מיר איצטער... — האָט דער יונג געענטפערט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַט, אויסגלייכנדיק זיך די האָר, וואָס זענען אים געקראָכן אין די אויגן אַריין.

— איר האָט גאָר קיין מורא נישט צו רעדן וועגן אַזאַ שרעקלעכער רציחה? — האָב איך געפרעגט דעם בחור, וואָס האָט אויסגעזען מילד און איידל.

— מורא? פאַר וועמען? — האָט אַ פאַרחדושטער געפרעגט דער בחור. — אַ טויטער שיסט שוין מער נישט! איך האָב דאָך פּאַקאָן דערשאָסן פריער ווי ער מיך, וועט ער דאָך שוין נישט צוריקשיסן... און די פּאָליציי וועט מיך אויך נישט טשעפּען, כל זמן עס איז נישטאָ קיין געריכטלעכע פאַראָרדנונג. און אַז איינער האָט איינפלוסרייכע „קוואַטערס״, פאַרשפּעטיקט דאָס געריכט ביז מ׳איז פון יענער זייט גרענעץ... דאָס געריכט וועט דאָך נישט משפּטן אונטער די אויגן, און די פּאָליציי „ווייסט נישט״ וווהין מען איז אַנטרונען, קאָן דאָך דאָס געריכט זיך נישט וועגדן וועגן עקסטראַדיקציאָן. און דאָ איז מען אַזוי לאַנג, ביז די עדות „פאַרגעסן״, ווער עס האָט געשאָסן און דער פּראָצעס ווערט בטל... און פאַר אַ גואל הדם? — נו, היט מען זיך, און ווער עס פעדערט זיך, דער געווינט שטענדיק... — „טאַרדע וועניענטיבוס אָססאַ״ (די וואָס פאַרשפּעטיקן געפינען ביינער, נישט מער) — זאָגט אַ לאַטייניש ווערטל. און „טעמפּוס עדאַקס רערום״ (די צייט מעקט אַלץ אָפּ) — זאָגט נאָך אַ לאַטייניש ווערטל. אין אַ קורצער צייט אַרום וועט אַלץ פאַרגעסן ווערן, איך וועל צוריק קומען און וועל ווידער פאַרנעמען מיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, ווי עס פּאַסט און ווי עס קומט אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי איך בין. פאַרשטאַנען?...

— יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען... — האָב איך אים קורץ צוריק געענטפערט.

בעת דער ווייטערדיקער נסיעה זע איך דריי יונגע, האַלב־נאַקעטע אינדיאַנער, שלאַנקע ווי די יונגע פּוילישע סאָסנעס, גייען נאָך נאָך דריי אייזלען.

— אַדיאָס, הערמאַנאָס (אַדיע, ברידער) — שריי איך צו זיי אַראָפּ פון הויכן וואָגן. דער ענטפער איז געווען, אַז איינער פון זיי האָט מיט רציחה אַ וואָרף געטון אויף מיר זיין לאַנגן קינדזשאַל. צום גליק, איז דאָס האַלב־מעטערדיקע מעסער געבליבן שטעקן אין אַ זאַק קוקורוזע, און דער פאַרליבטער בחור האָט אים אַרויסגענומען און מיר דערלאַנגט:

— איך שענק אייך דעם מעסער צום אָנדענק! נאָר געדענקט, אַז מיט אונדזערע אַלבינער אינדיאַנער זאָלט איר, געגנעדיקער הער, זיך נישט פאַרטשעפּען — האָט דער רוצח געזאָגט צו מיר מיט אויטאָריטעט. אַ דאַנק אייער אויסשמירן מיך און דעם טיי פון די מילגרוימען מיטן לאַודאַנאַ וואָס איר האָט מיר געגעבן, פיל איך מיך איצט אַ סך בעסער און קאָן מיט אייך העדן.

— דאָ באַגריסט קיינער נישט דעם אינדיאַנער, און איר, אַ פיין געקליידטער, האָט זיי יאָ באַגריסט, און דערצו נאָך אָנגערופן — ברודער... דער אינדיאַנער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאָט פון אייער זייט, האָט ער אייך געוואָלט דאָס

„בעבעלע״ (דאָס האַרץ) דורכלעכערן... אונדזערע אינדיאַנער זענען בראַוו, כאַ, כאַ, כאַ! יאָ, זיי זענען בראַוו! נישט אַזוי, קאַרמען גלאָריאַ? כאַ, כאַ, כאַ! — האָט ער זיך געווענדט צו זיין געליבטער, וועלכע האָט זיך שוין אויך געפילט אַ סך בעסער.

פון דער גאָר נאָענטקייט זע איך דעם שרעקלעכן ווולקאַן פּועגאָ (פייער), וואָס געפינט זיך אין דעם דעפּאַרטאַמענט סאַקאַטעפּעקעז. כאָטש עס פעלן נאָך איבער דרייסיק קילאָמעטער זע איך אים אַזוי נאָענט, ווי ער וואָלט געווען בלויז איין קילאָמעטער ווייט. ער זעט אויס ווי אַ ברענענדיקע ציגל־פּיראַמידע, וואָס ציגל־אַרבעטער שטעלן אויף צום ברענען ציגל. אָבער ער איז טויזנט מאָל העכער. ער דערגרייכט ביז 3.835 מעטער די הייך איבערן ים־פלאַך. דאָס וואָס ער זעט זיך אַזוי נאָענט, כאָטש ער איז נאָך גענוג ווייט, איז דערפאַר וואָס אַרום און אַרום, אויף וויפל עס קאָן דערגרייכן דאָס פאַרשנדיקע אויג, זעט זיך כמעט אַ טויטע וויסטע באַשאָטן מיט צעלעכערטע לאַווע־שטיינער פון אַלערליי פאָרמען, גרייס און קאָליר. זאַמד און דערנער, צווישן די אָנגעוואָרפענע שטיינער, אַש און שטויב, געלע, גרויע, שוואַרצע און רויטע, מאַכט דעם מדבר נאָך וויסטער. נאָר וווּ־נישט־וווּ וואַקסט זיך איינזאַם אַליין אַ קאַקטוס־בוים מיט בלעטער גראָבע, גרויסע ווי די לאָפּעטעס, אָנגעזעצטע מיט שאַרפע און לאַנגע שפּיזן אָן אַ צאָל. אַנדערע קאַק־טוסן, ווי פיל־רערנדיקע מנורות, שטאַרצן אַריבער די קלענערע פון אַנדערע מינים.

נישט ווייט פון דער סאַלוואַדאָרער גרענעץ, לעבן טייך טשינגאַ, גאָר נאָענט פונעם וועג וואָס פירט קיין סאַנטאַ־אַנאַ, שטייט דער ווולקאַן־מחבל טשינגאָ פון 1.780 מעטער די הויך. דאָס איז זייער אַן אַקטיווער ווולקאַן, וואָס האָט שוין גענוג אומגליקן געבראַכט סיי פאַר סאַלוואַדאָר, סיי פאַר גוואַטעמאַלאַ.

בלויז קראָען, קאַראַנטשאָס, בושלען, סערפּענטאַריאָס און אַנדערע רויב־פייגל פליען איבער דעם מדבר. זיי זוכן שלאַנגען, גיפטיקע ווי נישט גיפטיקע, מייז, שטשורעס און קאַמאַדרעכאָס, די איינציקע איינוווינער פון יענער וויסטע־ניש, וואָס איז אַמאָל, איידער די ווולקאַנען האָבן זיך „צעשפּילט״, געווען אַ שיין און פּרוכטבאַר פעלד, וואַלד, גערטנער און גרינע לאָנקעס, שטעט מיט שיינע הייזער און דערפער אַרום.

פון איין זייט — אַ שוידערלעכער ווולקאַן, פון דער צווייטער — נאָך אַ מער שוידערלעכער, אַרום, ביז אין דער אומענדלעכקייט — שטיינער, זאַמד און אַש. נאָר וווּ־נישט־וווּ אַ קאַקטוס־בוים, — אַ מדבר. ווייטער, כמעט פּרימיטיווע בייזע אינדיאַנער פון די שבטים: גוואַזאַקאַפּאַן, טשיקומולאַ, נעקיטיפּאַקע, גוואַי־מאַנגאַ און אַנדערע. ווייטער אַביסל, אין דער אַנדערער זייט, — שיינע, סאַמעט־גרינע לאָנקעס, יעדעס וועגל, שאָסיי און סטעזשקעס, באַוואַקסן מיט פיין־באַ־

פלאַנצטע און אָפּגעהיטעביימער. פון ביידע זייטן וועג — פעלדער מיט גערשטן, האָבער, רייז, ווייץ און קאָרן, און ריזיקע קוקורוזעס וואָס וויגן זיך ביים מינדסטן ווינטל מיט געלאָקטע כוואַליעס, ווי אַ העל־גאָלדענער ים. עס ענדיקן זיך די פעלדער און גערטנער — אומענדלעכע בראשיתדיקע וועלדער מיט ריזיקע סאָס־נעס, דעמבעס, בעריאָזעס, יאַלאָווצעס, באָקסערס און אַנדערע טייערע ביימער, וועמענס גרינע טשופּריינעס דערגרייכן דעם בלויען הימל און מורמלען שטיל אויף זייערע שפּראַכן און אַלע צוזאַמען זינגען אין כאָר אַ תּפילה צום קינסט־לער־גאָט, וואָס האָט באַשאַפן אַזאַ ווונדער... טיטאַנען צעדערן, ריזיקע עאוקאַ־ליפּטן, ברייט־צעצווייגטע טאָפּאָלעס און מאָרווע־ביימער, נאָגאַל, כאַקאַראַנדאַ, סעיבאָ און קאָאָבאַ, אפילו דער טייערער עבאָן פון אינדיע, זינגען און שפּילן אויף זייערע צאַרטע און ברייטע בלעטער אַ געזאַנג צום תּמיד־שיינעם הימל, וועמענס אונטערשפּאַר זיי ווילן דאַכט זיך, ווערן... נאָכן וואַלד, — באַנאַנען, איילבירטן, טרויבן, קאַקאַאָ און קאַפּע, צוקער־רערן, עפּל און באַרן; וועלדער — געפלאַנצטע פון גאָט. און וועלדער — געפלאַנצטע דורכן מענטשנס האַנט, דורך דעם מענטשנס פלייס, קולטור און ציוויליזאַציע. דער גאַנצער באָטאַניק־קאַנגלאָ־מעראַט פאַרבאַלזאַמירט דעם רוים מיט אַ גן עדן־פּערפום. און אָט גאָר אַ פריי־שער וואַלד, ניין, אַ ים, אַ ווייסער, שניי־ווייסער ים, פון צעעפנטע וואַטע־קנאָספּן, וואָס בלענדט דעם מענטשנס אויג, ווי אַ נאָר וואָס אַראָפּגעפאַלענער שניי...

— ברענענדיקע לופט, פייער־הייסע שטעטלעך, מיט נאָך פייערדיקערע און זעלטן־שיינע, זיידענע אינדיאַנערקעלעך, מיט ברויזנדיקע קערפּערס און פיין־פאָרמירטע, רייצנדיקע סאַמעט־בריסטן מיט געטאָקטע הענט און פיס... ברעמען — רונדע און גלאַנציקע ווי שוואַרצער זייד; האָר — לאַנגע און עקזאָטיש־געלאָקטע. אין די געגנטן פון עסקווינטלאַ, מאַסאַלטענאַנגאָ און רעטאַלולעאַ. וואַנדערסטו ווידער, פאַרקריכסטו אין די געדיכטע גוואַטעמאַלער וועלדער, אומבאַגרייפלעך ווילדע, אומבאַגרייפלעך געדיכטע און פייכטע. הויכע גראָזן ווי די אינדאָסטאַנער דזשונגלס, פול מיט געפאַרן. אומבאַטרעטבאַרע זומפּן, געיזערס מיט זודיקע וואָ־סערן, ווו די אַמעריקאַנער פּאַרמער, די אָרעמע און פאַרשטויסענע אינדיאַנער, קאָכן זיך אָפּ זייער מיזערנע און מאָגער ביסל עסן.

באַלד דערנעבן — נאָך געדיכטערער וואַלד און דזשונגל, ווו קיין ציווילי־זירטער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן, און ווו עס הערשט נאָך דאָס געזעץ פונעם שטאַרקן, ווו עס מאַכט נאָך ציטערן די לופט דאָס שרעקלעכע ברומען, האַווקען און וויען פון די דרייסטע נאַכט־חיות. בייזע, ווילדע ביימער, בייזע און גיפטיקע, עקזאָטיש־שיינע און פאַררעטערישע פלאַנצן און בלומען, שלאַנגען, קראָקאָדילן און עקדישן, עסקאָלאָפּענדרעס, יאַשטשערקעס און שפּינען, וואָס באַוווינען אָט די מיסטעריעזע ווילדענישן; מענטשן פאַרפאָלגטע, איבערגעשראָקענע און געפּלאָגטע,

וואָס די בייזע און גרויזאַמע ווייסע זאָגן, אַז דאָס זענען באַרבאַרן, בלוט־דור־שטיקע אינדיאַנער!

זיי, די פאַרפאָלגטע אינדיאַנער, וווינען מערסטנס אין וואַלד, אין פּייכטן און מיסטעריעזן דזשונגל, אויפן באַרג, אונטערן באַרג, אין דער פינצטערער הייל, צווישן דיביימער, צווישן בערן, לייבן, טיגערן, און אויף די ביימער, צווישן מאַלפּעס, וועווערקעס, פייגל און קלעטער־שלאַנגען...

שיין זענען זיי, די פאַרפאָלגטע מענטשן־קינדער, ווי די זעלטן־שיינע נאַטור־וועלדער געשאַפענע דורכן בורא אַליין און פילבאַר, גרויזאַם, גוט און מילד, אויך ווי די אומבאַגרייפלעכע נאַטור.

וווּנדערלעכער גאָט! — ווו און ביי וועמען האָסטו געלערנט די הערלעכע אַרכיטעקטור פון מענטש, וואַלד און באַרג, טאָל און אָזערע, וואָס דו האָסט אַזוי גאוניש אויסגעפורעמט אין דעם שמאָלן צענטראַל־אַמעריקע?...

על סאַלוואַדאָר

דער נייגעריקער און באַאָבאַכטנדיקער וואַנדערער, וואָס טרעט אַריבער די גרענעץ און קומט אַריין אין דער שכנישער רעפּובליק על סאַלוואַדאָר, דערפילט גליך און דערזעט באַלד אַן אונטערשיד כלפּי דעם לאַנד, פון וואַנען ער קומט. דער אונטערשיד ליגט נישט נאָר אין דער רויער נאַטור, וואָס די סאַלוואַדאָרער וויסנשאַפטלער האָבן טיילווייז געביטן, נאָר אויך אין אירע מענטשן, ווייסע און אינדיאַנער, וואָס זענען אין אַ געוויסער מאָס אַנדערש, ווי די מענטשן פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע.

על סאַלוואַדאָר איז, ווי באַוווסט, די קלענסטע רעפּובליק פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע און פאַרנעמט נישט מער ווי 34.126 קוו׳ קילאָמעטער מיט אַ באַפעלקערונג פון נאָענט צו צוויי מיליאָן נפשות, און איז דאָס באַפעלקערסטע לאַנד אין דעם וועלט־טייל.

דאָס לאַנד איז דורכגעשניטן פון מזרח צו מערב דורך אַ באַרג־קייט מיט עטלעכע זייער געפערלעכע ווולקאַנען:

דער ווולקאַן סאַנטאַ אַנאַ איז 2.810 מעטער די הויך, איזאַלקאָ 1.840 מעטער, סאַן וויצענטע 2.640 מעטער און דער פייער־שפּייענדיקער באַרג סאַן סאַלוואַדאָר — 1.885 מעטער די הויך. בלויז איין וויכטיקן טייך פאַרמאָגט על סאַלוואַדאָר, און דאָס איז דער טיפער טייך לעמפּאַ. ער איז טאַקע אויך גענוג ברייט, אָבער קורץ. אַלע אַנדערע טייכן און ריטשקעס זענען מינדערוויכטיקע.

דער קלימאַט ביים איינציקן ים־ברעג, וואָס על סאַלוואַדאָר פאַרמאָגט, איז שרעקלעך אַ הייסער. נאָר אין אינערן פון לאַנד איז דער קלימאַט אַ מעסיקער, כמעט אַן אייראָפּעאיש־זומערדיקער און איז דערפאַר זייער צוגעפּאַסט פאַר אייראָפּעאישע אימיגראַנטן. דאָרט געפינען זיך אַלע וויכטיקע שטעט, שטעטלעך און דערפער פון דער רעפּובליק.

על סאַלוואַדאָר איז דאָס רייכסטע לאַנד פון צענטראַל אַמעריקע, וואָס שייך וועלדער מיט די טייערסטע געהילצן. די ערד ווערט וויסנשאַפטלעך אינטענסיוו קולטיווירט. די סאַלוואַדאָרער באַפעלקערונג איז קולטורעל און ציוויליזירט. די

שטעטלעך זענען שיין און זויבער, אויך די דערפער זענען שיין און ציכטיק. אַזוי איז אויך דער סאַלוואַדאָרער איינוווינער.

אַנהויבנדיק גלייך פון גוואַטעמאַלער גרענעץ ציען זיך און צעשפּרייטן זיך ווי אַ פּאַכער גרינע לאַנקעס, צעאַקערטע און זאָרגפעליק באַאַרבעטע פעלדער מיט אַלערליי תבואות, גרינסן און פּרוכטן, שיינע בלומען־גערטנער, סעדער מיט אַלערליי פּרוכטן, וואָס געבן אַ נאַג אין נאַז און באַלד אויך אין מאָגן...

די זעלבע באַנאַנען־וועלדער, קאַפע, קאַקאַאָ, צוקער־רערן, וואַטן, איילבירטן־פּלאַנטאַציעס, מאַנדלען, קאָקאָס און אַלערליי ניס, באַקסערס און אַנדערע טראָפּי־קאַלע פּרוכטן, און אויך פון די האַלב־הייסע און קאַלטע געביטן. מען זעט גלייך, אַז פלייסיקע הענט האָבן עס געפּלאַנצט, באַאַרבעט און מיט פּיעטעט אָפּגעהיט.

זאָלן די סאַלוואַדאָרער נישט זיין פון זעלבן ראַסן־געמיש, אַן אינדאָ־היספּאַנאָ פאָלק? — לויט דער ציכטיקייט און אַרבעטסזאַמקייט זעט עס נישט אויס אַזוי. אָבער ס׳איז פאָרט אַזוי...

אפילו דאָס קלענסטע סאַלוואַדאָרער דערפל איז פול מיט לעבן, אַקטיוויטעט — עקאָנאָמישער, פיזישער און גייסטיקער. מען זעט דאָ נישט אַזוי אָפט די באָר־וועסע און אָפּגעריסענע אינדיאַנער מיט די לאַנגע מעסערס און רעוואָלווערן אין אַ ברייטן רימען, אַרומגעזעצט מיט קוילן זיך אַרומבלאָנקען שיכורע איבער דאָרף און שטאָט. דער צוריקגעשטאַנענער אינדיאַנער איז אויך רעלאַטיוו פיין אָנגעטון, איבערהויפּט ווען ער קומט אין שטאָט אַריין. אומעטום זעט מען פליי־סיקע אַרבעטער, מענער און פרויען.

— על סאַלוואַדאָר — האָט מיר געזאָגט אַ דאָרטיקער איינוווינער — איז דאָס איינציקע לאַנד אין אַמעריקע, וואָס האָט ערנסטע געזעצן וועגן ביימער. דאָ טאָר מען נישט אויסהאַקן קיין בוים, כל זמן מען האָט נישט פאַרפּלאַנצט קיין צוויי ביימער. די הייזער זענען פון צעמענט, ציגל און שטיין, און פאַר זיי דאַרף מען נישט צאָלן קיין אָפּצאָל גאַנצע צען יאָר. דאָס איז אַ סטימול, מ׳זאָל נישט בויען קיין האָלצערנע הייזער. יעדע שטוב, יעדעס שטיקל פעלד און יעדע גאַס אָדער וועג מוז זיין אַרומגעזעצט מיט ביימער, איבערהויפּט פּרוכטביימער. די פאַבריקן, באַנען און שיפן טאָרן נישט נוצן קיין האָלץ צום ברענען. עס ווערן נאָר אויסגעהאַקט די גאָר גראָבע זקנים־ביימער, וואָס נוצן צו אינדוסטריע. אָבער תמיד מיט דער הסכמה פון דער געהעריקער מאַכט, און מיטן תנאי, אַז עס וועלן פריער פאַרפּלאַנצט ווערן צוויי אַנדערע ביימער אויפן אָרט פון בוים, וואָס וועט אָפּגעשניטן ווערן...

— נו, אַז מ׳גייט הרגענען אַ מענטש פאַרפּלאַנצט מען אויך פריער צוויי?...

איך בין נישט קיין קעגנער פון אַזאַ שיינעם וואַלד־געזעץ און ביימער־געזעץ. אָבער ווען אַ רעגירונג שיקט אירע בעסטע זין און טעכטער אויסגעמאָרדעט צו

ווערן אין אומזיניקע מלחמות, טראַכטן זיי אויך אַזוי וועגן דער צוקונפט פון דעם מענטשלעכן מין, ווי וועגן דעם הילצערנעם? — האָב איך געפרעגט דעם סאַלוואַדאָרער פּאַטריאָט ד״ר מאָיסעס אַבראַהאַם ראַדריגעז (נישט, חלילה, קיין ייד) — איך האָב אויף מיין פראַגע קיין ענטפער נישט באַקומען...

די ערשטע גרעסערע שטאָט און די צווייטע פון על סאַלוואַדאָר, ווו איך בין פאַרבליבן אויף עטלעכע וואָכן, איז סאַנטאַ־אַנאַ, וואָס פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע 60 טויזנט נפשות. די שטאָט האָט אַמאָל ביי די אַצטעקן־אינדיאַנער געהייסן „צוגואַטעגואַקאַן״, וואָס וויל זאָגן: אַ שטאָט מיט אַ סך פרויען, מחמת צו יענער צייט זענען דאָרט געווען פיר פרויען אויף איין מאַן. אַזוי האָט די שטאָט געהייסן ביזן יאָר 1600 פון אונדזער צייט־רעכענונג.

סאַנטאַ־אַנאַ מיט איר גרויסן אוניווערזיטעט, דעם שיינעם קאַטעדראַל־פּאַלאַץ, 33 רעגירונג־שולן, פּריוואַטע בילדונגס־אַנשטאַלטן, אַקאַדעמיעס, סעמינאַרן און קאַנווענטן, מיט צענדליקער פּריוואַטע אָנפאַנג־שולן, האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאָט מיט איבער אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. דער רויך און די פייפעריי פון די צענדליקער פאַבריק־קוימענס, דער ווילדער הו־האַ פון די אויטאָס, קאַמיאָנען און וועגענער, די מיליאָניקע געשעפטן און די באַוועגונג אויף די גאַסן איז ווי פון אַ גרויסער מעטראָפּאָליע.

לגבי אַנדערע שטעט פון צענטראַל אַמעריקע איז סאַנטאַ אַנאַ זייער אַ שיינע שטאָט. זי האָט אַ צענדליק רחבותדיקע שפּאַציר־פּלעצער, אַ גרויסן און לוקסוס־דיקן פאָלקס־טעאַטער, אַ חוץ עטלעכע פּריוואַטע, צוויי גאָר גרויסע קינאָס, איינער פון זיי מיטן נאָמען „פּרינציפּאַל״ מיט איבער צוויי טויזנט זיץ־פּלעצער און עטלעכע קלענערע קינאָס, וואָס זענען יעדע נאַכט איבערגעפולט. דאָס פאָלק פון סאַלוואַדאָר, קאַטויליש זייער פרום, האָט אָבער אויך ליב צו אַרבעטן, גיין פיין אָנגעטון און גוט אָפּצועסן... עס האָט אויך ליב דאָס וועלטלעך־גייסטיקע, און לעבט זייער אינטענסיוו, כמעט ווי דאָס בעלגישע, און איז טאַקע אויך כמעט אַזוי געדיכט באַזעצט ווי בעלגיע.

ווען גאַנץ צענטראַל אַמעריקע האָט קוים אַכט מענטשן אויף אַ קוו׳ קילאָמעטער, מאַכט אויס אין סאַלוואַדאָר, לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1914 36,7 מענטשן אויף אַ קוו׳ קילאָמעטער.

די גרויסע צאָל מענטשן וואָס מען זעט אין סאַנטאַ־אַנאַ נעמט זיך אויך דערפון, וואָס אַ חוץ די 33 רעגירונגס־שולן און גרויסער צאָל פּריוואַטע, זענען דאָרט אויך פאַראַן עטלעכע גלחישע, פאַר ביידע געשלעכטער, וווהין עס קומען לערנען די גלחישע פּראָפעסיע סטודענטן פון גאַנץ צ׳ אַמעריקע, איבערהויפּט פון גוואַטעמאַלאַ, ווו אַזעלכע שולן זענען נישט פאַראַן. נישט ווייט פון דער לעבנספּולער שטאָט סאַנטאַ־אַנאַ שטייען חוצפּהדיק צוויי מערדערלעכע אַקטיווע

ווולקאַנען, „סאַנטאַ־אַנאַ און „מאַלאַקאַראַ", און אייניקע דערווייל אומאַקטיווע, ווי דאָס זענען: מאַזאַטעפּעקע, סאַן דיעגאָ און לאַ איסלאַ.

אין דער שטאָט סאַנטאַ אַנאַ, נישט געקוקט וואָס די זון שרפעט מיט העליש פייער, פילט מען זיך זייער גוט. דער אַפּעטיט צום עסן איז זייער גרויס, ווייל די לופט דאָ איז אַ טרוקענע, אַ דופטיקע, אַן אַראָמאַטישע, געמישט מיט אויסער־געוועגלעכער היגיענע, סיי אין גאַס און סיי אין שטוב.

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס פּאַלק פון סאַלוואַדאָר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן נישט פאַר דער געלער פעסט און נישט פאַר מאַלאַריע, ווייל די פליגעלעך, וואָס ברענגען די פעסט, זענען אויסגעראָטן געוואָרן צוזאַמען מיט די פאַרפעסטעטע זומפּן און שטייענדיקע וואַסערן. פּאַלודיזם באַווייזט זיך יאָ אַמאָל, אָבער זייער זעלטן, און דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס אַנאָפעלע־פליגעלע כאַפּט זיך אַמאָל אַריבער די גרענעץ פון אַ צווייט לאַנד.

שיין איז די נאַטור פון סאַנטאַ אַנאַ. יעדעס הויז איז באַפלאַנצט אַרום מיטביימער און בלומען. שיין און גוט זענען אויך אירע מענטשן. קיין גנבות קומען דאָ נישט פאָר, ווייל עס זענען דאָ כמעט נישטאָ קיין גנבים. אין די האָטעלן דאַרף מען נישט פאַרריגלען און פאַרשליסן די צימערן, ווי דאָס פּאַסירט אין גוואַטעמאַלאַ און אין אַנדערע לענדער, וווּ דער האָטעל־אייגנטימער אַליין, אָדער זיין אויפזעער, האָבן מיך געוואָרנט, איך זאָל גוט צושליסן, און אפילו טיילמאָל מיר געראָטן אָנצוהענגען מיינעם אַ פּריוואַטן שלאָס, און אַז אויב איך האָב ביי זיך געלט אָדער טייערע חפצים, זאָל איך זיי איבערגעבן אין דער אייזערנער קאַסע פון האָטעל. קינדער אין שול־עלטער ווערן דאָ געצוווּנגען צו גיין אין שול. עס גייען אַרום איבער די גאַסן פון דער שטאָט און אירע שפּאַציר־פּלעצער ספּעציעלע אינספּעקטאָרן און אוניפאָרמירטע פּאָליציי־באַאַמטע, וועלכע פרעגן ביי די יונגע יינגלעך און מיידלעך, וואָס זיי טרעפן אין גאַס, אויף זייערע שול־קאַרנעטן. און אויב דאָס קינד ווייזט נישט זיין קאַרנעט, אָדער אויב אין דעם געוויזענעם קאַר־נעט זאָגט זיך, אַז דאָס קינד דאַרף גאָר אין דער שעה, וואָס דער אינספּעקטאָר האָט אים געטראָפן, זיין אין שול, ווערט עס אַרעסטירט און די עלטערן, אָדער אַפּיטרופּסים מוזן צאָלן אַ שטראָף.

דערפאַר טאַקע געפינען זיך צווישן דער סאַלוואַדאָרער באַפעלקערונג זייער ווינציק אַנאַלפאַבעטן. די איינציקע אַנאַלפאַבעטן, וואָס זענען פאַראַן אין על סאַל־וואַדאָר, זענען די פּיפּילעס־אינדיאַנער די גוואַזאַקאַפּאַן, טשיקומולאַס און נעטי־קיפּאַקעס אינדיאַנער, וואָס וווינען אין די בערג און אין די געדיכטעניש פון די וועלדער, און לאָזן זיך נישט ציוויליזירן, איבערהויפּט דורך דעספּאָטישע מיטלען... זיי האָבן זיך, הייסט עס, אַריינגערוקט אין די טיפע געדיכטענישן פון די וועלדער, און די רעגירונגען פון על סאַלוואַדאָר, וואָס זענען זייער הומאַני־

טאַרע, ווילן נישט אַרויפצווינגען אויף זיי די מאָדערנע ציוויליזאַציע און קולטור איבערגעוואַלד...

ווי איך האָב פריער דערמאָנט, איז דאָס פאָלק פון על סאַלוואַדאָר קולטו־רעל און גוט דערצויגן. עס איז שווער צו געפינען אָט די אָרעמע פאַריער שמו־ציקע, אָפּגעריסענע, לויזיקע און אומוויסנדיקע, ווי איך האָב זיי געזען אין גוואַ־טעמאַלאַ, באָליוויע, פּערו, פּאַראַגוויי און אין אַנדערע לענדער.

אין די ערשטע פרימאָרגן־שעהען ווערט אַ גערויש און אַ געפילדער אויף די סאַנטאַ־אַנער גאַסן. די פּרוכט־ און גרינצייג־הענדלער, די קצבים, פישערס און אַנדערע מאַרק־הענדלער לויפן אָדער פאָרן אין געאייל צום צענטראַלן מאַרק, וואָס פאַרנעמט צוויי קוואַרטאַלן. די געביידע האָט אַ גרויסן מוניציפּאַלן רעסטאָ־ראַן, וווּ די הענדלער קריגן צו יעדער צייט אַ פרישׁ גלעזל טיי, אַ געשמאַקן לעפל עסן אָדער אַן אַראָמאַטיש טעפּעלע קאָפע, פאַר אַ שיבוש. און אין מאַרק, אפילו פון דעם קלענסטן שטעטעלע, איז פיל ציכטיקער אפילו פון אייניקע גרויסשטעט־טישע מערק פון מעכטיקע פעלקער.

די באַוועגונג און גערויש אין די גאַסן דערגייט צו איר קולמינאַציע אַרום זיבן אַזייגער אינדערפרי, ווען די געשעפטן ווערן אויפגעעפנט.

אַרטיקלען פאַר דער לאַנד־אינדוסטריע אָדער בילדונג האָבן נישט קיין אָפּ־צאָל, נישט פאַרן אַריינפיר און נישט פאַרן פאַרקויף. אויך דאָס געלט איז גוט: צוויי קאָלאָנען פאַר אַ נאָרד־אַמעריקאַנער דאָלאַר.

ייִדנפֿריינטלעכע גלחטעס און ייִדנפֿיינטלעכע ייִדן

ביי די גלחטעס האָב איך מיט מיינע לעקציעס וועגן דעם נייעם מעטאָד פֿון קונסט־שטיקעריי גאָר אויסגענומען. איבער פֿיר הונדערט שילערינס, אַ חוץ די דרייסיק מאָנאַשקעס, האָבן מיך ממש מיט די אויגן אויפֿגעגעסן, קוקנדיק ווי איך אַרבעט מיט אַ פּשוטער נאָדל, און עס קומען אַרויס אַזעלכע הערלעכע בלומען און געשטאַלטן.

אין אַ געביידע פֿון אַ גאַנצן קוואַרטאַל מיטן אויסזען פֿון אַ קאַזאַרמע אָדער טורמע, אַזוי ווי אַלע קאָנוועגטן און סעמינאַריעס, אָדער אַזוי זיך אַ פֿרומע קאַטוילישע שול, מיט גראַטעס אויף גראַטעס, האָב איך אין רחבותדיקן אַקטן־זאַל, אָדער געבעט־זאַל, ווו די ווענט, פֿול מיט אַלערליי בילדער און סטאַטועס פֿון הייליקע און פֿויבסטן און גלחים־גרינדער געגעבן מיינע לעקציעס. אין הינטערגרונט — אַן אַלטאַר מיט הייליקייטן, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ מין בילדונגס־אַנשטאַלט.

מער ווי צוויי לעקציעס האָב איך דאָרט אין דעם אַלגעמיינעם זאַל נישט געגעבן, אַזוי האָט פֿאַראָרדנט די פֿריאָרין אַליין. די רעשט לעקציעס האָב איך געגעבן בלויז פֿאַר די מאָנאַשקעס. די פֿריאָרין — האָט מיר געזאָגט אַ מאָנאַשקעלע — האָט געזען ווי די שילערינס האָבן געקוקט צו אייך ווי די קעלבער, האָט זי געוואָלט אויסמיידן אַ גייסטיקע זינד פֿון די נאָך נישט גענוג דערצויגענע און נישט־רייפֿע שעפּעלעך, דערפֿאַר וועט איר, „ברודער״, געבן די רעשט לעקציעס בלויז פֿאַר אונדז, וואָס מיר זענען ווייט פֿון ערדישן לעבן, ווייט פֿון זינדיקן טראַכט...

צווישן דעם כמעט האַלבן טוץנט שילערינס האָב איך געזען זעקס, וואָס זענען מיר אויסגעקומען ווי באַקאַנטע, כאָטש איך בין זיכער געווען, אַז איך האָב זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען. און געווען זענען די זעקס, אגב, די איינציקע, וואָס האָבן מיך נישט באַגריסט און נישט געענטפֿערט אויף מיין באַגריסונג.

איך האָב מיך נישט געפוילט, און געפרעגט אַ מאָנאַשקעלע, סאָר אינעס דע שאַטאָבריאַן, אַ פראַנצויזקעלע — אַ ברעון, אַ פלינקע ווי אַ וועווערקעלע, געדרייט מיטן קעפּל און מיט די היפטן אויך ווי אַ וועווערקעלע, און אפילו אַ רויטינקע, אָבער מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, פייערדיקע, שוין גאָרנישט ווי אַ וועווערקעלע, נאָר ווי אַ ציגיינערקעלע. און מיר דאַכט זיך, אַז אפילו אַ האַרץ, אַ בענקנדיק האַרץ האָט זי אויך געהאַט ווי אַלע געזונטע און נאָרמאַלע צוואַנציק־יעריקע מיידלעך...

— זאָגט מיר, גענעדיקע „שוועסטער״, פאַרוואָס זענען די זעקס מיידלעך, די פון דער פּערטער ריי ברוגז אויף מיר, און ווילן נישט ענטפערן אויף מיין באַגריסונג?

— ווייל איר, מאָסיע, זענט אַ ייד, און איר גלויבט בלויז אין יהוה, און זיי זענען סאַלוואַדאָרערינס פון יידישע עלטערן: פיר פון טערקיש־יידישע און צוויי פון רוסיש־יידישע... און מיך רופט נישט „שוועסטער״, נאָר מאַדמואַזעל. איר זעט נישט, אַז איך גיי נישט אָנגעטון ווי אַ מאָנאַשקע? איך הייס: אינעס דע שאַ־טאָבריאַן.

— גוט, איך וועל אייך רופן — מאַדמואַזעל דע שאַטאָבריאַן — איך פאַר־שטיי אָבער נישט דעם מאָטיוו, ווייל איך בין אַ ייד, און זיי זענען סאַלוואַדאָרע־רינס, געבוירענע פון יידישע עלטערן, דאַרפן זיי מיך דערפאַר באָיקאָטירן? — האָב איך ווידער געפרעגט.

— ניין, נישט דערפאַר, נאָר ווייל זייערע עלטערן זענען יידן, און זיי, די מיידלעך, ווילן נישט, מ׳זאָל זיי אָננעמען פאַר יידישקעס. דעריבער, אַז זיי דער־זעען אַ ייד, האָבן זיי מורא, אַז דער ייד זאָל נישט דערקענען אין זיי אַן אָנגע־העריקייט, און צו זיי רעדן „העברעאיש״, לאָזן זיי אַראָפּ די קעפּלעך, ווען זיי דער־זעען זייערס אַ „פּאַיסאַן״ (לאַנדסמאַן).

— יאָ, שוועסטער, איך האָב פאַרשטאַנען! — האָב איך געענטפערט דער מאַדמואַזעל (בכיוון זי אָנגערופן שוועסטער).

די גוטע מאָנאַשקעלע אין ציווילע קליידער האָט באַהאַלטענערהייט מיר גע־געבן די אַדרעסן פון די זעקס יידישע מיידלעך, און האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זי וועט אויך איינשטיין אין זעלבן האָטעל וואָס איך, מחמת זי האָט נאָך מיט צוויי טעג פריער פאַר מיין קומען קיין סאַנטאַ־אַנאַ באַשטעלט אַ צימער, וואָס וועט זיך מאָרגן ערשט אויסליידיקן. דאָס איז דער זעלבער צימער, וווּ זי איז איינגע־שטאַנען אין פריערדיקן סעזאָן. זי איז נישט קיין מאָנאַשקע, נאָר אַ פּראָפעסאָרין פון פראַנצויזיש, און אַז זי וועט אין דעם האָטעל איינשטיין מיט נאָך צוויי חברטעס, אירלענדערינס, פּראָפעסאָרינס פון ענגליש, אמתע פרומע, פרומער פון מאָנאַשקעס, כאָטש נישט קיין מאָנאַשקעס נאָך...

איך קום צו אַ ריזיקן שניט־געשעפט, און זע אַ חוץ אַ צוויי צענדליק אָנגע־שטעלטע, אַ טיפּיש־רוסישן ייִד הינטערן בופעט, אַ העל־שאַטינער, פון אַ יאָר פערציק, גרויע לעבעדיקע אויגן און אַ גלאַטן, זאַרגלאָזן שטערן און מיט אַן ענגלי־שער ליולקע אין מויל.

— גוט מאָרגן, סעניאָר — זאָג איך צום הער וואָס זיצט הינטערן בופעט, אויף וועמען די אָנגעשטעלטע האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז דאָס איז דער באַלעבאָס. אָבער אָנשטאָט אַ באַגריסונג, פרעגט ער מיך אויף שפּאַניש: קע דעסעאַבאַ? האַבלע סאַלוואַדאָרעניאָ (וואָס פאַרלאַנגט איר? רעדט צו מיר סאַלוואַדאָריש).

— אַנטשולדיקט, סעניאָר — זאָג איך צו אים אויף ייִדיש — איך קאָן נישט צו גוט די שפּאַנישע שפּראַך, בעט איך אייך דערפאַר, איר זאָלט צו מיר רעדן אין מאַמע־לשון, אין ייִדיש...

— זנאַיעש, מישאַ, וואָידי ס׳נים וו׳קאַמנאַטו. טאַם בודיעש גאָוואָריט פּאַ יעוורעיסקי, אי בודיעש זנאַט, טשטאָ טאַקאָיע אָן זשעלאַיעט אָט טעביאַ (ווייסט, מישאַ, גיי אַריין מיט אים אין צימער, וועסטו דאָרט רעדן ייִדיש, און וועסט וויסן, וואָס ער פאַרלאַנגט פון דיר) — האָט זיך צו אים געווענדט זיין ווייב אין אַ גאַנץ פיינעם רוסיש. אַ הויכע און שלאַנקע ברונעטקע פון אַ יאָר 34, אַ פיין געפּאַרבטע, מיט אויסגעצופּטע ברעמען און צוגעפּאַרבט אויף יאַפּאָנעזיש, אויף שטייף געפּאַרבטע בלויע וויעס מיט אויף וויאָלעט געפּאַרבטע אויגן־ווינקלען און הייטלעך, לויט דער לעצטער מאָדע. ווען נישט דאָס משונהדיק אויסצופּן די ברע־מען און צופיל פאַרב, וואָלט די גאַנץ שיינע און עלעגאַנטע פרוי זיכער געווען אַ סך שענער.

— אָטשען כאָראָשאָ, דאָראָגאַיאַ, יאַ טאָזשע דומאַל טאַק זדיעלאַט (זייער גוט, טייערינקע, איך האָב אויך אַזוי געטראַכט צו טון) — האָט געענטפערט מישאַ. און אַ מאַך־טוענדיק מיט דער האַנט, האָט ער מיך אַריינגערופן אין אַ באַזונדערן צימער, און מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים מיך געפרעגט אויף ייִדיש:

— וואָס ווילט איר, ר׳ ייִד, רעדט וואָס ווילט איר פון מיר, און מיט וואָס קאָן איך אייך באַהילפיק זיין? דאָ איז צענטראַל־אַמעריקע, כמעט נאָרד־אַמעריקע, דאָ קאָן מען קיין צייט נישט פאַרלירן, רעדט קורץ און שנעל. די דייטשן און רוסישע ווייסגוואַרדייער פאַרפּעסטן ממש די לופט מיט אַנטיסעמיטיזם, און די פּוילישע מיאַטעזשניקעס — נאָך מער. בעט איך אייך, למען השם, איר זאָלט צו מיר און צו קיינעם פון מייניקע נישט רעדן קיין ייִדיש אין דער עפנטלעכקייט...

— ווי אַזוי וועלן די סאַלוואַדאָרער וויסן, צי איך רעד צו אייך ייִדיש, טער־קיש, אַראַביש צי האָלענדיש? קענען זיי דען ייִדיש אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פון די שפּראַכן וואָס ווערן נישט געלערנט אין די היגע שולן? — האָב איך

אים איבערגעשלאָגן. אָט קום איך איצט פון קאָנווענט, ווו אייער גרעאָטענע טאָכ־טער לערנט זיך פאַר אַ קאַטוילישער גלחטע, און ווו מען האָט מיך אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד, הגם אין דער שריפטלעכער רעקאָמענדאַציע פון בישאָף אַליין האָט דער פּרעלאַט געשריבן: „גענעדיקע פּריאָרין, איך רעקאָמענדיר אייך דעם יידישן קינסטלער, אַ זון פון אייביקן פאָלק ישראל, וועלכער וועט אין געציילטע שעהען אויסלערנען דיינע שעפעלעך פאַרשידענע האַנט־אַרבעטן". באַזונדער האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין מינדלעך, וואָס אַזוינס עס איז אַ ייד ווייל די פּריאָרין האָט לגמרי נישט געוווסט, וואָס אַ ייד איז, און איך האָב דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז איך בין אַ פּולבלוטיקער ייד, אַ כודיאָ, ווייל זי האָט געמיינט, אַז כודיאָ און איזראַעליטאַ זענען צוויי באַזונדערע מענטשן... און איינע פון די פּראָפעסאָרינס דאָרטן, סאָר אינעס דע שאַטאָבריאַן, איז דערצו נאָך אַ גרויסע יידנפריינדין נאָך פון פראַנקרייך, און קען אַ סך יידישע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען... דאַן ווען אייער טאָכטער מיט די אַנדערע פינף יידישע שילערינס, זענען די אַנטיסעמיטקעס — האָב איך אין אײן אָטעם אויסגעגאָסן מיין פאַרביטערט יידיש האַרץ.

— איר זאָגט, אַז מיין לוקרעסיאַ אַנאַ מאַריאַ איז אַן אַנטיסעמיטקע, דאַן ווען מיין קינד האָט מיר דערציילט פון אייך ממש וווּנדער. נאָר אַזוי ווי איר האָט אָפּט געקוקט צו איר זייט, האָט זי, פּונקט ווי די אַנדערע פינף יידישע „באַרישניעס" (פריילינס), געמיינט, אַז איר האָט דאָרט אַלעמען דערציילט, אַז זיי זענען יידישקעס, מחמת די „עלטסטע" האָט אויסגערופן, אַז אַ זון פון אייביקן פאָלק ישראל וועט דאָרט פאַר זיי געבן לעקציעס, דערפאַר האָט מיין לוקרעסיאַ אַנאַ מאַריאַ אַזוי פרום „גערעסעטו" (געדאַוונט) דאָרט אין קאָנווענט... — האָט דער טאַטע פאַרענטפערט זיין טעכטערל.

— און פאַרוואָס שיקט איר טאַקע אייער קינד לערנען אין אַ קאַטוילישן אַנשטאַלט, דאַן ווען דאָ אין שטאָט זענען פאַראַן גאַנצע 33 וועלטלעכע רעגירונגס־שולן און צען פּריוואַטע?

— איך שיק מיין טאָכטער אין קאָנווענט, ווייל אַלע אַנדערע יידן שיקן. באַזונדערס איז עס אַ סגולה צו פּרנסה. די סאַנטאַ־אַנער קריסטן זענען זייער פרומע קריסטן, פרומע קאַטויליקן, און קיינער פון די היגע איינוווינער קאָן מיר שוין נישט פאַרוואַרפן, אַז איך בין אַן אַנטי־קאַטוליק.

— אָט זענען דאָ פאַראַן ענגלישע, יאַפּאַנעזישע, כינעזישע און אַראַבישע געשעפטן, און קיינער פון זיי שיקט נישט זיינע קינדער אין די קאַטוילישע אַנשטאַלטן. עס זענען דאָ אויך פאַראַן שפּאַנישע, איטאַליענישע און סאַנטאַ־אַנער קריסטלעכע געשעפטן, און טויזנטער בירגער אָן געשעפטן, און פונדעסטוועגן שיקט בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון זיי זייערע קינדער אין די קאַטוילישע סעמי־

נאַרן און קאָנוועגטן. לויט אַ סטאַטיסטיק זענען איבער ניינציק פּראָצענט פון די שילער אין די פרומע אַנשטאַלטן פון די פאַרוואָרפענע שטעטלעך און דערפער פון לאַנד. און איר, אַ ייד, שיקט יאָ, מחמת איר האָט מורא, מ׳זאָל חלילה נישט זאָגן, אַז איר זענט אַ ייד, כאָטש אַלע ווייסן עס סיי־ווי־סיי. און ביזנעס וואָלט איר סיי ווי געמאַכט, אפשר נאָך בעסערע, ווען איר זאָלט אייער קינד נישט שיקן אין אַ גלחישן היילקטום, אין וועלכן איר גלויבט סיי ווי נישט. דערפאַר וועט אייער קינד ווערן אַ פאַלשער מענטש, אַ היפּאָקריטקע!... — האָב איך מיט גאַל אים געזאָגט.

— הערט אויס, ר׳ ייד — האָט דער קרעמער גענומען רעדן מיט האַרץ. — איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט איין מאָל, אַז דאָ זענען פאַראַן זייער פיל אַנטי־סעמיטן, הגם אין צאַרישן רוסלאַנד איז די פּעסט פון תמיד געווען, און אין פּילסודסקישן פּוילן, ביי די „פּראָשע פּאַניעס״ איז עס געווען שטאַרקער און געפערלעכער ווי דאָ. איך בין אַ זון פון אַ פּערווי־גילדע קופּיעץ *), אַליין אויך געשטאַנען אין כאַרקאָוו מיט אַ גרויס געשעפט. איז געקומען די וויס־טע מלחמה, האָבן די וואָלינער דראַגונער און די קאָזאַקן געראַבעוועט. דערנאָך, זענען געקומען די באָלשעוויקעס און קאָנפיסקירט. נאָכדעם זענען געקומען פּעטלו־ראַ, מאַכנאָ, יודעניטש, סאָקאָלאָווסקי, דעניקין. די צוויי ערשטע האָבן מיך גע־שאָנעוועט, ווייל איך האָב ביי זיי געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן נדבן, אַ מאָנאַרכיסט בין איך געווען. פּעטליוראַ און מאַכנאָ זענען נישט געווען קיין אַנטיסעמיטן, ווי מען מאָלט זיי. איבערהויפּט מאַכנאָ, וואָס איז געווען אַן אידעאישער אַנאַרכיסט, לויט באַקונינס און קראָפּאָטקינס טעאָריעס, און פּעטליוראַ איז געווען אַ סאָציאַ־ליסטישער מיליטאַנט... אַ סימן, פּעטליוראַ האָט אפילו געהאַט יידישע מיניס־טאָרן, איינער אַ לאַצקי־בערטאָלדי איז געווען ביי אים אַ מיניסטער, אַ פרומער ייד, האָט מען געזאָגט. פּעטליוראַ האָט אפילו פייערלעך צוגעזאָגט די יידן די גרעסטע פּריווילעגיעס, אויב זיין פּאַרטיי וועט געווינען. נו, וועט איר זאָגן, אַז זיינע סאָלדאַטן האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן?... פּראָסקוראָוו און אַנדערע קלענערע ישובים? אַז זיינע סאָלדאַטן האָבן געשענדעט יידישע מיידלעך?... זאָג איך אייך, ר׳ ייד, אַז אין דעם איז פּעטליוראַ נישט שולדיק געווען... דאָס זענען געווען ספּאָראַדישע געשעענישן, וועגן וועלכע ער האָט אפילו נישט געוווּסט. דאָס זענען געווען אויסברוכן, וואָס זענען שוין געווען איינגעוואָרצלט אין רו־סישן פאָלק, צוליבן טאָג־טעגלעכן איינרעדן דעם אומוויסנדיקן פּויערים־פאָלק, אַז די יידן זענען דאָס ערגסטע וואָס גאָט האָט באַשאַפן. אָט בין איך געווען זייערער אַ פאָדריאַטשיק און פונדעסטוועגן איז מיר און מיין משפחה גאָרנישט

*) סוחר פון ערשטן ראַנג.

נישט געשען... און הלוואי איך אַלע יידן געזאָגט געוואָרן, אָן מיין שאָדן, דאָס פאַרמעגן וואָס איך האָב געמאַכט לעבן פעטליוראַן...

— פריער פון אַלץ בין איך אַ סוחר, און קאַפּיטאַל ווייסט נישט פון קיין אונטערשיד פון ייד און קריסט, פון ענגלענדער ביז דייטש און פון רוס ביז יאַפּאַנעזער. מאָני, געלט,איז דער גרעסטער אינטערנאַציאָנאַל, אַ סך, אַ סך גרע־סערער אינטערנאַציאָנאַל, ווי דער באָלשעוויסטישער דריטער אינטערנאַציאָנאַל...

— איך בין אומגעפאָרן מיט אַ ראָטע פון פעטליוראַס אַרמיי און צוגעשטעלט פּראָוויאַנט און פאַרדינט שטיקער גאָלד, און איך האָב פון פעטליוראַן קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געהערט. אדרבה, ער פלעגט מיר תמיד זאָגן: „מישאָ, עה, מישאָ, ווען אַלע יידן וואָלטן געווען אַזוי גוט ווי דו, וואָלט איך שנעל איינ־גענומען נישט נאָר די באָרוועסע קאָמוניסטלעך, נאָר אפילו גאַנץ קיטיי (כינע), און אפילו די יאַפּאַנטשיקעס, וואָס איז דאָס מעכטיקסטע פאָלק פון דער וועלט, אַ חוץ די רוסן". און דאַן, נאָכדעם ווי מען וואָלט אים געקרוינט אַלס צאַר איבער גאַנץ אייראָפּע און אַזיע, וואָלט ער מיך געמאַכט פאַר פינאַנץ־מיניסטער איבער די יידישע אָנגעלעגנהייטן... צום אומגליק זענען כמעט אַלע יידעלעך פון גרויסן רוסלאַנד, אפילו די ישובניקעס און די קלויזניקעס, צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס, איבערהויפּט די יוגנט. אָט די פאַרשאָלטענע מאַלאָדיאָזש, די זשי־דאָווסקע יוגנט, מיין איך, זענען איבערנאַכט געוואָרן געפערלעכע באָלשעוויקעס, קאָמוניסטן, לעניניסטן. אַ טויט וואָלט איך זיך אויף זיי געקאָנט גיכער ריכטן, ווי זיי זאָלן ווערן קאָמוניסטן! שטעלט אייך פאָר, אַז איר גייט היינט אַריין אין אַ ישיבה, ווו איר זעט זיך שאָקלען יונגע לייט, בחורים, איבער גמרות, משניותן, און אויף צומאָרגנס, זאָלט איר די זעלבע חברה זען גיין מיטן רויטן מיליטער און זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל... ס'איז דאָך שרעקלעך! ווער פון זיי עס האָט נאָר געקאָנט טראָגן אַ ביקס, איז פרייוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, אין דער פאַרשאָלטענער, וואָס דער בלוטיקער טראָצקי האָט געשאַפן און געקעמפט האָבן זיי ממש ווי די וועלף, נייִן, ווי משוגענע לייבן, קעגן דער פוילישער שליאַכ־טע, ווי קעגן דעם „איידעלן" פעטליורא, וועלכער האָט אַזוי בראַוו פאַרטיידיקט די צאַרסקע רעכטן, און מיר צוגעזאָגט אַ מיניסטער־פּאָסטן...

— ווי איך זע, זענט איר דאָך נישט קיין דוראַק אויך, נו, ווייסט איר דאָך געוויס, אַז יעדער מלך האָט אַלס משגיח, אַלס „זאַשטשיטניק" (פאַרטיידיקער) אַ מלאך, אַן אמתן מלאך אין הימל. איך האָב אין דעם תמיד געגלויבט, און גלויב נאָך היינט. איך האָב געוואָלט, און וויל נאָך אויך איצט, אַז אין רוסלאַנד זאָל הערשן אַ צאַר, אַ מלך, און טאַקע פון ראָמאַנאָווס דינאַסטיע, וואָס האָט אַזוי פיל גוטס געטון מיינע עלטערן און מיר... וועט איר זאָגן, אַז מיך האָט די מאַכט געשוינט, ווייל איך בין געווען אַ גביר, אַ פּערווי־גילדע קופּיעץ,

אַז די אָרעמע האָט ער פאַרפאָלגט? וועל איך אייך זאָגן, אַז ס׳איז נישט אמת, נישט דער צאַר, און נישט קיינער פון זיין משפחה, האָבן פאַרפאָלגט די יידן, נאָר זיינע מיניסטאָרן, די גובערנאַטאָרן, די פּריסטאַווס און די אוריאַדניקעס. יאָ, זיינע מיניסטאָרן! שולדיק אין אַלץ זענען זיי געווען, זיינע יועצים... און ווען אפילו יאָ, ווען איך זאָל אפילו האָבן געפּועלט ביי אים פאַר מיר און פאַר מייניקע ספּעציעלע פּריווילעגיעס צוליב מיין עשירות, ווייסט איר דאָך אוודאי, און טאָ־מער ווייסט איר נישט, האָב איך דאָך אייך פריער מיט אַ מינוט געזאָגט, אַז קאַפּיטאַל ווייסט נישט פון קיין גרענעצן, ראַסעס, רעליגיעס אָדער קאָליר, אַז גאָלד איז דער ריכטיקער אינטערנאַציאָנאַל. יאָ, קאַפּיטאַל ווייסט נישט פון ייד און קריסט. נישט סאָציאַליזם, נישט אַנאַרכיזם און נישט דער באָלשעוויזם זע־נען צווישן זיך אַזוי חבר אין דער גאָרער וועלט, ווי דער קאַפּיטאַליזם.

— דאָס בינטל אידיאָטן, די אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס, גייען אין מלחמה אַריין זיך אויסהרגענען איינער דעם אַנדערן, און אפילו נאָך דער מלחמה, בלייבן זיי זיך שונאים, בעת דער קאַפּיטאַל, צוליב וועמען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, קושן זיך און עסן זיך פון די פּיסקעס, נישט נאָר פאַר דער מלחמה אָדער נאָך דער מלחמה, נאָר אפילו אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן, ווען די סאָלדאַטן צעשטיקלען זיך; זענען די קאַפּיטאַליסטן פון די מלחמה־פירנדיקע לענ־דער חבר צווישן זיך און פירן טראַנזאַקציעס און אַרבעטן אויס פּלענער וועגן נאָכמלחמהדיקע שותפותדיקע געשעפטן... ביזנעס איז ביזנעס, און הלוואי, וואָלטן אַלע יידן געווען ווי איך און מיין גלייכן, וואָלט אפשר צו דער באָלשעוויסטישער פּעסט, צו דעם באָלשעוויסטישן אומגליק נישט געקומען...

— און וואָסער טרויעריקער פּאַראַדאָקס!... הערט ר׳ ייד! מיינע געוועזענע באָרוועסע האָלעדראַנצעס, מיינע געוועזענע אַרבעטער־דיעשאָווקעס זענען געוואָרן גאַנצע מאַכערס! און צוויי פון מיינע טרעגער, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר נאַ־רישע אייזלען, פּשוטע עם הארצים, באַלוואַנען, חברה וואָס האָבן צומאָל אפילו נישט געקאָנט רעכט אָפּדאַווענען, איז איינער געוואָרן אַ קאַפּיטאַן פון דער רוי־טער אַרמיי, און דער צווייטער איז געוואָרן אַ קאָמיסאַר איבער דעם אָנגעראַ־בירטן האָב און גוטס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן קאָנפיסקירט ביי די רייכע יידן און רוסן...

— אָט די צוויי טרעגער, וואָס האָבן בלויז געקאָנט לייענען אַ ביכל פון שלום עליכמען און פון איינעם אַ פּוילישן, פּרץ האָט ער געהייסן. ביי זיינע נאַרישע מעשיות פלעגן מיינע אידיאָטן ווערן פאַרטראַכט און פאַרטרויערט... און נאָך אַנ־דערע ביכלעך אין דעם „זשאַרגאָנישן דיאַלעקט" האָבן זיי געלייענט. איצט פאַר־שטיי איך, אַז שוין דעמאָלט זענען זיי געווען אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליזם, מיט באָלשעוויזם. און אַלע יידן, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט ווערן קיין

סאָלדאַט, פינגער האָבן זיי זיך אָפּגעהאַקט, אַבי נישט צו דינען דעם צאַר, זענען ביי די באָלשעוויקעס געוואָרן רויט־אַרמייער. אַ ווילדע משוגעת האָט זיי אָנגע־כאַפּט. אפילו קאַליקעס האָבן זיך געבעטן, מען זאָל זיי אָננעמען אין דער רויטער אַרמיי...

— און הערט נאָך עפּעס ערגערס: מיינע אייגענע טאַטע־מאַמע זענען אויך אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון ווילדן פסיכאָז: מיין טאַטע, אַן אָפּגעהיטער ייד, מיט סמיכות אויף רבנות, איז אויך געוואָרן אַ באָלשעוויק! אַנשטאָט עוקר צו זיין מיט זיין פאַרמעגן, האָט ער עס אַליין איבערגעגעבן די באָלשעוויסטישע באַנדיטן. און אַליין איז ער אויף דער עלטער געגאַנגען זיך פּראָלעטאַריזירן פּונקט ווי לעוו טאָלסטאָי אין זיין צייט... פאַרשטייט זיך, אַז ער, צוזאַמען מיט מיין אַלטער מאַ־מען זענען צוליב דעם געוואָרן גאַנצע שמעלקעס מיט די קאָמוניסטלעך. און הערט! מיין לייבלעכער ברודער, אַ שנעק פון צוואַנציק יאָר, איז געוואָרן אַ באָל־שעוויק, אַ גאַנצער טשלען, און ער טאַקע האָט מיך געמסרט פאַר די קאָמוניסטן, אַז לאָ די, וואָס איך בין געווען אַ פּאָדראַטשיק ביי די פּעטליוראָווצעס, האָב איך נאָך געהאַט אַ סך גאָלד, זילבער, בריליאַנטן און דימענטן וואָס איך האָב פאַר גוט געלט אָפּגעקויפט ביי אַ פּאָגראָמשטשיק, עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין גויאישע הענט...

— איינזעענדיק, אַז איך האָב שוין נישט וואָס גוטס צו דערוואַרטן פון די רויטע, וועלכע וואָלטן מיך געוויס אויפגעהאַנגען, האָב איך צוזאַמענגענומען מיין פאַרמעגן, און געמאַכט אַ ויברח קיין פּוילן, פון דאָרט בין איך אַוועק קיין דייטש־לאַנד, און פון דייטשלאַנד בין איך שפּעטער אַוועק אין ענגלאַנד. אין דעם „פרייען" ענגלאַנד, האָב איך געהאַט אַלערליי פּריווילעגיעס. דאָרט האָב איך אַלץ געמאַכט צו דאָלאַרן, און בין אַוועק קיין פּאַנאַמאַ, און פון דאָרט בין איך געקומען אַהער. און דאָ, ווי איר זעט מיך, בין איך ווידער רייך און מעכטיק. אַלע שעצן מיך, און רופן מיך „על סימפּאַטיקאָ עסטאַניאַנאָ" (דער סימפּאַטישער עסטלענדער), ווייל אַזוי האָב איך מיך אָנגעגעבן.

— און וועגן מיין טאָכטער זאָלט איר זיך נישט זאָרגן: זי וועט שוין מערטשעס (אם ירצה השם) קיין גלחטע נישט ווערן. זי האָט אַ גוט יידיש האַרץ, און זי גיט „לימאָסנעס" (נדבות) מער נאָך ווי איך. און אויב איר דאַרפט אַ פּאָר טאָלער, וועל איך אייך געבן, איר זאָלט האָבן אויף הוצאות.

— נו, זעט איר, ר' ייד, אַז נישט געקוקט אויף אייער נאַכאַלנער באַנעמונג און אייער רעדן צו מיר זשאַרגאָן, וועל איך אייך נאָך געבן אַ נדבה. אָבער נאָך אַמאָל זאָלט איר וויסן, ווי אַזוי צו רעדן צו אַזאַ ייד, ווי איך בין. ווינציק וועט איר טרעפן אַזעלכע יידן... איך בין געווען אַ נדבן, און בין אויך דאָ אַ נדבן, פּאַניאַלי (האָט איר פאַרשטאַנען?).

— אויף צדקה שטייט די וועלט! צדקה תציל ממות! נישט אמת? טאַק מעניאַ אוטשיל מאָי אָטיעץ (אַזוי האָט מיך געלערנט מיין טאַטע) — האָט ער פאַרענדיקט אויף רוסיש.

— איך זע שוין, ווער איר זענט. אמת, אַז אַזעלכע יידן ווי איר זענען ווינציק פאַראַן אין יידישן פאָלק... — האָב איך אים געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם כעס. — איך דאַנק אייך פאַר אייער נדבה, אָבער איך דאַרף נישט קיין שטיצע. איך פאַרשטיי שוין און באַנעם אייך גוט, אַז איר מעגט ווייטער שיקן אייער טאָכטער צו די גלחטעס. דאָס יידישע פאָלק וועט גאָרנישט פאַרלירן, ווען עס וועט נישט האָבן אין זיינע רייען אַזוינע יידן, ווי איר זענט, און מיר וועלן גאָרנישט פאַרלירן, אויב אייער טאָכטער וועט ווערן אַ קאַטויליטשקע...

איך בין אַוועק, און שוין מער נישט געוואָלט אָנקוקן זיין פנים, ווי די פּני־מער פון די טאַטעס פון די אַנדערע פינף יידישע מיידלעך, וואָס איך האָב געזען אין קאָנווענט.

אַ שפּאַציר צו די וואולקאַנישע אָזערעס
גואיכאַ און אילאָפּאַנגאַ

נישט ווייט פון דעם שטעטל אילאָפּאַנגאָ צעשפּרייט זיך די אָזערע מיטן זעלבן נאָמען, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 11 קילאָמעטער די לענג און אַכט קילאָמעטער די ברייט.

אין אַ דופּטיקן קאַיאַר, ווען די הענער זענען נאָך געשלאָפן, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין טשאַלאָטענאַנגאָ, וווּ איך האָב זיך געדאַרפט טרעפן מיט די דריי פּראָפעסאָרינס. איך בין אַרויסגעפאָרן פריער, כדי אויסצומיידן אין סאַנטאַ־אַנאַ אַ חשד, אַז עס איז פאַראַן צווישן אונדז עפּעס געמיינזאַמעס. כאָטש אונדזער אַרויספאָר איז געווען זייער אַן אומשולדיקער, בלויז אַן אויספלוג, האָבן די פרומע צניעדיקע ווייבער פון סאַנטאַ־אַנאַ געקאָנט אויסטראַכטן אויף מיר אָדער אויף די פרומע פּראָפעסאָרינס אַ בילבול.

דאָרט וווּ קיינער האָט זיי נישט געקאָנט, איז סאָר אינעס דע שאַטאָבריאַן פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס מיין פרוי, מערי מאַק ליין אַלס מיין שוועסטער, און ווייאָלעט מאַק גרין אַלס מיין ווייבס שוועסטער. קיין דאָקומענטן פרעגט מען נישט אין די סימפּאַטישע אינדיאַנישע שטעטלעך, אַזוי אַז זאַלבעפערט האָבן מיר געקאָנט דינגען איין צימער אין יעדן „האָטעל“, וווּ מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און זיך איינבערענגען שיינע עטלעכע דאָלאַרן.

אין טשאַלאָטענאַנגאָ האָב איך געדונגען אַ שעווראָלעט־אויטאָ, פערציק דאָלאַר פאַר צען מעת־לעת, אָבער מיט מיין נאַפט, אויל און פעטס, ווי אויך רעפּאַראַטור: טאָמער וועט עפּעס קאַליע ווערן אָדער צעבראָכן ווערן. פירן אַן אויטאָ האָבן מיר אַלע פיר געקאָנט, אַזוי אַז מיר האָבן דעם באַלעבאָס־שאָפער נישט געדאַרפט, און זיך ווידער איינגעבראַכט שיינע עטלעכע דאָלאַר...

על סאַלוואַדאָר איז זייער קליין, די באַפעלקערונג, לגבי אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער, איז רעלאַטיוו גרויס. דערפאַר זענען פאַראַן גאָר אַ סך וועגן, און גאָר נישקשהדיקע, וואָס פירן צו דער גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך, וואָס

זענען צעשפּרייט, גאָר נאָענט איינס פון דעם צווייטן, איבער די בעסערע טאָלן און בערג פון על סאַלוואַדאָר.

נאָכן איבערנעכטיקן אין טשאַלאַטענאַנגאָ זענען מיר געפאָרן איבערן וועג, וואָס פירט צום שטעטל אילאָפּאַנגאָ און צו דער אָזערע מיטן זעלבן נאָמען. דער וועג איז געלאָפן צווישן פּלאַנטאַציעס און פּרימיטיוון וואַלד, וווּ יעדער בוים זאָגט סודות וועגן דעם נעכטן, ווען מענטש און חיה האָבן געלויערט איינער אויף דעם אַנדערן... אָט איז אַ רויכערנדיקער ווולקאַן און אָט גאָר אַ זעלטענער פּליין, אַ סאַמעט־גרינע לאָנקע, אַ פעלד מיט תבואות, גערשטן, אַרבעס, באָבעלעך, סאָניש־קעס און קוקורוזע. אַביסל ווייטער — באַנאַנען, פּרוכטגערטנער, קאַרטאָפל, ריבן, ברוקוועס, דיניעס אָדער קירביסן און וואַטן גאָר אָן אַ שיעור. דערלעבן — אַ שיין ציכטיק דערפל. און נישט מער ווי עטלעכע קילאָמעטער ווייטער — אינדיאַנער־„הייזער", ערגערע ווי אַלטע אָפּגעלאָזטע בודעס, אָרעמקייט און נויט... קיין ברעקל באַאַרבעט פעלד. נאָך די בודעס — ווידער וואַלד, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, צווישן אַ ים מיטביימער, הויכע, העכערע און נאָך העכערע. גראָבע, זייער גראָבע און נאָך גרעבערע, און דינינקע, גאָר דינינקע. אַרום איניקע ריזן זענען אַרומ־געוויקלט קלעטער־פּלאַנצן ליאַנאַס*), וואָס זענען אין משך פון יאָרהונדערטער געוואָרן ריזיק־גראָב. די פּאַראַזיטן האָבן אַרומגעוויקלט דעם אוראַלטן בוים, ווי אַ ריזיקע אַנאַקאָנדאַ־שלאַנג וואָלט איינגעקלאַמערט אַ העלפאַנט, וועלכן זי דריקט און שטיקט מיט אירע מעכטיקע רייפן, ביז דער ריז גיט זיך אונטער און פאַנגט אָן צו טריקענען... גאָר הויך, שוין אויף די שפּיצן פון די ריזיקע נאָדל־ביימער — זעלטענע אָרכידייען־בלומען.

אַזייגער זעקס פאַרנאַכט האָט זיך פּלוצלינג פאַרכמאַרעט. עס האָט געגומען דונערן, און עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ רעגן, וואָס האָט געדויערט נישט מער ווי אַכט מינוט צייט. עס איז אָבער געווען אַן אמתער וואָלקנבראָך, און האָט פאַרפלייצט אַלע נידעריקע ערטער. צום גליק, האָט דער רעגן אונדז פאַרכאַפּט אויפן רוקן פון ווולקאַן טשאַלטשואַפּאַן.

אמת, דאָס רעגנוואַסער איז פּונקט אַזוי שנעל אָפּגעלאָפן, פּונקט ווי דער רעגן־גאָס איז אָנגעקומען. אָבער פאָרן ווייטער איז געווען אוממעגלעך, מחמת דער וועג איז געוואָרן גליטשיק, און אין אַנדערע ערטער — שיטער, אַזוי אַז די רעדער האָבן זיך איינגעשניטן ביז צו דער אַקס. דער באָדן איז אַ פעטער, אַ לייי־מיקער, האָבן מיר נישט געהאַט קיין ברירה, ווי איבערצונעכטיקן אין וואַלד, זיצנ־דיק אין אויטאָ.

*) די ליאַנאַ וואַקסט פּונקט ווי אַ צאָפּ, פון טויזנטער פעדים, אָדער ווי אַ געדרייטער שטריק.

די גאַנצע וועלט רעדט, אַז די פראַנצויזישע פרויען זענען נישט נאָר סענ־טימענטאַלע, נאָר אויך שטאַרק פאַרליבטע און שטיפערישע. ווייזט זיך אָבער אַרויס, לויט מיין דערפאַרונג, אַז דווקא די פרומע און קאַלטע אירלענדערינס, ווען זיי האָבן נאָר אַ געלעגנהייט, זענען פילפאַכיק שטיפערישער...

— אַט זענען מיר אַליין, דריי פרויען און איין מאַן, און ס׳וואָלט געווען אַ יושר זיך צו באַגיין מיט אייך פונקט ווי דריי יונגע מענער וואָלטן זיך באַגאַנגען מיט איין מיידל אין אַזאַ העק. מיר פרויען זענען אָבער אַנשטענדיקער און הומאַנער פון אייך, מענער, און אַנשטאָט דריי קעגן איינעם, רוף איך אייך אַרויס אויף אַ קאַמף קעגן מיר אַליין. נו פרוווט, ווערט אייך, און לאָמיר זען ווער עס איז שטאַר־קער! — האָט די גאָלד־בלאָנדע מערי מאַק ליין זיך צו מיר אַ וואָרף געטון, מיך אַרומגענומען אין גריכיש־רוימישן סטיל און מיך געוואָלט אומוואַרפן, לויטן רעג־לאַמענט, אויף די פּלייצעס. אַז עס איז איר אָבער, דער אַטלעטישער מערי נישט געגאַנגען, האָט זי געשריגן צו דער שלאַנקער און שאַטינער וויאָלעט מאַק גרין, זי זאָל איר העלפן.

— זייער גוט, איך גיי, אָבער אַ העלפט פאַר מיר — האָט געענטפערט וויאָ־לעט און מיך גענומען קיצלען.

— גוט, איך אַקצעפטיר, איך גיב דיר אַ העלפט פון מיין זיג, אַבי העלף מיר, טייערינקע — האָט די ליידנשאַפטלעכע מערי מיך צוגעהאַלטן פעסט און געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז.

אין דער צייט, וואָס די צוויי אירלענדערינס האָבן זיך מיט מיר געראַנגלט, איז די סאַר אינעס דע שאַטאָבריאַן געשטאַנען לעבן אויטאָ, און זיך געבויגן איינ־דרייען פאַר געלעכטער. אָם ענדע איז זי צוגעקומען, און מיך אויך גענומען קיצ־לען אין די קניען און אונטער די אָרעמס. צום סוף בין איך „באַזיגט" געוואָרן לויטן גריכיש־רוימישן געזעץ, ד״ה אַז מערי האָט מיך געלייגט אויף די לאָפּעטקעס.

די פרייד פון סאַר אינעס איז געווען אויסערגעוויינלעך. זי וואָס איז נישט אַזוי פרום ווי די אירלענדערינס, האָט מיך גיכער באַזיגט וויביידע חברטעס אירע. מיט בלויז עטלעכע קיצל אין די קניען און אונטער די אָרעמס, האָט זי מיך באַזיגט, ווייל דער הייליקער גייסט פון זשאַן ד׳אַרק האָט איר צוגעהאָלפן אין סאַמע קריטישן מאָמענט.

אַמאָל צען אוודאי האָב איך מיך געמוזט באַרען מיט יעדער פון זיי. גע־הייסן האָט עס, אַז איך קעמף בלויז מיט איינער, אָבער כמעט יעדעס מאָל זענען אונטערגעקומען די אַנדערע צוויי.

— אַ גליק כאָטש וואָס איך האָב אַן אויטאָ — האָב איך געטראַכט צומאָרגנס

פֿאַרטאָג. — אַנישט ווער ווייסט, צי איך וואָלט מיך דערשלעפּט צום שטעטל. אַזוי האָבן זיי מיך אָפּגעמאַטערט.

— טייערע חברטעס, איר אַלע דריי האָט געזינדיקט — האָב איך געשפּאַסט בעתן פֿאָרן קיין אילאָפּאַנגאָ — איר אַלע דריי זענט פֿרומע מיידלעך, און איך בין אַ ייד...

— אַז דו ביסט אַ ייד, ווייסן מיר, און אַז אַ פֿרומער ייד טאָר נישט שפּאַסן מיט קיין פֿרעמדער פֿרוי, ווייסן מיר אויך. און דערפֿאַר טאַקע האָבן מיר דיך ליב, ווייל צוליב דיין הייליקייט וועלן מיר צוזאַמען מיט דיר גיין גלייך אין גן־עדן אַריין, און זיצן לעבן דער הייליקער רות, וואָס האָט נישט ווינציקער געזינדיקט ווי מיר — האָט געגראַגערט ווייאָלעט מאַק גרין. — גאָט אַליין האָט דאָך גע־הייסן: וואָס דו קאָנסט טון היינט, לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן...

— יעקאַטערינאַ די גרויסע האָט אויף אַן אמת געזינדיקט: זי איז געווען ווייב פֿאַר יעדן וואָס איז נאָר איר געפֿעלן, און פֿונדעסטוועגן איז זי געוואָרן אַ הייליקע... תמר האָט געזינדיקט מיטן אייגענעם שווער, און פֿונדעסטוועגן איז זי פֿאַראייביקט געוואָרן אין די הייליקע שריפֿטן, און נאָך אַ סך פֿרויען, וואָס האָבן געטון אַ סך מיאוסע זאַכן, זענען אָדער פֿאַרהייליקט געוואָרן אָדער פֿאַר־אייביקט אין די געשיכטעס. אונדז האָט קיינער נישט געכאַפּט ביי דער האַנט, אינפֿלאַגראַנטי ביי קיין שום זינד. איך האָב נישט געזען גאָרנישט פֿון מיינע קאָלעגינס, און זיי האָבן נישט געזען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס פֿון מיר — האָט זיך אַריינגעמישט די שטיפֿערישע אינעס. — דו, יאָ, ביסט ווערט צו זיין אַן אָריענטאַלישער קעניג, האָסט געקעמפֿט ווי אַ לייב, און געפֿאַלן ווי אַ פֿליג, און דערפֿאַר טאַקע ביסטו ווערט געליבט צו ווערן...

— באַזונדערס, זענען מיר דאָך נישט קיין מאָנאַשקעס, מיר זענען נישט מער ווי פּראָפֿעסאָרינס פֿון שפּראַך, מאַטעמאַטיק און פֿיזישע איבונגען, מער גאָרנישט...

— אוודאי אַזוי, ווי דו האָסט געזאָגט, אינעס — האָט פֿאָרגעזעצט ווייאָלעט מאַק גרין. — מיר זענען נישט קיין הייליקע. מיר זענען בלויז פֿרומע קאַטוי־ליקנס, און מיר זענען קיין שום זינד נישט באַגאַנגען. גערעכט, אינעס, קיינער האָט אונדז נישט געזען זינדיקן, און קיינע פֿון אונדז האָט זיך נישט פֿאַרקויפֿט פֿאַר געלט... ליב האָבן מעג מען. גאָט אַליין האָט געהייסן ליב האָבן. און טאָמער האָב איך געזינדיקט קעגן גאָט, וועט ער מיר מוחל זיין. איך אַלס אירלענדערין האָב דיך ליב, טאַקע, דערפֿאַר, ווייל דו ביסט אַ ייד. אַלע ענגלישע מיניסטאָרן האָבן אונדז, אירלענדער, געפּייניקט. איז געקומען דער ייד דיזראַעלי און האָט אונדז אַ סך גוטס געטון. ער האָט צוריק געעפֿנט אונדזערע קירכן, וואָס די ענג־לענדער האָבן פֿאַרמאַכט. לעבן זאָלן די יידן! וואָלטן מיר אירלענדער געהאַט

אַזאַ מאַכט, ווי די ענגלענדער, וואָלט פּאַלעסטינע שוין לאַנג געווען אַ יידישע מדינה... קיינער האָט נישט אַזוי שטאַרק פון אַלטן יידישן טעסטאַמענט ווי די אירלענדער. יאָ, די ענגלענדער האָס איך! זיי, די האַרצלאָזע פּראָטעסטאַנטישע ענגלענדער, האָבן דורך הונגער פאַרפייניקט צום טויט דעם בירגערמייסטער פון קאָרק און אַ סך אַנדערע גרויסע אירלענדער...

און ווער האָט געגעבן די יידן עמאַנציפּאַציע? — דער גרויסער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, אַ פראַנצויז, אַ קאָרסיקאַנער — האָט זיך ווידער אָנגערופן די פראַנצויזקע. — ס'איז אמת, אַז די פראַנצויזן און די אירלענדער זענען די גרעסטע פריינט פון יידישן פאָלק. לעבן זאָלן די יידן! לעבן זאָלן די פראַנצויזן! לעבן זאָלן די אירלענדער!...

— גוט! זייער גוט האָט איר גערעדט. לעבן זאָלן די יידן! לעבן זאָלן די פראַנצויזן! לעבן זאָלן די אירלענדער! און אַ טויט די פּראָטעסטאַנטישע ענגלענדער! — האָט פאַרענדיקט מערי מאַק ליין.

***

אַזייגער ניין אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען אין דעם שיינעם שטעטל אילאָפּאַנגאָ, וואָס ליגט נישט ווייט פון דער אָזערע מיטן זעלבן נאָמען און ציילט אַ באַפעלקערונג פון לערך צוויי טויזנט נפשות. דאָס שטעטל, ווי די אָזערע, ליגן ביי די 650 מעטער איבערן ים־ניוואָ. דאָס שטעטל, זייער אַן אַלטס, איז אָבער מאָדערניזירט געוואָרן, און הגם די הייזער זענען געבויט פון ציגל פון רויער בלאָטע, זענען זיי אָבער אָפּגעקאַלכט, און די רייכערע הייזער האָבן אפילו די פראָנטן אָפּגעטינקעוועט מיט קאַלך און זאַמד, אָדער מיט „אַטלאַס״ (אַזאַ מין ווייסער צעמענט). די גאַסן — שמאָלע אויפן אינדיאַנישן שטייגער, זענען געדרייטע, אָדער געשלענגלטע, אַזוי ווי אין כמעט אַלע אינדיאַנער ישובים, דערפאַר זענען זיי אָבער זייער ציכטיקע. די מענטשן זענען ליבע און גאַסטפריינטלעכע, לויט דער געוווינהייט און טראַדיציע פונעם סאַלוואַדאָרער פאָלק — די ווייסע ווי די אינדיאַנער.

אין דער סאַמע מיט פון דער אָזערע אילאָפּאַנגאָ געפינט זיך דער ווולקאַן, וואָס איז איצט צוגעדעקט מיטן וואַסער פון דער טיפער אָזערע, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען.

אין אַ שמועס מיטן אינדיאַנער וויסנשאַפטמאַן האָיזילאָקסיטל, האָט ער מיר דערציילט אַ שטוינענדיקע געשיכטע (נישט קיין לעגענדע), וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אָזערע:

— דעם 10טן יאַנואַר פון יאָר 1880 האָט דאָס וואַסער פון דער הונדערטער מעטער טיפער אָזערע זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן אויף אַ מעטער מיט צוואַנציק

העכער פון איר געוועגלעכן ניוואָ, שטראָמענדיק מיט אירע הייסע וואַסערן אין טייך גיבאַאָ אַריין, וועלכער פלעגט אַריינגיסן אין דער אָזערע זיינע וואַסערן, לויטן געזעץ פון דער נאַטור. מיליאָנען קוביק־מעטער זודיקע וואַסער זענען גאָר געלאָפן פון דער אָזערע אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אין אַ פאַרקערטער שפּיל.

— דאָס פּלוצלינגדיקע קאָכנדיקע וואַסער־שטראָמען פון דער אָזערע אין טייך אַריין האָט באַלד אויסגעגראָבן אין טייך אַ קאַנאַל פון איבער ניין מעטער די טיף. אַ חוץ דעם האָבן די וואַסערן, וואָס לויפן פון די בערג אין דער אָזערע אַריין דורכן גיבאַאָ, אָנגעהויבן צו קאָכן און אויך געלאָפן צוריק אין טייך. האָט עס פאַרפּלייצט און אָפּגעקאָכט אַ גרויסן שטח אַרום, און די שטאָט אַטוסקאַטלאַ, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ נידעריקן פליין נאָענט פון דער אָזערע, איז גרינט־לעך צעשטערט געוואָרן און געוואָרן צוגעדעקט מיט אַ לאַווע־בלאָטע.

— אין סאַמע מיט פון דער אָזערע איז ווי פון דער העלער הויט אַרויסגעשפּרונגען אַ באַרג פון איבער 45 מעטער די הייך און אַרום 150 מעטער אין דיאַמעטער. אין סאַמע מיטן באַרג איז געווען אַ ריזיקער קראַטער, וואָס האָט געשפּיגן מיט פייער און שוועבל אין אַלע ריכטונגען. אַרום דעם צענטראַלן באַרג־ווולקאַן האָבן זיך באַוויזן ווי קרעצלעך, אַנדערע, קליינינקע, שטיינערנע אינדזלעך, וואָס האָבן צוזאַמען מיט דעם פּלוצלינג פייער־געבוירענעם ווולקאַן געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק...

מיט 21 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1901, בעת עס איז פאָרגעקומען אַן ערדציטערניש אין גוואַטעמאַלאַ, האָט דער פענאָמען זיך אויך געפּילט אין דער אילאָפּאַנגאָ־געגנט. ווייזט אויס, אַז יעדער גוואַטעמאַלער ווולקאַן האָט אַן אונטערערדישע קאָמוניקאַציע מיטן סאַלוואַדאָרער ווולקאַן אין דער אילאָפּאַנגאָ־אָזערע, אַ מהלך פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, און דער ווולקאַנישער אינדזל פון דער אָזערע אילאָפּאַנגאָ מיט די קלייניקע אינדזעלעך זענען ווי דורך אַ כישוף פאַרשוווּנדן אונטערן וואַסער, פּונקט ווי זיי זענען געבוירן געוואָרן...

(איך האָב נאָכדעם ספּעציעל נאָכגעזוכט און נאָכגעפאָרשט און געזען אין דער וועלט־געאָגראַפיע פון וו. וו. דזשעקסאָן, אַז די געשיכטע, וואָס דער אינדיאַנער פּראָפעסאָר האָט מיר דערציילט וועגן דער אויסטערלישער דערשיינונג, איז אמת).

— יאָ, יאָ, מיין הער — האָט אונדזער פירער פאַרגעזעצט דעם וויסנשאַפטלעכן פאַרטראַג, אָבער שוין די אינדיאַנישע מיינונג וועגן דעם טאָפּלטן פענאָמען: אין דער גאַנצער צייט פון אונדזער לעבן אין דעם לאַנד, איידער די האַרצלאָזע שפּאַניער האָבן חרוב געמאַכט אונדזערע לענדער און האָבן צוגערויבט אונדזער אומאָפּהענגיקייט, זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן אַזוינע דערשיינונגען. עס זענען פון תמיד אָן געווען בערג, טייכן, אָזערעס און ימים, אָבער פייער־

שפּייענדיקע בערג, ערדציטערנישן און אַנדערע אומגליקן זענען נישט געווען. נאָר זינט די שרעקלעכע מענטשן זענען אַהער געקומען, האָט די ערד זיך צע־בונטעוועט, זי ציטערט, שפּייט מיט פייער, ברעכט מיט שיטערע און געדיכטע לאַווע, שטיין, אַש אָדער שוועבל. דאָס זענען די גייסטער פון די מיליאָנען אויס־געהרגעטע אינדיאַנער, וועלכע טוען אָן די צרות, ווי אַ פּראָטעסט קעגן די ווייסע באַדריקער...

***

אויף די טשובעס פון סאַלוואַדאָרער אַנדן פּרעדאָמינירן די פּרימיטיווע פעלדזן פון פאַר דער מבול־עפּאָכע. דער ברעג פון דער באַרגקייט איז נאָך, ווי מען זעט באַלד, פון דעם פּלוטאָנישן צייט־באַשאַף. עס געפינען זיך דאָרט אָן אַ צאָל באַ־סאַלטן, עסקאָריאַס און וווּלקאַנישע אַשן. די ים־ברעגן, די טאָלן און קנייטשן פון די בערג זענען באַדעקט מיט אַ גראָבן שיכט דעטריטן, וואָס די אַלוויאָנען האָבן אַראָפּגעוואַשן פון די פעלדזן און פון צעשטערטע פּלאַנצן. לויט דער מיינונג פון די סאַלוואַדאָרער אַגראָנאָמען און געאָלאָגן זענען טאַקע צוליב דעם די סאַל־וואַדאָרער פעלדער די בעסטע, די פּרוכטבאַרסטע פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע. אין אינערן פון על סאַלוואַדאָר, ביי די גאָר ברייטע טייך־ברעגן און ים־ברעגן, איבערהויפּט אַרום דעם ברייטן און טיפן טייך לעמפּאַ, דעם וויכטיקסטן טייך פון לאַנד, און ביי די ברעגן פון די טייכן לוסיאָ, טאַראַלאָ און סאַן מיגעל, און אַרום די וווּלקאַנישע געגנטן פון סאַנטאַ אַנאַ, טשאַלטשואַפּאַ און די פליינען פון קעטזאַלטעפּעקע, זענען די פעלדער זייער פּרוכטבאַרע, צוליב אָט די דעטריטן, וואָס די אַלוויאָנען האָבן אָפּגעקראַצט פון די בערג און דאָרט אָנגעזאַמלט.

און אמת, אַז אפילו די סאַלוואַדאָרער הויכע פליינען פון אינערן און פון ים־ברעג, ווי אַרום די טייכן און אָזערעס זענען אַזוי פּרוכטבאַר, אַז עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט מיט אַזאַ שפע.

וואַנדערנדיק איבער פעלדז, איבער פליינען, באַרג, וואַלד און טאָל, נישט דורכפאָרנדיק דאָס לאַנד מיט אַן אויספלוג־אויטאָ אין משך פון עטלעכע טעג, נאָר טאַקע גיין צופוס, רייטן אויף אַ פערד, מולאַ אָדער אייזל, קאָן דער פאָרשער, דער מבין, גלייך זען, אַז די ערד אין די געגנטן האַלט זיך נאָך אין טראַנספאָר־מירן, זי איז נאָך אין אַ מעטאַמאָרפאָזישן פּראָצעס: אומעטום זעט מען באַסאַל־טישע פעלדזן, קאַלך־סיליסע, אַלבומינע, מאַגנעזיע, מאַנגאַנעזע, אייזן־אָקסיד, כיליסעס פעלדספּאַטישע, קוואַרזאַס און אַנדערע מעטאַלן־אָקסידן, וואָס באַווייזן דעם געניטן אויג און האַנט דאָס אינגעווייד־רייכקייט פון דער סאַלוואַדאָרער ערד.

טויזנטער און טויזנטער קוו׳ קילאָמעטער פון דער פּרוכטבאַרער סאַלוואַ־דאָרער ערד איז באַדעקט מיט אַלערליי וווּלקאַן־שטיינער, אַש און מינעראַל־שטיי־

נער, וואָס די צענדליקער היינט שוין אויסגעלאָשענע ווולקאַנען, אַ סך פון זיי היינט נאָך אַקטיווע, האָבן אַמאָל אַרויסגעוואָרפן פון זייער אינגעווייד און צע־שפּרייט איבער די פעלדער. אין אייניקע ערטער האָבן די ווולקאַנען אָנגעוואָרפן אַזוי פיל שטיינער און אַש, אַז עס איז אַן אמתע מניעה צו דער פעלד־אַרבעט, ווי אויך אַ שטער צוצוקומען צו די רייכע מעטאַל־מינעס. אַ מערכה וואָס אין משך פון יאָרן, הונדערטער און טויזנטער יאָרן, ווערן אַ סך פון די ווולקאַן־שטיי־נער און אַש צעשטערט און ווערן פאַרוואַנדלט אין שוואַרץ־ערד. אַזוי ווייט, אַז לויטן סאַלוואַדאָרער פאָרשער, אינזשיניער־אַגראָנאָם און געאָלאָג, הער גוזמאַן, געפינען זיך גראָד אין די דערמאָנטע געגנטן די בעסטע און פעטסטע פעלדער פון דער סאַלוואַדאָרער רעפּובליק.

אפילו אין די העכערע פליינען (הגם די בערג־קייטן דערגרייכן אין סאַלוואַ־דאָר טיילווייז ביזן סאַמע ים־ברעג) איז דער געאָלאָגישער מאַסיוו־צוזאַמענשטעל פון די בערג: גראַניט, מערמל אָדער קאַלך־שטיין. פונדעסטוועגן זענען די פעל־דער אויף זיי און אַרום זיי זייער פּרוכטבאַר, ווייל אין יאָרטויזנטער אָדער מיליאָ־נען יאָרן, האָבן די אַלוויאַנען אין זייער פלייצן פון די הויכקייטן צעשפּרייט די פאַרפוילטע בלעטער, קאָרע, פרוכטן און גראָזן פון די בראשיתדיקע וועלדער אויף דעם שטיינערנעם אונטערגרונט, און אָנגעהויפט אַ שיכט איבער אַ שיכט, שאַפנדיק אין משך פון טויזנטער דורות אַ שעפעדיקן פעלדז, איינס פון דאָס בעסטע אין דער וועלט.

לאָמיר דאָ אויך פאַרצייכענען דעם קלימאַט פון על סאַלוואַדאָר. אפשר וועט עס מיר אָדער אַן אַנדערן אַמאָל צונוצקומען: דער קלימאַט איז אַ געזונטער, אַן אָנגענעמער, נישט געקוקט אויף דער שרעקלעכער היץ. דאָס איז צו פאַרדאַנקען הויפּטזעכלעך דער ציכטיקייט און דער פאַרניכטונג פון די קרענקלעכע הויפּט־פּונקטן. אין די בערג, ביז אַ הויך פון 1.500 מעטער, איז דער קלימאַט זייער אַ פיינער. וואָס העכער, אַלץ קילער ווערט עס. אויף דער הויך פון 3.000 מעטער איז עס אַזוי ווי אין פּערו אויף דער הויך פון 2.000 מעטער. דער איינגעבוירע־נער פילט דאָ אָבער מער די קעלט, ווייל דער קלימאַט איז דאָ אַ טראָפּיקאַלער.

די מינימום־טעמפּעראַטור אויף אַ הויך פון 800 מעטער איז 18 גראַד וואַ־רעמקייט. די הייסטע געגנט פון סאַלוואַדאָר איז סאַן ווינסענטע, וואָס האָט דורכ־שניטלעך 27 גראַד וואַרעמקייט אין שאָטן, און די „קעלטסטע״ שטעט זענען סאַן סאַלוואַדאָר און טעקאַפּאַ, וווּ די מינימום־טעמפּעראַטור איז 25 גראַד היץ אין שאָטן.

דער סעזאָן קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי: די צייט פון רעגן — זומער און האַרבסט, און די תקופה פון טרוקנקייט — ווינטער און פרילינג. די רעגנס הייבן

זיך אָן אין מאַי, און ענדיקן זיך אין סעפּטעמבער. די אַבסאָלוט־טרוקענע תקופה איז פון יאַנואַר ביז אַפּריל. די רעגנס הייבן זיך אָן אין די הויכקייטן, אַראָפּנידע־ריקנדיק ביסלעכווייז, ביז עס ווערט מבולדיק איבערן גאַנצן לאַנד.

דער אָנהויב פון דער רעגן־תקופה, פון מאַי ביז יוני, איז אַלע טאָג שיין אַ מחיה ביז נאָכמיטאָג. נאָך דער צייט הויבט אָן צו גיסן פון פינף פאַרנאַכט ביז פאַרטאָג. עס טרעפט אָבער נישט זעלטן, אַז עס גיסט אַ גאַנצע נאַכט אָן אויפהער ביז אַ שטיק אויפן טאָג.

די גוואַלדיקסטע רעגנס הייבן זיך אָן אין מאָנאַט יולי מיט פאַרטויבנדיקע דונערן און בליצן, וואָס האַלטן אָן ביז ענדע סעפּטעמבער. עס איז ווערט צו דער־מאָנען, אַז אין אָנהויב פון דער רעגנדיקער תקופה ווערט אַ „וואָפּנשטילשטאַנד", וואָס דויערט פון אַכט ביז פופצן טעג, ווען עס רעגנט גאָרנישט. דאָס פאַלט אויס צווישן די לעצטע טעג פון מאַי און די ערשטע טעג פון חודש יוני. די צייט ווערט אין סאַלוואַדאָר אָנגערופן: „וועראַניליאָ דע סאַן כואַן" (דאָס זומערל פון הייליקן יאַן).

אויף די העכערע הויכקייטן איז שוין נישט פאַראַן קיין שום רעגולערע תקופה, נישט אין שייכות מיט רעגן און נישט מיט שניי. פון די טויזנט מעטער איבערן ים־פלאַך ביז די 1.500 רעגנט גאָר אַ סך, אפילו אין דער טרוקענער עפּאָ־כע. אָט איז אַ וואָלקן ברוך, עס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט וועט פאַרטרונקען ווערן, און אין אַ האַלבע שעה אַרום שיינט שוין די זון. אין צען מינוט אַרום ווי־דער אַ מבול. דאָס איז דער סוד פון וואַנען די טייכן נעמען וואַסער: פון הונדער־טער טויזנטער קוו' קילאָמעטער בערג גיסט זיך אַראָפּ מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט דאָס רעגן־וואַסער, אויסגעמישט מיט שניי־וואַסער, וואָס קומט פון נאָך העכער, און גיסט זיך אַריין אין מיליאָנען ריטשקעס, און די ריטשקעס — אין טייכלעך. און די טייכלעך ווידער אין גרעסערע טייכן אאַ״וו.

**
*

דעם אויספלוג מיט די דריי פרומע מיידלעך האָב איך געמאַכט טאַקע אין דעם פעריאָד וואָס הייסט „וועראַניליאָ דע סאַן כואַן", ד״ה אין די פערצן טרוקענע טעג פון דער רעגן־תקופה.

דעם לעצטן אויספלוג מיט זיי האָב איך געמאַכט צו די באַרימטע און מערק־ווירדיקע „אַוסאַלעס" (געיזערס), וואָס געפינען זיך אין דער וואָלקאַנישער געגנט אוטשאַפּאַן, לעבן דער שטאָט מיטן זעלבן נאָמען.

פון שטעטל אוטשאַפּאַן ביז צו די „אַוסאַלעס" איז נישט מער ווי אַ פינף קי־לאָמעטער. מיט אַ דריי קילאָמעטער פריער נאָך האָבן מיר שוין דערפילט דעם שאַרפן שוועבל־ריח און וואָס נענטער מיר זענען צוגעקומען צו די אַוסאַלעס, אַלץ

מער האָבן מיר געשפּירט דעם שוועבל־ און פּולווער־ריח, געמישט מיט אַנדערע גאַזן פון די צאָלרייכע מעטאַלן און מינעראַלן, וואָס די פון גאָט געבענטשטע סאַלוואַדאָרער ערד האָט אין איר אונטערגרונט אין האַרטן און פליסיקן צושטאַנד.

אין דער פאָרם פון אַן אַמפי־טעאַטער שפּראָצן גאָר אַן אַ צאָל פאָנטאַנען מיט קאָכעדיקע און זודיקע וואַסערן, אָדער מיט שיטערער בלאָטע און לאַווע. די פּאַרע וואָס קומט פון די קאָכעדיקע געיזערס אָדער אַוסאָלעס איז אַזוי געדיכט, אַז עס זעט אויס ווי אַ געדיכטער נעפּל שוועבט איבער אַלץ און אַלעמען, און עס איז שווער צו זען. די געיזערס רוישן אַזוי שטאַרק, ווי מיליאָנען פאַלקאָוואָיע־קעסלען וואָלטן געקאָכט האַרטע באַבעלעך מיט אַרבעס. פון אַ סך שפּאַלטן, לעכער און גריבלעך זעצט אַ רויך, פון יעדן — אַן אַנדער גערוך, אַן אַנדער קאָליר.

די היץ דאָרט, אַ חוץ די שרעקלעכע ריחות, איז אַזוי שטאַרק, אַז כאָטש מיר אַלע פיר זענען געגאַנגען אָנגעטון אין ספּעציעלע שטיוול מיט זייער גראָבע זוילן, האָט די היץ פון דער קאָכעדיקער זומפּיקער ערד דורכגעברענט, און מיר האָבן געמוזט אונטערלייגן ברעטלעך, כדי צו קאָנען שטיין נאָך עטלעכע מי־נוט אויף איין אָרט און זיך צוקוקן צום אויסטערלישן ספּעקטאַקל.

פון איינעם אַזאַ אַוסאָל האָט געשפּריצט אַ שיטערע קאָכעדיקע בלאָטע, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען ווי אַ בענגאַליש פייער, און טיילמאָל ווי די ספּעציעלע אַרטיפיציעלע פאָנטאַנען ביינאַכט, וואָס שפּריצן יעדע רגע מיט אַן אַנדער קאָליר, אָדער קאָלירן אויף אַמאָל, לויט דער צאָל קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס זענען פאַ־ראַן און גיבן צו אַ קאָליר דעם שפּריצנדיקן וואַסער. די גאַנצע געגנט אַרום איז טאַקע באַדעקט מיט אַ גראָבן שיכט ליים פון אַלערליי קאָלירן.

די פאַנטאַסטישע דערשיינונג האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק: פון אייניקע לעכער און שפּאַלטן האָט זיך געהערט אַן אונטערערדיש קאָכן, עפּעס אַ מין געפליעסקעריי, אַזוי ווי טויזנטער טעפּ מיט קרויט און גאָר־טשיצע וואָלטן געקאָכט אויף אַמאָל. און די פּאַרע פונעם „קרויט מיטן גאָר־טשיצע־גערוך“ האָט אַזוי געשניטן אין נאָז, האַלדז און אויגן, אַז אינעם האָט זיך צעגאָסן ביז בלוט.

וואָלט איך געווען אַן אָבערגלויבישער און פרומער דערצו, וואָלט איך זיכער געקאָנט גלויבן, אַז איך בין אין דער געגנט פון גיהנום, לויט די מיטאָלאָגישע ספרים און לויט ווי דער אומשטערבלעכער דאַנטע האָט אים געמאָלן מיט זיין אומפאַרגלייכלעכער פּען...

פון אונטער דער ערד האָט ווי געשאָסן, געקאָכט, געפּאָרן, און מאָמענטנווייז האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז מען הערט שמייסן, קרעכצן און קוויטשען, געקווי־טשערייען פון פרויען, וואָס ווערן געפּייניקט, אַזוי סוגעסטיאָנירט בין איך געוואָרן.

מיר האָבן זיך איבערגעקליבן אויף אַ טרוקן אָרט, האָט זיך די ערד ווי אײַנגעבראָכן און געשפּאָלטן אונטער יעדן טראָט אונדזערן. אַלע מאָל האָט זיך געעפנט אַן אַנדער שפּאַלט, און גלייך אַרויסגעלאָזט אַ וווּנדערלעך־שיינעם שטראָם פייער: גרין, געל, ווייס, רויט אָדער בלוי, לויט די גאַזן דאָרט אין די טיפענישן פון יענעם סודותפולן גיהנום...

מיינע דריי פּירערינס, הגם געלערנטע און אויך מאָדערנע בעלי־עברהניצעס, אָבער דערצויגענע אין רעליגיעזע אַנשטאַלטן, האָבן געהאַלטן אין איין צלמען זיך, און צום סוף האָבן זיי זיך צעוויינט. זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אָנער־קענען, אַז דאָס איז אַ געאָלאָגישע דערשיינונג, וואָס קומט צוליב דער אָנגע־זאַמלטער ענערגיע אין דער אומענדלעכער טיפעניש פון יענעם אָרט, וואָס וויל זיך אַרויסרייסן אויפֿן אויבערפלאַך.

האָט דאָס שלימזל נאָך געוואָלט, אַז גראָד אויף דעם אָרט, ווו עס איז גע־שטאַנען די סאָר אינעס, זאָל די ערד זיך נעמען קנייטשן, זיך הויבן און אַראָפּ־לאָזן אַזוי ווי אַ ראַשטשינע, און פונקט אונטער אירע פיס זאָל זיך עפענען אַ שפּאַלט פון אַ פינף צענטימעטער די ברייט אויף אַ מעטער די לענג, און זי האָט קוים געהאַט צייט אָפּצושפּרינגען פון דאָרט, האָט געגומען זעצן פון שפּאַלט ראשית אַ בלוי פייערל, אַזוי ווי פון שוועבל, און באַלד נאָכדעם אַ בלוט־רויטע שיטערע בלאַטע. דאָס אָרעמע מיידל איז געוואָרן טויט־בלאַס, גרין און געל פון פּחד, און געזאָגט כּליפּנדיק, ווען זי איז אַביסל געקומען צו זיך, אַז דאָס מוז זיכער זיין דער אַריינגאַנג אין גיהנום, און אַז די טייוואָלים האָבן ספּעציעל גע־עפנט פאַר איר דעם תהום, כדי זי אַריינצושלעפּן...

זי האָט זיך געשווירן ביי אַלע קאַטוילישע הייליקע, אַז זי האָט אפילו געזען דעם שעף פון די טייוואָלים, וואָס איז געקומען זי נעמען: ער איז געווען הויך און שלאַנק, מיט אַ רויטן מאַמעלוק, אַ רויט ווייַדעלע, אַ שפּיציק ציגן־בערדל, מיט צוויי ציין אויבן און צוויי אונטן, און אויפן קאָפּ צוויי קליינינקע רויטע הערנער־לעך און דריי אויגן אינמיטן שטערן...

— עה, מאַסיע, דאָס מוז זיכער זיין, טאַקע זיכער דאָס ריכטיקע כף הקלע!... האָט איר געזען דעם טייוול וואָס איז געקומען מיך נעמען?... און דאָס בלוט וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון דער ערד כמעט אונטער מיינע פיס, האָט איר געזען? אַך דיע, מאַן דיע, דאָס איז דאָך שרעקלעך!...

ווייאָלעט מאַק גרין האָט געהאַלטן אין איין וויינען און רויכערן, און מערי מאַק ליין האָט געהאַלטן אין איין מאַלעגיירן קיי־גומי, און וויינען:

— איי אַם אנגרי וויט מיי סעלף (איך בין אין כעס אויף זיך זעלבסט!) — האָט מערי מאַק ליין זיך געווישט די טרערן — ווייל איך בין שולדיק, ווייל, ווייל, איך בין געווען די ערשטע צו זינדיקן אין וועג...

— און פריער, אײדער דו ביסט מיט מיר אַרויסגעפּאָרן, האָסטו נאָך קײנמאָל נישט געזינדיקט? — האָב איך זי געפרעגט שפּאַסיק, און צוגעגעבן — ביסט דאָך עפּעס אַ געלערנטע, טאָ טראַכט אַביסל מיטן קאָפּ, װעסטו פאַרשטײן, אַז דו האָסט אַ טעות. דו האָסט דאָך אַלײן געהאָלפן מאַדמואַזעל דע שאַטאָבריאַן מיך איבעררעדן צו דעם אויספלוג, און האָסט נאָך פריער פאַר אונדז אַלעמען געװוּסט פון דעם װוּנדער, טאַקע נישט מער װי טעאָרעטיש, און איצטער קענסטו דאָס אויך אין דער װירקלעכקײט. אַזױ אַז דו דאַרפסט פאַרשטײן, אַז דער אוסאָל איז נישט געשאַפן געװאָרן איצט אָ, װען מיר זענען אַהער געקומען... און אַז דאָס איז נישט קײן גיהנום מיט טײװואָלים און שדים, נאָר װוּלקאַנען — קראַטערס מיט לאַװע...

עס האָט מיר צוגעהאָלפן צו מײנע אַרגומענטן, דאָס װאָס װײאָלעט האָט געפונען אין דער בלאָטע אַ דאַמען־בײטל מיט אַ רײכן אינגעװײד: צװײ פּרויען־פינגערלעך און אײן מענערפינגערל, אַלע גאָלדענע מיט סאַפּירן און טאָפּאַזן־שטײנער. די דאַמען־פינגערלעך זענען געװען מיט בריליאַנטן, און דאָס מענער־פינגערל — מיט אַ רובין. אַ פּלאַטינענע האַלדז־קײטעלע האָט זי אָפּגעגעבן אײ־נעסן, די פינגערלעך האָט זי אײנס גענומען פאַר זיך, אײנס געגעבן איר אירלענ־דישער חברטע, און דאָס מענער־זײגערל מיטן פינגערל האָט זי מיר געגעבן. פון די צװײ הונדערט דאָלאַר מיט די פּלעשלעך פּערפום און אַנדערע װײבערשע קלײניקײטן האָב איך נישט געװאָלט נעמען.

אַלע דרײ מײדלעך האָבן זיך באַלד באַרואיקט און האָבן גענומען לאַכן, פונקט װי פּיצלעך קינדער. אָט װײנען זײ, און אָט לאַכן זײ, און װען מ׳גיט זײ אַ צוקערל אָדער עפּעס אַ צאַצקעלע. זײ זענען נאָר אַ רגע געװאָרן ברוגז אויף מיר, װען איך האָב זײ געזאָגט, אַז עס װאָלט געװען אַ יושר אַרײנצוגעבן אַן אַנאָנס אין די צײטונגען, כּדי געװויר צו װערן, צו װעמען עס געהערט דער בײטל מיט די זאַכן אינעװײניק.

— שװײג בעסער, נאַאיװו ײנגל! אַז יויזל מיטן הײליקן אַנטאָניאָ האָבן אונדז צוגעשיקט אַן אוצרל, דאַרפן מיר נישט זײן קײן אידיאָטן אויף צו זוכן דעם פאַר־לירער אָדער די פאַרלירערין. די מאַכט װעט געװויר װערן, װעט זי עס צונעמען פאַר זיך, איז שוין בעסער, אַז עס זאָל בלײבן פאַר אונדז... מסכּים?

— יאָ, מיר זענען אַלע מסכּים! — האָבן אין גאַײל געענטפערט סאַר אינעס און די צװײטע, זיך שפּילנדיק מיט דעם פײנעם פּלאַטינענעם האַלדז־קײטעלע. — די הײליקע מאַמע פון גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אַזעלכע שײנע מתּנות, זאָלן מיר זײ צוריקגעבן?... איך בין טאַקע פרום, זײער פרום, אָבער איך גיב נישט אָפּ!...

סאַן סאַלוואַדאָר

אַזוי הייסט די הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק על סאַלוואַדאָר, און פונעם דעפּאַרטאַמענט סאַן סאַלוואַדאָר, וואָס ליגט אין טאָל פון דעם ווולקאַן סאַן סאַל־וואַדאָר. אויף יידיש וואָלט עס געהייסן: די שטאָט פון הייליקן דערלייזער, וואָס איז די הויפּטשטאָט פון דערלייזער, און איז אויך די הויפּטשטאָט פון דעפּאַרטאַ־מענט פון הייליקן דערלייזער, וואָס ליגט אין טאָל פון דעם ווולקאַן פון הייליקן דערלייזער.

די שטאָט סאַן סאַלוואַדאָר געפינט זיך ביי די אַכציק קילאָמעטער פון סאַנטאַ אַנאַ, און ליגט אין דעם זעלטן־שיינעם טאָל „קוסקאַטלאַן" (אין קיטשעאיש, „דער טאָל פון די הוידלקעס"), אויף אַ הויך פון 669 מעטער איבערן ים־ניוואָ. די קיטשעס־אינדיאַנער האָבן דעם טאָל אַ נאָמען געגעבן קוסקאַטלאַן, ווייל די ערד הוידעט זיך דאָרט זייער אָפּט, עס קומען דאָרט זייער אָפּט פאָר געפערלעכע ערדציטערנישן. אינעם שטח פון סאַן סאַלוואַדאָרער דעפּאַרטאַמענט שטייען פאַר־ריסן עטלעכע פייער־שפּייענדיקע בערג: דער שרעקלעכסטער פון אַלע איז דער גרויזאַמער ווולקאַן איזאַלקאָ פון 1.830 מעטער די הייך, און ער שטייט תליניש־גאווהדיק פאַרריסן באַלד לעבן דער שטאָט אַפּאַנעקאַ; דער ווולקאַן סאַן סאַלוואַדאָר, וועלכן די אינדיאַנער רופן קעטזאַלטעפּעקע, 1.879 מעטער די הייך, שטייט מלאך־המותדיק מיט רוצחישער גאווה מיט זיין גיהנום־מויל אין אַ זייט, ווי כמעט אַלע רוצחים, נישט מער ווי 5 קילאָמעטער פון דער שטאָט סאַן סאַלוואַדאָר, און באַלד נישט ווייט שטייט אין דער דריטער זייט דער ווולקאַן אילאָפּאַנגאָ.

דאָס אויסזען פון די פעלדער, גערטנער, לאָנקעס, בערג און וועלדער איז זייער אימפּאָזאַנט. דער גאַנצער שטח פון סאַנטאַ אַנאַ ביז סאַן סאַלוואַדאָר איז ווי אַ וויזיע, ווי אַ וונדער־פּייזאַזש, פאַרזייט מיט אַלערליי חכמת היצירה.

אויף די סאַמעט־גרינע לאָנקעס פּיטערן זיך קי, ציגן, שאָף, פערד און אייז־לען. פרוכט־גערטנער מיט אַלערליי פרוכטן, און פיין־באַאַרבעטע פעלדער מיט אַלערליי תבואות צעשפּרייטן זיך לאַנג און ברייט ווי אומענדלעכע פליושענע פּעכערס אין ביידע זייטן וועג. אין אַנדערע ערטער, רייצנדיקע באַנאַנע־וועלדער מיט העל־גרינע און עטלעכע מעטער לאַנגע און ברייטע בלעטער. וואָלטן די

דזשיקע בלעטער געווען שטאַף, וואָלט מען בלויז פון איין בלאַט געקאָנט מאַכן אַ גאַנצן אַנצוג. צווישן די בלעטער הענגען אַראָפּ ריזיקע שטענגלעך באַנאַנעס, צענדליק קילאָגראַם יעדעס הענגל, און יעדעס הענגל האָט צו עטלעכע הונדערט באַנאַנען; צאַרטע וואַטן, קאַפע און קאַקאַאָ־ביימעלעך.

ביים וועג פון ביידע זייטן — צעבליטע אַקאַציעס, בעז, מאַגנאָליע, רויזן און יאַשמין־ביימער, און צווישן זיי קוסטן כריזאַנטעמען, אָריגיניעס, אַמאַליען, מאַר־גאַריטעס, „פאַרגעס מיך נישט״, צעדראַן און אַנדערע בלומען־קוסטן, וואָס פאַר־גאַפן דאָס אויג און פאַרשלעפערן מיט זייער גן־עדן־דופט.

אַרום די אָזערעס, ריטשקעס און טייכן וואַקסן אַדעלפאַן, כאַבער, קאַלאַס, קאַנקאַל, טוליפּאַנען און אַלערליי קלעטער־רויזן און יאַשמינען, אַרומגעדרייטע און אַרומגעפּלאָכטענע אַרום די שטאַמען פון די ביימער. מיט זייער צווייט דער־הויבן זיי דעם מענטש נאָך זיין נע־ונד וואַנדערן איבער שטיינער, זאַמד און גיפטיקע שטעכערס.

די אָן אַ צאָל טייכן און טייכלעך, ריטשקעס און וואַסערפאַלן האָבן אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט געווען אין די בראשית־צייטן צווישן פּרת און חדקל...

אַלץ איז גרין, אַלץ בליט, אַלץ איז באַדעקט מיט צוויט, אַלץ איז באַהאַנגען מיט בוקעטן קווייטן. אַלץ איז דופטיק, אַלץ שמעקט מיט מילאַסן אַראָמאַטן פון דער אויסטערלישער סאַלוואַדאָרער עקזאָטיק.

די אַכציק קילאָמעטער פון סאַנטאַ אַנאַ ביז סאַן סאַלוואַדאָר בין איך געפאָרן אויף אַ סולקי (אַ וועגעלע אויף צוויי הויכע און דינינקע רעדער, איינגעשפּאַנט אין איין פערד), און אָן אַ וועג־ווייזער.

נאָך וואָס און צו וועלכע גוטע יאָר זאָל איך מיך אײַלן, ווען יעדעס שטע־טעלע, יעדעס דערפעלע האָט זיך זיינע שיינקייטן און חנען? ליבע אינדיאַנער און רייצנדיקע אינדיאַנערקעלעך, וואָס נעמען ממש צו דאָס חיות מיט יעדן שעלמישן קוק און גראַציעזן ציטער זייערן?... אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב מיט זיך אַזוי פּיל פּעקלעך, אַנישט וואָלט אפשר גאָר געווען אַ פּלאַן צו וואַנדערן צופוס, כדי מער צו זען, הערן און געניסן...

אָט בין איך שוין נאָענט פון טאַנאַקעטעפּעקע! איך פאָר אין מיין סולקי איבערן רוקן פון אַ וואַלדיקן באַרג, אַן אַמאָליקער ווולקאַן מיטן זעלבן נאָמען, וואָס דער ישוב אין טאָל, אַ פּאָר קילאָמעטער וויטער. יאָ, איך בין אויפן רוקן פונעם אַמאָליקן ווולקאַן טאַנאַקעטעפּעקע, וואָס איז איצט זייער פּרוכטבאַר, און איז באַדעקט מיט אַ מאַנטל פון וואַלד און גרינע פעלדער. אַ פינף הונדערט מעטער נידעריקער, לעבן אַ פאַלד פון באַרג, זע איך אַ גרופּע מענטשן באָדן זיך אינעם טייך אַצעלהוּאַטע.

איך גיב אַ שמיץ מיין געפּלעקט פערדל, הגם ער לויפט ווי אַ ווינטער. אַ סברה, אַז ער פאַרשטייט מיך... אין מיינע אויגן אָבער לויפט ער נישט. פאַר מיר ציט זיך יעדע מינוט ווי אַ יאָר, איך וויל שוין זען די נאַקעטע קאָלאָניע. איך קוק אין מיין שפּאַקטיוו. ווי איז דאָס מעגלעך? בלויז פּרויען, קיין איין מאַן נישט. אַ מאָדנע נודיסטן־קאָלאָניע — טראַכט איך, און גיב ווידער אַ שמיץ דעם פערדל. וויפל נודיסטן־קאָלאָניעס איך האָב שוין געזען, זענען זיי געווען פון ביידע געשלעכטער און פון אַלע עלטער, און דאָ זע איך וואָס אַ מינוט אַלץ דייטלעכער, אַלע אין דעם בליענדיקסטן עלטער, אין דער בליאונגס־צייט. אפשר נאַרט מיך מיין שפּאַקטיוו? — טראַכט איך און גיב דערוויל ווידער אַ שמיץ מיין פערדל וואָס לויפט די פיס צו צעברעכן — מן הסתם זענען די מענער, פּונקט ווי די עלטערע פּרויען, פאַרנומען ערגעץ ווו אין וועלדל מיט צוגרייטן דאָס מיטאָג. אַז כ׳וועל אָנקומען וועל איך שוין זען, און אפשר אויך מיטעסן.

— אַך, ווי עס הונגערט מיך!...

דער וועג, איבער וועלכן איך פאָר, איז ווי אויסגעבעט מיט מאָך, בלעטער און איבערגעפּוילטע גראָזן און קאָרע. דאָס פערדל האָט נישט קיין פּאָדקאָוועס, הערן נישט די נודיסטן מיין דערנענטערן זיך. מיין האַרץ קלאַפּט דערוויל וואָס אַ רגע אַלץ שטאַרקער, אַלץ העפטיקער. די זון ברענט. איך שוויץ. פּונדעסטוועגן איז מיר פלוצלינג קאַלט געוואָרן — ווער ווייסט, צי איך האָב נישט געכאַפּט אַ שטיקעלע פּאַלודיזם (מאַלאַריע)?

— דאָס זענען ווייסע, נישט קיין אינדיאַנער, און וואָסערע וווּנדערלעכע קערפּערס!

ענדלעך בין איך שוין אין זייער סביבה. — צוויי און צוואַנציק גראַציעזע מיידלעך, צווישן 15 און 22 יאָר אַלט. זיי קאָנען זיך נישט אויסבאַהאַלטן, מחמת איך בין אָנגעקומען פּלוצלינג. זייערע מלבושים זענען געהאָנגען אויף די צווייגן פון דיביימער, און די וואָסערן פון דער קרישטאָל־קלאָרער אָזערע האָבן נישט מער ווי אַ פּופּציק צענטימעטער די טיף.

איך בין אַנטוישט און פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, מער ווי פאַר זיי. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ נודיסטן־קאָלאָניע. צום סוף זענען עס גאָר טעכטער פון רייכע „לעטניקעס״, וואָס זענען געקומען אַהער אַ שטיף צו טון, מיינענדיק אפנים, אַז קיין פרעמד אויג וועט זיי דאָ אין דעם איינזאַמען און פאַרוואָרפענעם ווינקל נישט זען.

אַ פינף מינוט צייט האָט געדויערט ביז די מיידלעך האָבן באַגריפן, אַז איך בין איינער אַליין. האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט מוט, און ווען איך האָב שוין געהאַט אויסגעקערעוועט מיין פערד און וועגעלע אַוועקצופאָרן, האָבן זיי מיך

אַרומגערינגלט, און געבעטן, כ׳זאָל אַראָפּגיין, מחמת איך זע דאָך זיי שוין סיי ווי, און עס וועט שוין נישט העלפן אפילו זייער אָנטון זיך...

בשעת מעשה איז צווישן די נודיסטקעס געוואָרן אַ שושקעריי, וואָס איך האָב ליידער נישט פאַרשטאַנען. איך האָב זיי געפּאָלגט, און בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סולקי. איינע פון די מיידלעך, אַביסל אַ דיקלעכע, מיט גלאַטע פלאַקסענע האָר און גרויע אויגן, אַלט אַ יאָר ניינצן — צוואַנציק, מיט עטוואָס צו שיטערע ברעמען, האָט ממש מיט פיעטעט זיך געגומען ביי מיר בעטן, איך זאָל איר זאָגן, צי איך בין אַן איזרעליטאַ. זי וויל וויסן, ווייל זי שעצט זייער שטאַרק יידן. אָבער איך האָב קוים באַוויזן צו זאָגן, אַז יאָ, איך בין אַ ייד, האָט זי אויף פּויליש אַ געשריי געטון:

— טאָטש יאָ זאַראַז פּאָזנאַלאַם פּאָ פּאַנסקעי טוואַזשי, זשע פּאַן יעסט זשיד!... (איך האָב גלייך דערקענט פון פּנים, אַז איר זענט אַ ייד). און אין אַ מאָמענט פון אומפּאַרזיכטיקייט האָבן עטלעכע מיידן מיך אַ כאַפּ געטון פון הינטן אַרום פאַר די פיס, מיך אומגעוואָרפן, און האָבן מיך אויסגעטון שרייענדיק:

— ראשית, טאָר נישט אַ ניכטערער זיך געפינען צווישן שכורים, און שנית, וועלן מיר באַלד זען די הערנער דיינע די טייוולאָנישע, די קלויען אויף דיינע פאַרכעוואַטע פיס, דיין דעמאָנישן עק און אַנדערע שדישע סמנים אויף דיין יידישן קערפּער... אַ חוץ דעם, האָסט געוואָלט זען נודיסטן? זיי זשע טאַקע אויך אַ נו־דיסט! מיר וועלן דיך באַלד אויסלערנען שווימען אין דער בלאָטע, פּונקט ווי אין וואַסער, ווי אַ חזיר, ווי אַ זשאַבע, ווי אַ הייפיש...

זעענדיק, אַז עס איז שלעכט, די פּוילישע אַנטיסעמיטקע האָט זיי אָנגערייצט אויף מיר, האָב איך תחילת זיי געבעטן, זיי זאָלן מיך צורו לאָזן, מחמת איך האָב געמיינט, אַז עס איז אַ נודיסטן־קאָלאָניע, אַ סימן, איך האָב גלייך געוואָלט צוריק פאָרן, ווען איך האָב איינגעזען, אַז איך האָב אַ טעות, און באַזונדערס, בין איך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן... ווען איך האָב אָבער געזען, אַז קיין רייד וועלן דאָ נישט העלפן, האָב איך געפּרוווט אויסקעמפן מיין פרייהייט...

איך האָב דערלאַנגט עטלעכע געזונטע קלעפּ, איבערהויפּט דער ציניש־ער פּוילישער אַנטיסעמיטקע, וואָס האָט געוויזן אויף מיין יידישקייט, און געשריען אויף פּויליש: „זשידאָווסקי אָבזשינעק״ (געמלעטער ייד)! דער פּאָדלער פּוילישער שיקסע האָב איך דערלאַנגט אַ העפטיקן קלאַפּ מיטן פוס אין איר שיטערן הינטן, און זי האָט געמאַכט עטלעכע קאָזעלקעס. איך האָב אָבער געקראָגן צען מאָל מער. קעגן צוויי און צוואַנציק אַטלעטישע ספּאָרט־מיידלעך, וואָס האָבן מיך צוגעהאַלטן פעסט ווו נאָר זיי האָבן געקאָנט אָנכאַפּן, האָב איך גאָרנישט געקאָנט אויפטון...

פיר פון די פעסטערע מיידלעך, אמתע אַטלעטינס, האָבן נאָכדעם ווי איך בין

שוין געווען אַ צעהרגעטער און אַן אָנגעמאַטערטער, און בלוט האָט זיך געגאָסן מיר פון נאָז און מויל, מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און פאַר די פיס, און מיך אַריינגעוואָרפן אין דער שיטערער ווייס־ליימיקער בלאָטע. פון דאָרט האָבן זיי מיך אַרויסגענומען און אַריינגעוואָרפן פונדאַסניי אין וואַרעמען וואַסער פונעם גוואַזדפאַ־טייך, איבערחזרנדיק די אָפּעראַציע אפשר צען מאָל.

די לונגען זענען מיר אָנגעפילט געוואָרן מיט שוועבל־בלאָטע און וואַסער. איך בין געווען שוין אָן כוחות, און געפילט, אַז אויב די שפּיל וועט אַזוי אָנ־האַלטן, וועלן די רחמנותפּולע, פרומע און בושהפולע קאַטוילישקעס מיך פּאַרמאַ־טערן צום טויט.

מער פון אַלעמען האָבן אַרומגעאַרבעט די פּוילישע אַנטיסעמיטקע אַנדזשאַ וועסאָלאָווסקאַ און די וונדערבאַרע צוויי שוועסטער, נעכאַלטעפּעק פון אַ יאָר צוואַנציק און כוואָמוזאַלקאַטל פון אַ יאָר ניינצן, די טעכטער פון דעם קאַציק פון אינדיאַנער געצעלטן־דאָרף. ביידע זענען געווען זייער פיין געבויטע און אייזן־שטאַרקע. איך האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען בלויז די צוויי שוועסטער און די פּוילישע זענען געקומען מיך נעמען און מאַכן מיט מיר די זעלבע שפּיל. די איבעריקע מיידלעך זענען געווען, ווייזט אויס, מיד און האָבן מיך געלאָזט אַ ווײַלע אָפּדעכען. איך האָב דער פּוילישער סאַדיסטקע דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע, אַז זי האָט געחלשט, און די צווייטע, די כוואָמוזאַלקאַטל, האָב איך אַרומגעכאַפּט, און זי אַ דריק געטון צו זיך, אַז איך האָב זי שיער נישט איבערגעבראָכן. צו דער רעשט מיידלעך, וואָס זענען געבליבן איבערראַשט, און צו איר שוועסטער נעכאַלטעפּעק, האָב איך געגעבן אַ וואָרענונג, אַז אויב זיי שווערן נישט צו מיך נישט צו באַלעסטיקן מער, וועל איך זיך לאָזן נעמען, אָבער מיטן טויטן קערפּער פון כוואָמוזאַלקאַטל צוזאַמען...

מיין סטראַטעגיע האָט געהאַט דערפאָלג:

נעכאַלטעפּעק, וואָס איז געווען די אָנפירערין פון די שטיפעריגס, האָט גע־הייסן אַלעמען שווערן און זי האָט אויך געשוווירן מער מיך נישט צו טשעפּען. איך האָב דאַן פריי געלאָזן די כוואָמוזאַלקאַטל, וועלכע האָט אַ דאַנקבאַרע און אונטערטעניקע מיך דערנאָך אַרומגעוואַשן.

אַלע אָנגעטוענע, האָב איך יעדער פון די מיידלעך, אַ חוץ דער פּוילישער כלבטע, מכבד געווען מיט גלעזלעך וויסקי און האַבאַנאַ־ציגאַרן, און יעדער איינער געגעבן אַ מתנהלע אַ גלעזערן שנורל־פּערל. נאָכדעם האָב איך די מיידלעך דער־קלערט די סיבות פון דער רכילות, וואָס די פּאָליאַטשקע האָט אויף מיר געמאַכט. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער שנאת חינם פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן צום יידישן פאָלק, און אַז זייער שנאה איז געווענדט נישט נאָר קעגן יידן. זיי זענען נישט בלויז אַנטיסעמיטן, נאָר זיי זענען „אַנטיס" קעגן אַלע מענטשן, וואָס

זענען דעמאָקראַטיש און פרײַ קולטורעל. זיי פאַרפאָלגן אויך די אינדיאַנער און אַלע אונטערדריקטע מענטשן און פעלקער, וועלכע זיי וואָלטן דערטרונקען אין בלוט, כדי צו קאָנען זיי באַראַבעווען. איך האָב די מיידלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ מין קסענאָפאָביע, און אַז די אַנטיסעמיטן זענען שונאים פון דער מענטשהייט.

נאָך דעם דאָזיקן „ספּיטש“ מײַנעם זענען אַלע מיידלעך, אויסער דער פּאָליאַטשקע, וואָס איז נאָך דעם זעלבן טאָג אַוועק קיין סאַנטאַ אַנאַ, געוואָרן מיט מיר חבר, און האָבן זיך מיט מיר געצאַצקעט ווי 21 שוועסטער מיט איין ברודערל. זיי האָבן מיך געצערטלט ממש די גאַנצע צוויי וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דאָרף גוּאַזאַפּאַ, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון ווולקאַן און טײַך מיט דעם זעלבן נאָמען.

איך האָב זיי צוגעזאָגט קיינעם נישט אויסצוזאָגן דעם טראַגי־קאָמישן עפּיזאָד, און אויך זיי האָבן מיר די זעלבע שבועה געגעבן. באַזונדער האָב איך מיך אַליין געשווירן ביי באָרד און פּאות קיינמאָל מער נישט צוצוגיין איינער אַליין צו צוויי און צוואַנציק אַטלעטינס, וואָס פּראַקטיצירן נודיזם.

***

נאָכן קומען צו זיך אין דער לייוונטענער פּאַלאַטקע פון כּוּאַמוּזאַלקאַטל און נעכאַלטעפּעק האָב איך ווידער אָנגעגורט מײַנע לענדן, און זיך ווידער געלאָזט פאַרזעצן מײַן רייזע אויף מײַן סולקי קיין סאַן סאַלוואַדאָר, די הויפּטשטאָט פון על סאַלוואַדאָר.

אמת, אַז ביי מיר איז די רעפּובליק על סאַלוואַדאָר דאָס שענסטע און געשמאַקפולסטע פון צענטראַל־אַמעריקע. אָבער די מוזע פון שיינקייט קאָן בלויז דעם בענקנדיקן פּאָעט באַהויכן, אָבער נישט דעם קאַלטן וואַנדערער, וואָס באַאָבאַכטעט אַלץ מיט אַ מאַטעמאַטישן אויג. ווען איך בין געקומען אין דער סביבה פון אַקטיוון ווולקאַן איזאַלקאָ, האָב איך פלוצלינג דערפילט זייער אַ נישט־אָנגענעמען ריח. אַ ריח ווי פון סאַזשע, פאַרברענטע שמאַטעס, אָדער פון נאַרוואָס אָפּגעלאָשענע שטיין־קוילן. וואָס נענטער איך בין צוגעקומען צום ווולקאַן, אַלץ שטאַרקער און שניידנדיקער איז געוואָרן דער ריח און דער טשאַד, וואָס ווערט אַזוי ווי אַ טכוירן־געשטאַנק, ווען מען קומט צו גאָר נאָענט צו אים. פאַרן וואַנדערערס אויג אַנטפּלעקט זיך אַן אימפּאָזאַנטער טויטער פּייזאַזש. די וואונדער־שיינע, סאַמעט־גרינע סאַלוואַדאָרער פעלדער, וועלדער, סעדער און בלומען־טאָלן פאַרשווינדן, און פאַרן פאַרשערס אויג באַווייזט זיך ווידער אַ טויטער מדבר! עס ווערט קאַלעמוטנע פאַרן אויג און געדאַנק. אַ שוואַרצער קאָשמאַר האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך האָב דערזען די שוואַרצע, לעכערדיקע שטיינער, וואָס באַדעקן

אַ שטח פון אַ סך קילאָמעטערס. אין דער מיט פון דער וויסטע שטייט זיך דער שרעקלעכער איזאַלקאָ מיט זיין אָפענעם ריזיקן פּיסק, רויכערט פלעגמאַטיש זיין טייוולאָנישע ליולקע און וואַרט נאָר אויף דער גינסטיקער מינוט, ווען דער מלאך המות וועט אים אַ באַפעל טון: „עפן דיין פייערדיקן פּיסק, שפּיי מיט פייער און צעלאָזענער לאַווע!" — און ער וועט כהרף עין פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע מאַכן אַ הויפן אַש, און איבערלאָזן בלויז לעכערדיקע שטיינער...

אין טויזנט ניין הונדערט פופצן איז די לעצטע קאַטאַסטראָפע געשען:

דעם נאָמען סאַן סאַלוואַדאָר (הייליקער דערלייזער) האָט די סאַלוואַדאָרער הויפּטשטאָט באַקומען פון איר גרינדער, כאָרכע דע אַלוואַראַדאָ, דעם ברודער פון גרויזאַמען דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, וועלכער האָט דעראָבערט כמעט גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע פאַרן שפּאַנישן קעניג, און די גרינדונג פון דער שטאָט איז פונקט אויסגעפאַלן אין טאָג פון קאַטוילישן „הייליקן דערלייזער".

אַרום דער שטאָט סאַן סאַלוואַדאָר צעשפּרייטן זיך בליענדיקע פאַרמס, גערט־נער, סעדער מיט די פאַרשידנסטע פרוכטן, תבואות, געמיזן און אַלע פלאַנטאַציעס פון דעם טראָפּיק. וואָס נעענטער צו דער הויפּטשטאָט, ווערט דער מענטשלעכער בינשטאָק אַלץ געדיכטער, אינטענסיווער און אַקטיווער.

בלויז די שרעקלעכע געשטאַלטן פון די דריי ווולקאַנען מיט זייערע שוואַרצע קראַטערס, ווי ריזיקע פּיסקעס־לעכער און גוואַלדיק־גרויסע שאַרבנס פון עפּעס אַ שרעקלעכער בייזער חיה, מאַכן דעם תמימותדיקן באַאָבאַכטער מחשבותן וועגן דעם „זיין אָדער נישט זיין", וועגן לעבעדיקע וואָס לעבן לגמרי נישט, און וועגן דאָס „טויטע", וואָס לעבט גראַדע יאָ...

לויט די דאַטן, וואָס דער וויסנשאַפטלער פּעדראָ ס. פאָנסעקאָ האָט מיר איי־בערגעגעבן, פילן זיך די ערדציטערנישן אינגאַנצן לאַנד צוליב דעם געאָלאָגישן צוזאַמענשטעל פון דער סאַלוואַדאָרער ערד, אָבער אין קיין שום געגנט פון דער רעפּובליק פילן זיי זיך נישט אַזוי שטאַרק, ווי אין דעם וווּנדער־שיינעם טאָל קוסקאַטלאַן, וואָס אין דער אַצטעקישער שפּראַך באַדייט עס „האַלדז־באַנד". און אָט דער זייער שיינער און פרוכטבאַרער טאָל האָט, דאַכט זיך, געקראָגן די אומגליק־לעכע פּריווילעגיע צו ליידן די גרעסטע און שוידערלעכסטע ערדציטערנישן. אין דעם טאָל קוסקאַטלאַן, וואָס געפינט זיך זעקס הונדערט זיבן און פופציק מעטער איבערן ים־ניוואָ, שטייט די קליינע אָבער זעלטן שיינע שטאָט סאַן סאַלוואַדאָר, וואָס איז די הויפּטשטאָט פון דער פּראָגרעסיווער רעפּובליק — על סאַלוואַדאָר. צוליב די אָפטע ערדציטערנישן טאַקע האָבן די קיטשעס דעם טאָל אַ נאָמען געגעבן — דער "הוידלקע־טאָל"...

די פיל־געשטראָפטע שטאָט — דערציילט דאָן פּעדראָ ס. פאָנסעקאָ — האָט געליטן פון די שוידערלעכסטע ערד־טרייסלונגען: אָט ווערן געציילט די דאַטעס

פון די הויפּט־ציטערנישן, בלויז זינט די שפּאַניער האָבן דעראָבערט דאָס לאַנד: אין די יאָרן 1575, 1593, 1625, 1656, 1798, 1854, 1873 און 1915. אָבער קיין איינע פון די אויסגערעכנטע קאָן זיך נישט פאַרגלייכן, לויט דער צאָל טויטע און פאַרוואונדעטע, צו דער, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16טן אַפּריל פון יאָר 1854, צוויי דעם זייגער פאַרטאָג פונעם „הייליקן פרייטיק״:

אין דער אָנגעוויזענער צייט האָבן זיך פּלוצלינג דערהערט עטלעכע אונ־טערערדישע דונערן, אַזוי ווי אַן אַרטילעריע־באָמבאַרדירונג. נאָכדעם איז פּלוצ־לינג שטיל געוואָרן, און ווען קיינער האָט זיך שוין אויף גאָרנישט נישט גערירכט, איז פּלוצלינג געוואָרן אַן ערד־צעטרייסלונג, און אין וויניציקער פון צען סעקונדן איז די גאַנצע שטאָט איינגעוואַלגערט געוואָרן מיט הונדערטער טויטע און פאַר־וואונדעטע.

אָבער ווי שרעקלעך די ערד־ציטערניש פון יאָר 1854 איז געווען, איז זי אָבער אַבסאָלוט נישט צו פאַרגלייכן מיט דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געשען דעם 19טן מערץ פון יאָר 1873.

דריי אַזייגער פאַרטאָג איז די סאַלוואַדאָרער באַפעלקערונג איבערראַשט גע־וואָרן פון אַ העפטיקן ערד־ציטער, אָבער, צום גליק, מיט וויניציק איינגעוואַלגער־טע הייזער און וויניציק פערזענלעכע אומגליקן. דאָס איז געשען, מחמת די באַ־פעלקערונג, שוין אַ געפּרוווטע, איבערגעשראָקענע און פאַרזיכטיקע, איז אַרויס פון די הייזער און מיטגענומען מיט זיך דאָס נויטיקסטע און טייערסטע, ווי אויך די בעלי־חי, און זיך צעשפּרייט אין די ברייטערע גאַסן, שפּאַציר־פּלעצער און אויף די פעלדער אַרום דער שטאָט. צען מינוט נאָך דער ערשטער קאָנוולסיע האָט זיך דערהערט אין די טיפענישן פון דער ערד אַ שרעקלעכער זאַלפּ ווי פון שווערע „בערטעס״, און באַלד נאָכדעם אַ מוראדיק קראַכן, ווי פון מיליאָנען אייזערנע וועגענער וואָלטן מיטאַמאָל זיך גענומען שיטן ריזיקע שטיינער אויף שטאָלענע פּלאַטן, אָדער ווי מיליאָנען ביימער וואָלטן מיטאַמאָל זיך גענומען ברעכן, באַלד האָט זיך דערפילט אַ שוידערלעכער ערד־טרייסל, וואָס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן, און נאָך אַ קליינער הפסקה עטלעכע אַנדערע טרייסלונ־גען, באַגלייט פון אַ שרעקלעך געקלאַפּעריי, געפּילדער און טראַסקעריי, ווי מיליאָ־נען פורן מיט בלעך און שטאָבעס אייזן וואָלטן גאַלאָפּ געלאָפן אויף אַ ברוק פון רויע, קיילעכדיקע שטיינער.

די ערד האָט זיך געהויבן און צוריק אַראָפּגעלאָזט אַזוי ווי אַ בלאָז־זאַק. די לופט, דער גאַנצער חלל, איז מאָמענטאַל אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ שרעקלעך געדיכטן און שטיקנדיקן שטויב, אַז עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו זען וואָס עס טוט זיך. אין אייניקע ערטער זענען אויסגעבראָכן שרעקלעכע שריפות. עס האָט אויסגעזען, ווי אין שטאָט וואָלטן זיך געעפנט קראַטערס, וואָס שפּייען מיט פייער.

דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן פון געשעפטן, וואָס האָבן געהאַט דעפּאָזיטן פון קעראָסין, בענזין און אַנדערע צינד־שטאָפן.

ערשט אינדערפרי, ווען אַלץ איז שטיל געוואָרן, אויך דער בייזער וואַליטשע (טייוול) פון דעם ווולקאַן קעזאַלטעפּעקע, משמעות אַ צופרידענער פון זיין שטיקל אָפּגעטוענער אַרבעט, האָט זיך אויך איינגעשטילט, דער שטויב האָט זיך הכנעהדיק און האַניק־זיס אַראָפּגעזעצט איבער די חורבות, האָבן די היימלאָזע ערשט דער־זען זייער שרעקלעכן בראַך און דעם אומגליק פון זייער שיינער הויפּטשטאָט. קיין איינציק הויז אין שטאָט און אין אומגעגנט איז נישט געבליבן גאַנץ. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג מיט ברוכשטיקער, שטיינער, זאַמד און אַש, מחמת, וואָס דער ערד־ציטער האָט נישט צעשטערט, האָט פאַרצערט דאָס פייער...

איין טרייסט איז געבליבן נאָכן חורבן: די צאָל מענטשלעכע קרבנות איז, נישט געקוקט אויף דעם פאַרנעם פון דער קאַטאַסטראָפע, נישט געווען קיין גרויסע. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל דער ערשטער „נישט געלונגענער ציטער" איז געווען ווי אַ סיגנאַל און אַ וואָרענונג: „זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קאָן"!

די ערשטע האָבן זיך טאַקע געראַטעוועט די שטוביקע חיות און עופות, וואָס זענען געווען אויף דער פריי. מיט גרויליקע געשרייען זענען זיי אַנטלאָפן אין פרייען פעלד אַריין. די וואָס זענען געווען אין פאַרמאַכטע שטאַלן, אָדער שטייגן, האָבן זיך אַזוי צערעוועט, אַז האָר און נעגל האָבן זיך אויפגעשטעלט. דאָס שרעקלעכע הירזשען, כאָרכלען, האַוקען און וואַיען, קוואַקען פון העגער אָנשטאָט קרייען, האָט געעפנט ביי די מענטשן זייערע אַטראָפירטע פאַרגעפילן, מחמת דער מענטש, וואָס הרגעט מער ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישן צוזאַמענגענומען, איז אין פרט פון פאַרגעפיל די נאַרישסטע בהמה פון אַלע בהמות און חיות אין דער וועלט. האָבן זיך די מענטשן געראַטעוועט ווער עס האָט נאָר געקאָנט, און האָבן נאָכגעפאָלגט די בהמות און חיות...

— איך פאַרשטיי נישט די מאָראַל פון אייערע ווייסע — האָט מיר געזאָגט אַן אינדיאַנישער נאַטוראַליסט — איר לערנט רק יענעם, ער זאָל קיין שלעכטס נישט טון, און אַליין טוט איר אַלדאָס בייז. איר, ווייסע, האַלט אייך פאַר די בעסטע וואָס גאָט האָט באַשאַפן, און זיין זענט איר דאָס ערגסטע. איר האַלט, אַז קיין קליגערער פון אייך זענען נישטאָ. און אין אַן עת צרה מוזט איר זיך צוהערן אפילו צו אַ נאַרישן חזיר, און איר מוזט אים נאָכלויפן, און זיך באַהאַלטן פאַרן טויט, וואָס לויערט אויף אייך, ווייל דער חזיר האָט מיט זיין אינסטינקט אייך געוואָרנט וועגן דער טויט־געפאַר, וואָס עס האָט געלויערט...

— יאָ, יאָ, דער ווייסער מענטש איז דאָס ערגסטע. יעדע חיה נעמט און גיט, און דער ווייסער נעמט בלויז, אָבער ער גיט גאָרנישט. דער חזיר איז מענטש־לעכער פונעם ווייסן מענטש...

אין דער סביבה פון האַרציקע יידן

מיטאָג־צייט קומט אַריין די באַן אין דער סאַן סאַלוואַדאָרער סטאַנציע, אין דער הויפּטשטאָט פון על סאַלוואַדאָר.

די באַן־סטאַנציע איז אין פאַרגלייך מיט דער שטאָט גרויס און רחבותדיק. פון דער סטאַנציע ציט זיך אַן אַספאַלטירטער בולוואַר, אַ פערציק מעטער די ברייט, און פוןביידע זייטן בולוואַר ביז אין שטאָט אַריין ציט זיך אַ רייביימער, פלאַנצן און אייביקע בלומען־קוויטן.

דער געטומל און פאַרקער איז ווי פון אַ גרויסער וועלט־שטאָט. סאַן סאַלוואַדאָר האָט צו יענער צייט געציילט אַן ערך 95 טויזנט נפשות. די שטאָט פאַרמאָגט זעלטן־שיינע שפּאַציר־פּלעצער, געדיכטע און פיין־באַפלאַנצטע פאַרקן און גערטנער. צווישן די פאַרקן איז ווערט צו דערמאָנען דעם באָליוואַר־פאַרק, באַריאָס פאַרק, פאַרק דע לאס דועניאס, אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, ווו עס געפינען זיך די רייכע פּאַלאַצן און קירכעס. דאָס ווייסע הויז, די ראָזאַריאָ־קירכע און די אַלטע קאַטעדראַל, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע ערדציטערנישן. גאָר נאָענט געפינט זיך דער באָליוואַר־פאַרק, לעבן וועלכן עס שטייט די נייע ריזיקע קאַטעדראַל און דער נאַציאָנאַלער פּאַלאַץ מיט אַ פּראָנט פון גאַנצע הונדערט מעטער מיט מערמלנע טרעפּ און קאָלומנעס פון פיינסטן גראַניט. ביי דער זייט פון דעם פּאַלאַץ שטייט דער אַלטער אוניווערזיטעט און די פּאָסט־צענטראַלע. אין עכטן צענטער געפינען זיך אויך די גאָר גרויסע געשעפטן און דער צענטראַלער מאַרק, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן קוואַרטאַל, פול אַרום מיט געוועלבער. אַ סך געשעפטלייט זענען כינעזער און אַראַבער, וואָס ווערן דאָרט גערופן „טערקן".

פון דער צווייטער זייט פון באָליוואַר־פאַרק האָבן די „סמעטענע"־לייט זיך אויפגעשטעלט זייערע הייזער, מערסטנס, פון צוויי שטאָק, און צווישן די הייזער, שטייט די מערב־באַנק, די הויפּט־באַנק פון גאַנץ סאַלוואַדאָר.

באַלד דערביי געפינט זיך דער מאָפּאַסאַן־באַנק מיט אַ ריזיקן מאָנומענט פאַר דעם העלד מיטן זעלבן נאָמען. די אַוועניִדאַ אינדעפּענדענסיאַ (אומאָפּהענגיקייט) איז אַ זעלטן־שיינע, פול מיט ביימער, קוסטעס און בלומען. די שטאָט

פּאַרמאָגט אויך אַ פֿיינעם באָטאַנישן גאָרטן און אויך אַ זאָאָלאָגישן. די גאַסן זע־נען כמעט אַלע אַספּאַלטירטע, און די וועלכע זענען נאָך נישט אַספּאַלטירט, וועלן עס באַלד זיין. איך האָב דאָרט געזען טויזנטער מענטשן אַרבעטנדיק מיט די מאָדערנסטע גרױב־פּלאַניר און אַספּאַלט־מאַשינען. עס ווערן אַספּאַלטירט די רעשט גאַסן ביז וויט־אַרויס פון שטאָט, און זיי וועלן באַהעפט ווערן מיט די געפּלאַסטערטע וועגן און שאָסייען וואָס פירן צו די שטעט און שטעטלעך פון דער גאַנצער רעפּובליק. אַ קליינע שטאָט איז סאַן סאַלוואַדאָר, אַ „זיבעלע" וואָלט איך געזאָגט, זי איז אָבער אַזוי סימפּאַטיש, טאַקע ווי אַ שיין און געראָטן זיבע־לע... אפילו די טורמע איז אַ שיינע געביידע, אַרומגעזעצט מיטביימער, איבער־הויפּט פּאַלמען־ביימער. דער צענטראַל־אַמעריקאַנער קלוב האָט זיכער אַ שע־נערע געביידע... און געפינט זיך בלויז עטלעכע קוואַרטאַלן ווייטער פון דער שיינער געפּענקעניש...

די שטאָט פּאַרמאָגט אויך אַ ריזיקן שפּיטאָל, וואָס הייסט ראָסאַלעס, און ער פֿאַרנעמט אַ שטח פון 16.569 קוו׳ מעטער, און ער פּאַרמאָגט די מאָדערנסטע איינריכטונגען. איך וואָלט דאָ געוואָלט דערמאָנען דעם סאַלוואַדאָרער פילאַנטראָפּ, דאָן כאָסע ראָסאַלעס, וועלכער האָט אַוועקגעשאָנקען אַ העלפט פון זיין פּאַרמעגן, אַ האַלבן מיליאָן פּעזאָס (אונדזערע מיליאָנערן וואָלטן זיך געמעגט אָראָפּנעמען אַ ביישפּיל). מיר, יידן, האָבן דאָך נישט קיין אַנדערע קוועלן פאַר אונדזערע הצטרכותן ווי נאָר פֿון פּריוואַטע מענטשן, אויף צו בויען אונדזערע שולן, ביבליאָ־טעקן און שפּיטעלער...

אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו דעם הער ראָסאַלעס טראָגט דער גרוי־סער סאַלוואַדאָרער שפּיטאָל זיין נאָמען.

די טובערקולאָז־סאַנאַטאָריע, וואָס שטייט אויף אַ רחבותדיקן פּלאַץ אַביסל אַרויס פון דער שטאָט, איז אַזאַ, וואָס גרויסע שטעט וואָלטן זיך געמעגט נעמען פֿאַר אַ מוסטער.

אמת, אַז סאַלוואַדאָר האָט אַ סך קירכעס, אָבער דערפאַר האָט עס אויך זייער אַ סך וועלטלעכע שולן, גימנאַזיעס און נאָרמאַל־שולן, פּריוואַטע און רעגירונגס־שולן, אַ שטאַטלעכע ריזיקע ביבליאָטעק און אַ סך פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע.

אפילו די עלעקטרישע טראַמווייען פון סאַלוואַדאָר זענען מיר געפעלן געוואָרן.

פּאַרנאַכט, אויף אַ שפּאַציר איבער דער אַוועניד אינדעפּענדענסיאַ, האָב איך באַמערקט אַ שילד איבער אַ טיר פון אַ מעבל־געשעפט: „דאָ ווערט געמאַכט נייע מעבל און מאַטראַצן, און עס ווערן באַנייט אַלטע מעבל, וואָס ווערן ביי אונדז ניי, מיר גייען אין די שטיבער אַריין איבערצומאַכן מאַטראַצן, זייער ביליק. אַנסעלמאָ בלאַנק און ראול באָנמאַרק".

איך באַקוק נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די שוי־פענצטער. יאָ אַריינגיין, צי נישט אַריינגיין? טאָמער אפילו אַ ייד, איז עס אפשר אַזאַ מין רעאַקציאָנער, ווי יענער וואָס איך האָב געטראָפן אין סאַנטאַ אַנאַ?... און בעת איך שטיי אַזוי און קוק דורך דער טיר אינעווייניק אַריין, קומט אַרויס אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, באַטראַכט מיך אַ ווײַלע, און גיט אַ פרעג אין אַ ווילנער יידיש:

„זענט איר נישט אַמאָל אַ ייד? איך האָב אייך געזען אין דער „האַלע", ווו איר זענט געשטאַנען פאַר אַ טויזנט־קעפּיקן עולם און געגעבן לעקציעס וועגן העפטן. זענט איר טאַקע אַ ייד, טאָ קומט אַריין, וועט איר זיך באַקענען מיט מיין מאַן און מיט דעם שותּף, מיין שוואָגער, און זיין פרוי, מיין שוועסטער".

די פרוי, אַ שיינע, באַחנטע און טונקל־הויטיקע, איז נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן אָנזאָגן די בשורה טובה, אַז איך בין אַ ייד, און דערצו נאָך אַ ייד, וואָס רעדט יידיש...

איך בין דורכגעגאַנגען דאָס געשעפט: בלויז הילצערנע מעבל, און אין הינטערגרונט — אַ סטאַק מיט וואָל, געקעמטע און נישט געקעמטע און אַ באַרג מיט „קאָלטשאָנעס" (מאַטראַצן) כמעט ביזן סופיט, שוין גרייטע צום שלאָפן. די פרוי פירט מיך אַריין אין אַ בלעכענעם „גאַלפּאָן" (סטאָדאָלע) ווו דער מאַן מיטן שותּף, און צוויי קריסטלעכע לערניינגלעך, האָבן געאַרבעט גאַנץ פלייסיק.

— אַשרי! — האָט די פרוי אינגאַנצן אַ צעשטראַלטע אַ רוף געטון איר מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ קליינער זעג־מאַשין — דאָ שטעל איך דיר פאָר דעם סעניאָר. ער איז אַ ייד און רעדט יידיש...

איר שוואָגער האָט שוין נישט געוואַרט פאַרגעשטעלט צו ווערן. ער איז אַליין צו אין געאייל און מיר דערלאַנגט זיין מאַזאָליעדיקע האַנט: שלום עליכם! פון וואַנען קומט איר, און ווי קומט איר אַהער? — האָבן ביידע גערעדט און זיך געפרייט מיט מיר.

— גיי, בתיה, אַריין אין שטוב, גרייט דעם טיש, און בעט דיין שוועסטער, זי זאָל אַריינברענגען אַביסל מאַסיטאַס (קיכעלעך); וויין איז פאַראַן, שנאַפּס אויך, וועלן מיר דעם גאַסט אויפנעמען מיט כיבוד — האָט געזאָגט אַנסעלמאָ, און מיר דערביי געזאָגט, אַז אין יידיש הייסט ער אָשר, און זיין שותּף, דער שוואָגער, הייסט אין יידיש ראובן. זיין ווייב הייסט רייזל, אין שפּאַניש־ראָסאַ. — אָט איז זי, רייזל. דאָ שטעל איך דיר פאָר אַ יידישן רייזנדער, אַ „פּראָפעסאָר" פון קונסט־שטיקערייַ — האָט אָשר אַ שיינענדיקער מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין שוועגערין, אויך אַזאַ שיינע ווי איר שוועסטער בתיה, נאָר מיט אַ צוויי יאָר יינגער און מיט פעך־שוואַרצע האָר. — זעסט, רייזל, דאַכט זיך, אַז גאָט אַליין האָט אונדז צוגעשיקט דעם מענטש, כדי דיין בענקשאַפט נאָך אַ יידיש פּנים און נאָך אַ קלאַנג פון אַ יידיש וואָרט, זאָל דיך, אי אונדז אַלעמען, אַביסל באַרויקן...

— גייט דערווייל אַריין אין שטוב, מאַכט אייך באַקוועם, מירן זיך אַרומוואַשן און איבערטון, וועלן מיר אויך זיין מיט מענטשן גלייך, און מיר וועלן באַלד אַריינקומען, פאַרבערענגען זאַלבעפינפט — האָט געזאָגט ראובן.

— עה, עה, וואָס הייסט זאַלבעפינפט? — האָט אים איבערגעשלאָגן אָשר — און מיינע צוויי „דזשעטשאַקעס“ (קינדער — אַ פּוילישער אויסדרוק), און דיין כלה־מויד פון אַכט יאָר, זענען גאָרנישט? די דריי לאָבוסעס (שטיפערס) וועלן באַלד קומען, וועלן מיר זיין אַכט פּערזאָן, און עס וועט זיין נאָך פריילעכער — האָט אָשר גערעדט אַ לייכטנדיקער מיט זיין זיסן וואַרשעווער יידיש.

פיר צימערן פאַרנעמען ביידע פאַרפעלקער. צו איין שלאָף־צימער פאַר יעדער פּאָרפאָלק מיט די קינדער, איין עס־צימער פאַר ביידע משפחות, דאָס זעלבע איין קיך פאַר ביידן און איין אויפנאַם־צימער אויך פאַר ביידן.

אַ נישקשהדיקע ביבליאָטעק פון הונדערט און פופציק בענד: יידישע, אַ חוץ פּוילישע, רוסישע און שפּאַנישע ביכער.

איך קוק איבער די ביכער, און זע: י. ל. פּרץ, פּ. הירשביין, ש. אַש, שלום עליכם, א. רייזין, גרעצס געשיכטע, ח. נ. ביאַליק, מענדעלע, בעל מחשבות, נאָמבערג, מ. ראָזענפעלד א״אַ. איך זע גאָרקין, טאָלסטאָיען, אַנדרייעוון, אַנטאָן טשעכאָוו, מערעזשקאָווסקין, גאָגאָלן, מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַן, פּזשיבישעווסקין, מאַרקס „קאַפּיטאַל“ א״אַ.

איך בין צופרידן!...

הייסט עס, אַז איך בין נישט נאָר ביי האַרציקע יידן, נאָר אויך דערצו קולטורעלע מענטשן.

נאָכן נאַכטעסן, האָט די אַכט־יעריקע מויד חנהלע, ראובנס טאָכטער, זיך אַוועקגעזעצט מיט איר מומען ביי דער פּיאַנאָ, און זיי האָבן געשפּילט יידישע און שפּאַנישע גרינגערע זאַכן. שפּעטער האָט רייזעלע דעקלאַמירט דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע און אַנדערע קינדערשע זאַכעלעך.

— איר ווייסט, פריינט פּאַרישעווסקי, אַז כאָטש מיר געפינען זיך אַזוי ווייט פון אַ יידישן קולטורעלן צענטער, ווייסן מיר ווער איר זענט... אָט וועל איך אייך ווייזן — רייזל, זוך מיר נאָר אָפּ „די פּרעסע“ וואָס דיין ברודער פון בוענאָס איירעס האָט דיר צוגעשיקט, מיט אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע איבער באָליוויע, פּערו, פּאַנאַמאַ־קאַנאַל און אינדזלען סאַן בלאַס — האָט אָשר זיך געווענדט צו זיין שיינער און אינטעליגענטער שוועגערין — און איר, פריינט מאַרקוס, ווייסט איר, אַז אַלע אייערע אַרטיקלען, וואָס איר דרוקט אין דער בוענאָס איירעסער פּרעסע, ווערן איבערגעדרוקט אין נאָרד־אַמעריקע? — און ער האָט מיר געוויזן, די פּרעסע, דעם פאָרווערטס, פרייהייט, צוקונפט און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן.

— אָבער, פריינט מיינע, פון וואַנען קענען אייערע דריי קינדערלעך אַזוי פיין רעדן, שרייבן און לייענען יידיש?...

— וואָס חדושט איר זיך אַזוי? איר האָט געהערט בלויז חנהלען, באַלד וועט איר הערן מיינע צוויי קינדער, אברהמעלע פון צוועלף יאָר און רבקהלע פון צען יאָר!... מיר זענען דאָך יידן,ביידע זענען מיר פוילישע, און אונדזערע ווייבער זענען ליטוואַטשקעס, ווילנער, און אַז טאַטע־מאַמע ווילן, איבערהויפּט, אַז די מאַמע וויל, וואַקסן די קינדער אויס הייסע, איבערגעגעבענע יידן.

— די סביבה, די גאַס איז דאָך אָבער אַ נישט־יידישע — האָב איך ווידער געזאָגט — און איך זע דאָך, ווי קינדער פון יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן און לערער, קענען נישט רעדן קיין יידיש, און איך קען טויזנטער יידישע קינדער, וואָס נישט נאָר זיי קענען נישט רעדן קיין יידיש, נאָר זיי פאַרשטייען אפילו נישט דאָס מתיקותדיקע יידישע לשון, אפילו ווען זיי וווינען אין געדיכט־באַוווינטע יידישע קוואַרטאַלן...

— הום, פריינט מאַרקוס, איר זענט אַ שרייבער, און אויב איך האָב קיין טעות נישט, אויך אַ געלערנטער מענטש, און פונדעסטוועגן, פאַרמישט איר די יוצרות פון סביבה און גאַס, און די ביידע פונדאַמענטן, דעם נעגאַטיוון מיטן פּאָזיטיוון, מאַכט איר פאַר איינס און דאָס זעלבע. איך פאַרשטיי אַנדערש: די סביבה האָבן מיינע קינדער, און מיין שוועסטערס קינד, נאָר אַ יידישע, און די גאַס איז אַ נישט־יידישע. זיגט טאַקע די יידישע סביבה פון שטוב איבער דער נישט־יידישער פון גאַס. איך און מיין שוועסטער זענען ווילנער געבוירענע, און מיר האָבן זיך דערצויגן ביז צו די זיבעצן־אַכצן יאָר אין אַ דאָרף, ווו מיר זענען געווען די איינציקע יידן. דאָך זענען מיר טרייע יידישע טעכטער, און מיר קענען גוט רעדן יידיש, און קענען געגנוי די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, כאָטש מיר זענען קיינמאָל נישט געגאַנגען אין קיין יידישער שול. און אונדזער בילדונג האָבן מיר אויך געקראָגן פון גוים, ווייל מיר האָבן געוווינט ווייט פון אַ יידישן צענטער. אָבער מיר זענען געבליבן צוגעבונדן צום יידישן לשון אַ דאַנק אונדזערע עלטערן, וואָס האָבן מיט אונדז גערעדט יידיש אין גאַס, אין שטוב, און ווו נאָר מיר זענען מיט זיי געווען צוזאַמען.

— פאַרשטייט זיך, אַז אויב די מאַמע רעדט אפילו יאָ צום קינד יידיש, אָבער זי דערלויבט דעם קינד ער זאָל איר ענטפערן אין אַ צווייטער שפּראַך, וועט דאָס קינד נישט קענען קיין יידיש אפילו אין אַ שטאָט, ווו עס געפינען זיך הונדערטער טויזנטער יידן. דאָס קינד קריגט אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס לגבי יידיש, און מיט דער צייט קאָן עס נאָך ווערן אַן אַסימילאַטאָר, און פון אַסימילאַציע ביז אַנטיסעמיטיזם איז שוין גאָרנישט ווייט... — האָט בתיה מיך פיין אָפּגעשמיסן.

— יאַ, יאַ, אַזוי איז עס, מיין שוועסטער איז גערעכט — האָט זיך אָנגערופן רייזל — דאָ זענען מיר דערווייל די איינציקע יידן, נאָר מיר שעמען זיך נישט פאַר קיינעם אויסצוזאָגן, אַז מיר זענען עס. און אין אונדזערע קינדער פאַרפלאַנצן מיר די יידישע קולטור, מיר זענען מאַמעס, לערערינס און דערציערינס פון אונדזערע קינדער, פּונקט ווי דאָס זענען פאַר אונדז געווען אונדזערע טאַטע־מאַמע, זאָלן לעבן און געזונט זיין. פאַרשטייט זיך, אַז ווען דאָ זאָלן זיין אַ סך יידישע קינדערלעך, וואָלט אַ סך בעסער געווען, עס וואָלט געוויס געווען אַ שול, אַ „ביג־שטאָק" פאַר די קינדער, אָבער דערווייל שפּילן זיך אונדזערע קינדער בלויז צווישן זיך, דאָ אויפן הויף, צי אין שטוב, און מיר פּאַסן אויף זיי אויף, אַז זיי זאָלן רעדן צווישן זיך יידיש: זיי האָבן גענוג שפּאַניש אין דער שפּאַנישער שול און אויפן שול־הויף און אין גאַס...

— איך בין אַנטציקט פון אייך, הייליקע יידישע מאַמעס, הלוואי זאָלן אַלע יידישע מאַמעס נעמען פון אייך אַ ביישפּיל, וועט אונדזער פאָלק לעבן ביז אין דער אייביקייט אַריין — האָב איך אַ באַגייסטערטער געדריקט די הענט די צוויי טייערע יידישע טעכטער.

די צוויי שוואָגערס, בלאַנק און באַנמאַרק, זענען טשעכאָסלאָוואַקער, ביידע זע־נען סטאַליאַרעס נאָך פון פּוילן, פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן צוליב פּאָליטישע זינד, און זיי זענען מיט דער שיף „קאַפּ ווילאַנאָ" געקומען אין 1908 קיין אַרגענ־טינע. דאָרט האָבן זיי באַלד געקראָגן אַרבעט ביי איינעם אַן איטאַליענער, וואָס האָט זיי געצאָלט דריי פּעזעס אַ טאָג פאַר צוועלף שעה אַרבעט, און פאַר אויי־בערשטונדן האָט ער זיי געצאָלט 50 סענט אַ שעה. דערווייל האָבן זיי זיך באַ־קאַנט מיט אַ קוענטעניק און מעבל־סוחר, און ער האָט זיי געמאַכט פאַר „קלאַ־פּערס" (פּעדלערס). ער האָט זיי פאַרשטעלט פאַר ענגלישע מאַטראַזן, זיי אָנגעטון סוועטערס, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעשריבן מיט רויטע בוכשטאַבן די ראשי־תבות: ר.מ.ס.פּ.ק., וואָס וויל זאָגן — ראָיאַל מעל סטים פּאַקעט קאָמפּאַני... ער האָט זיי געגעבן אַ זאַק סחורה אויף די פּלייצעס, און הידא פאַרקויפן „ענגלישן שטאָף" אויסגעאַרבעט אין די אַרגענטינער פאַבריקן פון באַראָלאָ און קאַמפּאָמאַר...

אין דעם „פאַך" האָבן זיי אָפּגעאַרבעט אַ קנאַפּ יאָר און אָפּגעשפּאָרט עטלעכע טויזנט פּעזעס. פאַר דער צייט האָבן זיי זיך באַקאַנט מיט די ביידע שוועסטערלעך, און האָבן מיט זיי חתונה געהאַט.

נאָך ראַדאָוויצקיס אַטענטאַט, איז געקומען פּאָליציי, זיי אַרעסטירט און אַרויס־געשיקט פון לאַנד, כאָטש זיי האָבן ראַדאָוויצקין אפילו קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען... אַזוי איז שוין די פּאָליצייאישע עטיק: ווען איין מענטש טוט עפּעס אָפּ קעגן געזעץ, ווערן באַשטראָפט, אָפטמאָל טויזנטער אומשולדיקע — האָט אָשר געזאָגט.

צוריק פאָרן קיין פוילן האָט דאָך נישט געקאָנט געמאָלט זיין: זיי האָבן געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט זיך אָבער געמאַכט אַ גליקלעכער צופאַל, אַז אין מאָנטעווידעאָ, וווהין זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן, האָבן זיי אין דעם האָטעל, וווּ זיי זענען איינגעשטאַנען, זיך באַקאַנט מיטן קאָנסול פון על סאַלוואַדאָר, אַ האַרציקער מענטש, וועלכער האָט זיי צוגערעדט צו פאָרן אין זיין לאַנד אַריין און ער, דער טייערער מענטש, זאָל לעבן הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, האָט זיי געמאַכט אַלע פאַרלייכטערונגען, און אפילו מיט געלט זיי אַרויסגעהאָלפן, און דעם 12טן מערץ פון יאָר 1910 זענען זיי אָנגעקומען קיין סאַן סאַלוואַדאָר, וווּ זיי געפינען זיך ביז היינט.

— דאָס לאַנד פּראָגרעסירט, דאָס פאָלק, כאָטש קאַטויליש־פרום, איז אָבער זייער פּראָגרעסיוו, און זיי האָפן, אַז עס וועט נאָך קומען אַ גרויסער שטראָם יידן קיין סאַן סאַלוואַדאָר, און זיי וועלן דאָן זיך נישט פילן אַזוי עלנט, כאָטש גייסטיק זענען זיי פאַרבונדן מיט אַלע יידישע קולטור־צענטערן פון אייראָפּע, אַמעריקע און אפילו ארץ־ישראל...

— און וואָס דענקט איר וועגן היינטיקן רוסלאַנד? — האָב איך זיי אַ פרעג געטון, שוין אַזייגער צוויי נאָך האַלבער נאַכט, ווען איך האָב מיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט צו גיין אין מיין האָטעל אַריין.

— וואָס הייסט, וואָס מיר דענקען? — האָבן אַלע פיר אויף אַמאָל מיך געפרעגט דערשטוינטע. — מיר דענקען, אַז די רעוואָלוציע האָט נאָך באַדאַרפט קומען מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, צוגלייך מיט דער פראַנצויזישער, צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע פון דער ליכטיקער אַרגענטינע, וואָס האָט אַזוי בראַוו געקעמפט אַראָפּצוואַרפן צוויי יאָכן מיטאַמאָל: דעם שפּאַנישן און ענגלישן. אפשר וואָלט די גאַנצע מענטשהייט איצט אַנדערש אויסגעזען...

— און וואָס דענקט איר וועגן „דזשאָן בול"? וועט ער דערפילן זיין צוזאָג צו דעם יידישן פאָלק?

— ענגלאַנד האָט נאָך קיינעם גאָרנישט געגעבן, ענגלאַנד האָט בלויז גענומען... ארץ־ישראל איז געווען יידיש לאַנד, און וועט ווידער זיין יידיש לאַנד! די יידן מוזן נעמען אַ ביישפּיל פון אַרגענטינעס גרויסע לייט: נישט מיט קיין פּראָטעסטן, נישט מיט קיין תחנונים, נאָר מיט עשוס ידים: אַרויסטרייבן די ענגלענדער, אַזוי ווי די מכבייער האָבן אַרויסגעטריבן אַנטיוכוסן...

***

די פרייע ליבע איז צו יענער צייט, פּונקט ווי אין דעם הייסן פּאַראַגווייַ, געווען זייער פאַרשפּרייט אין דעם טראָפּיקאַלן לאַנד. די צו גרויסע פאָדערונגען פון דער מאָדערנער פרוי, די קליינע צאָל מענלעכע יונגוואַרג צוליב די אָפטע

רעוואָלוציעס, בונטן און מלחמות, די פאַרצווייפלטע אָרעמקייט פון די האָרע־פּאַשנע מאַסן און די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פאַרהייראַטע מענער לגבי אַ נאָרמאַלן פאַמיליען־לעבן, האָט גורם געווען, אַז עס זאָל געבוירן ווערן אַ סך אומגעזעצלעכע קינדער.

פאַרשטייט זיך, אַז געוויסנלאָזע דאָן זשואַנס, סוביעקטן, וואָס לעבן אויפן ראַנד פון געזעץ, נוצן אויס דעם ברענענדיקן טעמפּעראַמענט פון דער רייצנדי־קער און לעבנספולער סאַלוואַדאָרער פרוי, וועלכע ווערט נאָך פריצייטיק רייף. אויך נישט געוויסנהאַפטע בורזשויען, וואָס פאַרמאָגן געשוואָלענע בייטלען מיט דאָלאַרן, פּאָליטישע פּאָזיציעס, בלישטשענדיקע קנעפּ און באַגילדעטע עפּאָלעטן, פאַרפירן די נאַאיווע אַרבעטער־מיידלעך, און פלאַדיען אַן גאַנצע טוצן קינדערלעך... די קינדער ווערן דערצויגן דורך דער שווערער פּראַצע פון דער שוואַכער מאַמען, אַן דער מיטהילף פון דעם צופעליקן טאַטן, וואָס האַנדלט פונקט ווי דער ווילדער אָגער לגבי זיינע לאָשעקלעך...

וועגן איינעם אַ גענעראַל, נעמעסיאַ ר.... האָט אַן אינדיאַנער מיר דערציילט, אַז ער איז אַ טאַטע פון 30 קינדער, קיין עין הרע זאָל זיי נישט שאַטן...

דער ציוויליזירטער אינדיאַנער, וואָס האָט מיר דערציילט די שטוינענדיקע מעשה וועגן דעם גענעראַלס פּרוכטבאַרקייט, האָט מיר שפּעטער אים פאַרגעשטעלט אין טרינקזאַל פון אַ נ׳ אַמעריקאַנער צירק, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען צופע־ליק. האָב איך דעם גענעראַל, נאָכן אויסטרינקען צוזאַמען צו עטלעכע גלעזער אייז־קאַלטן ביר, געפרעגט:

— טייערער, גרויסער, רומפולער און ווילגעבוירענער גענעראַל! מ׳האָט מיר דערציילט, אַז איר זענט אַ טאַטע פון דרייסיק קינדערלעך פון 14 ווייבער, איינע שענער פון דער צווייטער. ווי אַזוי האָט איר געקאָנט חתונה האָבן מיט אַזוי פיל פרויען? דאָס איז דאָך פּאָליגאַמיע, וואָס ווערט שווער באַשטראָפט דורך דעם סאַלוואַדאָרער געזעץ?...

דער דריי, צי פיר־ און פערציקיעריקער גענעראַל, וואָס איז געווען ציוויל געקליידט, האָט זיינע באַגילדעטע פוכקע פינגער אַ פיר געטון איבער זיינע איינ־גאָמינירטע, גלאַנציק־שוואַרצע האָר, האָט זיך איינגעשפּיגלט אין זיין טאַשן־שפּי־געלע, און נאָכדעם ווי ער האָט פאַררויכערט אַ גראָבן האַוואַנאַ־ציגאַר, האָט ער מיר געגעבן אַ לעקציע אין הלכות אידיליע, אַנטראָפּאָלאָגיע און גינעקאָלאָגיע:

— ווי איר ווייסט, יונגערמאַן, ווערט קיינער נישט געבוירן אָן ליבע. איר ווייסט אוודאי אויך, אַז עס ווערן געבוירן מער קינדער פון פרויען־מין, ווי פון מענלעכן. די פרויען, מיט אַלע זייערע קאַפּריזן, ווילדקייטן, נעוואָסטעניע און היסטעריע, לעבן פונדעסטוועגן לענגער ווי דער מענלעכער מין. איצט די רע־וואָלוציעס, מלחמות אין בונטן הרגענען אויך אויס א סך מענער אין דער סאַמע

בליאונגס־צייט, דאַן ווען די ווייבער „טוען גאָרנישט״, נאָר זיי פאַרברענגען אין די קינאָס און אויף די פּליאַזשעס... איך האָב נישט געהייראַט מיט 14 פרויען, איך בין דאָך, חלילה, נישט קיין קעגנער פון געזעץ, אויך נישט קיין סולטאַן און קיין סיאַמער אימפּעראַטאָר, און אויך נישט קיין הינדואישער מאַהאַראַדזשאַ, און איך זוך נישט קיין פלירט צומאָל מיט אַ מיידל, אפילו ווען איך בין יונג געווען, האָב איך דאָס נישט געטון, מחמת דאָס וואָלט געווען אַן אומכּבוד פאַר מיין קאַריערע...

— איך בין דאָך אָבער נישט שולדיק, וואָס די היציקע פאַוועס פאַרליבן זיך אין מיר, און לאָזן מיך דערנאָך ממש נישט לעבן... איך בין דאָך נישט קיין ווילדער בעדואינער, אַז איך זאָל מיך פאַרליבן אין אַ מיידל, וואָס איז נידעריקער פון מיין שטאַנד, ווייל איידער חתונה צו האָבן מיט אַזאַ איז שוין בעסער צו בלייבן אַ בחור... אָבער מיך פאַרפאָלגט אַן אמתער אומגליק. איר מעגט עס אויסהערן, פריינט! אַז אַבי נאָר וואָס, ווען, איך ווייס נישט פון וואַנען, און פון וועלכע אומשטענדן, און דאָס מיידל פון צוואַנציק יאָר, ווי די פון דרייצן יאָר, אַבי איך ריר זיך נאָר צו צו זיי, איז שוין געקינדלט, און שוין האָט זי אַ קינדעלע, און נאָך גרעסער איז דער אומגליק, וואָס כּמעט אַלע קינדער זענען ענלעך צו מיר...

— צום גליק האָב איך גענוג געלט, צאָל איך אַזאַ מאַמען פינף צי צען דאָלאַר מאָנאַטלעך, לויט איר שטאַנד. אַנדערע וועלכע נויטיקן זיך נישט אין מיין שטיצע, באַלעסטיקן מיך נישט. נאָר גלויבט מיר, אַז איין גאָט אין הימל ווייסט, אַז איך ביז אין דעם פּלאָנטער נישט שולדיק. איך דענק, אַז איר ווייסט אוודאי דאָס שפּאַנישע ווערטל: „אַז די באָבע גיט נישט, נעמט נישט דער כלב״... און וואָס שייך פּאָליגאַמיע, איז דאָס אין מיין לעבנס־גאַנג נישטאָ. איך האָב מיט קיין שום פרוי נישט חתונה געהאַט. איך בין אַ גרויסער מאָראַליסט און מענטש פון געזעץ, און איך וועל קיינמאָל נישט טון דאָס, וואָס איך אַליין פאַראורטייל. איך בין אויף אַזוי פיל מאָראַליש, אַז קיין קעכן אָדער דינסט פון פרויען־מין האָב איך קיינמאָל נישט אָנגעשטעלט, ווייל איך בין אַ שאָפּענהאַועריאַנער, איך האָב פיינט די ווייבער...

— געדענקט, יונגערמאַן, איך בין אַ מאָראַליסט און אַ מענטש פון געזעץ...

אַז אַ מאַן — אַז אַ טאַטן ...

איך באַקען זיך מיט אַ נייטאַרין פון העמדער און קראַוואַטן, אַן אמתע שיינ־קייט און זייער אַן אינטעליגענטע. איך האָב ביי איר באַשטעלט אַ האַלב טוץ העמ־דער מיט קראַוואַטן. שוין אַכט טעג, ווי איך האָב זיי באַשטעלט, און מאָרגן פאָר איך אַוועק פון סאַן סאַלוואַדאָר. זי בעט מיך, איך זאָל צוואַרטן: אין אַ שעה אַרום וועלן די העמדער, ווי די קראַוואַטן, זיין פאַרטיק.

דאָס מיידל הייסט אידאַ — אַ ווייס־ראָזע פּנים האָט זי מיט גרויסע דערשראָ־קענע הירשן־אויגן, קוים אָנזעעוודיקע זייד־שוואַרצע הערעלעך אויף דער אויבער־שטער ליפּ און טונקל־קאַשטאַנענע, אויף העל־בלאָנד צוגעפאַרבטע האָר.

איך קוק נאָך איר יעדן בויג, יעדן טראָט און באַוועג, נישט חלילה ווי אַ פאַרליבטער נאָר ווי אַן אינטריגירטער: זי איז קוים אַכצן יאָר אַלט, און אין שטוב שפּילט זיך אַ ייִנגעלע, פון אַ יאָר פיר, וואָס רופט זי נישט — מאַמע, נאָר ביים נאָמען — אידאַ.

די נייטאַרין האָט, משמעות, פאַרשטאַנען מיין אינערלעכע פראַגע, ווער איז דאָס קינד, און זי האָט אַליין גענומען רעדן:

— ווי איך זע, זענט איר פאַראינטריגירט צו וויסן, ווער דאָס קינד איז, מחמת איר זעט דאָ נישט קיין אַנדערע מענטשן, נאָר מיך און דאָס שוועלבל, נישט אמת? און איר פרעגט זיך, ווי איז דאָס מעגלעך, אַזאַ יונגע סעניאָריטאַ מיט אַ קינד פון פיר יאָר? זאָל זי זיין אַ שוועסטער צי אַ מאַמע? נאָך מער, ווען דאָס פּיצל רופט מיך ביים נאָמען, נישט אַזוי?

— יאָ, אויסדערוויילטער הער! דאָס קינד איז נישט מיין ברודערל, נאָר מיין זון, יאָ, מיין זון. ער האָט בלויז אַ מאַמען, אָבער נישט קיין פאָטער... איך דענק, מיין הער, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען, נישט אמת? און דאָס אומגליק איז נאָך גרעסער — האָט דאָס אַכצניעריקע מיידל געזאָגט מיט כעס — וואָס די אַלע אויסנוצערס פון דעם נאַאיוון און אומשולדיקן מיידל באַקומען נישט קיין שום שטראָף פאַר זייער פאַרברעכן. עס עקזיסטירט נישט ביי אונדז אין לאַנד קיין שום געזעץ און קיין שוץ פאַר דער פריצייטיקער מאַמען, וועלכע מוז נאָך אויסהאַלטן איר קינד, אָדער קינדער, וואָס זי האָט געבוירן קעגן איר ווילן און אפילו קעגן איר וויסן... בעת דער טאַטע, ער איז דאָך עפּעס אַ זכר, פון דער העכערע ראַסע, איז פריי, פונקט אַזוי פריי ווי דער הונט כלפּי דער הינטיכע...

— עס זענען, אגב, פֿאַראַן „קינדער־מאַמעס", אָדער מאַמעס־קינדער, וואָס ווייסן צומאָל נישט פֿאַרוואָס זיי זענען געוואָרן מאַמעס...

סאַלוואַדאָר איז אָבער זייער אַ קולטורעל און אַ ציוויליזירט לאַנד. עס גייט שוין אָן אַ העפטיקער קאַמף פֿאַר פֿרויען־רעכט, מוטער־שוץ און קינדער־שוץ. קעגן די „פּיקאַפֿלאָרעס" (אַזאַ מין קליינינק פֿייגעלע מיט אַ לאַנגן שנאָבל, וואָס פֿליט פֿון בלום צו בלום), וואָס נוצן אויס זייער ליבע, און דערנאָך פֿאַרלאָזן זיי דאָס פֿאַרשעמטע מיידל און זוכן זיך אויס אַ צווייטן קרבן...

— און פֿאַרוואָס האָט איר זיך אָפּגעגעבן אַזאַ „פּיקאַפֿלאָר" פֿאַר דער חתונה? — האָב איך געפֿרעגט דאָס זייער קלוגע מיידל־מאַמע.

— הום, פֿאַרוואָס? ווייל איך בין נאָך דאַן געווען אומדערפֿאַרן, בין קוים דרייצן יאָר אַלט געווען, און דער אויסוואורף, דער גאַלאַן, איז געווען זייער אַ שיינער בחור, אַ דאַנדי, האָט זייער שיין גערעדט און האָט מיר געשוווירן אייביקע ליבע. דערצו נאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך נעמען צום „אַלטאַר", און אַלס האַנטגעלט האָט ער מיך געבעטן „פּרועבאַ דע אַמאָר" (ליבע־באַווייזן), ד"ה איך זאָל אים איבערצייגן, אַז איך האָב אים ליב. פּונקט ווי ער האָט מיך ליב... נו, און איר זעט דאָך, „אָט דאָס" איז דער רעזולטאַט פֿון דער „פּרועבאַ" — האָט זי מיטן פֿינגער מיר געוויזן אויף איר גערעטן יינגעלע, און האָט זיך שטיל צעוויינט.

ווען זי האָט אַביסל זיך באַרואיקט, האָט זי פֿאַרגעזעצט:

— וועט איר זאָגן, כדי מיך צו טרייסטן, אַז אַ סך אַנדערע מיידלעך אין מיינע יאָרן, און נאָך יינגערע, האָבן קינדער אָן אַ טאַטן — דאָס וואָלט געווען אַן אַבסורד. ניין, אָן אַ פֿאָטער ווערט קיין קינד נישט געבוירן. נאָר וואָס דען? דער טאַטע אַנערקענט נישט זיין אייגן קינד, ער אַנערקענט נישט די פֿרוכט פֿון זיין ליבע... דערפֿאַר טאַקע דאַרף און מוז זיין קינדער־שוץ און מוטער־שוץ. — האָסט, יונגערמאַן, געוואָלט געניסן, זיי כאָטש אַ שטיקל מענטש מיט געוויסן, זע, אַז דאָס פֿאַרפֿירטע מיידל זאָל פֿון דיר קיין קינד נישט געבוירן. טאָמער יאָ, מוזסטו האָבן פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דיין טאַט: אַ מאַן דאַרף מפֿרנס זיין זיין ווייב און זיין פּיצל קינד.

— איך פֿאַרשטיי אייך און פֿיל אייך מיט — האָב איך איר געענטפֿערט.

— אַ דאַנק אייך פֿאַר אייער מיטפֿילן מיינע ליידן — האָט זי ווידער גענומען רעדן מיט טרערן — און וואָס עס פֿאַרדריסט מיך מער איז, וואָס בלויז אויף דער פֿרוי ליגט די גאַנצע מאָראַלישע און עקאָנאָמישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, און אויפֿן מאַן, אויפֿן טאַטן, גאָרנישט. איך, אַלס פֿרוי, בין דען נישט פּונקט אַזאַ מענטש ווי דער מאַן?

מיטן רעקטאָר פון אוסולוטאַנער אוניווערזיטעט

— צוריק אין סאַנטאַ אַנאַ, האָב איך באַקומען אַ בריוו פונעם אוסולוטאַנער אוניווערזיטעט־רעקטאָר מיט אַן איינלאַדונג, איך זאָל געבן עטלעכע לעקציעס די שטודירנדיקע מיידלעך פון יענעם הויכן בילדונגס־אַנשטאַלט.

אַ רעבעל נאָך פון מיין מוטערס בויך, בין איך דאָ אויך געוואָרן אַ מורד, אַ פּאָוסטאַנטשיק און אָנשטאָט צו „פליען" רייטנדיק אויף אַן אייזעלע, מולאַ אָדער פערד, פאָרן אין אַ סולקי אָדער אויטאָמאָביל, בין איך גאָר געפאָרן מיט דער באַן מעשה פריץ, קעגן מיינע רגילותן. און טאַקע ווי אויף צולהכעיס אין ערשטן קלאַס, מיט רעכט אויף אַ ביס און אַ שלונג, ווי אַן אמתער גראַף. אָבער שרעקט זיך נישט: איך בין דאָסמאָל געפאָרן נישט חלילה פאַר מיין געלט... — דער רעקטאָר האָט מיר געשיקט דעם בילעט אויף הין און צוריק.

דורך וואַלדיקע בערג, בערג אויף בערג און בערגלעך אויף בערגלעך, איי־ניקע באַוואַלדיקט ביז די שפּיצן, בין איך געפאָרן מיטן צוויי־וואַגאָנעדיקן באַן, וואָס איז געווען איבערגעפולט. אַ שאָד, וואָס איך האָב מיך נישט באַדענקט און געפאָרן מיטן באַן, און קאָן נישט צוליב דער שטיק ציוויליזאַציע זען גאָטס וווּנדער, גאָטס באַשאַף, ווי איך וואָלט געמאַכט די רייזע פאָרנדיק מיט אַ סולקי, רייטנדיק, אָדער אפילו מיטן אויטאָ. געלאַסן וואָלט איך מיר געפאָרן לויט מיין געשמאַק און איינזען. אָט שנעלער און אָט פּאַמעלעכער, אָט פאָר איך און אָט שטיי איך ווו און ווי אַזוי איך וויל. איך זע וואָס איך וויל זען, און זע אפילו וואָס איך טראַכט נישט און זע אפילו אָפּטמאָל, וואָס איך וואָלט נישט געוואָלט זען, און קאָן אויך זען זאַכן, וואָס איך וואָלט אפילו אין חלום נישט געטראַכט צו זען... מיטן באַן אָבער מוז איך זיך אונטערוואַרפן דעם געזעץ פון דער ציוויליזאַציע, און זען בלויז דאָס, וואָס מען ווייזט... און אַלס פּראָטעסט קעגן דער ציוויליזאַציע וואָס הייסט באַן, וועל איך זיך נישט פאַרצייכענען די דריי און פערציק סאַרנעס, וואָס צעמישטע, דערשראָקענע, שפּרינגען זיי ווי פילקעס, אַנטלויפנדיק פון די ווייצן איז וואַלד אַריין און מאַכן אָן שאָדנס אין די תבואות. איך וועל אויך נישט פאַרצייכענען די ווייסע גאַרסאַס וואָס פליען מושטירטע, מיטן עלצטן זייער הויך,

נידעריקער — זיין גענעראַלשטאַב, און גאָר נידעריק — די גאַנצע מחנה אין דער פאָרעם פון אַ לאַטייניש V. איך וועל זיך אויך נישט אָפּשטעלן אויף די וווּנדער־שיינע פלאַמענקאָס מיט די רויטע פליגל און שיינע קרומע שנאָבלען אויף די אויסטערליש־לאַנגע העלדזער, וואָס לויפן אַרום איבערן בלאָטיקן ברעג פון דער אָזערע און אין דער אָזערע. אַלע רגע שלעפן זיי אַרויס דעם קאָפּ פון אונטערן וואַסער מיט אַ פלאַטערדיק פישל אין שנאָבל. איך וועל אויך נישט פאַרצייכענען די מחנות נאַרישע קוראָפּאַטוועס, וואָס פליען אַרויס דערשראָקענע צוליב דעם באַן־געוויש פון די גערשטן מיט אַ טריאומפאַלער פייפעריי, שלאָגן זיך מיט אימפעט אָן אין די נידעריקע טעלעגראַף־ און טעלעפאָן־דראָטן, און פאַלן אַראָפּ דערהרגעטע אָדער שטאַרק צעמזיקטע. ניין! איך וועל גאָרנישט פאַרצייכענען, וואָס איך זע דורך דעם באַן־פענצטערל, אפילו נישט די האָזן, פערד און רינדער, וואָס אַנטלויפן ווייט אין פעלד אַריין, אויך נישט די מאַלפּעס און פּאָפּוגייען... איך וועל גאָרנישט פאַרצייכענען, ביז איך וועל נישט אָנקומען קיין אוסולוטאַן...



אַ גאַנצע סטאַדע פלאמענקאָס כאַפּן פיש

איך וועל בלויז פאַרצייכענען, אַז אַן איבערגעשראָקענער בושל האָט מיט זיין לאַנגן שנאָבל געפאַנגען אַ שלאַנג פון עטלעכע מעטער די לענג, און זיך אויפ־הויבנדיק זייער הויך, איז ער מיטן קרבן, נעבעך, אַריבערגעפלויגן די באַן, און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ריזיקער נעסט אויפן שפּיץ פון אַ דעמב...

די שטאָט אוסולוטאַן ציילט אַ באַפעלקערונג פון 25 טויזנט איינוווינער, מיט אַ גאַנץ פיינער באַן־סטאַנציע, וואָס שטייט אויף דער רעכטער זייט פון טייך

כּוֹאַנאַ, אויף אַ הויך פון 126 מעטער איבערן ים־פלאַך, און געפינט זיך ביי די 152 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט.

די שטאָט אוסולוטאַן האָט אַמאָל אויף אינדיאַניש געהייסן טשאַפּאַראַסטיקע און פאַרמאָגט אַ חוץ אַן אוניווערזיטעט, אַ פיין פּאָליציי־הויז, אַ רחבותדיק שפּי־טאָל, אַ גאָר גרויסע טורמע, ווו עס געפינען זיך עין הרע אַ סך אַרעסטאַנטן, פאַרשטייט זיך, אַז מערסטנס פּאָליטישע פון אַלערליי אידעאָלאָגיעס, וואָס וואַגן צו זיין קעגן געזעצלעכן רעזשים... אַ פיין ראָט־הויז און אַן איינציקע קירך — טאַקע אַ פּיצעלע אָבער דערפאַר מיט אַ גרויסאַרטיקער אַרכיטעקטור...

דער רעקטאָר — אַ ברונעט פון מיטלמעסיקן וווקס, אַ קורצן שטערן, איינ־געפּאַסט מיט צוויי גרויסע טונקעלע קאַשטאַן־אויגן, גלאַנציקע שוואַרצע האָר און ברייטע קינבאַקן, אַן אָפּשטאַם פון די פּאָפּאָלוקאַ־אינדיאַנער, האָט מיך אויפ־גענומען נישט ווי אַ וואַנדערנדיקן שטיקער, נאָר ווי איך וואָלט געווען דער אימ־פּעראַטאָר אַוטזאָקל אַליין (אַוטזאָקל — דער אַכטער קעניג פון דער אַצטעקישער אימפּעריע). אַ מבין, אַן אַנטראָפּאָלאָג, וואָלט בלויז לויטן רעקטאָרס אויסערלעכן אויסזען און זיין מתיקותדיקן כאַראַקטער, גאַסטפריינטלעכקייט און קאָליר גע־קאָנט דערקענען זיין אָפּשטאַם. אָבער ביכלל איז ער אַ פולשטענדיקער אייראָ־פּעער, סאָציאַליסטיש געשטימט און אַן אַטעאיסט, לויט זיין אַרט דענקען — אַ הונדערט פּראָצענטיקער אינדיאַנער.

בלויז איין מעת־לעת האָב איך פאַרבראַכט אין דעם סימפּאַטישן און גאַסט־פריינטלעכן שטעטל. איינגעשטאַנען בין איך ביים רעקטאָר זעלבסט, מחמת די האָטעלן פונעם שטעטל זענען געווען איבערגעפּולט. אפילו אין די קיכן און פערד־שטאַלן איז מען געשלאָפן, צוליב די זייער וויכטיקע קורוואַסערן, וואָס געפינען זיך נישט ווייט פון דאָרטן.

אין אַ מיטלמעסיק־לאַנגן זאַל האָבן צען עלעקטרישע לאָמפּן צעגאָסן זייערע געלע רעפלעקסן איבער די צוויי און דרייסיק סטודענטינס, וואָס זענען געקומען צו די לעקציעס. די ווענט באַהאָנגען מיט בילדער פון פּרעזידענט־באַפרייער און מאַפּעס. די געלע שיין וואַרפט זייער שוואַכע ליכטיקייט, מחמת די הידראָ־עלעק־טרישע סטאַציע אַרבעט שוואַך, צוליבן קליינעם שטראָם וואַסער, וואָס עס פליסט איצט פון די בערג. איך זע שלעכט צוליב דער שוואַכער ליכט. מיינע שילערינס האָבן אָבער אָנגעשפּיצט אויג און אויער: זיי שלינגען ממש מיין יעדעס וואָרט, יעדן נאָדל־שטעך און שניט פון מיין ספּעציעל אויסגעקרימט שערל, און איך בין מסופק, צי אפילו איינע פון זיי האָט נישט געכאַפּט דעם נייעם פּאָרטל פון קונסט־שטיקעריי, מחמת קיין איינע האָט נישט פאַרפעלט זיך איבערצופרעגן עפּעס אַ דעטאַל, אַ פּרט, וואָס איז תחילת איר נישט געווען פאַרשטענדלעך, און יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדערע געשריגן: יאָ סע (איך ווייס שוין!).

דערפֿאַר אָבער דעם רעקטאָרס ווייבל, אַן אָנגעשמינקטע און שטאַרק געַ־פּאַרבטע בלאָנדינקע, מיט אַ דריי־שטאָקיקער פֿריזור, אַלט אַ יאָר דרייסיק, און אפֿשר מער, אַ פּראָפֿעסאָרין פֿון „סיענסיאַס דאָמעסטיקאַס" (שטוב־ווירטשאַפֿט), זיך צומאָל נישט אויסגעלערנט ווי צו נעמען די נאָדל אין האַנט...

— מיין הער! — האָט די פּראָפֿעסאָרין מיר געזאָגט עכט פּראָפֿעסאָריש — פּאַרשטייט, אַז איך בין אַ פּראָפֿעסאָרין מיט די ריינסטע בלוטן פֿון דער שפּאַני־שער ראַסע, אַ געבילדעטע אין אַלערליי האַנט־אַרבעטן, און איך גיב לעקציעס אין אַ גימנאַזיע פֿאַר מיידלעך, וווּ מען לערנט זיי, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער בילדונג, אויך אַלערליי שטוב־אַרבעטן. אַ פּראָפֿעסאָרין ווי איך מוז האָבן אַ צעשרויפֿטן מוח און איז דעריבער נישט מחויב זיך אויסצולערנען קעגנשטאַנדן, וואָס זיי זענען נישט פֿאַרצייכנט אין די אָפֿיציעלע פּראָגראַמען...

אויף צו מאָרגנס, אין אַ חגא־טאָג, האָט דער רעקטאָר מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר צוזאַמען מיט זיין ווייבל, כּדי ווייזן מיר די שיינקייטן פֿון דעם וווּנדער־באַרן עֶל סאַלוואַדאָר.

דער דעפּאַרטאַמענט אוסולוטאַן געפֿינט זיך אין מזרח פֿון לאַנד, צווישן די פּאַראַלעלן 9״13 און 46 די ברייט, און צווישן 88״15 און 88״49 אין מערבֿ־זייט.

דער צענטראַלער געביט פֿונעם דעפּאַרטאַמענט איז בערגיק און אין צפֿון פֿון אים ליגט אַ גאַנצער סטעפּ־פּלאַכלאַנד. אין דרום זענען די נידעריקע סטעַ־פּעס מיט זומפּיקע ברעגן סיי ביים פּאַסיפֿיק, סיי ביים ברעג פֿונעם טייך לעמפּאַ.

אין די גרענעצן פֿונעם דעפּאַרטאַמענט געפֿינען זיך דריי אַקטיווע ווולקאַ־נען: כוקואַפּאַ, אוסולוטאַן און טאַבורעטע. דאָס זענען די וויכטיקסטע פֿון דעם דעפּאַרטאַמענט, מחמת אין אייניקע פֿון זייערע קראַטערס געפֿינט זיך שוועבל־וואַסער און יאַד געמישט מיט אַלערליי זאַלצן און אַנדערע מינעראַלן אין פֿליסיקן צושטאַנד, וואָס איז זייער גוט פֿאַר רעאומאַטיקער, הויט־קראַנקע, לעבער־קראַנקע און נירן־קראַנקע.

אַרום און צווישן די ווולקאַנען, אין אַ טיפֿן און רחבֿותדיקן טאָל, לעבן דאָרף טעקאַפּאַ נישט ווייט פֿון טייך לעמפּאַ, געפֿינען זיך עטלעכע גייזערס, וואָס זעצן אַרויס ווי די מעכטיקסטע פֿאָנטאַנען צוזאַמען מיטן שוועבל־וואַסער אויך אַ גע־דיכטן רויך, וואָס מיניעט זיך כּסדר אין וויאָלעט, גרין, רויט, ווייס און געל.

דער גרעסטער און וויכטיקסטער פֿון די גייזערס איז „על טראָנאַדאָר" (דער דונערנדיקער). דער גייזער פֿאַרמאָגט אַ ריזיקן קראַטער, אפֿשר פֿון פֿופֿציק מע־טער אין דיאַמעטער, פֿון וועלכן עס שטורעמען אַרויס צום הימל ריזיקע זיילן קאָכעדיק וואַסער, וואָס פֿאַריען אַרויס אַ געדיכטן דאַמף ווי די קוימענס פֿון אַ קאָלכאויוון, געמישט מיט אַ דורכזיכטיקן רויך פֿון כלערליי קאָלירן, וואָס שימע־רירן און בייטן זיך כּסדר.

דער געָרויש און געַפילדער, וואָס דער גייזער מאַכט אָן, איז אַזאַ פּאַרטויבנ־דיקער, אַז איין מענטש הערט נישט דעם צווייטן, ווי הויך מען זאָל נישט שרייען אפילו אין אויער אַריין. זיין געפילדער הערט זיך אויף אַ מרחק פון עטלעכע קי־לאָמעטער אַרום.

מיין פּאַפּאָלוקאַ־אינדיאַנער, דער סאָציאַליסטיש־געשטימטער רעקטאָר, ווע־מענס נאָמען דאָ אָנגעגעבן וואָלט פאַר אים אפשר געווען אַ לעבנס־געפאַר, איז נישט נאָר געווען רעקטאָר פון דעם שטודיר־אַנשטאַלט, נאָר אויך אַ וויסנשאַפטס־מאַן אין פולן זין פון וואָרט. דערצו איז ער אויך געווען אַ געניטער קענער פון זיינע רומפולע אבות, וועלכע האָבן באַוווינט דעם אַמעריקאַנער העמיספער נאָך איידער קאָלומבוס האָט אים אַנטדעקט. ער איז געווען באַהאַוונט אין די אוראַלטע אַמעריקאַנער ראַסן, זייערע גלויבנס, ציוויליזאַציעס און קולטורן, און אַ חוץ דעם האָט ער גוט געקענט די געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט פון „בראשית" אָן.

— זאָגט מיר, פריינט מאַרקוס, ווייסט איר כאָטש, אַז איך בין אַ דירעקטער אָפּשטאַמלינג פון די אַמאָליקע באַלעבאַטים פון דער ערד? דאָס הייסט, אַז איך בין אַ פולבלוטיקער אינדיאַנער? — האָט ער מיך פלוצלינג אַ פרעג געטון, בשעת איך האָב געהאַלטן אין באַטראַכטן די פאַרשטיינערטע סקעלעטן פון אַ גליפּטאָדאָנט און מעגאַטעריאַ. וואָס זענען געפונען געוואָרן פולשטענדיק גאַנצע אונטער אַ דינעם שיכט טאַרף. — און ווייסט איר צו וועלכן שבט איך געהער?...

— יאָ, איך ווייס — איר זענט אַ פּאַפּאָלוקאַ־אינדיאַנער — האָב איך געענט־פערט.

— איך זע, אַז איר זענט אַ שטיק מבין, איר קענט די מענטשלעכע געשטאַלטן. איז אויב אייך אינטערעסירט, וועל איך אייך דערציילן:

— די גרויסע מאַסע פון דער סאַלוואַדאָרער באַפעלקערונג איז צוזאַמענגע־שטעלט פון מישלינגען (אינדיאַנער מיט ווייסע), וואָס ווערן דאָ אָנגערופן „לאַדי־נאָס", וועלכע ציילן לערך איין מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט נפשות; ריינע פולבלוטיקע אינדיאַנער זענען פאַראַן דריי הונדערט טויזנט; די רעשט זענען „ריינע" ווייסע, און באַטרעפט אָן ערך 15 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג, און עטלעכע טויזנט פעך־שוואַרצע אַפריקאַנער, אַ חוץ דעם זענען פאַראַן „סאַמבאָס" (מישלינגען פון שוואַרצע מיט אינדיאַנער) און מולאַטאָס (פון שוואַרצע מיט ווייסע). דער עכטער סאַלוואַדאָרער אינדיאַנער, דער נישט געמיש־טער, געהערט צו דער משפחה „פּיפּילעס־טשאָנטאַלעס".

— די פּיפּילעס אינדיאַנער שטאַמען אָפּ פון אַ גרופּע מעקסיקאַנער אינדיאַ־נער, וואָס דער אַכטער קעניג פון מעקסיקע אַאוטזאָקל האָט אין געהיים געשיקט אונטער דער אָנפירונג פון דעם גענעראַל אַטזקאַפּוטאַלקאַ אַאויטזאַטל, דעם קרוין־פרינץ. און די געשיכטע הויבט זיך אָן אַזוי: אַאוטזאָקל, דער ליכטיקער

זון פון דער זון, דער אַכטער אימפּעראַטאָר פון מעקסיקע, האָט דורך פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע געוואָלט אויספירן דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערגרייכן דורך מלחמה־סטראַטעגיע. יאָרן־לאַנג האָט ער געפירט אַ בלוטיקע מלחמה מיט די גאָר־ציוויליזירטע און שטאַרק־באַפעסטיקטע פעלקער פון גואַטעמאַלאַ, וועלכע ער האָט געהאַט חשק צו אונטעריאָכן און נישט געקאָנט. האָט ער געשיקט זיין קלוגן זון, דעם קרוין־פּרינץ אַטזקאַפּוטאַלקאָ אַאואיטזאָטל, מיט פיר פּעאיקע קאַפּיטאַנען און מיט טויזנטער יוגנטלעכע מענער און פרויען קיין גואַטעמאַלאַ, און היינטיקן סאַלוואַדאָר, זאָלן זיי דורך ליבע, חניפה, שדכנות און אינטריגעס דערגרייכן דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויספירן דורך געווער.

— די געשיכטע חזרט זיך תמיד איבער. האָט דאָך אייער קלוגער און פילאָזאָפישער קעניג שלמה נאָך מיט קאַרגע דריי טויזנט יאָר צוריק געזאָגט: הבל הבלים, הכל הבל און אין כל חדש תחת השמש... איז דאָך דער נאַרישער שכם, פאַרגוואַלדיקנדיק דינהן, יעקב טאָכטער, אויך דאָס זעלבע אויסן געווען...

— אין דער אמתן, איז דעם קעניג אַאוטזאָקלס כוונה נישט געווען אַזוי צו פאַריאָכן, הרגענען און אויסרויבן די אונטעריאָכטע פעלקער, ווי ער האָט געוואָלט פאַרגרעסערן זיין אויטאָריטעט, זיין השפעה, זיין לאַנד. ער האָט אויך געוואָלט, אַז זיין פאָלק זאָל זיך אָפּלערנען די בעסערע זיטן און מנהגים און וויסנשאַפטן פון די שכנישע פעלקער, וואָס ער וואָלט באַזיגט...

— די שליחים פון די טויזנטער יונגע מענטשן, וואָס דער מלך אַאוטזאָקל האָט אַריינגעשיקט קיין גואַטעמאַלאַ און סאַלוואַדאָר האָבן געזאָלט, אַלס פאַרשטעלטע סוחרים, נזירים, חתנים און כלות, אויפברויזן דאָס פאַרשקלאַפטע פאָלק קעגן די גרויסע הארן, אַריסטאָקראַטן, די דעמאָלטיקע לאַטיפונדיסטן און קעגן די רייכע עקספּלואַטאַטאָרס בכלל...

— און דאַן, ווען עס וועט אויסברעכן אַן אויפשטאַנד,* וועט ער, דער מלך אַאוטזאָקל, אונטערקומען מיט אַ גרויסער מחנה גוט־באַוואָפנטע קריגער, און וועט מיט דער הילף פון די טויזנטער פּיפּילעס און טשאָנטאַלעס־אינדיאַנער, וואָס זענען פריער געקומען מיט זיין זון, באַזיגן פעלקער און לענדער אָן בלוט־פאַרגיסונג...

— אַלע קלוגע דעספּאָטן און נאָך קליגערע הערשער פלעגן אין אַלע צייטן אַזוי טון. למשל, דער גרויסער אַלעקסאַנדער מוקדון, אויגוסט, דוד, הואַינאַ קאַאַפּאַק, נאַפּאָלעאָן און אַנדערע.

— אַאוטזאָקל האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל: ער איז, ליידער, געשטאָרבן פונקט דאַן, ווען זיין טרוים, זיין חלום האָט געהאַלטן אין פאַרווירקלעכט ווערן. און וואָלט זיין פּאָליטיק פאַרווירקלעכט געוואָרן, און טאַקע דורך פרידלעכע מיטלען, וואָלטן די שפּאַניער געוויס נישט איינגענומען די אַמעריקאַנער לענדער,

ווייל דורך אחדות, מיט געמיינזאַמע כוחות, וואָלטן די אינדיאַנער גרינג באַזיגט דאָס הייפעלע שפּאַנישע פּיראַטן, מיט זייערע פערד, וועלף־הינט און פייערגעווער...

— מיט אַאוטזאָקלען איז פאָרגעקומען כמעט דאָס זעלבע וואָס מיט משהן, וועלכער איז געשטאָרבן נאָכדעם, ווי ער האָט פון דער ווייט שוין געזען מיט זיינע אויגן די מויערן פון צוגעזאָגטן לאַנד און געשטאָרבן איז אַאוטזאָקל אין יענער צייט, ווען קאָלומבוס איז אין אייראָפּע אַרומגעלאָפן פון איין מאָנאַרך צום צווייטן, און געבעטן תחנונים, זיי זאָלן אים העלפן צו מאַכן די אַנטדעקונג...

—טשאָנטאַל—
אינדיאַנער פון די
פעטענער און בעלי־
סער ווילדעניש

וואָלט דער קלוגער אַאוטזאָקל געלעבט אין יענער צייט, וואָלט קאָלומבוס זיך זיכער נישט צוריק געקערט אַזוי שנעל קיין שפּאַניע: ער וואָלט פאַרבליבן דאָ אין די לענדער צוזאַמען מיט זיינע מענטשן... אַאוטזאָקל וואָלט זיכער אים חתונה געמאַכט מיט זיינער אַ טאָכטער און דאָס זעלבע וואָלט פּאַסירט מיט די מענטשן פון זיין עקספּעדיציע. זיי וואָלטן זיך דאָ אַקלימאַטיזירט, זיך צוגע־ווינט צו ווייב און קינד, וואָלטן געוואָרן גוטע בירגער און זיי וואָלטן אונדז אויס־געלערנט צו מאַכן די פייער־געווער, וואָס זיי האָבן געהאַט. הרגל נעשה טבע.

זיי וואָלטן געוואָרן גוטע אינדיאַנער פּונקט ווי מיר. און אַנשטאָט דעם, וואָס זיי זענען געקומען צו אונדז מאָרדן און רויבן, וואָלטן מיר אפשר גאָר געשיקט עקס־פּעדיציעס קיין אייראָפּע, כדי אָנצוקניפּן גייסטיקע און קאָמערציעלע פאַרבינ־דונגען...

— איך, פריינט מאַרקוס, בין אַ דירעקטער אָפּשטאַמלינג פון דעם גענעראַל־פּרינץ אַטזקאַפּוטאַלקאַ, אַאואיטזאָטלס, ד״ה אַן אָפּשטאַמלינג פון אַכטן מעקסיקאַ־נישן מלך אַאוטזאָקל... איך בין זייער צופרידן פון מיין גענעאַלאָגיע, אָבער נישט דערפאַר וואָס איך בין אַן אוראייניקל פון אַ געקרוינטן קאָפּ, נאָר דערפאַר וואָס איך בין אַ ריינער אינדיאַנער. איבערהויפּט בין איך צופרידן, אַז פון אַ פולבלו־טיקן „ווילדן״ אינדיאַנער, פון אַ „ווילדן באַרבאַר״ האָט געקאָנט ווערן אַ געלערנ־טער מענטש, וואָס לערנט די יוגנט פון דער „העכערער״ ווייסער ראַסע, צו זיין אמתע מענטשן, אָפּלייקנדיק די אומענטשלעכע טעאָריעס, אַז דער אינדיאַנער געהערט צו דער נידעריקערער ראַסע...

— און ווי איר ווייסט, האָט דאָך דער קלער און די שפּאַנישע „סאַביאָס״*) אפילו געהאַלטן, אַז דער אינדיאַנער איז גאָר קיין מענטש נישט, און ווען יאָ, האָבן די גלחים געצווייפלט, צי דער אינדיאַנער האָט אַ נשמה...

— איך בין נישט קיין שאָוויניסט, און אוודאי נישט קיין ראַסיסט, און אויב איך בין אַזוי צופרידן מיט דעם, וואָס איך בין אַן אינדיאַנער, איז דאָס מחמת דעם, וואָס דער ערשטער סאָציאַליזם איז איינגעפירט און פּראַקטיצירט געוואָרן דורך די אוראַלטע מעקסיקאַנער, נאָך פאַר די אַצטעקן, נאָכדעם דורך די אינ־קאָס... איך בין אַ סאָציאַליסט, איך בין אָבער אויך אַ הומאַניסט. מיין שטרעבן איז צו קענען לערנען די מענטשהייט, „די אמתע מענטשהייט״, די דריי ווערטער, וואָס אייער משה האָט נאָך מיט קנאַפּע פיר טויזנט יאָר צוריק געזאָגט צו די יידן, און דורך זיי צו דער גאַנצער מענטשהייט:

— ואהבת לרעך כמוך!...

— דער פראַנצויזישער פּרעצעפּט פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט״ איז גאָר נישט קיין פראַנצויזישער, נאָר אַ יידיש־אינדיאַנער. געקומען איז ער טאָקע פון באַרג סיני צו די יידן, און די אינדיאַנער האָבן די פאַרשריפט פּראַקטיצירט אין ווירקלעכן לעבן...

— איר האָט דאָך שוין געזען די צאָלרייכע גייזערס, הייסע קורטייכן, אָזע־רעס, וואָס קאָכן, געדיכטע בראשיתדיקע וועלדער, אָנגעפּאַקט מיט די טייערסטע געהילצן, מעדיצינישע פלאַנצן און פאַרשידנאַרטיקסטע בלומען, די בעסטע און

*) וויסנשאַפטלער.

פּרוכטבאַרסטע פעלדער מיט אַן אומשאַצבאַרער רייכער אויבערפלאַך, און נאָך אַ רייכערן אונטערגרונט, און דאָך איז דאָס סאָלוואַדאָרער מיזאַם אַרבעט־פאָלק אָרעם — אַ פחד... און ווייסט איר, דאָן מאַרקוס, פאַרוואָס? — ווייל אונדזערע הערשער זענען קיין הערשער נישט, מחמת דאָ הערשן נישט די אמתע פאָלקס־קינדער, וואָס וואָלטן געוואָלט זיך מקריב זיין פאַרן פאָלקס ווילזיין. די היינטיקע הערשער אונדזערע זענען אויך נישט אַזוי זאַרגזאַם, ווי די אינדיאַנישע הער־שער זענען אַמאָל געווען, נאָר זיי זענען ציוויליזירטע מענטשן־פרעסער, קאָפּער־טוניסטן, אויסנוצערס פון פאָלקס נאַאיווקייט און פּאָליטישער אומרייפקייט...

— דער אמתער אידעאַליסט, דער אמתער אַלטרואיסט ווערט אָפּגעשטויסן אַן אַ זייט, און דער שורקע, די פוקסן, איך מיין די אויסנוצערס, די יעניקע, וואָס ווען פאַרן פאָלק און דער געזעלשאַפט דעם מינדסטן קרבן נישט ברענגען, אַן אַ פּריערדיקער אויסרעכענונג פון אייגן־נוץ — זיי זיגן. אָט די פּאַראַזיטן, אייניקע צוליב כבוד, און אַנדערע צוליב מאַטעריעלע געווינסן, וואָס קענען שיין און גלאַ־טיק רעדן, חנפען, נואף זיין און ליגן זאָגן. און אינטריגירן קעגן די בעסערע און אָפּפערווילליקערע — זיי זיגן... זיי, אָט די אויסוורפן, פאַלשע פּאַטריאָטן טריי־אומפירן אין די רעאַקציאָנערע לענדער און אולטראַ־רעליגיעזע נאַציעס, ווי אויך, צום אומגליק, אַמאָל אין די דעמאָקראַטישע לענדער און פאַרגעשריטענע וועלט־לעכע געזעלשאַפטן, ווו זיי דערשמעקן, אַז זיי וועלן האָבן אַ חלה מיט האָניק און ראָזינקעס, און מען וועט זיי עס דערלאַנגען אויף אַ גאָלדענער טאַץ מיט גרויס כבוד...

— אויב איר, פריינט מאַרקוס, האָט אַמאָל געלערנט די גריכישע געשיכטע, געדענקט איר געוויס דעם מאָרד וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן איינעם פון די בעסטע זין גריכנלאַנדס, סאָקראַטעס האָט ער געהייסן. די פאַרלוימדער זיינע, די אינטריגאַנטן אַניטאָס, מעליטאָס און ליקאָן, האָבן אים באַשולדיקט אין אפּי־קורסות, און ער איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן אויסצוטרינקען אַ בעכער מיט סיקוטאַ־זאַפט. ווייסט איר, דאָן מאַרקוס, וואָס אַזוינס סיקוטאַ איז? דאָס איז אַזאַ מין פלאַנץ, וואָס איז זייער ענלעך צו פּיעטרושקע, וואָס ווערט גענוצט צו געקעכצט. כדי אונטערצושיידן פון אַ סיקוטאַ־פּיעטרושקע ביז דער אמתער געקעכץ־פּיעט־רושקע דאַרף מען זיין אַ גוטער מבין. די סיקוטאַ איז אַביסל שענער און שמעקט אַביסל שאַרפער... די ריכטיקע פּיעטרושקע הייסט אין לאַטיין „פּיעטראָסעלינום״, די אַנדערע מינים, וואָס זענען שעדלעך פאַר מענטשן און חיות, זענען: באַרג־פּיעטרושקע, הינטישע־פּיעטרושקע אָדער סיקוטאַ, און די מאַצעדאָנישע, אָדער פערדישע. די הינטישע־פּיעטרושקע, די סיקוטאַ, איז די געפערלעכסטע פון די דריי, זי איז אַן אמתער סם־המות...

— עס זענען אויך פֿאַראַן מענטשלעכע פּיעטרושקעס: פֿאַלשע פּריינט, פֿאַלשע חברים, פֿאַלשע העלדן און פֿאַלשע נביאים: היט זיך גוט, איידער דו גייסט עסן פּיעטרושקע, ווייל דו קאָנסט האָבן סאָקראַטעסעס סוף...

איצט, דאָן מאַרקוס, איר אַלס ייד, ענטפֿערט מיר. זאָגט מיר, ווי וואַגן עס פֿרומע קריסטן צו ליאַרעמען אוןביילן די פּויסטן קעגן די היינטיקע יידן, אַז בכן מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן די אורעלטערן פֿון די היינטיקע יידן געהרגעט אַ מענטש, אַ ייד, ישו הנוצרי מיין איך עס, אין וועלכן הערעטיקער לייקענען בכלל. וועלכע לאָגישע רעכט האָבן די היינטיקע ישוס נאָכפֿאָלגער צו טאַדלען אָדער עפּעס אויסצוזעצן קעגן די היינטיקע יידן צוליב דעם, וואָס די אוראַלטע העברעער האָבן אָפּגעטון עפּעס אַ ווילדקייט קעגן זייערן אַ גליד נאָך מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען זיי, די קריסטן, האָבן געטון די גאַנצע צייט, זינט זייער אַנטשטייאונג ביז היינטיקן טאָג מיליאָנען מאָל גרעסערע און שרעקלעכערע בארבאַרייען?...

די ענגלענדער זענען היינט צו טאָג די באַלעבאַטים פֿון דער גרעסטער טייל וועלט, פּונקט ווי אַמאָל די רוימער. און זיי פֿירן די זעלבע פּאָליטיק ווי די רוי־מער, וואָס מיינט „צעטייל און הערש״, ד״ה זיי פֿירן אָן אינטריגעס אין דעם לאַנד וואָס זיי באַהערשן, ווי צ״ב אינדיע. דאָס פֿאָלק רייסט זיך ביי די נעזער און די ענגלענדער באַהערשן זיי. דאָס אינדואיש פֿאָלק וואָס באַשטייט פֿון קאַרגע פֿיר הונדערט מיליאָן נפֿשות...

— האָט איר מיך פֿאַרשטאַנען, דאָן מאַרקוס?

— באַזונדערס, איז דאָך אַבסאָלוט פֿאַלש די באַשולדיקונג קעגן די יידן אפֿילו פֿון יענער צייט, אַז זיי האָבן געהרגעט ישון. עס איז דאָך באַוווסט, אַז געהייסן הרגענען ישון האָט גראָד דער שרעקלעך־גרויזאַמער פּאָנטיאָ פּילאַטוס, און אויסגעפֿירט דעם אורטייל האָבן אויך פּילאַטוסעס רוימישע לעגיאָנערן, און בלויז די אולטראַ־פֿאַנאַטיקער ביי די אַלטע העברעער האָבן אפֿשר געקאָנט זיין צופֿרידן מיט דעם, וואָס עס איז אָפּגערוימט געוואָרן זייערער אַ קעגנער.

— און די פֿרומע שפּאַנישע ביכער, וואָס רעדן מיט אַזאַ מין גאַליקייט קעגן די יידן צוליב דעם טויט פֿון איין־איינציקן העברעער מיט צוויי טויזנט יאָר צו־ריק, זאָגן אָבער גאָרנישט קעגן די שרעקלעכע מערדערייען, וואָס די זייער פֿרו־מע שפּאַניער זענען באַגאַנגען קעגן הונדערטער טויזנטער יידן און מאַכמעדאַנער און קעגן מיליאָנען אינדיאַנער אין דער צייט פֿון דער אַנטדעקונג.

— ווייסט איר כאָטש, וויפֿל מיליאָנען שוצלאָזע מענער, פֿרויען, זקנים און יונגינקע עופֿהלעך די גאָר פֿרומע קריסטן האָבן אויסגעמאָרדעט מיט אַלערליי מינים מיתות משונות? — אַ גרויל, אַ שוידער נעמט מיך אַרום, ווען איך מאַך

מיר אַ חשבון פון די צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָס די פרומע קריסטלעכע פריידיקער האָבן אין נאָמען פון יושר און גערעכטיקייט אומגעבראַכט!...

— יעדעס מאָל, ווען איך טו אַ בלעטער די וועלט־געשיכטע און קום צו די אינקוויזיציעס און אינדיאַנער־אויסראָטונגען, דאַכט זיך מיר, אַז איך פיל נאָך דעם שרפה־געשטאַנק פון די מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן צו הונדערטער און טויזנטער אויף אַמאָל, לעבעדיקערהייט, נישט שווינענדיק צומאָל פּיצלעך קינדער און שוואַנגערע פרויען, און די באַרבאַריען האָבן זיי אויך געטון אין נאָמען פון יושר, רחמנות און קריסטלעכער גערעכטיקייט.

— איך בין אַן אינדיאַנער, און בין זיי מוחל זייער יושר און קריסטלעכע רחמנותפולע גערעכטיקייט, און זאָלן זיי מיר געבן כאָטש איין טראָפּן אינדיאַנישע מענטשלעכקייט.

— ביזן היינטיקן טאָג נאָך שרייבן די היפּאָקריטיש־פרומע היסטאָריקער, אַז די אַצטעקן, טאָטענאָקן, קיטשעס־מאַיאַס, טשיבטשאַס, פּיפּילעס און אַנדערע אינדיאַנער־פעלקער פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען געווען קאַניבאַלן. ס׳איז אַ ליגן! קיין שום פאָלק פון די ציוויליזירטע אינדיאַנער איז נישט געווען קיין אַנטראָפּאָפאַגן. עס זענען געווען קאַניבאַלן צווישן די גאָר ווילדע אינדיאַנער שבטים, צווישן די נאָמאַדן און אַנדערע טשונטשאָס *) פון די געדיכטע דזשונגלס, וועלכע פלעגן אַמאָל אין אַ ספּעציעלן יום־טוב מקריב זיין אַ מענטש, און בלויז ביי די גאָר אָפּגעשטאַנענע שבטים פלעגט מען זיך אַמאָל אָנפילן דעם מאָגן מיט מענטשן־פלייש. אמת, אַז אַזאַ מין מנהג איז אַ שרעקלעכע מענטשלעכע דעגראַדאַציע. דער קאַניביל האָט אָבער געפרעסן מענטשן־פלייש, ווייל ער האָט אַנדערש נישט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אָפּגעבראָטן אַ שטיק מענטשן־פלייש נישט צוליב שלעכטקייט. דאַן ווען די קאָנקיסטאַדאָרן האָבן אויסגעמאָרדעט גאַנצע פעלקער אָן אַ פאַרוואָס, זיי האָבן אויסגעמאָרדעט די בעסטע זין אפילו פון זייער אייגן פאָלק בלויז דערפאַר, וואָס די קרבנות האָבן געגלויבט אין אַן אַנדער גאָט, אָדער גאָר ווייל זיי האָבן געגלויבט און געטרוימט פון אַ שענערער און בעסערער מענטשהייט...

— אָבער, זאָל נאָר דער ליכטיקער שטראַל פון מזרח דערגרייכן אַהערצו, זאָל נאָר די תורה פון פרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג דערגרייכן די מוחות און די הערצער פון אונדזערע אינטעלעקטואַלן, וועט שוין דאָס אַרבעטסזאַמע פאָלק דערוואַכן און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פינצטערן יאָך פון פאַנאַטיזם און אָבערגלויבן. דאַן וועלן די אינדיאַנער מאַסן ווערן ציוויליזירט, און וועלן ווערן נוצלעכע בירגער נישט נאָר פון סאַלוואַדאָר, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט.

---

*) ווילדע.

— אַז איר, פריינט מאַרקוס, ווערט אין אייערע וואַנדערונגען באַגעגענען אַן אויפריכטיקן מענטש, זאָגט אים, אַז איר האָט געטראָפן אַ פולבלוטיקן אינדיאַנער, וואָס איז אַן אויפריכטיקער מענטשן־פריינט, אַ באַוווּנדערער און אַן איבערגעגעבענער פריינט פון יידישן פאָלק, וואָס האָט עס ביז איצט געקאָנט בלויז דורך דער ביבל און אַנדערע ערנסטע ביכער.

אַ שפּאַציר מיט סכנות נפשות איבער די גוואַטעמאַלער ווילדענישן

דער נאָמען פון דער שיינער רעפּובליק גוואַטעמאַלאַ, וואָס איז די ערשטע לויט דער באַפעלקערונג און די צווייטע אין שטח פון די זעקס צענטראַל־אַמעריקאַנער מדינות, שטאַמט אָפּ, לויט אייניקע פילאָלאָגן, פון דעם אַצטעקישן וואָרט „קואיהטעמאַלי“, וואָס באַדייט — פאַרפוילטער בוים; לויט אַנדערע, קומט דער נאָמען פון אַן אַנדער אַצטעקיש וואָרט „קואוהטעמאַלאַן“ וואָס וויל זאָגן אָדלער־לאַנד, צוליב דער גרויסער צאָל קאָנדאָרס און אַנדערע אָדלערס, וואָס גוואַטעמאַלאַ פאַרמאָגט. אַנדערע פאָרשער זאָגן, אַז דער דיסקוטירטער נאָמען קומט פון די טזענדאַלישע ווערטער „אַו־האַטע־ז־מאַל־האַ“, וואָס באַדייט אַ באַרג וואָס ברעכט מיט וואַסער, אָנדייטנדיק אויף דעם וואַסער־ווולקאַן (וואָלקאַן דע אַגואַ).

די מדינה גוואַטעמאַלאַ האָט, וואָס אַן אמת, אַ סך אָנשיקענישן, אָבער ס׳האָט אויך אַ נאַטירלעכן רייץ און גאָר אַ סך בילדערישע שיינקייטן, און לויט דער מסקנא פון די היסטאָריקער, אַרכעאָלאָגן און וויסנשאַפטלער בכלל, איז גוואַטע־מאַלאַ געווען אַמאָל די וויג פון איינער פון די עלטסטע און פאָרגעשריטנסטע ציוויליזאַציעס פון אַמעריקע.

מען קאָן נאָך זען די חורבות פון אַמאָליקע פּאַלאַצן, פּרעכטיקע מאָנומענטן און אַקועדוקטן, וואָס זענען פאַרבליבן ווי שטומע עדות פון דעם ציוויליזירטן קיטשע־מאַיאַ פאָלק, וואָס אין דער געגנט פון קיריגואַ אינעם אורוואַלד פון פּעטען־געביט.

אין יענעם טראָפּיקאַלן וואַלד זענען אומגעקומען צוויי נאָרד־אַמעריקאַנער סטודענטן, וואָס האָבן מיך באַגלייט אין יענער מילענאַרער געדיכטעניש.

דער קלימאַט פון יענעם טראָפּיק — האָט מען מיך מתרה געווען — איז פאַרן ווייסן און נישט־צוגעווינטן כמעט אַ טויטלעכער. די שרעקלעכע היץ, וואָס מאַכט דאָס וואַסער שיער נישט צום זידן, אפילו אין שאָטן. ביי טאָג קאָן דער נאָרוואָס געקומענער ווייסער מענטש כמעט נישט אָטעמען. דערפאַר אָבער איז מען ביי טאָג

כאַטש אַ ביסל פריי פון די כמאַרעס גיפטיקע און נישט־גיפטיקע פליגן און פליגע־לעך און אַנדערע אינזעקטן. מחמת די אַלע פליענדיקע מזיקים און די אַנדערע קריכנדיקע ווי שלאַנגען שפּינען און עקדישן זענען באַהאַלטן אין זייערע נעסטן און נאָרעס אין די שעהען, ווען די זון שרפעט אַמשטאַרקסטן.

דערפאַר אָבער איז די נאַכט אַן אמתדיקע מאַרטיראָלאָגיע, אַן אינקוויזיציע, וואָס ווערט פאַרשאַפט נישט דורך דער רשעות פון די מענטשלעכע שורקעס, נאָר דורך די קלענסטע נאַטור־באַשעפענישן.

קומט נאָר אָן דער בין השמשות ווערט אַ טייוולאָנישער הו־האַ: מיליאָנען און אפשר טריליאָנען באַשעפענישן פון כלערליי גרייס, אויסגעהונגערטע פון שלאָף אין די שעהען פון דעם גיהנומדיקן טאָג, לאָזן זיך אַרויס פריילעכע מיט ווילדע און משונהדיקע קולות אויף דער אָפּגעפרישטער, פרייער און מחיהדיקער לופט פון דער דופטיקער גוואַטעמאַלער נאַכט.

אַ מוזיק פון אינזעקטן כחול הים, גרויסע, קליינע, פּיצינקע און מיקראָסקאָ־פּישע. עס פייפן גיפטיקע און נישט־גיפטיקע שלאַנגען, עפּעס אַזאַ מאָדנע שרייען און סווישטשען פון טויזנטער יאַשטשערקעס, פון די צען צענטימעטער־קורצינקע ביז די גוואַלדיק גרויסע קאַימאַנען, יאַקאַרייען און גאַוויאַלן ביז זיבן און אַכט מעטער לאַנגע. פון די ביימער און גראָזן, פון די זומפּן און אָזערעס אַרויס, זינגען אַ פאַרטויבנדיק געזאַנג אַלערליי מינים זשאַבעס גאָר אָן אַ שיעור. גרילן גרילצן אַ גרילן־געזאַנג, אויסגעמישט מיט די אָנגרייפערישע קולות־קראַקן פון די רויב־פייגל, און דאָס רעווען, האַוקען, ברומען און מיאַוקען פון די בלוטדורשטיקע נאַכט־חיות, פילן אָן דעם חלל מיט פחד און אימה פון אַ ווונדערבאַרער נאַטור־סימפאָניע...

אין יענעם שדים־וואַלד פון פעטען האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פאַר־זוכן דעם טעם פון דריי בייטלען ווערים־אייער צווישן די פינגער פון מיינע פיס, וואָס די גוואַטעמאַלער פלוי „ניגואַ“ האָט מיר פאַרפלאַנצט. נאָר צום גליק האָב איך עס באַצייטנס באַמערקט און אויסגעשניטן און די ווונד אויסגעוואַשן מיט ריינעם אַלקאָהאָל, און דערנאָך אויסגעברענט מיט שטאַרקן יאָד.

די גוואַטעמאַלער פלוי ניגואַ איז אין דער אמתן נישט קיין פלוי, נאָר אַ זייער געפערלעכער אינזעקט, ענלעך צו אַ פלוי. אין פּאַראַגוויי און אין אייניקע ער־טער פון אַרגענטינער טשאַקאָ און פאָרמאָסאַ געפינט זיך אַזאַ מין אינזעקט, וואָס הייסט „פּיקע“. דערפאַר איז ראַטזאַם נישט אַרומצוגיין באָרוועס, און יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין אָנשמירן אַ ביסל קעראָסין צווישן די פיס־פינגער, מחמת אַ ביס פון אַ ניגואַ אָדער פּיקע איז זייער געפערלעך.

מיינע צוויי פריינט, די פריער דערמאָנטע ב׳ אַמעריקאַנער סטודענטן, האָבן געהאַט אַ פאַטאַלן סוף: ביידע האָבן זיי געהאַט דאָס אומגליק געביסן צו ווערן

ביינאַכט, בשעת זיי זײַנען געשלאָפן, פון אַזעלכע שרעקלעכע פליגן, וואָס געפינען זיך בלויז אין די אינטערטראָפּיקאַלע געביטן און וועלכע די אינדיאַנער רופן אַן „פּאַפּאַלאָמאָיאָ״. די דאָזיקע פליגן האָבן פאַרפלאַנצט ביי די צוויי סטודענטן אַזעלכע מינים לאַרוון, איינעם אין נאָז און דעם צווייטן איןביידע אויערן. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן זיי שוין געהאַט צו איבער פערציק גראַד היץ. אין אונדזער עקספּעדיציע זײַנען געווען נאָך דריי מעדיצין־סטודענטן, שוין כמעט דאָקטוירים, זיי האָבן אָבער שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן זייערע אומגליקלעכע חברים. זיי זײַנען געשטאָרבן אין די גרעסטע יסורים. די לאַרוון האָבן שוין געהאַט דערגרייכט די געהירן־הייטלעך, און דאָרט אָנגעמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם...

נאָך דעם אומגליק האָבן די אַנדערע דריי סטודענטן באַשלאָסן זיך אומצו־קערן צוריק צו דער ציוויליזאַציע, מיטנעמענדיק מיט זיך די צוויי בר־מינננס, און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט צוויי קיטשע־אינדיאַנער, וועלכע זײַנען געווען מײַנע וועגווייזערס אויף דער ווייטערדיקע נסיעה.

איך, פון מײַן זייט, האָב נאָך דעם אַקצידענט מיט די צוויי סטודענטן זיך גאָר שטאַרק געהיט, און טאָג ווי נאַכט געטראָגן איבערן קאָפּ אַ געדיכטע שטאָלענע שאַטקע פון דינעם דראָט, גוט צוגעפּאַסט ביים האַלדז אַרום. מײַן גאַנצע אַנטוועכץ איז געווען פון לעדער, און כדי אַן אַנדער אינזעקט זאָל מיר נישט פאַרפלאַנצן קיין ווערים ערגעץ אין אַן אַנדער אָפּגעדעקט אָרט פון לייב, איבערהויפּט בשעת דעם שלאָף, האָב איך יעדן פאַרנאַכט פאַרן שלאָפן גיין, זיך גוט איינגעשמירט דעם גאַנצן קערפּער מיט אַזאַ מין שטינקנדיקער פליסיקייט, וואָס אַ זוטוהואַילאַ גלחטע האָט מיר געגעבן, און וועלכע עס האָט מיך אַ סך מאָל טאַקע פאַרהיט פון אַ שרעקלעכער צרה.

איינער פון מײַנע אינדיאַנער־פירער איז אָבער יאָ געביסן געוואָרן פון אַ גרין־בלויען „מאָסקאָן״ (אַ גרויסע פליג) מיט צוויי גרויסע רויטע אויגן און אַכט־און צוואַנציק מיקראָסקאָפּישע אייגעלעך. מײַן זשוואַוועך אינדיאַנער האָט זיך גע־האַט אויסגעלאַכט פון מײַן „ציוויליזירטער פּחדנות״, און האָט זיך נישט געוואָלט אָפּהיטן, כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אַז די משחיתים אַטאַקירן כמעט תמיד אַ פרישן מענטש, וואָס קומט פון אַן אַנדער געגנט, מעג ער זיין אפילו אַן אינ־דיאַנער.

דער אויסטערלישער מאָסקאָן האָט אים אַ ביס געטון אין האַלדז, און האָט אים פאַרפלאַנצט צוויי נעסטן מיט ווערים. די דאָזיקע פליג מאַכט איר אָפּעראַ־ציע ממש ווי אַ גוטער כירורג, אויף אַ „וויסנשאַפטלעכן״ אופן: זי אַנעסטעזירט פריער אַרום דאָס אָרט וווּ זי וועט בייסן, כדי דער געביסענער זאָל נישט פילן קיין שום ווייטיק, אפילו דאַן ווען די לאַרוון זײַנען שוין גרויסע ווערימלעך. צום

גליק האָב איך באַצייטנס באַמערקט ביי מיין אינדיאַנער אויפן האַלדז עפּעס אַזוינע שאַרלעך־רויטע, לענגלעכע און ווי אָנגעבלאָזענע אָדערן. איך האָב צוגעלייגט אַ פינגער אויפן רויטן אָנגעשוואָלענעם אָרט, און איך האָב דערפילט ווי אונטער דער הויט רודערט זיך עפּעס. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער יונג איז געביסן געוואָרן דורך דער טויטנדיקער פליג. איך האָב צוגערופן דעם הויפּט־פירער, וויקטאָר, אַ גאַנצער זנאַכער, און ער האָט מיט אַ גאָלמעסערל אים געעפנט די הויט, און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט שוין גרויסע ווערים ווי די „פּענדראַקעס״ *). היות איך האָב שוין עטלעכע מאָל געהאַט פּראַקטיצירט אויף מיין אייגן לייב אַזעלכע אָפּעראַציעס, האָב איך אים די ווונד גוט אויסגעוואַשן מיט ריינעם אַלקאָ־האָל פון מיין באָטיקין **), דערנאָך אויסגעלאָפּיסירט מיט יאָד, צוגעלייגט פון אויבן דריי בלעטלעך פון פּאַלאַן־פּאַלאַן און פאַרבאַנדאַזשירט. אַזוי אַרום האָב איך אָפּגעראַטעוועט אַן ערלעכן און גוטן אינדיאַנער פון אַ שרעקלעכן טויט...

**
*

דורך אַ זומפּיקער טייגע בין איך צוגעקומען צו די רואינען פון דער אַמאָ־ליקער הויפּטשטאָט פון די איטזאַמעס־אינדיאַנער, וועלכע איז פאַר די קאָנקיסטאַ־דאָרן געווען אַ בליענדיקע שטאָט פול מיט לעבן, קולטור און ציוויליזאַציע, ווי מען קאָן עס זען פון די מאָנומענטן־רעשטן, טעמפּלען און פּרעכטיקע פּאַלאַצן.

די שטאָט, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק חרוב געוואָרן דורך אַן אויפברייס פונעם ווולקאַן „פועגאָ״ (פייער), רופט מען היינט „אַנטיגואַ״ (פאַרצייטיקע) צוליב איר אַלטקייט.

היינט צו טאָג, אַלס זכר פון די אַמאָליקע פּרעכטיקע ישובים פון די פאַר־צייטיקע קיטשעס, טאָטאָנעקאָס, איטזאַעס, מאַיאַס, זוטוהואילעס און אַנדערע הויך־ציוויליזירטע אינדיאַנער שבטים, זענען פאַרבליבן בלויז חורבות צווישן הויפנס שטיינער, זאַמד און דערנער, ווו עס וואַקסן בלויז, ווי אַ פּראָטעסט קעגן די ווולקאַנען און שפּאַנישע צעשטערער, אַלערליי מינים שטעכערס און קאַקטוס־ביימער, אָדער אַ געדיכטע טייגע מיט איינגעפלאָכטענע ביימער, וועלכע פאַר־שטעלן די פּראַכט פון דער געוועזענער שטאָט און דאָרף. אין אַנדערע ערטער — אַ דזשונגל מיט אַ שאַרף־גראָז פון צוויי און דריי מעטער די הויך, פאַרדעקן די פאַרבליבענע רואינען, און צווישן די אָנגעהויפטע חורבות פלאַדיען זיך אַלערליי שלאַנגען, פון די אומשולדיקסטע ביז די גיפטיקסטע, עקדישן, שפּינען, אַלאַקראַנען און עסקאָלאָפּענדראַס.

---

*) אַזעלכע מין גראָבע אונטערערדישע ווערים וועלכע פרעסן אויף די קאַרטאָפל איידער מען גראָבט אויס.

**) אַפּטייק־קעסטעלע אָדער אַפּטייק־שאַפּקעלע.

דער גרויסער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד מיט אַלע נוצלעכע באַשעפענישן און שרצים־משחיתים, האָט אויך באַלד באַזאָרגט די נאַטור מיט אַ רפואה צו דער מכה.



דעם ריזיקן קראָקאָדיל שמעקט זייער אַ שטיקל פרישן מענטשנפלייש

די קראָקאָדילן לעבן כמעט הויפּטזעכלעך פון שלאַנגען, און די שלאַנגען גופא פרעסן אויך איינע די צווייטע, און די פייגל, די גרויסע, און די חיות רעות, און אפילו די קליינע מאַנגאָסטאַ און דער פּיצינקער כמעט בלינדער קראָט, פירן אַן אייביקע מלחמה מיט די שרצים־משחיתים. אויך דער מענטש לאָזט זיי נישט לעבן, איבערהויפּט די ווייבער, וואָס זענען זיך מחיה מיט אַ פיינעם בייטל און שיך פון שלאַנגען־פעל, אָדער קראָקאָדילן־פעל. ווען נישט אָט די אייביקע מלחמה וואָלטן יענע מקומות פול געווען מיט די מחבלים...

ווונדערבאַר איז די נאַטור אין גואַטעמאַלאַ! די ווילדקייט פון דער נאַטור דאָרטן איז אַזוי שיין, אַזוי צויבערנדיק און פּראַכטפול, אַז עס דאַכט זיך מיר, אַז עס גאָר אוממעגלעך זי צו שילדערן: בערג — אומענדלעכע הויכע, ביים באַזיס — שרעקלעך הייס, אין דער מיטעלער הויך — ווי אַן אייראָפּעאישער זומער, און גאָר הויך — פּראַקטיק קאַלט.

די רעלאַטיוו קליינע מדינה פאַרמאָגט גאַנצע 28 ווולקאַנען.

די געדיכטע בראשיתדיקע וועלדער ווערן דורכגעשניטן דורך לאַנגע טייכן: זייער לאַנגע און ברייטע אָזערעס ווי אינערלעכע ימים, און טויטע וויסטעס אַרום די צעשטערערישע ווולקאַנען. איניקע וועלדער זענען אַזוי געדיכט, אַז אַ שטראַל איז ווערט אַ מאַיאָנטעק...

אַזוּערס פֿאַרמאָגט גוואַטעמאַלאַ אין פֿאַרגלייך מיט איר שטח זייער אַ סך און גאָר גרויסע.

די אַזוערע פּעטען, אָדער איטזאַ, אינעם דעפּאַרטאַמענט פּעטען האָט אַ לענג פֿון 48 קילאָמעטער אויף אַ ברייט פֿון 10 און ליגט 160 מעטער איבערן ים־פֿלאַך. זי האָט אינדזלען, באַווינטע מיט אָפּגעשטאַנענע אינדיאַנער, אייניקע פֿון זיי נאָך גאָר פּרימיטיווע און זיי לעבן אין אַ שרעקלעך עלנטן צושטאַנד. אָבער די פּרימיטיווקייט איז אין דער אמתן נישט קיין פּרימיטיווקייט נאָר פֿאַרלאָזנקייט און אָפּזונדערונג פֿון די ווייסע צוליב זייער טעראָר.

ביים דורכקרייצן די טיפֿע אַזוערע איטזאַ, אָדער פּעטען זענען מיר נישט ווייט פֿונעם אינדזל זונטזאַקל אַטאַקירט געוואָרן דורך צוויי ריזיקע פּעלאַמידע־שלאַנגען, און ווען מיר האָבן שוין זיך געהאַט אָפּגערעכנט מיט די נחשים שרפֿים, וועלכע זענען ווייזט אויס געהאַט אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון זייערע געפּערלעכסטע שונאים, און זיך משמעות געוואָלט שיצן אין אונדזער לאָדקע, זענען מיר איבערגעפֿאַלן געוואָרן פֿון צוויי ריזיקע קאַימאַנען (אַ מין קראָקאָדילן), וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך די פּעלאַמידעס, און האָבן זיך מיט אַ שרעקלעכן אימפּעט גע־וואָרפֿן אויף אונדזער לאָדקע און געוואָלט עמיצן פֿון אונדז אַרויסכאַפּן פֿון דער לאָדקע.

דער איינציקער וואָס האָט געהאַט אַ פּיסטויל בין איך געווען. האָב איך אים באַצייטנס אַרויסגעכאַפּט פֿון גאַרטל און עטלעכע מאָל אָפּגעפּייערט. איך האָב אָבער קיין איין מאָל נישט געטראָפֿן אין ציל צוליבן אוראַגאַנישן ווינט וואָס האָט געוואָרפֿן דאָס שיפֿל ווי אין עפּילעפּסיע און צוליב מיין אויסערגעוויינלעכער נערוועזיטעט, מחמת די קאַימאַנען האָבן שוין זיך געהאַט אָנגעכאַפּט מיט זייערע פֿאָדערשטע לאַפּעס אין ראַנד פֿון דער שוואַכער לאָדקע, און זי שיער נישט איבערגעקערט. איינער פֿון די האַלב־נאַקעטע אינדיאַנער האָט מיט זיין לאַנגער „מאַטשעטע״ (אַ גרויסער שאַרפֿער מעסער) אַ געלונגענעם קלאַפּ געטון איין קראָ־קאָדיל איבערן לאַנגן שנאָבל, און אים אָפּגעהאַקט אַ האַלבן פּיסק. אָבער אַ צווייטער ריזיקער קאַימאַן האָט באַוויזן אין דער זעלבער צייט זיך אויפֿצושטעלן מיט זיינע פֿאָדערשטע לאַפּעס און האָט שוין, שיער נישט אָנגעכאַפּט מיט זיין מעטער־לאַנגן פּיסק איינעם פֿון די פֿיר אינדיאַנער, וואָס האָבן געוועסלעט די לאָדקע. טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געקלאַפּט דעם צעיושעטן קראָקאָדיל מיט זייערע וועס־לעס איבער זיין קאָפּ. ביז איינער פֿון די צעשראָקענע צום טויט אינדיאַנער, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר זיבעצן, האָט נישט ווילנדיק אַריינגערוקט דעם קראָקאָדיל טיף אין האַלדז אַריין זיין וועסלע. דער מחבל האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גבורה אַרויסגעריסן די וועסלע פֿונעם ייִנגלס האַנט, און אַריינפֿליסקענדיק צוריק אין ברויזנדיקן שוימיקן וואַסער, האָט ער מיט זיינע מעכטיקע ציין געמאַכט

פון איר שפּענדלעך. בליץ־שנעל האָט ער מיט אַ צעבלוטיקטער אָפּענער מאָרדע זיך אומגעקערט צו אונדז.

דעם מאָמענט האָט אויסגענוצט איינער פון מיינע באַגלייטערס און וועג־ווייזערס. ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם אויטאָמאַטישן פּיסטויל פון מיין האַנט, און צוויי מאָל, איינס נאָכן אַנדערן, האָט ער אויסגעשאָסן, און געטראָפן דעם שרעקלעכן מזיק גלייך אין די אויגן אַריין...

דורך דעם טײַך דולסע אין דער אָזערע איזאַבאַל

כמעט אַלע גוואַטעמאַלער טײַכן און אָזערעס פֿאַרמאָגן קראָקאָדילן און וואַסער־שלאַנגען. אָבער דער דולסע האָט אָט די מחבלים גאָר אַ סך. פֿון שיפֿל זעט מען אַפֿילו מיטן בלויזן אויג די ריזיקע קראָקאָדילן בײַ די ברעגעס פֿון טײַך. טייל ליגן מיט די שרעקלעך גרויסע אָפֿענע פּיסקעס, געדיכט באַוואָפֿנטע מיט לאַנגע און שפּיציקע ציין פֿון בײדע זײַטן, אויבן און אונטן, אַזוי ווי שאַרפֿע זעגן, אין דער פֿאָרעם פֿון האַטשיקעס. אַנדערע קראָקאָדילן ליגן אין זייערע נעסטן אויף די אייער, און די קראָקאָדילן־טאַטעס שפּילן זיך פֿאָטערלעך מיט זייער קליינוואַרג און לערנען זיי די חכמת המלחמה.

די הויפּט־טײַכן פֿון גוואַטעמאַלאַ זענען: אוסומאַסינטאַ, סאַרטון, טשימולטשיק, לאָס עסקלאַוואָס (די שקלאַפֿן) און דולסע. די אַלע דערמאָנטע טײַכן זענען שיפֿס־פּעאיק. דער טיפֿסטער טײַך פֿון זיי איז דער דולסע, וואָס דערגרייכט צווישן 33 און 54 מעטער די טיף, און מיט אַ ברייטקייט צווישן 207 און 250 מעטער. ער ווערט געבוירן אין דער טיפֿער און זייער שטורמישער אָזערע איזאַבאַל.

לויט די אינדיאַנער דערציילונגען, האָט דעם טײַך אַנטדעקט דער באַרימטער קאָנקיסטאַדאָר הערנאַן קאָרטעס. צוליב דער שרעקלעכער טיפֿקייט פֿון דעם טײַך און אויך צוליב דעם, וואָס איבערן טײַך בושעווען כמעט קיינמאָל נישט קיין שטאַרקע ווינטן, באַמערקט מען צומאָל נישט דאָס לויפֿן פֿונעם וואַסער, ווען ער זעט אויס ווי אַן אומענדלעכער שפּיגל, אין וועלכן עס שפּיגלען זיך אָפּ די ביימער פֿון בײדע זײַטן, זײַנע וווּנדערבאַרע ברעגן פֿון דער מילענאַרער טייגע מיט אַלץ און אַלעם, וואָס אויף די ביימער און לעבן זיי...

מײַן שיפֿל האָט זיך געטראָגן שטראָם־אַרויף, קיין שאָקל, קיין וויג. עס האָט זיך געגליטשט ווי אַ שליטעלע אויף אַ גלײַכן שניי, און ווען נישט די ביימער, בלעטער, גראָזן און אַלגאַ־פּלאַנצן, וואָס זענען געשוווּמען, ווי גליטשנדיק זיך אויפֿן וואַסער־שפּיגל, וואָלט איך אפֿשר גאָרנישט באַמערקט, אַז דער דולסע איז אַ שרעקלעך־טיפֿער טײַך, וועמענס אומענדלעכע וואַסער־מענגע לויפֿט פֿון דער אָזערע איזאַבאַל צום קאַריבישן ים מיט אַ שנעלקייט פֿון עטלעכע מיליאָן קוביק מעטער אַ שעה.

בײם קאַריבישן ברעג שטייט דאָס גואַטעמאַלער האַפן שטעטעלע ליווינגסטאָן, ווו דער טייך דולסע הויכט אויס זיין נשמה נאָך אַ זיגרייך לויפן אַכציק קילאָ־מעטער פון דער אָזערע איזאַבאַל, ווו ער הייבט זיך אָן.

סיי אויפן טייך ווי אויף דער אָזערע איזאַבאַל קורסירן שיפן, וועלכע פאַרקערן צווישן דעם פּאָרט שטעטל ליווינגסטאָן בײם קאַריבישן ים און פּאָנזאָן, וואָס ביי דער אָזערע איזאַבאַל. פונדעסטוועגן האָב איך מיר אויסגעקליבן אַן אינדיאַנער טשאָנעלע, מחמת איך האָב מיך געוואָלט אידענטיפיצירן מיט די אינדיאַנער און געווינען זייער צוטרוי צו מיר, כדי זיי זאָלן מיר דערציילן זייערע מעשיות און

גאַנצע סטאַדעס קראָקאָדילן כאַפּן זון ביי די ברעגעס פון פעטענער אומענדלעכע טײכן און אָזערעס

זיי זאָלן מיר ווייזן אַלץ, וואָס איך וואָלט געוואָלט הערן און זען...

נאָך דריי שעה זיך שיפן וואַסער־אַרויף מיט דעם טייך דולסע, זענען מיר אַריינגעקומען אין אַ געגנט וואָס הייסט „גאָלפעטע" *), ווו דאָס וואַסער צעשפּרייט זיך ווי אַ פעכער, ווייל דער טייך טשאָקאָן, וועלכער פאַלט רוישיק אַריין אין דעם טייך דולסע, מאַכט דעם לעצטן טייך גוואַלדיק ברייט, צוליב די זאַמדן און ווע־געטאַלער ערד, וואָס דער שטורמישער טייך טשאָקאָן ברענגט צושלעפּן פון די בערג און דעפּאָזיטירט אין דעם שטילינקן טייך דולסע. אין דעם „גאָלפעטע" האָט זיך געשאַפן אַזאַ מין זעלטן־שיינע דעלטאַ, אַזאַ ווי די פּראַכטפולע אַרגענטי־נער דעלטאַ פונעם טייך פּאַראַנאַ.

דאָס זעלטן שטילע, אָבער זייער שאַרפע וואַסער פונעם טייך דולסע וואָס שטראָמט אַדורך עטלעכע קילאָמעטער צווישן צוויי הויכע ווענט פון אַ זייער האַרטן

---

*) טייך־אויסגוס. די גואַטעמאַלער רופן דאָס אָרט „גאָלפעטע" ווייל עס זעט אויס ווי אַ ים־בוכטע.

קיזלשטיין, האָט אין אַ משך פון מיליאָנען יאָרן שווימען זיך איינגעשניטן אין די שטיינערנע זייטן פון זיינע ביידע ברעגעס. אין אייניקע ערטער האָט דאָס וואַסער אויסגעגראָבן טיפע שפּאַלטן, היילן און גריבער. דאָרט אין די שפּאַלטן און היילן האַלטן זיך אויף אַלערליי מין יאַשטשערקעס, שלאַנגען, קראָקאָדילן און אַנדערע בייזע באַשעפענישן וואָס לויערן איינע אויף די אַנדערע.

אַריבערגעשווומען דעם רייצנדיקן „גאָלפּעטע" מיט די אָן אַ צאָל אינדזלען פול מיטביימער, אָנגעפּיקעוועטע מיט אַלערליי פרוכטן און בלומען, ווערט דער טייך דולסע ווידער שמאָל, אָבער שרעקלעך טיף. נאָך עטלעכע געפּערלעכע זיגזאַגן זענען מיר אַריינגעקומען אין דער פּראַכטפולע אָזערע איזאַבאַל, אין וועלכערס שויס דער מאַיעסטעטישער טייך דולסע הייבט זיך אָן.

אָבער איידער דאָס זעגל־שיפעלע שווימט אַריין מיט אַראָגאַנץ אין דער אומענדלעך גרויסער אָזערע איזאַבאַל, קומט עס אַריין צווישן צוויי גאָר הויכע בערג פון אַ דורכזיכטיקן קאַלכשטיין, סאַנטאַ קרוז און סאַן כיל. די טאָפּלטע שטיינערנע מויערן וועמעס שפּיצן זענען באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואַלד, פאַרשטעלן די געוויינלעכע טאָג־ליכטיקייט. עס זענען פאַראַן ערטער צווישן די הויכע שטיינערנע ווענט, ווו עס פאַנגט אָן דער מאָרגנשיין אַזייגער 10 אינדערפרי, און דער בין השמשות — אַזייגער צוועלף מיטאָג־שעה. מחמת די צוויי הויכע בערג, וואָס שטייען וויז אַ ווי אַ הונדערט מיט עפּעס מעטער איינער פון צווייטן, וועלכע פאַרשטעלן די זון כמעט פון אַלע זייטן, לאָזן נישט צו דעם מינדסטן שטראַל.

דער טייך דולסע, אַ פאַרגרעסערטער דורך די שוימיקע וואַסערן פונעם טייך טשאָקאָן און פּאָלאָטשיק, צעטיילט זיך אין זעקס קניען אָדער אָרימס. די זעקס טייכן־קניען פאַראייניקן זיך צוריק אין דעם פאָטער־טייך דולסע, איידער ער פאַלט אַריין אין דעם קאָנוואָלסיוון קאַריבישן ים. אַזוי אַרום פאָרמירט זיך די פריער דערמאָנטע הערלעכע דעלטאַ.

מיין זעגל־שיפעלע שווימט ווי אַ וויכער מיט אַ סטאָאישער אַראָגאַנץ אויף דעם קוועקזילבערנעם וואַסער־תהום. איך קוק מיטן בלויזן אויג, איך זע גוט. איך באַפרידיק זיך אָבער נישט. איך וויל זעען מער און מער. דאָס שיפל גליטשט זיך. איך קוק מיט מיין שפּאַקטיוו. אָבער מער ווי ביז אַ צען מעטער טיף אין דזשונגל זע איך סיי ווי נישט, ער איז צו געדיכט.

אויפן טייך שיפן זיך הונדערטער אינדיאַנער, זיי פליען ממש, כאָטש זיי וועסלען בלויז מיט איין וועסלע, זיצנדיק אין אַ לאָדקע פון אַן אויסגעהוילטן קלאָץ.

זיי כאַפּן פיש, ראַקעס און מושלען. אַנדערע האַלטן ביקסן אין די הענט, גרייט

צו דערשיסן וועלכע עס איז חיה אָדער עסבאַרען פויגל וואָס וועט קומען טרינקען וואַסער אָדער כאַפּן פיש דאָרט ביי די ברעגעס.

אַ שוואַרצער בער איז געקומען צום טייך מיט זיין קליינוואַרג זיך אָנצוטרינקען מיטן זיסן וואַסער פונעם טייך דולסע און זיך אַ טובל טון. אַ ריזיקער קראָקאָדיל האָט זיי דערזען, האָט ער געוואָלט אַוועקכאַפּן אַ קליין בערעלע, וואָס האָט זיך שרעקלעך צעיאָמערט. דער בער־טאַטע האָט גלייך פאַרפירט אַ קאַמף מיטן קאָלאָסאַלן קראָקאָדיל. איך מיט מיינע פירערס קוקן זיך צו געשפּאַנט צום שרעקלעכן קאַמף. מיר ווילן זען ווער וועמען וועט באַזיגן. צוויי אינדיאַנער פון אַן אויסגעהוילטן קלאָץ יאָגן זיך צום קאַמפּס־פּלאַץ און בלייבן שטיין אַ צען מעטער וייט פון דער בעסטיאַלער מלחמה.

איינער פון די אינדיאַנער האָט אָנגעצילט און פּיף־פּאַף, צוויי מאָל אויסגעשאָסן און ביידע מאָל געטראָפן אין די זייטן פון איבערפאַלנדיקן קראָקאָדיל און מיטן צווייטן שאָס געטראָפן דעם צווייטן קראָקאָדיל, וועלכער איז געקומען דעם איבערפאַלער צו הילף.



די באַרימטע מוסוראַנאַ־שלאַנג שלינגט איין אַ געפערלעך
גיפטיקע קרעלן־שלאַנג, אַ גרעסערע ווי זי איז

דער בער מיט זיינע צוויי שיינע בערעלעך, וועלכער האָט ווי פאַרשטאַנען די אינדיאַנערס הילף, איז צומאָל נישט אַנטלאָפן אין דזשונגל, נאָר אָפּגעטרעטן פון דאָרט אַ פופציק מעטער וייט, וווּ זיין ווייב איז געשטאַנען מיט נאָך צוויי בערעלעך. ער האָט איר איבערגעגעבן דאָס קליינוואַרג און אַליין איז ער אַריין אין וואַסער און זיך געוואַשן און באַלעקט די ווונד, וואָס דער בייזער קראָקאָדיל האָט אים געמאַכט.

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איר נישט דערשאָסן דעם בער און נישט געכאַפּט די בערעלעך? — האָב איך אַריבערגעשריגן צו די צוויי אינדיאַנער פון אויסגעהוילטן קלאָץ.

— ווען אַ בער פאַרטיידיקט זיך קעגן אַ קראָקאָדיל, וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעכן אים צו טויטן. דער קראָקאָדיל איז אַ שונא פון אַלץ וואָס לעבט און ער הרגעט, צי ער איז הונגעריק צי נישט. דער בער וועט אפילו דעם מענטש

אויך פאַרטיידיקן, ווען ער זאָל זעען ווי אַ קראָקאָדיל אָדער די מאַזאַקאָאַטל־שלאַנג פאַלט אים איבער. איצט האָט איר פאַרשטאַנען, ווייסער הער? האָבן מיך די אינדיאַנער געענטפערט.

פון ביידע זייטן טייך געפינען זיך הויכעביימער ביז די אומענדלעכע בלויקייטן, ווו עס נעסטן רויב־פייגל, אַלערליי מין קעץ פון אַלערליי גרייס און קאָליר. נישט זעלטן פאַרקלייבט זיך אויך אַרויף דער יאַגואַר, וועלכער לויערט אויף אַ חיה און איבערהויפט אויפן געפערלעכן קראָקאָדיל אָדער אַנאַקאָנדאַ־שלאַנג, פון וועלכע ער איז דער געפערלעכסטער שונא.

דער פילקאָלירטער צוויט פונעם דזשונגל איז אַ פאַרכשופדיקער. צווישן דעם אומענדלעכן שלל בלומען ראַיען די עקזאָטישסטע שמעטערלינגען. אויף די העכערע צווייגן פון די נידעריקערעביימעלעך קלעטערן אַרום סטאַדעס מאַלפּעס און פּאָפּוגייען, וועלכע באַגלייטן אונדז מיט זייערע געפּלוידערייען און קוויטשנדיקע געלעכטערס.

ווייטער אַ ביסעלע, ווו די ביימער־מאַסע ווערט אַ ביסל שיטערער, פליען אַרום גאַנצע מחנות פייגעלעך פון אַלערליי גרייס און פאַרבן, וועלכע פאַרוויגן מיך מיט זייער גן־עדן געזאַנג, און רופן ביי מיר אַרויס אַלערליי רעיונות.

די אינדיאַנער מיינע פירן דאָס זעגל־שיפל נישט מער ווי אַ פינף־זעקס מעטער פון ברעג, כדי איך זאָל בעסער זען וואָס עס טוט זיך אין און אַרום דער געדיכטעניש.

וואַסער־פייגל, פון דעם ריזיקן פעליקאַן, בושעל, גאַרזאַ און פלאַמענקאָ, ביז דער רייצנדיקער מעווע און פיצעלע וואַסער־שוואַלב, האָבן מיך באַגלייט מיט זייער געקראַקעריי אויף דעם אויספלוג איבער דעם שרעקלעך טיפן, אָבער זייער שטילינקן טייך דולסע, וואָס האָט אויסגעזען אין מיינע פאַרחידושטע אויגן, אַזוי ווי אַ וועג פון קוועקזילבער, וואָס פירט מיין זעגל־שיפל אין אַ צויבער לאַנד אַריין...

מנהגים פון די זוטוהאילא-אינדיאַנער

די טעריטאָריע, פונעם פעטען־דעפּאַרטאַמענט גרענעצט זיך אין צפון מיט די מעקסיקאַנער שטאַטן טאַבאַסקאָ און קאַמפּעטשע, אין מזרח מיט ענגליש האָנ־דוראַס אָדער בעליסע, אין דרום — מיט די גוואַטעמאַלער דעפּאַרטאַמענטן איזאַ־באַל און אַלטאַ ווערַאפּאַז, און אין מערב — ווידער מיט אַ מעקסיקאַנער שטאַט, טשיאַפּאַס.

דער פעטען־דעפּאַרטאַמענט האָט אַ שטח פון איבער 39,627 קוו׳ קילאָמעטער, וואָס מאַכט אויס כמעט אַ דריטל פון גאַנץ גוואַטעמאַלאַ, און האָט אַ באַפעלקערונג פון בלויז 9.900 נפשות, הויפּטזעכלעך לאַקאַדאָנער־אינדיאַנער.

דאָס גאַנצע פעטען־לאַנד איז אויסערגעווענלעך פרוכטבאַר. די גרעסטע טייל איז פלאַכלאַנד מיט אומענדלעכע בראשיתדיקע וועלדער, מיט כל־המיניםביימער פון די טייערסטע געהילצן און מיט טויזנטערליי ווילדע פרוכטביימער. דער געביט האָט אויך אַלערליי קלימאַטן: אינטערטראָפּיקאַלע, טראָפּיקאַלע, זייער פייכטע און קילערע — סוב־טראָפּיקאַלע. דאָ רעגנט אין דער רעגנדיקער תקופה גאַנצע אַכט מאָנאַטן.

קומט די צייט פון רעגן, צעבערט ממש ווי אַ וואָלקן־ברוך... דאָ געפינט זיך אויך די גרעסטע אָזערעס מיט זיסן וואַסער, געזאַלצענע אָזערעס, און אָזערעס מיט וואַסער, וואָס קאָכט בוכשטעבלעך ווי אין אַ קעסל. פונדעסטוועגן פעלט אין אַ סך געגנטן טרינקוואַסער אין די טרוקענע מאָנאַטן. אין די געגנטן, וואָס זענען ווייט פון אַ טייך אָדער פון אַן אָזערע, גראָבן די אינדיאַנער אויס זייער טיפע ברונעמער, ווי אויך אַרטיפיציעלע אָזערעס, וווהין עס לויפט אָן געננוג רעגן־וואַסער אין די אַכט חדשים פון דער רעגן־תקופה. און דאָס וואַסער טרינקען זיי אין משך פון דער טרוקענער צייט.

עס רעגנט טאַקע, טייכן און אָזערעס ווי ימים זענען פאַראַן טאַקע זייער אַ סך. ווייטער אָבער פון די טייכן און אָזערעס האָט דער ערשטער אונטערגרונט זייער פּאַסקודנע וואַסער, וואָס טויג נישט צו טרינקען. אויסצוגראָבן אַ ברונעם וואָס זאָל דערגרייכן די אונטערערדישע טיפע קוואַלן, אָדער אונטערערדישע טייכן, האָבן זיי נישט קיין ספּעציעלע מאַשינען און עקבערס, וואָס קאָסטן אַ שלל. מוזן

טאָקע אַ סך אינדיאַנער שבטים, די אָפּגעשטאַנענע, וואָס מאַכן זיך נישט אָט די „אַלכיבעס״ (ציסטערנעס) אָדער דעפּאָזיט־גריבער, זיך ברענגען וואַסער פון די טייכן אָפּטמאָל פון גאַנץ ווייט.

איך וועל אויף טשיקאַוועס פאַרצייכענען די וויכטיקערע אָזערעס און טייכן פון דעם דעפּאַרטאַמענט, ווו עס רעגנט אַכט מאָנאַטן פון יאָר נאָכאַנאַנד און דאָך פעלט טרינק־וואַסער. אין דרום־מזרח פון פּאַסאָ רעאַל געפינט זיך די אָזערע פּעטעקסבאַטום מיט אַ שטח פון 16 קילאָמעטער די לענג אויף אַכט די ברייט, וועלכע גיט אַ סך וואַסער דעם טייך פּאַסיאָן. צו דער מערב־זייט ליגט די אָזערע סאַן כואַן דע אָקול. אויף דער רעכטער זייט פון טייך פּאַסיאָן ליגט די אָזערע איזאַבאַל פון 50 קילאָמעטער די לענג אויף 28 די ברייט. באַלד נישט ווייט פון דער גרענעץ מיט בעליסע ליגט די אָזערע יאַקספּאַ פון 20 אויף זיבן קילאָמעטער די ברייט.

פּעטען האָט אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער 9.900 נפשות, בלויז אינדיאַנער, וועלכע באַאַרבעטן כמעט נישט די זייער פרוכטבאַרע ערד, מחמת דער באָדן איז דאָרט אַזוי פרוכטבאַר, אַז זיי לעבן בלויז מיט די פרוכטן פון וואַלד, גראָזן, גרינסן און שוואָמען, וואָס וואַקסן פון זיך זעלבסט. אין די טייכן און אָזערעס זענען פאַראַן פיש פון די בעסטע מינים. פייגל — אָ שלל, און חיות אָן אַ שיעור.

די הויפּטשטאָט פון דעם דעפּאַרטאַמענט פּעטען שטייט אויפן אינדזל מיטן זעלבן נאָמען, וועלכער געפינט זיך אויף דער אָזערע סאַן אַנדרעס, און הייסט פלאָרעס (בלומען). זי פאַרנעמט אַ שטח פון 15 קוואַדראַט (בלאָקן) באַבויטע הייזער.

די הייזער זענען מערסטנס פון בלאָטע, אָדער פון האָלץ, און די דעכער זענען צוגעדעקט מיט בלעטער וואָס הייסן הואַנאָ, באַנאַנע־בלעטער, עס זענען פאַראַן אייניקע וואָס זענען צוגעדעקט מיט בלעך. אויף אַ בערגל פון דעם אינדזל שטייט נאָך די פינצטערע געביידע, וואָס האָט אַמאָל געדינט די שפּאַנישע אינוואַזאָרן פאַר אַ געפענקעניש.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט ציילט זיך ביי קרוב צו צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט נפשות. די היץ איז אַ שרעקלעכע, אַן אויסטערלישע און אומדערטרעגלעכע. די שטאָט אַליין האָט נישט אין זיך קיין שום שיינקייט. אָבער פון דער ווייט, ווען מ׳איז אין דער לאָדקע אויף דער ריזיקער אָזערע, מאַכט זי אַ שיינעם איינדרוק, צוליבן וואַלד מיט די זעלטן־שיינע קאַקאַאָ־ביימער, צעדערן און אַנדערע, אויך פרוכטביימער.

נאָך די לאַקאַדאָנער־אינדיאַנער און איטזאַעס קומען די זוטוהואילאַס, וועלכע וווינען אין די עטוואָס קילערע געביטן פון דעם פייערדיקן פּעטען־דעפּאַרטאַמענט.

די זוטוהואַילאַס־אינדיאַנער, טראָץ דעם וואָס זיי ווײַנען פון קדמונים אָן אין טראָפּיקאַלן אורוואַלד פון פּעטען־געביט, זענען זיי דאָך ציוויליזירטער פון אַנדערע שבטים פון הייסן פּעטען. זייערע הייזקעס זענען געבויט מערסטנטייל פון וווּלקאַן־שטיינער, קאַנוס־פּאַרעמיקע, וואָס די פיר פייערשפּייענדיקע בערג אין יענעם געביט וואַרפן פון זיך אַרויס בעת די אויסברוכן. די פרויען גייען אָנגעטון אין דינינקע קליידלעך, אָן שום אונטערוועש, און די גרעסטע טייל פון זייערע וויקלען בלויז אַרום דעם אונטערשטן טייל קערפּער מיט אַ שטיקל געבלומטן פּערקאַל, אָדער לייוונט פון אייגענער אַרבעט. די מענער גייען אָנגעטון אין לייוונטענע אָדער לעדערנע זייער ברייטע און קורצע מייטקעס, מיט זייער ברייטע שטרויענע, אָדער פון פּאַלמען־בלעטער געפלאָכטענע היט. זייערע קאַציקעס גייען אָנגעטון, איבערהויפּט אין אַ יום־טוב, אין לענגערע הויזן פון לייוונט אָדער לעדער, און אָפּטמאָל אפילו אין אַ לעדערנעם רעקל... קיין דערוואַקסענע פולשטענדיק נאַקעטע האָב איך נישט געזען אין די שמאָלינקע קרומע געסלעך פון זייערע דערפער. אָבער קינדער ביז צוועלף־דרײַצן יאָר, פון ביידע געשלעכטער, לויפן אַרום נאַקעטע אויפן הויף אָדער פאַר דער שטוב, נישט ערגער פון די מאַלפּעס מכל המינים וואָס זענען האר פול אויף די ביימער און אויף דער ערד...

נישט ווייט פון די „ווײַנהייזער" פון אַ זוטוהואַילאַ־דאָרף שטייט אַזאַ מין בלינדע כאַטע אין דער פאָרעם פון אַ לאַנגן באַק־אויוון, אָדער ווי די פּוילישע „פּאַרסקעס" *), ווו די פּויערים באַהאַלטן זייערע קאַרטאָפל, מערן, בורקעס, ברוקוועס און אַנדערע פּרוכטן פון דער ערד און בוים קעגן יענע ווינטערדיקע פרעסט.

די פינצטערע געביידע אָן טירן און אָן פענצטער איז זייער נידעריק, נישט מער ווי אַ מעטער די הויך, און די טיף ביז צווי מעטער אונטער דער ערד. דער אַרײַנגאַנג איז אויך ווי אין אַ פּוילישן פּאַרסק, אין שמאָלן עק פון דער געביידע, דורך אַן אָפענער לאָך, מער ווינציקער אַ מעטער די הויך פון דער ערד אויף אַ זעכציק צענטימעטער די ברייט.

די דאָזיקע געביידעס זענען מערסטנס געבויט פון לאַווע־שטיינער און צונויפגעקלעפּט מיט בלאָטע, מיט דעם אונטערשיד, וואָס די ווײַנהייזער זענען געבויט קאַנוס־פּאַרמיק, אַזוי ווי קיילעכדיקע בינשטאָקן. דאַקעגן זענען די געביידעס מיסטעריעזע, לאַנגע און שמאָלע, מיט אַן אָוואַל־דאַך פון געקנעטענעם ליים, אַזוי ווי די קאַלאַניאַלע פּויערישע באַק־אויוונס, אויף דער פרייער לופט. די געביידעס ווערן אָנגערופן אויף זוטוהואַיליש „טעמאַסקאַל" (שוויצבאָד).

---

*) אַזעלכע מין אונטערערדישע שפּייכלערס אָדער קעלערס אויף דער פרייער לופט, קבר פאָרמיק, פון 5X3 און 3 מעטער טיף, מיט אַן ערדישן דאַך.

די זוטוהואַילאַס, הגם נישט קיין טערקן, האָבן שטאַרק ליב די טערקישע שוויצבעדער. דעם דאַמף שאַפן זיי דורך אַרויפגיסן וואַסער אויף אָנגעגליטע שטיינער. אין דער פינצטערער הייל גייען אויך אַריין די זוטוהואַילאַס קימפּע־טאָרינס, ווען זיי זענען אויף דער צייט געלעגן צו ווערן.

אַ לאַקאַדאָנער ציווי־ליזירטע אינדיאַנע־רין־סוחרטע

און בשעת די צוקונפטיקע מאַמע געפינט זיך דאָרט די לעצטע שעהען פאַרן געלעגן ווערן איינע אַליין אין דער פינצטערניש, קומען זיך צוזאַמען די עלצטע פרויען פונעם שבט און זיי מאַכן אָן אַ משונהדיק פייער פונקט אַנטקעגן דעם אַריינגאַנגס־לאָך. אַ גליק נאָך, וואָס דאָס האַלץ, וואָס זיי נוצן צו יענער געבורט־צערעמאָניע, הגם עס ברענט זייער פלאַמיק, לאָזט עס נישט אַרויס פון זיך דעם מינדסטן רויך.

די היץ אין דעם טעמאַסקאַל ווערט אַ גיהנומדיקע.

איך האָב געהאַט דאָס גליק נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון אַן אַלטער כהנטע, אַ „כשופמאַכערן", ווען איך האָב געשאָנקען צוויי שנירלעך רויטע און בלויע קרעלן פון גלאָז און אַ פּאָר גרויסע אויערינגען, אויך פון רויטע און

בלויע גלעזלעך, און זי האָט מיר דערלויבט איינמאָל אַריינצוקריכן צו אַזאַ מין געלעגן ווערן, באַלד נאָכדעם ווי עס איז אַהין אַריינגעקראָכן אַ קימפּעטאָרן, אַן ערשטלינג.

איך האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט זען, כאָטש איך האָב געהאַלטן אין האַנט אַן אָנגעצונדן עלעקטריש לעמפּל, צוליב דער געדיכטער פּאַרע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען ווי אַ שווערער נעפּל אין אַ פייכטן ווינטער־טאָג.

מער ווי עטלעכע מינוט האָב איך אין יענער שוויצבאָד נישט געקאָנט זיין. די האָר אויפן קאָפּ האָבן געוויייעט פון דער שרעקלעכער היץ. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בראָט מיך ממש אָפּ. אין אַ צוויי שעה נאָך מיין אַרויסקריכן פונעם טעמאַסקאַל איז אַרויסגעקראָכן די קימפּעטאָרן שוין מיט אַ קינדעלע אויף דער האַנט, שוין אַן אַרומגעוואַשנס, אַן אַרומגערייניקטס. דאָס קינד האָט זי אַוועקגעלייגט אויף אַ ביסל שמאַטעס אין אַ געפלאָכטענער הענג־וויג לעבן איר הייזקע, און אַליין האָט זי זיך גענומען צו איר געוויינטלעכער אַרבעט, אַזוי ווי עס וואָלט מיט איר גאָרנישט פּאַסירט.

ווען איך בין געווען אין דעם טעמאַסקאַל האָב איך פון דער ערשטלינג־קימ־פּעטאָרן נישט געהערט קיין געשרייען און קיין קרעכצן, כאָטש זי איז דאָרט געווען אַליין, אָן דער מינדסטער הילף פון אַן אַקושאָרקע, אָדער פון אַן אַנדער פּראַקטישן מענטש, אין חושכדיקער פינצטערניש און שטיקנדיקער דאַמפּיקער היץ.

אַזאַ אויסדויער באַזיצן זיי, די זוטוהואַילאַ־פרויען!...

דאָס דאָרף הייסט, ווי מען האָט מיר געזאָגט, יאַקסשהאַ, און ליגט צווישן בערג אינעם הייסטן דזשונגל פון פּעטען, נישט ווייט פון דעם ענגלישן האָנדוראַס, אָדער בעליסע. די ווילדע שאַרפע גראָזן זענען העכער פונעם העכסטן מענטש. די געדיכטעניש פון די ביימער איז אין אייניקע ערטער אַזוי קאָמפּאַקט, אַז די זון דערגרייכט קיינמאָל נישט צו דער ערד. צו דעם קומט נאָך צו אַ דושנע פייכטקייט, וואָס מאַכט פאַרן פרעמדן אומדערטרעגלעך דאָס לעבן.

דאָרט פלאָדיען זיך כל־המינים שרצים, פייגל און חיות. די ביימער זענען אַ גאַנץ יאָר פול מיט בלומען און פרוכטן, און אויף די ביימער זעט מען פון די זעלטנסטע זינג־פייגעלעך, וואָס פאַרוויגן דעם וואַנדערער מיט זייער געזאַנג אין די שענסטע רעיונות, ביז די ריזיקסטע רויב־פייגל, ווי: אירובוס, טשאַכאַס, בוש־לען, פלאַמענקאָס און פּאָפּוגייען מיט די עקזאָטישסטע קאָלירן, ווי אויך אָדלערס, קאַראַנטשאָס, גאַווילאַנען און האַלקאָנען.

אַלערליי מאַלפּעס און אַנדערע קלעטער־חיהלעך קאָנקורירן מיט די פייגל, שפּרינגען פון איין צווייג אויפן צווייטן און פון איין בוים אויפן צווייטן אין איי־ביקן קאַמף פאַרן טאָג־טעגלעכן ברויט. די רוצחישע חיות, פייגל און שלאַנגען זיצן אויך נישט ליידיק. זיי לויערן און פאַרצוקן וועמען און וואָס עס לאָזט זיך.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען איך בין געזעסן צווישן די אָנגעוואָרפענע לאַווע־שטיינער לעבן אַ קרישטאָל־קלאָרער אָזערע וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַ קוואַל וואָס שטראָמט אַרויס פון אונטער אַ שטיינערנעם באַרג, עטלעכע הונדערט מעטער ווייט פון דאָרף און וואַלד, האָב איך געזען אָנקומען אַ זוטוהואַילאַ־מיידל פון אַ יאָר זעכצן צי זיבעצן, גאָרנישט קיין מיאוסע. איר אונטערשטער טייל פון קערפּער איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטן פּערקאַל, מיט ווייסע און טונקל־בלויע בלימעלעך און מיט אַ קרוג אויפן קאָפּ. אין דער רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ לאָרבער־צווייגעלע מיט קליינע ווייסע בלימעלעך און אַ אָרכידייע־צווייגעלע, אויך באַבלומט מיט די וווּנדערלעכסטע קאָלירן, וואָס נאָר דער מיסטעריעזער גוואַטעמאַלער קלימאַט קאָן אַרויסגעבן. מיט איר לינקער האַנט האָט זי זיך אונטערגעהאַלטן אירע שטאַרק־אַנטוויקלטע און זעלטן פיין־פאָרמירטע נאַקעטע בריסטן, וואָס האָבן זיך ביי איר שטאַרק געשאָקלט צוליבן האַסטיקן גיין...

געקומען איז זי נאָך וואַסער מיטן קרוג אויפן קאָפּ, פּונקט ווי אונדזער מוטער רחל צו יעקבס ברונים. זי איז צוגעגאַנגען צום ברעג טייך, ווו איך בין געזעסן און געצויגן אַרויס מיט מיין ווענדקע אַ פלאַטערנדיק קאָרעשל. אין דער רגע, ווען דאָס מיידל האָט געהאַלטן אין אַראָפּנעמען דעם קרוג פון קאָפּ כדי אָנצושעפּן וואַסער, איז פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון צווישן די ווילדע גוואַזשאַבאַס און פּלאַטאַנאַס־קוסטן אַן אינדיאַנער יונג פון אַ יאָר צוואַנציק. ער האָט אַרויסגעריסן ביים מיידל דעם קרוג פון האַנט און מיט אים דערלאַנגט דעם מיידל אַזאַ זעץ אין קאָפּ, אַז דער קרוג איז צעבראָכן געוואָרן אויף פּיצלעך.

מיינענדיק, אַז דאָס האַנדלט זיך אין אַ ברוטאַלן איבערפאַל אויף אַן אומבאַשיצט מיידל, האָב איך, אומגעקלערט וועגן די פאָלגן, אַ שפּרונג געטון צום יונג און מיט דער פולער פויסט אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ אין דער גאָמבע, אַז איך האָב אים אויסגעהאַקט דריי ציין און אים צערודערט דעם גאַנצן קינבאַק.

דאָס מיידל אָבער, פאַר וועלכער איך האָב זיך אַזוי דאָנקיכאָטיש איינגעשטעלט, איז אַנטלאָפן ווי אַ וויכער גלייך אין דאָרף אַריין. דאָרט האָט זי אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן ליאַרם, אַז איך בין איבערגעפאַלן איר באַשערטן, אין הייליקסטן מאָמענט פון איר פאַרלאָבונג, און איך האָב אים שרעקלעך צעמזיקט...

איבער צוויי הונדערט פּערזאָן, מענער, פרויען און קינדער זענען געקומען צולויפן מיט מעסערס, רעוואָלווערן, ביקסן, העק און שטעקנס, און מיך געוואָלט לינטשן. און ווען נישט מיינע פירערס, וואָס זענען אָנגעלאָפן צוזאַמען מיט דער מחנה, און האָבן דעם אָנפירער פון דעם אויפגערעגטן המון געגעבן צו פאַרשטיין אויף זוטוהואַיליש, אַז איך בין גאָר געגאַנגען פאַרטיידיקן דעם מיידלס ערע, האָבן זיי מיך נישט אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין אָפענעם קראַטער פון אַ ווולקאַן, אַ צענדליק קילאָמעטער פון דאָרף...

ביי די זוטוהואַילאַס עקזיסטירט נאָך ביז היינט דער מנהג — האָט מיר געזאָגט אַן ענגלענדער — אין געהיים, פאַרשטייט זיך, מקריב צו זיין לעבעדיקע באַשעפענישן, טיילמאָל אפילו קליינע קינדער, צום גאָט, וואָס זיצט אין די טיפע־נישן פונעם קראַטער, ער זאָל נישט אויסגיסן זיין צאָרן, און נישט אַרויסוואַרפן צו זיי זיין פייערדיקע לאַווע.



ווייל איך האָב זי פאַרטיידיקט, האָט זי געוואָלט מען זאָל מיך אַריינוואַרפן אין פייערדיקן קראַטער פון ווולקאַן

— קום צום קאַציק — האָט צו מיר געזאָגט דער אָנפירער פון דער מחנה מיטן צונאָמען „דער איינאויגיקער האַלקאָן״ *). ער וועט משפטן דיין משפט. ער איז אַ געטלעכער מענטש — דער קליגסטער פון די קליגסטע. ער איז אַזוי אַלט, ווי די עלטסטע וואָס דער גאָט פאָנאַטין האָט געשאַפן. פון אַלטקייט איז אים אַזש אַ ווייסע, לאַנגע באָרד אָנגעוואַקסן. מיין מאַמע וואָס איז שוין אויך אַן אַלטע און וויל נאָך אַלץ נישט שטאַרבן, זאָגט, אַז דער קאַציק איז אַלט מער פון הונ־

*) אַזאַ מין געפערלעכער אָדלער, טאַקע אַ ביסל קלענער ווי דער אמתדיקער אָדלער, אָבער געוואַגטער, פלינקער און שטאַרקער פונעם געוועלנלעכן אָדלער.

דערט יאָר, און ער איז נאָך שטאַרק ווי אַ בוהאַי, געפּערלעך ווי אַ גאַוויאַל, ווען ער איז אין כעס, און צאַרט ווי אַ טויב, ווען ער איז מילד געשטימט. ער היילט אונדזערע קראַנקע, און מיט זיינע שפּרוכן פּאַרטרייבט ער אַלע בייזע רוחות, וואָס זיצן אין מענטשנס האַרץ... אונדזער קאַציק, אייביק זאָל ער לעבן!...

ערשט שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז ביי די זוטוהואַילאָס אינדיאַנער איז עס אַן אַלטער מנהג צו צעברעכן אַן ערדענע קרוג אויף אַ מיידלס קאָפּ, ווען זי גייט שעפּן וואַסער. דאָס איז אַזאַ מין פּייער־פּלאַמיקע ליבע־דערקלערונג. נאָכדעם דאַרף זי באַלד גיין מיטן פאַרליבטן פאַרברענגען די נאַכט. מיטן צע־ברעכן דעם קרוג אין מיידלס קאָפּ ווערט זי אויטאָמאַטיש פאַררעכנט פאַר זיין „געזעצלעך" ווייב. טאָמער אָבער אַנטלויפט דאָס מיידל, איז אַ סימן, אַז זי וויל אים נישט, אָדער אַז די געטער זענען קעגן דעם שידוך, מוז דער פאַרליבטער יונג, נעבעך גיין צוריק אין זיין נאָרע אַריין אבל וחפוי ראש...

איך האָב, לכתחילה, געמיינט, אַז נאָכן צעברעכן אַזאַ קרוג אין דעם מיידלס קאָפּ, מוז זי אוודאי האָבן אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן. עס האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן, אַז דעם מיידל איז גאָרנישט געשען, און ווי איך בין געוווּיר געוואָרן, געשעט קיינער פון זיי גאָרנישט נאָך אַזאַ מין אידיליע, נאָך אַזאַ ליבע־דערקלע־רונג, ווייל פון דער קינדהייט אָן מאַכן די מאַמעס איבונגען מיט זייערע מיידלעכס קעפּלעך, און מיט דער צייט קריגן זיי אַזוינע האַרטע שאַרבנס, אַז מיטן שטערן צעקנאַקן זיי צייטיקע קאָקאָס ניס...

אַ ייִד — אַ זוטהאילאָ-קאַציק

דער „איינאויגיקער האַלקאָן“, דער אָנפירער פון דער מחנה, וואָס האָט מיך געוואָלט לינטשן, אַ מענטש פון אַ יאָר פיר און פופציק, הויך און טרוקן ווי אַ דראָנג, מיט אַ צעטרייבערטן פנים, מיט בלויז איין אויג (דאָס לינקע האָט ער פאַרלוירן אין אַ מעסער־געפעכט, און איז געווען פאַרקלעפּט מיט אַ שוואַרץ שטיקל גאַזע), האָט מיך גענומען אונטער זיין שוץ, און מיך פאָרגעשטעלט פאַרן הויפּט־קאַציק, ער זאָל משפּטן מיין אינצידענט מיטן פאַרליבטן פּאָרל.

פאַר דער טיר פון אַ גרעסערער כאַטע, געבויט ווי אַ סטאָדאָלע, פון געדיכט־געפלאָכטענע רערן־שמועקלעך און מיט אַ דאַך באַדעקט מיט באַנאַנע־בלעטער, נאָענט לעבן אַ ציגן־שטאַל און אַ גאָר גרויסער עופות־שטייג, איז געזעסן אונטער אַ צעצווייגטן באַנאַנע־בוים אויף אַ בענקל פון געפלאָכטענע פּאַלמען־בלעטער אַ מענטש פון אַן אומבאַשטימטן עלטער, מיט אַ גרויער, לאַנגער און קודלעוואַטער באָרד און מיט געלאָקטע לאַנגע נזירישע האָר אויפן קאָפּ, וואָס האָבן אים גע־גרייכט ביזן בוהאַאישן קאַרק. אָנגעטון אין לאַנגע לעדערנע הויזן, מיט אַ ברייטן לעדערנעם רימען פול אָנגעזעצט מיט גראָב־קאַליבערדיקע קוילן, אַ רעוואָלווער אין אַ לעדערנעם שיידל אין דער רעכטער זייט און אַ לאַנג און ברייט מעסער, אויך אין אַ שייד, אין דער לינקער זייט. די אויבערשטע טייל קערפּער — נאַקעט און באַוואַקסן מיט לאַנגע, גרויע האָר. ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע און גאָרנדיקע ליולקע אין מויל און געריכערט. בשעת מעשה האָט ער געוועבט פון ציגענע וואָל, געדרייט מיט אַ פּרימיטיוו רעדל אַ הענג־שאַטקע צום שלאָפן. פונקט האָט ער אין יענעם מאָמענט געהאַלטן אין מאַכן שלום־בית צווישן אַ צעקלאַפּט פּאָר־פאָלק, און האָט אויך פאַרמשפּט אַ ציגן־גנב, ער זאָל תיכף אָפּגעבן די גנבה, און נאָך צוגעבן, אַלס שטראָף, אַ קליין ציגעלע. דאָס פּאָר־פאָלק, וואָס האָט זיך צעשלאָגן, האָט ער געוואָרנט, זיי זאָלן זיך מער נישט קריגן: דער גאָט פּאָנאַטיק האָט פיינט קריגערייען, און טאָמער וועלן זיי זיך אפילו בלויז איין מאָל נאָך צעקריגן, וועלן זיי מוזן ווערן צעשיידט אויף גאַנצע אַכצן מאָנאַטן, און אין דער צייט וועט ער נישט טאָרן האָבן קיין באַציאונגען מיט קיין שום פרוי, און זי מיט קיין שום מאַן. און דעם גנב פון דער ציג האָט ער געוואָרנט, אַז טאָמער וועט

ער נאָך אַמאָל גנבענען, וועט ער מוזן פּאַסטן דריי מעת־לעת, נישט טאָרן עסן קיין פלייש דריי יאָר צייט, און וועט פאַר דער געגנבעטער זאַך מוזן אָפּגעבן פיר מאָל אַזוי פיל.

— געדענקט, קינדער, אַז דער גאָט פּאַנאַטין*) גיט לעבן און גליק פאַר אַלע־מען גלייך. קיינער טאָר נישט גלוסטן צו יענעמס, און ווער עס פאָלגט נישט פּאַנאַ־טינס געבאָטן, פאַרלירט בײדע וועלטן אויף דור־דורות!... — האָט דער מאָדנער קאַציק פאַרענדיקט זיין משפט מיט אַ פּאַטערלעכער וואָרענונג.

זיינע משפטים זענען געווען קורצע און שאַרפע. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט די רבנישע ליולקע פון מויל און אויך נישט אויפגעהערט צו שפּינען. ער האָט בלויז אַלע ווײלע אַ פּאַכע געטון מיט זיין אָדערדיקער און פרענגעוואַטער האַרי־קער האַנט, איבער דער פליישיקער נאָז מיט דער האָריקער מאַלינע־בראָדעווקע ווו אַ פאַרשייטע גרין־בלויע פליג האָט מיט אַ משונהדיקער זשומעריי, אַ פאַרבי־סענע, נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ גרויסן טראָפּן שווייס.

ווען דער פּאַטריאַרכאַלער קאַציק האָט מיך דערזען, באַגלייט פונעם „איינ־אויגיקן האַלקאָן" און פון מיינע צוויי וועגווייזערס, האָט ער אַ נערוועאישן מאַך געטון צו דער זלידנער פליג, און אָפּלאָזנדיק דאָס שפּינען, זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך, און מיר דערלאַנגט זיין שמשון־האַנט. דערנאָך האָט ער מיך אַרומגענומען אויפן אינדיאַנישן שטייגער, און מיר דריי מאָל געפּאַטש אין פּלייצע.

נאָכן אויסהערן דעם ראַפּאָרט פון „איינאויגיקן האַלקאָן", און דאָס עדות־זאָגן פון מיינע וועגווייזערס, האָט ער אַרויסגעגעבן דעם פּסק, אַז איך בין פריי, און אַז קיינער פון זיין שבט און פון די פאַרבינדעטע זאָלן מיך נישט באַלעסטיקן...

מיר איז געווען זייער אויפפאַלנדיק זיין נישט ענלעכקייט, סיי אין פאָרעם, ווי אין קאָליר און האָריקייט צו זיין שטאַם, ד"ה צום אינדיאַנער שבט, וועמענס שופט, כשופמאַכער און „דאָקטער" ער איז געווען... די אינדיאַנער פונעם זוטו־הואַילאַ־שבט זענען פון אַ העלן קאַשטאַן־קאָליר מיט מאַנגאָלישע מאַנדל־אויגן און ברייטע אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, אָן שום באַוואַקסונג אויפן פּנים און אויף די צוגעדעקטע ערטער. דער קאַציק איז אָבער, לויט זיין אויסזען, געווען פון דער ווייסער ראַסע און האָט פאַרמאָגט עכט־סעמיטישע שטריכן: הויך — איבער אַ מעטער מיט אַכציק, שלאַנג ווי אַ טײטלבוים, ברייטע פּלייצעס, און אַ הויכע, באַ־וואַקסענע ברוסט ווי ביי אַ בער, אַ הויכער שטערן מיט נאָך, ווו־נישט־ווו, שאַטי־נענע האָר צווישן דעם שלל גרויע אויף זיין לייבן־קאָפּ. גרינע, גרויסע דורכ־

---

*) די זון.

דרינגלעכע אויגן פול מיט מעלאַנכאָלישער בענקשאַפט, קינדערשער גוטסקייט און היפּנאָטישער פאַרשלעפערישקייט, לאַנגע געדיכטע וויעס און רונד־לאַנגע געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן זיך באַהאַפטן ביים אָנהויב נאָז. אָבער מער פון אַלץ האָט מיך שאָקירט זיין ווייסע צוויי־שפּיציקע קודלוואַטע באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן עקזאָטישקייט און חשיבות צווישן די האַרלאָזע אינדיאַנער פון זיין שבט, וואָס זייערע לייבער פון העלן קאַשטאַן־קאָליר זענען זייד־גלאַטיק, ווי ביי אַ קינד פון אַ יאָר...

איך בין געוואָרן זייער נייגעריק אויף דעם רעטעניש. כדי צו געווינען נאָך מער זיין סימפּאַטיע צו מיר, האָב איך אים געשאָנקען אַ פּעקל געלן טאַבאַק צום רויכערן און אַ רויט העמד, וואָס איך האָב מיט מיינע הענט אויסגעהאַפטן מיט אַלערליי בלומען, און דערצו נאָך האָב איך אים און זיינע בני־בית אָפּגעפאָטאָגראַפירט אין עטלעכע פּאָזעס. איך האָב אויך געשאָנקען איניקע קליינקייטן זיין ווייבל.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער קאָן נישט שרייבן און לייענען, אַז זיין זיידע פון פאָטערס צד, ווען ער געדענקט נאָך גוט, האָט אויך געהאַט אַזאַ לאַנגע און ווייסע באָרד. ער פלעגט תפילה טון דריי מאָל אַ טאָג צו „פּאַנאַטין" (צו דער זון), און אין אָוונט פלעגט ער דאַווענען צו דער תמיד־טרויעריקער און זילבער־ווייסער „טעטזקאַטליפּאָקאַ" (לבנה), און פאַרן שלאָפן גיין פלעגט ער ווידער טאָן תפילה... פאַר יעדן עסן פלעגט דער זיידע זיך וואַשן די הענט, און פלעגט, גלאָצנדיק די אויגן, שעפּטשן אין דער שטיל אַ תפילה. ער געדענקט נאָך אפילו, ווי זיין טאַטע, פּונקט ווי דער זיידע, פלעגן דאַווענען צו דער אויפגייענדיקער פּאַנאַטין און צו הואַיטזלאָפּאָטשל, (דעם גאָט איבער אַלע געטער), און פלעגן דערביי אָנטון צו צוויי שוואַרצע קעסטעלעך איינעם אויפן שטערן צווישן די אויגן, פון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעהאָנגען צוויי לאַנגע, שוואַרצע, גלאַנציקע רימענדלעך און איינעם אויפן לינקן אָרים, אויפן גראָבן מוסקול, און די גאַנצע האַנט און פינגער פלעגן זיי אַרומוויקלען מיט אַ לאַנגן שוואַרצן רימען, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם קעסטעלע. ביידע פלעגן זיי זיך שאָקלען און בוקן צו דער אויפגייענדיקער פּאַנאַטין...

פון זיין שטוינענדיקער דערציילונג האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך שטיי פאַר אַ יידישן אָפּשטאַם, און כ'האָב דערביי געטראַכט: אפשר האָב איך דאָס גליק צו געפינען דעם שורש פון די מיליאָנען פאַרשוואונדענע יידן. איך האָב גענומען ביי אים ציען ווייטער דעם פאָדעם:

דער פאָטער זיינער — האָט ער מיר דערציילט — איז געשטאָרבן פון אַ קויל, וואָס מען האָט אים אַריינגעשאָסן, בעת ער איז געגאַנגען צו דער לוויה פון דעם זיידן מיט דער ווייסער באָרד, ווען עס האָבן דערהרגעט איניקע קאַטוילייקן,

נאָכדעם ווי מען האָט אים פאַרמסרט פאַר אַ „הערעכע“ (אפּיקורוס), בשעת ער איז געווען אין דער הויפּטשטאָט אויף אַ מאַרק־טאָג צו פאַרקויפן די פּראָדוקטן פון זיין פאַרם און אַרטיקלען, אויסגעאַרבעטע דורך זיינע אינדיאַנער שכנים. דערפאַר האָט דער גאָט הואַיטזילאָפּאָטשל צעשטערט די שטאָט אַ קורצע צייט נאָכדעם, אָנמאַכנדיק אַן ערד־ציטערניש און וואַסער־פאַרפלייצונג פונעם ווולקאַן דע אַגואַ (וואַסער־ווולקאַן *). זיינע באָבעס געדענקט ער נישט, אָבער דערפאַר געדענקט ער גוט זיין מוטער. די מאַמע זיינע איז אויך, ווי דער זיידע, געשטאָרבן פון די קלעפּ, וואָס זי האָט געקראָגן, דריי חדשים נאָכן פאָטערס טויט: עס זענען צו זיי אין דאָרף אַראָפּגעקומען אַ גאַנצע מחנה מענטשן, וועלכע האָבן גענומען רעדן, זינגען און שרייען אויף שפּאַניש. זיין מאַמע איז געווען די איינציקע אין ישוב, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַ סך שפּראַכן (אפילו פון הינער, קעץ און הינט), און זי האָט אויך געקענט לייענען און שרייבן שפּאַניש, מחמת זי איז געווען אַ געטלעכע פרוי. האָט זי זיך דורכגערעדט מיט די גלחים און די אַנדערע פון דער מחנה. פאַרן אַוועקגיין, האָבן די גלחים איר געוואָלט שענקען אַ געלן קרייץ, וועלכן זי האָט נישט געוואָלט נעמען אין האַנט אַריין, און זי האָט זיך דערבײַ צעוויינט.

די געקומענע פאַרזאַמלטע האָבן דערפאַר זיין מאַמע שרעקלעך צעהרגעט, און זי איבערגעלאָזט אַ צעבלוטיקטע, מיינענדיק, אַז זי איז שוין טויט. דאַן ערשט האָט די אומגליקלעכע ווידער געעפנט אירע אויגן. די גוטע אינדיאַנער האָבן זי אויפגעהויבן פון דער ערד און אַריינגעטראָגן צוריק אין שטוב אַריין, און זי אַוועקגעלייגט אין איר הענג־בעט, וווּ זי איז אין אַ חודש אַרום אויסגעגאַנגען.

זיינע פיר עלטערע שוועסטערלעך און צוויי יינגערע ברידערלעך האָבן די בייזע מענטשן מיטגענומען מיט זיך, און ער ווייסט עד היום נישט, וואָס מיט זיי איז געשען. זיי וואָלטן געוויס אים אויך מיטגעשלעפּט, אָבער ער האָט זיך באַצייטנס באַהאַלטן, אין דער הוילקייט פון אַ גראָבן סעיבאָ־בוים, און די ווייסע האָבן אים נישט געקאָנט געפינען.

אַכציק יאָר איז שוין זינט יענער געשעעניש, אַכט יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען, און ער געדענקט זייער גוט, ווי זיין מוטער האָט געוויינט פאַרן טויט.

---

*) איך מוז דאָ אָנמערקן, אַז דער אויסטערלישער קאַציק האָט געהאַט אַ טעות אין דער דאַטע וועגן דער צעשטערונג פון דער שטאָט. וו. מ. דזשעקסאָן דערציילט אין דער ניי׳ער וועלט־געאָגראַפיע, זייט 556, אַז דעם 15טן סעפּטעמבער פון יאָר 1541 האָט דער ווולקאַן דע אַגואַ פּלוצלינג גענומען פלייצן מיט וואַסער אָנשטאָט לאַווע, און חרוב געמאַכט די שטאָט.

אין יאָר 1545 איז די שטאָט איבערגעבויט געוואָרן אין פּרעכטיקן טאָל קאָקאָטע־מאַנגאָ, און אין יאָר 1773, דעם 29סטן יולי איז די אַנטיגואַ (די ערשטע הויפּטשטאָט) צעשטערט געוואָרן.

און געהאַלטן אין איין שרייען אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, זיכער אַ גאַר הייליקע שפּראַך:

— סאַמאַ סראַל (שמע ישראל)! — די צוויי ווערטער זענען געבליבן איינ־געקריצט ביי אים אין זכרון, און ער וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איבער־הויפּט, ווייל אין די לעצטע מינוטן אירע האָט די מאַמע אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיי געדענקען ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן, און אַז ער זאָל אין קיין אַנדער גאָט נישט גלויבן, ווי נאָר אינעם איין־איינציקן גרויסן גאָט, וואָס זיצט אויבן אין הימל און איז פול אומעטום...

ער פאַרשטייט, אַז „סאַמאַ סראַל" מוז זיכער זיין דער גאָט פון זיין שבט, דער גרעסטער גאָט איבער אַלע געטער, און אפשר גאָר איז עס פּאַנאַטין, וואָס לייכט אַזוי שיין, איז טאַקע פול אומעטום און גיט אַלעמען און אַלץ לעבן? ס'מוז אָבער אויך זיין אַן אַנדער גאָט, אַ גרעסערער ווי פּאַנאַטין, מחמת פּאַנאַטין איז נאָר בייטאָג, און ביינאַכט הערשט שוין טעטזקאַטליפּאָקאַ (די לבנה) מיט קעט־זאַלקאָאַטל (ווענוס). און די מאַמע זיינע האָט אים געזאָגט, אַז איר גאָט זיצט אין הימל, ער זעט אַלעמען און קיינער קאָן אים קיינמאָל נישט זען, אַז „סאַמאַ סראַל" איז זייער אַ גוטער גאָט, ער הייסט ליב האָבן אַלע מענטשן גלייך, און אפילו זיך מקריב זיין איינער פאַרן צווייטן, זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן ברויט מיטן הונגעריקן חבר... יאָ, יאָ, אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין הייליקע מאַמע פאַרן שטאַרבן — האָט דער קאַציק פאַרזיכערט.

און ער היט טאַקע אָפּ מיטן גרעסטן אייפער דער מאַמעס צוואה: ווען עס טוט אים עפּעס וויי, דער קאָפּ צי דער בויך, שיט ער אַריין אַ ביסל צעמאָלענע ביטע־רע פעפערלעך אין אַ גלאָז בראָנפן, זאָגט „סאַמאַ סראַל" און טרינקט אויס, ווערט אים באַלד בעסער...

איך האָב אים געפרעגט זיין נאָמען און פאַמיליען־נאָמען, האָט ער מיר גע־זאָגט, אַז ער הייסט סול, און דעם פאַמיליען־נאָמען געדענקט ער נישט... — איך האָב געדרונגען, אַז ער האָט געמוזט הייסן שאול, וואָס איז אויף שפּאַניש כאַאול, און איז פאַראינדיאַנישט געוואָרן אויף סול...

אין שטאָט אַריין האָט נאָך זיין פוס נישט געטראָטן. ער איז אַ סך, אַ סך יאָרן געוועזן טיף אין די געדיכטעניש פון די פּעטענער און ווערראַפּאַזער אורוועלדער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע אינדיאַנער, אַנטרונענע פון די דערפער און שטעט־לעך, ווו עס פלעגן פאָרקומען מאַסן־שחיטות איבער די פאַרפאַלגטע רעשטלעך פון אַמאָליקע גרויסע פעלקער.

— אַזוי זענען עס אייערע ציוויליזירטע מיט די פיינע קליידער, שטייפע קראַגנס, ליבע ווערטער, פרומע רייד און מיטן טייוול, יאָ, מיטן טייוול, אין האַרצן...

— זעסטו שוין, גרויסער הער, מיין גאָט, דער גאָט פון מיין שטאַם, פון מיינע עלטערן, „סאַמאַ סראַל״, זיצט זיך הויך אין די הימלען, איז צעשפּרייט אומעטום, גיט ליכט און לעבן פאַר אַלעמען, און טוט בלויז גוטס, אַזוי ווי מיין געטלעכע מאַמע האָט מיר געזאָגט...

איך האָב אים געפרעגט, צי ער האָט נאָך ערגעץ ווו אַזאַ מין שוואַרץ קעסטעלע מיט די רימענס, אַ „פּאַנטשאָ״ מיט בלויע שטרייפן און פיר „ווײדעלעך״, אין וועלכע זיין טאַטע און זיידע פלעגן זיך איינוויקלען צום דאַווענען, אָדער עפּעס אַ ביכל מיט פּירקאַנטיקע אותיות. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט אַ ביסל זאַכן, אָבער ער וועט דאָס נישט אַוועקגעבן אפילו פאַר די גרעסטע און שענסטע זאַכן פון דער וועלט. ווען איך זאָל אים אפילו געבן אַ מילכקו, אפילו נישט פאַר צוויי מילכקי מיט זייער מאַן, דעם בוהיי, וועט ער דאָס נישט אַוועקגעבן, מחמת ער וויל זיי מיטנעמען מיט זיך אין קבר אַריין. דאָרט, אויף יענער וועלט, וועט ער זיך צונויפטרעפן מיט זיין מאַמען, טאַטן, זיידן, און ער וועט זיי דאָרט אָפּגעבן די אַלע הייליקע זאַכן... ער וועט עס טון, מחמת ער געדענקט נאָך ווי היינט, אַז די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז די אַ זאַכן וועלן אים אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז אויף דער וועלט, און וועלן אים פירן צום אייביקן לעבן אויף יענער וועלט...

פון אַ שווערן קאַסטן האָט ער אַרויסגענומען דריי ריזיקע קירביסן פון דער מאַטע־משפּחה. אין זיי זענען געלעגן, ווי איינגעבאַלזאַמירט, גוט קאָנסערווירטע צוויי פאָר תפילין, אַ גרויסער טלית מיט אַ זילבערנער עטרה און מיט אַ גאָלדענעם „שדי״ אינמיטן, צוויי טלית־קטנס, אַ שולחן ערוך, אַ תהילימל, איין מגילת אסתר, צוויי סידורים, אַ חומש ספר ויקרא און צוויי מחזורים. די ספרים זענען געווען פון קליינעם פאָרמאַט, געדרוקט אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1821. די סידורים און מחזורים האָבן געהאַט דעם טעקסט אין העברעאיש און שפּאַניש. איך האָב געדרונגען דערפון, אַז דאָס זענען געווען מאַראַנען פון שפּאַניש־יידישן אָפּשטאַם, געקומענע קיין צענטראַל־אַמעריקע און דאָ זענען זיי אַנטדעקט געוואָרן דורך די אינקוויזיטאָרן.

די גאַנצע לעגענדע וועגן אינדיאַנער, וואָס שטאַמען פון יידן, איז מיר אויסגערונען. קיינער נישט פון די אינדיאַנער־שבטים זענען פון יידישן אָפּשטאַם. נישט אַזוי שנעל פאַרלירט אַ פאָלק זיין פיזישן געבוי, איבערהויפּט נאָך ווען דאָס פאָלק לעבט צווישן אייגענע...

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד, פונקט ווי איך. אָבער די רייד זענען געווען אַרויסגעוואָרפענע. ער האָט נישט געוווּסט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז אַ ייד, און נישט ער האָט געוואָלט גלויבן, וואָס איך האָב צו אים

גערעדט. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן יידישן צייכן, וועגן מילה, האָט ער צו מיר גענאָגט מיט קינדערשער איבערצייגונג און שוין אַ ביסל אין כעס:

— ווי איך זע און פאַרשטיי, זיצט אין אייך די סיטרא אחרא, אויב איר ווייסט וועגן דעם אינטימסטן צייכן אויף מיין קערפּער, וואָס איך האָב פון מיין געבורט אָן. דאָס איז נישט מער ווי אַ צופאַל, פונקט ווי די מאַלינע, וואָס איר זעט ביי מיר אויפן נאָז, וואָס איז מיר געקומען צוליב דעם וואָס מיין מאַמען האָבן פאַרשמעקט מאַלינעס אין צייט פון איר שוואַנגערשאַפט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם צווייטן צייכן...

זוטוהואַילאַ שיינקייטן אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים

— אָט האָב איך אַ סימן, אַז דיינע רייד זענען פאַלשע: מיין פאָטער האָט געהאַט אַ באָרד, אַ קליינע, אָבער אַ באָרד. מיין זיידע האָט אויך געהאַט אַ באָרד, אַ גרויסע, אַ ווייסע, און איך — אויך. דערפאַר ביסטו נישט דאָס, וואָס איך בין, און איך בין נישט דאָס, וואָס דו... דו ביסט געגאָלט, פונקט ווי די שלעכטע שפּאַניער, וואָס האָבן אומגעבראַכט מיינע עלטערן, און האָבן צוגערויבט מיינע שוועסטער און ברידער מיט אַלץ, וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַרמאָגט...

— איך בין אַ ייד, און אַ געפלאָגטער, פונקט ווי דו — האָב איך אים געפּרווט דערקלערן.

— ניין! דייך אָנטועכץ זאָגט דאָס פאַרקערטע. דו ביסט נישט קיין פאַרפאָלגטער. ווען דו זאָלסט זיין אַ פאַרפאָלגטער, וואָלסטו אויך געלעבט אין אייביקער

שרעק, אַזוי ווי די אינדיאַנער. פון אַ פאַלק, מיט וועמען עס איז פול געווען דאָס לאַנד, זענען געבליבן נישט מער ווי עטלעכע טויזנט, געראַטעוועטע ווי דורך אַ נס. ווען נישט דאָס, וואָלטן דיינע ציוויליזירטע אַלעמען זיכער אויסגעשאָכטן, און געזוכט אין די קישקעס אַ שטיינדל, אַ פּערל, אָדער אַ שטיקל גאָלד... דאָ, אין דאָרף, צווישן בערג, אַזערעס און אורוואַלד בין איך גליקלעך. איז דאָ אַ געפאַר, צעוואַרפט מען זיך אין דער געדיכטעניש. גייט אַריבער די געפאַר, קומט מען צוריק אין דאָרף...

איך האָב ביי דעם פאַרווילדעוועטן יידישן אָפּשטאַמלינג, דעם איצטיקן קאַציק פון די זוטוהואַילאַס, צו מיין באַדויערן, פאַר קיין שום פּרייז נישט געקאָנט אַרויס־קריגן עפּעס פון זיינע אַנטיקן.

זיין ווייבל, אַ פולבלוטיקע אַצטעקין, ווען זי האָט געזען, ווי איך שטיי צו צו איר מאַן, ער זאָל מיר עפּעס פאַרקויפן פון זיינע רעליקוועס, האָט זי אויף זוטו־הואַיליש עפּעס אַ קוויטשיקן ברום געטון, און אונטער דער נאָז, ווי אַן אינדיטשקע, אַ פאָנפע געטון. דער אַלטער ריז האָט טרויעריק איר צוריק אָפּגעגעבן אַלץ, און זי האָט עס מיט רעליגיעזער פּיעטעט צוריק זאָרגפעליק איינגעפּאַקט, יעדע זאַך אין אַ באַזונדערן קירבעס, און די דריי קירבעסן מיט די רעליקוויעס צוריק באַהאַלטן אין מאַסיוון קאַסטן.

דער אַלטער האָט די רעליקוויעס איבערגעשאָטן מיט אַזאַ מין שטויב, וואָס די זוטוהואַילאַס מאַכן פון גיפטיקע שוואָמען, געמישט מיטן שטויב פון אַראָמאַטי־שע און זייער גיפטיקע בלעטער און בלומען. דאָס האָט ער געטון, כדי די אינ־זעקטן זאָלן נישט צעשטערן די הייליקטימער זיינע.

דאָס דראָבניטשקע ווייבעלע זיינע, ביז גאָר אַ סימפּאַטישע, איז שוין ביי אים געווען די דריטע. פון די ערשטע צוויי ווייבער זיינע האָט ער געהאַט צוועלף קינדער. די דריטע, הגם די ליבסטע, איז קוים אַלט געווען זעכצן יאָר, ווען ער האָט זי גענומען, און שוין זעקס יאָר נאָך דער חתונה האָט זי נאָך אים קיין איין קינד נישט געבראַכט.

— דערפאַר — האָט ער מיר געזאָגט מיט כעס — האָב איך שטאַרק מורא, אַז זי וועט מיך איבערלעבן, טראָץ דעם, וואָס איך בין נאָך, ביי מיינע אַכט און אַכציק יאָר, דער שטאַרקסטער מאַן אין דער געגנט, מיט אַלע מיינע ציין אין מויל, און זי איז אפילו נישט אַזוי געזונט, ווי די ערשטע צוויי ווייבער מיינע אין אירע יאָרן...

ער דענקט אָבער, אַז שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט נישט קיין קינדער, איז נישט ער און נישט זיין דריבנע ווייבעלע. דער הויפּט־גייסטלעכער, כשופמאַ־כער און שטערנזעער פון שבט האָט אים געזאָגט, אַז זיין ווייב איז אַן עקרה דערפאַר, וואָס דאָס דאָרף איז זינדיק: שוין איבער אַ יאָר, ווי מען האָט נישט

אַריינגעוואָרפן קיין שום באַשעפעניש צום בייזן רוח אין די טיפענישן פון קראַ־טער. אפילו קיין קרעציקן הונט האָט מען נישט אַריינגעוואָרפן אין הונגעריקן מויל פונעם ווולקאַן אין משך פון דעם לעצטן יאָר. און דערפאַר טאַקע האָבן זיך זיינע אונטערטאַנען אַזוי דערפרייט מיט מיר, ווען איך האָב צעמזיקט דאָס פאַרליבטע יינגל, אין ווען נישט ער מיט זיין אַדיוטאַנט, דעם „איינאויגיקן האַל־קאָן״, וואָלט איך זיך זיכער געפּרעגלט אינעם קראַטער, און זיין ווייבל וואָלט אַ קינד געהאַט...

— איך דאַנק מיין טאַטנס און מיין מאַמעס גאָט „סאַמאַ סראַל״, אָדער ווי דו זאָגסט — „שאַמאַ ייסראָעל״, וואָס איך לעב נאָך און האָב געקאָנט אָפּראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן — האָט דער פאַרווילדעטער ייד מיר געזאָגט ביים געזע־גענען זיך. — כאָטש דו ביסט געוויס אויך אַ שלעכטער שפּאַניער, אָבער איך וועל ביז לעצט מקיים זיין מיין מאַמעס צוואה: ליב האָבן אַלע מענטשן און קיינעם נישט האַסן, טון בלויז גוטס. דאָס איז דער געבאָט פון מיין מאַמען, פון מיין טאַטן און פון מיין זיידן מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד. דאָס איז אויך דער געבאָט פון מיין מוטערס און פון מיין גאָט סאַמאַ סראַל!...

אים פאַרדריסט נאָר, וואָס קיינער האָט נאָך נישט אַריינגעוואָרפן אין קראַ־טער פון ווולקאַן אַ געפּגרטן קרעציקן הונט, אָדער אַ געפּגרטע קאַץ, כדי צו שטילן דעם צאָרן פון שלעכטן שד. דערפאַר, אפּנים, האָט דער גרויזאַמער גאָט אויסגעגאָסן זיין כעס און צאָרן אויף אים, וואָס ער איז דער גייסטיקער פירער, דאָס האַרץ און נשמה פון גאַנצן זטוהואַילאַ דאָרף אין יענער קדמונימדיקער ווילדעניש...

וועגעטאַציע

די וועגעטאַציע אין דעם גאָר הייסן געביט פון גוואַטעמאַלאַ איז ממש אַן איבערראַשנדיקע. דער אורוואַלד צעשפּרייט זיך ווי אַ פּעכער איבער אַלע פּרייע בערג, טאָלן און פּליינען, וווּ ער פאַרדעקט די אויבערפלאַך מיט אַ קאָמפּאַקטער געדיכטעניש. די בראשיתדיקע גוואַטעמאַלער וועגעטאַציע איז נאָך לחלוטין נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. די טאָפּאָגראַפיע פון לאַנד איז פאַרשידן, די פאַרשידנקייט פון אַלערליי ווינטן און די פייכקייט פון דער טראָפּישער לופט ווירקט מעכטיק אויף דעם גאַנצן געוויקס פון די אינטערטראָפּיקאַלע *) געביטן אויף אַזוי פיל, אַז בלויז אָרכידייען זענען שוין אָנגעציילט געוואָרן צוויי הונדערט מיט צוויי און נײַנציק פאַרשידנאַרטיקע עקזעמפּליאַרן. די קאָמפּאַקטע גוואַטעמאַלער טייגעס, די בתולה־אַרטיקע דזשונגלס האָבן נאָך באַהאַלטן אין זייער שויס, בחדרי־חדרים, אין זייערע סודותפולע געדיכטענישן, אומגעהויערע רייכטימער און פאַבלהאַפטע אוצרות פון געהילצן, פון וועלכע עס זענען דערווייל באַקאַנט 240 פאַרשידנאַרטיקעביימער, אַ חוץ דעם שלל פלאַנצן און בלומען פאַר וועבעריי, פאַרב, מעדיצין און פּערפומען.

איך וועל דערווייל נישט פאַרצייכענען די נעמען פון די ביימער און פלאַנצן, מחמת דאָס פּלאַץ איז צו באַשרענקט. איך וועל נאָר אָנמערקן, אַז דאָס שפּעדיקע גוואַטעמאַלאַ האָט כמעט אַלע ביימער און פלאַנצן פון די וואַרעמע און קאַלטע געביטן פון אייראָפּע און אַמעריקע.

די מדינה גוואַטעמאַלאַ פאַרנעמט אַ שטח פון 124.691 קוו׳ קילאָמעטער. די גרעסטע ברייטקייט פון לאַנד איז 420 קלמ׳ גלייכע ליניע פונעם גאָלף אַמאַטיקאַ אין אַטלאַנטישן אָקעאַן, וווּ עס פאַלט אַריין דער טייך מאָנטאַגואַ ביז צו דער מעקסיקאַנישער גרענעץ.

גוואַטעמאַלאַ גרענעצט זיך אין צפון מיט די מעקסיקאַנישע שטאַטן קאַמפּעטשע און קינטאַנאַראָאַ און מיט דער ענגלישער קאָלאָניע בעליסע, וואָס ווערט אויך אָנגערופן בריטישע האָנדוראַס אין אַטלאַנטישן אָקעאַן. אין מזרח און דרום־

*) הייסער ווי טראָפּיקאַל.

מזרח מיט דער רעפּובליק האָנדוראַס און דער רעפּובליק על סאַלוואַדאָר. אין דרום און דרום־מערב מיטן פּאַציפישן אָקעאַן און אין מערב מיט די מעקסיקאַנישע שטאַטן טשיאַפּאַס און טאַבאַסקאָ.

די אָפיציעלע פאָלקס־ציילונג פון 31סטן דעצעמבער 1912 האָט פאַרצייכנט 2.098.022 נפשות. די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג זענען אינדיאַנער, מישלינגען און זייער ווינציק מענטשן פון דעם לאַנד זענען אָפּשטאַמלינגען פון אייראָפּעער, און נאָך ווייניקער דירעקטע אייראָפּעער.

(די דאַטעס זענען פונעם וועגווייזער פאַר רייזנדער פון קאָסטאַניעדאָ).

אין דרום־מזרח פון אַנטיגואַ שטייט דער אומאַקאַטיווער ווולקאַן אַקאַטענאַנגאָ מיט זיין גיהנומדיקן קראַטער גרייט צום באַפעל... אין צפון פון דער זעלבער שטאָט שטייט נאָך איין ווולקאַן, אַ ביסל אַ נידעריקער. אין סאַמע דרום שטייט זיך, ווי אַן אומשולדיקער תלין, דער זייער גרויזאַמער און גוואַלדיק אַקטיווער ווולקאַן דע פועגאָ, וואָס איז אָפּגעטיילט פון ווולקאַן אַקאַטענאַנגאָ דורך אַ טיפן און פייכטן טאָל, פול מיט גרינער פאַשע. דער פייערשפּייענדיקער באַרג דע פועגאָ האָט שוין פאַרורזאַכט אָפטע און גוואַלדיקע קאַטאַסטראָפעס: ער האָט צעשטערט דערפער און שטעט, אומגעבראַכט אַ סך מענטשן, בהמות און עופות. באַלד לעבן דער שטאָט אַנטיגואַ שטייט אויך דער ווולקאַן אַגואַ (וואַסער). די גרויסע ווולקאַנישע בערג פון פּאַקאַיאַ, וואָס זענען אָפּגעטיילט פונעם ווולקאַן אַגואַ דורך דעם טיפן טאָל פון טייך מיטשאַטאַיאַ, האָבן נישט קיין קאַנישע*) קראַטערס. דער באַרג פּאַקאַיאַ איז דער „איגנאַוואָמיטאָ" (פייערשפּייענדיקסטער) פון אַלע גואַטעמאַלער ווולקאַנען. אָבער נישט געקוקט אויף זיין פייערדיקער שפע, האָט ער די גרעסטע צאָל קוואַלן פון בעסטן טרינק־וואַסער, ווי אויך קורקוואַלן. צווישן זיינע קראַטערס רופט אַממערסטן די אויפמערקזאַמקייט די „גרוטאַ דע לאָס קאַלדעראַס", אַ זייער גוואַלדיק געפערלעכער קראַטער, וואָס גיט אַרויס אַ געפערלעכן גאַז, וואָס איז טויטנדיק פאַר די מענטשן, וועלכע וווינען אין זיין פעריפעריע.

---

*) אַ געאָמעטרישע פיגור אין דער פאָרעם פון אַ קאַנאָנענקויל, וואָס ווערט שפּיציקער אַרויפצו העכער.

סאָלאָלאַ

סאָלאָלאָ איז די הויפּטשטאָט פונעם דעפּאַרטאַמענט (באַצירק) מיט דעם זעלבן נאָמען. ער גרענעצט זיך מיט די דעפּאַרטאַמענטן קעזאַלטענאַנגאָ, טאָטאָניקאַפּאַן, עסקוינטלאַ און סוטשיפּעקעז. אין דעם באַצירק געפינען זיך די פייערשפּייענדיקע בערג אַטיטלאַן, סאַנטאָ טאָמאַס און סאַנטאָ קלאַראַ, וואָס זענען אַ רינג פון דער קאָרדיליערן־קייט, צווישן וועלכע מען זעט אייניקע פון דער ווייט ווי רויכנדיקע קאַלך־אויוונס, אַנדערע ווייזט אויס שוין אויסגעלאָשענע זענען באַצירט ביז אַרויף מיט אַ סאַמעט־גרינעם דיוואַן פון לאָנקעס, תבואות און וואַלד. אין דעם זעלבן באַצירק געפינט זיך אויך דער באַרימטער באַרג „אָראָ״ (גאָלד), וועלכער הייסט אַזוי, ווייל די אינדיאַנער פון דער געגנט גלויבן, אַז אין די טיפּענישן פון דעם באַרג געפינען זיך באַהאַלטן אַ סך אוצרות פון גאָלד, זילבער און טייערע חפצים פון זייערע אומגעבראַכטע אבות. דער באַרג אָראָ, וואָס געפינט זיך צווישן שטאָט און אָזערע, זעט אויס אַזוי פּראַכטפול סקולפּטירט, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דאָס האָט אַ מענטשלעכע האַנט צוגעהאָלפן דער נאַטור, אַ באַרימטע און גרויסאַרטיקע שטאָט איז סאָלאָלאָ, מיט אַ קלויסטער, אַ גלח מיט אַלע כלי־קודש, אַ פּאָליציי פּרעפעקט, אַ בירגערמייסטער, אַ קרייז־געריכט, אַ דערהויבענע געפענקעניש, קלייטן, טרינקאַרניעס, „אַמוזיר״־הייזער צו דער זעט. די שטאָט סאָלאָלאָ געפינט זיך אויף אַ הייך פון 240 מעטער און פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 11 טויזנט נפשות.

געקומען בין איך קיין סאָלאָלאָ אויף יאַגד, מחמת מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרט זענען פאַראַן אַ סך וויסאָנס, טוראָנס, ביבערס און נוטריאַס. אין יענע טעג, ווען איך האָב געוויילט אין דער סימפּאַטישער סאָלאָלאָ, זענען די עטלעכע האָטעלן, רעסטאָראַנען און אַכסניות געווען איבערפולט מיט טוריסטן, וואָס זענען געקומען אויף צו זען די זעלטן־שיינע פייערשפּייענדיקע בערג: אַטיטלאַן און אָראָ און די באַרימטע אָזערע אַטיטלאַן, וואָס איז ווי אַן איינגעשלאָסענער ים צווישן די ווולקאַנישע בערג אויף אַ הייך פון איבער 1.500 מעטער איבערן ים־פלאַך.

שוין דעם צווייטן מעת־לעת, ווי איך בין אין סאָלאָלאָ, און איך האָב נישט גע־

האָט ווי איבערצונעכטיקן. האָב איך געכאַפּט אַ דרימל אין שטאַטישן שפּאַציר־פּלאַץ אויף אַן איבערגעקערטן בוים מיט דער וואַליזע צוקאָפּנס, אַזוי ווי יעקב אין חרן, נאָר אָן דעם לייטער אין הימל אַריין... דערפאַר אָבער האָב איך די דריטע נאַכט געהאַט מער גליק: חתן־כלה און געסט, וואָס זענען געקומען צו דער רעליגיעזער און ציווילער צערעמאָניע און צו טון אַ פּרעס און אַ לחיים, זענען זיך צעפאָרן, האָב איך געקראָגן דאָס צימער, וואָס דאָס פּריש־געבאַקענע פּאָרל האָט פאַרלאָזט.

אין דעם זעלבן צימער איז שוין געווען נאָך אַן אורח. ער איז ביי מיין אַריינקו־מען געזעסן אויף אַ נידעריקן בענקל און זיך געראַזירט.

— אפשר זענט איר אַ ייד?... — האָט מיך פלוצלינג מיין נייער צימער־שותף אַ פרעג געטון. דאָס איז געווען אַ ברונעטער יונג, אַ ריז אפשר פון זיבן פוס די הויך, מיט צוויי בראָדעוועס אויף זיין פליישיקער, ברייטער און אַ ביסל צו קור־צער נאָז אויף זיין צעשפּרייטן פּנים. ער הייסט איבראַהים אַכמעד כּאַרידי איבן על ראַהאַדי. ער איז אַ באָקסער, מוזיקער, זינגער, מופטי און — מער פון אַלץ — אַן אָפּיום־שמוגלער. ער איז דאָ שוין צען טעג, און וועט דאָ זיין אפשר נאָך אַ צען טעג. ער איז פון באַגדאַד, אַ געבוירענער מאַכמעדאַנער, וואָס האָט זיך אונ־טערגעשמדט אויף אַ קאַטויליק, דערנאָך אויף פּראָטעסטאַנט, איז ווידער געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער, און קלערט איצט צו ווערן אַ ייד, אויב נאָר אַ רייך יידיש מיידל וועט אים נעמען פאַר אַ מאַן... ישמעאל איז דאָך אברהמס זון, יצחקס ברודער און יעקבס פעטער, איז ער שוין אַזוי אויך אַ האַלבער ייד, בפרט נאָך ווען מ׳האָט אים געמלט צו דרייצן יאָר. ער איז זייער פרום — האָט ער מיר דערציילט און גלויבט אין אַלמעכטיקן גאָט אַללאַ און אין מאַכמעד, זיין נביא, און זיי וועלן אים אַרויסהעלפן פון אַלע צרות... ער קומט איצט פון ניו־יאָרק און פאָרט קיין באַגדאַד נאָך אָפּיום. יידן האָט ער זייער ליב, און יידישע טעכטער נאָך מער. ווען די יידישע מיידלעך זאָלן וועלן, וואָלט ער חתונה געהאַט אפילו מיט צען. יאָ, יאָ, ער האָט זייער ליב די יידן און וועלכער ייד עס דערזעט אים און הערט אים רעדן אַ פּאָר העברעאישע ווערטער, געמישט מיט יידיש, פּויליש און רוסיש, נעמט אים אָן פאַר אַ ייד און גיט אים קוואָדערס און אפילו אַמאָל דאָלאַרן אויך... יאָ, ער האָט זייער ליב די יידן, זיי האָבן אָפענע הענט, געבן אים ציגאַרן, עסן און טרינקען. בלויז מלבושים מוז ער זיך קויפן אַליין, ווייל אַלץ איז אויף אים צו קליין...

בעת דער ריזיקער אַראַבער האָט גערעדט צו מיר, האָב איך געטראַכט פון מיין דורכגעלעבטן נעכטן, און פון אונדזער גאונישן מייסטער, י. ל. פּרצס קלאָץ־קשיות: היתכן, איך געפין זיך אין דער הויפּטשטאָט סאַלאָלאָ, און צוויי נעכט האָב איך געמוזט שלאָפן ווי אַ כלב אינדרויסן? און דער צוואַקסענער אַראַבער, איז ער נישט אַמאָל אַן אָפּשטאַמיקער פון גלית הפלשתי?...

— נאָך נעכטן, בשעת איר זענט געשטאַנען אַנטקעגן דעם קלויסטער און גע־דברט פֿאַר אַ הונדערט, און אפשר מער, אינדיאַנער, און זיי געוויזן אַלערליי שוואַרצקינצלערישע שטיק און נאָכדעם זיי געגעבן לעקציעס פון העפטן און צייכענען, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז איר זענט אַן „אייגענער", אַ יאַהודי, ווייל נאָר אַ יאַהוד קאָן באַווייזן אַזעלכע מין געטלעכע ווונדער... יאָ, איך קען די ביבל: משה האָט געמאַכט פון אַ שטעקן — אַ שלאַנג, און פון שלאַנג אַ שטעקן, וואָס האָט איינגעשלונגען אַלע מצרישע שטעקנס, און איז נישט גרעבער געוואָרן. משה האָט געמאַכט פון וואַסער בלוט, פון זאַמד — לייז... יאָ, יאָ, ווונדערלעכע זאַכן מאַכט איר. דערפאַר האָט מיר אַללאַ געזאָגט, אַז איר זענט פון משהס גלויבן, פול מיט הייליקע גייסטער און טייוואָלים, וואָס העלפן אייך... אַ יאָ, איך האָב געטראָפן? — האָט דער מאָדערנער גלית הפלישתי געהאַלטן אין איין דברן. — איך בין אויך נישט אַבי ווער, איך בין אַ פּאָליטיקער. אין באַגדאַד בין איך געווען אַן אימאַן און אויפזעער פון גרעסטן האַרעם. שטאַרקער בין איך, אפשר, פון דיין שמשון, געוואַגטער פון יואב בן צרויה, ווייל אַללאַ גייט תמיד מיט מיר. און הגם איך בין אַזוי שטאַרק און געוואַגט, טו איך קיינעם נישט קיין שלעכטס. אַלע האָבן מורא פאַר מיר, און איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיינעם נישט, אפילו פאַר אַ יאַגואַר אויך נישט...

נאָך דער וועטשערע האָט דער ריזיקער אַראַבער אַרויסגענומען זיין נאַרגילע, אַרויפגעקראָכן אויפן בעט, זיך אַנידערגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך, געשלונגען רויך, געשפּיגן געלס אויפן דיל, און דערציילט וועגן זיינע בראַווקייטן און העלדישקייטן: — וואָלט איך געלעבט אין שמשונס צייטן, וואָלט איך אים אַרויסגערופן אויף אַ פאַרמעסט. איך וואָלט באַזיגט דעם יידישן העלד אפילו איידער מען האָט אים אָפּגעשניטן זיינע כשופדיקע זיבן צעפּ... וואָלט איך געלעבט אין גליתעס צייטן, וואָלט איך זיך געשלאָגן מיטן פלישתי און מיט דודן צוזאַמען, און וואָלט געוואָרן קעניג איבער ביידע פעלקער. איך וואָלט זיך געמאַכט אַ האַרעם פון ביידע פעלקערס טעכטער און שלום וואָלט געהערשט אין מיין קעניגרייך... ניין, מיט דודן וואָלט איך זיך אפשר נישט געשלאָגן, דוד איז געווען אַ צו געפערלעכער יאַט, אַ שרעקלעכער כשופמאַכער אוודאי, וואָס האָט געקענט צערייסן לעבעדיקע לייבן און בערן, אוועקממיתן מיליאָנען פלישתים בלויז מיט זיינעם אַ שפּרוך, אַ קללה אַזאַ. און מיט דער שווערד איז ער געווען דער גרעסטער פעכטער. פאַר דודס שטאַרקייט וואָלט איך אפילו נישט געהאַט קיין מורא, נאָר אַ מניעה, אַ שרעקלעכע געפאַר איז אָבער דאָך געווען צו שלאָגן זיך מיט דודן, ווייל ער האָט תמיד געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַלע טייוואָלים, אַלע מלאכים און אפילו אַללאַ אַליין — דאַכט זיך מיר — איז אויך געווען מיט דודן...

א רייטשפאציר צו דער אטיטלאן-אזערע

דריי און צוואנציק טוריסטן, צווישן זיי פיר מיידלעך אין הויזן און אייך פויליש־יידישער בחור און איך, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט „גאַלאָפּ״־רייטנדיק אויף „גרינגפיסיקע״ מוילאייזלען. דריי מולאַס, גאָר לויפערס, זענען מיט זייערע רייטערס אַראָפּ אַ הונדערט מעטער נידעריקער פון רעאַלן וועג, ווו זיי האָבן געזען זיך פּאַשען עטלעכע צענדליק פון זייערע אייזלישע ברידער און שוועסטער. מיין פּאַרליבטער מולא (מויזאייזל) איז געווען גאָר אַ תכשיט: אָט האָט ער זיך אָנידערגעזעצט חניפהדיק ווי אַ הונט, אָט האָט ער אַ קאַפּיטשקע זיך צוגעלייגט, אָט האָט ער זיך צעבריקעט ווי סאַנטשאָ־פּאַנסאָס כומענטאָ, און מיין יידישער קאָלעגע, כאָטש אַ יידישער ייִד, קאָן אָבער אויך שמייסן ווען אַן אייזלישער מישלינג, ווערט אַ פּאַשיסט, אַן אַנטיסעמיט....

מיינע צוויי רייט־קאָלעגן, טאָם וואַטערמאַן, אַן ענגלענדער, און מענדל טרושקאָווסקי פון סקזשיסעווע, פּוילן, און איך זענען אָנגעקומען צו דער אָזערע מיט גאַנצע ניין שעה פריער ווי די אַנדערע צוואַנציק טוריסטן אַ דאַנק מענדלס דאָמאַדאָרן־קענטעניש. ער האָט געצווונגען מיין מולאַ, ווי אויך זיינע און וואַטערמאַנס, זיי זאָלן כאָטש גיין און שטעלן גרעסערע טריט, אויב נישט לויפן.

נישט ווילנדיק האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ געשריי פון פאַרוווּנדערונג, ווען איך בין צוגעקומען צו דער אַטיטלאַן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט מענדלען און אפילו מיטן קאַלטן טאָם וואַטערמאַן.

די פאַרבנפולע אַטיטלאַן־אָזערע ליגט אין די אַנדן־קאָרדיליערן אויף אַ הויך פון 1.590 מעטער איבערן ים, און איז די שענסטע און מאָלערישסטע פון גוואַטעמאַלאַ. די ריזיקע ווולקאַנען־בערג, וואָס רינגלען זי אַרום, געבן איר צו נאָך אַ פּענדזל־שטריך, נאָך אַ פאַרב און קאָלאָריט, און אַ מאַיעסטעטישן און אימפּאָזאַנטן אַספּעקט. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 11 קלמ׳ די ברייט און 25 די לענג. דער גאַנצער ברעג אַרום איר ביז העט ווייט אַרויף די בערג, איז פעלד, לאָנקע און וואַלד. אירע וואַסערן האָבן אין די פרימאָרגן־שעהען אויסגעזען ווי אַ גלאַנציקע פּלאַטינענע דיסקע מיט אַלע געמעלן פון הימל און ערד, באַרג און טאָל. מיט גינ־

גאָלדענע און גרינע באַבלומטע פּראַנדזן־ברעגעס אַרום. אויך די עטלעכע סאַמעט־גרינע און שפּעדיקע באַבלומטע אינדזעלעך אין איר שפּיגלדיקן וואַסער, וואָס זעען אויס ווי אָאַזיסן אין אַן אומענדלעכער מדבר פון קוועקזילבער, שפּיגלען זיך אויך אָפּ אין די תהומען פון דער גראַנדיעזער אָזערע.

אין די אָוונט־שעהען, איבערהויפּט אין דער רעגן־תקופה, ווערט די אָזערע און איר גאַנצע פּעריפעריע אַרום באַדעקט מיט אַ געדיכטן נעפּל־שלייער, אַז עס איז שווער צו זען אפילו פון דער נאָענט. דער נעפּל צעגייט זיך ערשט אינדערפרי, ווען די זון גיט אַ גוטן ברי, אַ סמאַל.

די אַטיטלאַן־אָזערע שלינגט איין אַ סך טייכן און ריטשקעס, און עס איז דערווייל נאָך נישט אַנטדעקט געוואָרן אירס קיין שום אָפּלויף, און דאָך האַלט זי זיך כמעט תמיד אויפן זעלבן ניוואָ. זי האָט אַ סך קאַלאָניעס, פּויערישע נחלות און איינזאַמע צעוואָרפענע כאַטעס פון אָרעמע אינדיאַנער אַרום זיך. זי פאַרמאָגט אין די העכערע טאָלן אַרום אירע ברעגעס עלף אינדיאַנער ישובים. דער קלימאַט אין די אַלע דערפער איז אַ מיטלמעסיק־וואַרעמער, און די איינוווינער גיבן זיך אָפּ מיט אַגריקולטור, פישפאַנג, יאַגד און „פּעטאַטעס" (אַצטעקיש וואָרט, וואָס וויל זאָגן — פלעכטן פון שטרוי, און אַנדערע גראָזן), שטולן, מאַטראַצן, היט און אַנדערע זאַכן)...

***

איבראַהים אַכמעד כאַרידי איבן על ראַהאַדי איז אָנגעקומען דער לעצטער אין דאָרף פּאַנאַמאַכאַטשעל, ווו מיר האָבן געוואַרט אויף אים. מיר זענען איינגעשטאַנען אין „האָטעל" פון אַזאַקואַהטלאַן סעלעקראָקאַרפּאַ, אין אַ כאַטע פון רויע ציגל פול מיט שפּינען און ריזיקער שפּינוועבס האָט באַצירט די בלינדע ווענט. אַלאַקראַנען און גרינע יאַשטשערקעס אין אַלע שפּאַלטן און לעכער. דער אַראַבישער העלד איז דאָ אויך געוואָרן מיין צימער־קאָלעגע צוזאַמען מיט דעם פּוילישן בחור מענדל טרושקאָווסקי, און זיי האָבן ביידע געגעסן ביים זעלבן טיש וואָס איך.

טרושקאָווסקי, פון אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק, אַ קרעמפּער, עפּעס מער פון מיטעלען ווקס, מיט האָר ווי די גאָלדענע צייטיקע גערשטן־זאַנגען, האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון פּוילישן אַנטיסעמיטישן דאָרף סקזשיסעווע צוליב אַ בלוטיקן געשלעג, וואָס ער מיט זיינע צוויי עלטערע ברידער האָבן פאַרפירט מיט עטלעכע צענדליק פּוילישע כוליגאַנעס „האַלערטשיקעס" וואָס האָבן געוואָלט פּאָגראָמירן די זעקס יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. מענדל מיט זיינע צוויי ברידער, סראָל בינעמס בנים, האָבן זיך אָנגעטון אין שקצישע בגדים, בלויע ברייטע היטלען מיט ברייטע דענקעס און שוואַרצע גלאַנציקע דאַש־

קעס. אין די הויכע כאַלעוועס האָבן זיי אַריינגעשטעקט די גרויסע קאָוואַלסקע פיילן, מיט וועלכע מען פיילט אַרום די פערדישע קאָפּיטעס פאַרן שמידן און נאָכן שמידן, און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די האַלערטשיקעס, וואָס זענען געשטאַנען לעבן סטאַשעק בזשוקס, דעם סאָלטיס פון דאָרף, קרעטשמע, וועלכער האָט זיי אָנגערייצט, די כוליגאַנעס, זיי זאָלן אויסהרגענען דאָס ביסל יידן און צונעמען זייער פאַרמעגן:

— כלאָפּצעס (יינגלעך)! גייט, שלאָגט די זשידקעס — האָט ער געדונערט מיט אַ פּויליש־פּרייסישן אַקצענט. — נעמט אַלץ צו ביי זיי, און איך וועל ביי אייך אַלץ אָפּקויפן. די זשידעס נעמען צו ביי די פּאָליאַקן פּרנסה און זיי ווערן רייך, ווייל זיי עסן נישט, טרינקען נישט קיין בראָנפן, נאָר קוואַס און טיי. גייט, ראַבירט און ברענגט אַלץ צו מיר. נאָר געדענקט, גייט דאָס ערשטע צו סראָל בינעמען, און דערהרגעט ראשית כל זיינע דריי זין, דאַן וועלן אַלע זעקס זשידעס מיט זייערע ווייבער און נאָך שענערע טעכטער און זייער גאַנץ פאַרמעגן זיין אונדזערע!...

פּונקט צוועלף דעם זייגער ביינאַכט, ביי אַ פּופצן־גראַדיקן פראָסט פון 21 טעג אין שבט, אפשר אַ מעטערדיקן סקריפּנדיקן שניי, עס איז געווען אַן עברה אַ הונט אַרויסצוטרייבן, פינצטער־חושך. ערגעץ פון דער הויך האָט זיך געשאָטן אַ שאַרף שנייעלע, פּיצלעך זשאַרקעלעך אַזוי ווי ווייסער מאָן, און האָט אָפּגעהאַקט נאָז און אויערן. די גאַנצע באַנדע האָט זיך אָװעקגעלאָזט, ווען סטאַשעק בזשוקס זייגער האָט ווי אַ קוקאַווקע אויסגעקוקעט דעם צוועלפטן קוקו, צו סראָל־בינעם טרושקאָווסקי, ביי וועמען עס זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע אַנדערע פינף יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער, און האָבן מיט וויינענדיקע קולות געזאָגט תהילים. עלטערע פּויערים, פּויערטעס און שיקסעס זענען געשטאַנען הינטער די יינגערע באַנדיטן, גרייט אויסצוראַבירן אַלץ וואָס ביים פאַרמעגלעכן סראָל־בינעם געפינט זיך און נאָכדעם ביי די אַנדערע יידן.

יאַשעק, סטאַשעק בזשוקס זון, האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן צו סראָל־בינעמס פענצטער, און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון: — צו דער אַרבעט! אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען די האַלערטשיקעס האָבן מיט העק און האַמערס גענומען שטורעמען סראָל־בינעמס טיר און פענצטער, האָבן מענדל און זיינע ברידער גענומען האַקן מיט זייערע האַלב־מעטערדיקע פיילן אין די כוליגאַנעס קעפּ, הענט און פיס. און זיי האָבן אויסגעלייגט ביי די דריי טויטע און אפשר מער ווי העלפט פון דער באַנדע געפערלעך־פאַרוווּנדעט. אָפּגעטון דאָס שטיקל אַרבעט, האָבן די יינגלעך צוגענומען ביי די באַנדיטן עטלעכע קאָלד־רעוואָלווערן און עטלעכע דייטשישע אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן, און אין די דריי טויטע כוליגאַנישע הענט אַריינגעשטעקט זייערע טויטנדיקע פיילן. זיי האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב, און עס

האָט געהייסן, אַז מיט די האַלערטשיקעס איז געשען דער זעלבער נס, וואָס מיט די מדינים און עמלקים בעת גדעונס ערשטן אַרויסטריט קעגן די דעמאָלטיקע אַנטיסעמיטן.

מענדל האָט אָבער געמוזט עוקר זיין, ווייל עס איז געפאַלן אַ חשד אויף אים, מחמת ער האָט געהאַט אַן אונטערגעהאַקט אויג, וואָס איז אים געקומען פון אַ שטיקל אייז, וואָס איז אים אָפּגעשפרונגען. שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך דער געשעעניש איז ער אַוועק פון דאָרף און באַלד איז אויך אַוועק פון דאָרף די גאַנצע משפחה קיין נ׳ אַמעריקע. מענדל איז איצט אַ רייזנדער פון אַ גרויסער ניו־יאָרקער פירמע און ער איז געקומען אַהער אָנקוקן די גוואַטעמאַלער שיינקייטן.

איבראַהים אַכמעד כאַרידי איבן על ראַהאַדי איז אויך נישט אַבי ווער. ער איז טאַקע שטאַרק און ער האָט נאָך אַ סך אַנדערע מעלות טובות. אָבער פון אַלע זיינע מעלות מוזן מיר פאַרצייכענען זיין הויפּט־מעלה: ער האָט אויפגעגעסן מער פון דריי גרעסטע עסערס פון אונדזער חברה און האָט אויסגעטרונקען אפשר מער פאַר פיר פערזאָן. ער האָט דערציילט:

— איך הייס איבראַהים אַכמעד כאַרידי איבן על ראַהאַדי. איך שטאַם פון נביא אברהם און הגר. אייער משה איז געווען אַן אַראַבער, און די מיצרים זענען געווען פּשוטע טייוואַלים. דערפאַר האָט אַללאַ דורך משהן זיי אַזוי שרעקלעך באַשטראָפט. די יידן ווידער, האָט אַללאַ באַשטראָפט, זיי צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, צעשטערט זייערע הייליקייטן און שטעט, ווייל זיי זענען אַראָפּ פון דרך הישר, וואָס אַללאַ האָט אָנגעצייכנט מיט זיין צייגפינגער אונדזער פאָטער ישמעאל: והוא יהיה פרא אדם, ידו בכל ויד כל בו!... און אונדזער אָנקל יצחק האָט געבענטשט אונדזער קוזין עשון: ועל חרבך תחיה. די יידן היטן נישט אָפּ גאָטס געבאָט, זיי האָבן אַוועקגעלייגט די שווערד, זיי ווילן נישט הרגענען, זיי ווילן זיך נישט שלאָגן מיט קיינעם. די יידן ווילן רק לערנען יענעם זייער נאַרישע מאָראַל פון אַלעמען ליב האָבן. נו, האָט זיי קיינער נישט ליב, זיי ווילן קיינעם נישט הרגענען, הרגעט מען זיי. זיי ווילן קיינעם נישט ראַבירן, ראַבירט מען זיי. די יידן האָבן זיך באַנוגנט בלויז מיט דעם שטיקל לאַנד, וואָס יהושע האָט פאַר זיי דעראָבערט — האָבן די געצנדינערישע פעלקער צוגענומען ביי זיי דאָס הייליקע לאַנד אינגאַנצן. שולדיק אין דעם אומגליק זענען די יידישע נביאים, איבער־הויפּט דער פּאָעטישער און פילאָזאָפישער ישעיה, וועלכער האָט געהייסן מאַכן פון שווערדן — אַקעראייזנס, און פון די שפּיזן — סערפּן... דער מענטש דאַרף זיין פונקט ווי דער בראַווער הייפיש, אַזוי ווי דער קראָקאָדיל, ווי דער טיגער, שלאַנג און אָדלער — תמיד הרגענען, תמיד אַטאַקירן, שטענדיק ראַבעווען, כסדר כאַפּן, צי דו דאַרפסט יאָ, צי דו דאַרפסט נישט. ידו בכל, ועל חרבך תחיה. אַזוי

ווי אַללאַ און דער נביא יצחק, און דער הייליקסטער פון אַלע נביאים, מאַכמעד, האָט געהייסן...

— דערפאַר טאַקע איז כמעט גאַנץ אַזיע, אַפריקע און אַ שטיק אייראָפּע — מאַכמעדאַניש... די ערשטע מענטשן, וואָס אַללאַ האָט באַזעצט אויף אַמעריקאַנער ערד, זענען געווען אַראַבער. קאָלומבוס איז געווען אַן אַראַבער, און מיט דער צייט וועט די גאַנצע וועלט ווערן אַראַביש, איין אַראַבישער שטאַט... די שפּאַניאָלן זענען פון אַללאַ געשטראָפט געוואָרן, און זענען געוואָרן אַזוי איינגעשרומפּן, ווייל זיי האָבן פאַרראַטן מאַכמעדן. זיי האָבן פון מעטשעטן געמאַכט קירכעס, געברענט און געבראָטן אַראַבער אויף די שייטערס, דאַן ווען די ערשטע אמונה פון דער וועלט איז געווען די מאַכמעדאַנישע, מיט ישמעאלן אין שפּיץ: ידו בכל, ויד כל בו... און ווי אונדזער אָנקל יצחק האָט געבענטשט זיין זון עשון: ועל חרבך תחיה!

דער ייד, ער אַרבעט און שאַפט פון קדמונים אָן, און ער האָט קיינמאָל גאָרנישט. די אַנדערע פעלקער, די פאַר וועמען דער ייד שאַפט מיט זיין געניאַלן מוח, נעמען עס צו ביי אים, ווייל דער ייד האָט נישט קיין שום פונדאַמענט, מחמת ער איז אַוועקגעגאַנגען פון מאַכמעדס תורה, וואָס הייסט קעמפן מיט פייער און שווערד כדי צו זיגן, כדי רעספּעקטירט צו ווערן. איך, פּונקט ווי אַלע געלערנטע אַראַבער, בין אַ גרויסער יידנפריינט, דאָך מוז איך פאַרדאַמען עטלעכע יידישע שטותערייען: אברהם, יצחק און יעקב, און אפילו משה, האָבן געהאַט צו עטלעכע ווייבער, דוד האָט געהאַט אַנדערטהאַלבן טוץ, שלמה — טויזנט. זענען געקומען די יידישע רבנים און געמאַכט אַ חרם אויף פילווייבעריי... נו, איז דאָס נישט אַ גאָטלעסטערונג?... די פרוי, דאָס איז דאָך גאָר קיין מענטש נישט, און טאָמער איז זי יאָ אַ מענטש, האָט זי דאָך נישט קיין נשמה. אַללאַ האָט געמאַכט די פרוי פון אַ מענלעכן ריפּ, און זי געשאַפן בלויז פאַרן מאַנס צייט־פאַרטרייב. קומען די יידן מיט זייער נאַרישער מאָראַל, מיט זייער ווילדער און אידיאָטישער עטיק און דעקרעטירן צו האָבן בלויז איין ווייב, און די ווילדע און נאַרישעוואַטע וועלט האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ געזעץ פון הימל...

איך, אַן אַראַבער פון באַגדאַד און אַ גייסטלעכער דערצו, פיל זיך אין דעם פּרט אַ סך נידעריקער פונעם הונט, פערד און אָקס... וואָלט איך געוואָרן הערשער, וואָלט איך אָראָפּגענומען אַלע, אַלע יידישע געזעצן און וואָלט פּראָקלאַמירט דאָס געזעץ פונעם שטאַרקן. דער מאַן מיט דער שווערד איבער אַלע אַנדערע בירגער פון דער וועלט. די פרוי געהער דעם מאַן, און ער מעג האָבן אַזוי פיל, וויפל זיין בייטל קאָן אויסהאַלטן. באַזונדערס, די ווייבער קאָנען דאָך אַרבעטן און פאַרדינען אפילו פאַרן מאַן אויף ווייַן און טאַבאַק. דער איסלאַם — איבער אַלע רעליגיעס, און דער קאָראַן איבער אַלע ספרים.

אַ דועל

אַזאַקואַהאַן סעלעקראָקאַרפּאַ, אַ טשאָנטאַל־אינדיאַנער פון איבער זעכציק יאָר, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, ריזיקע קאַשטאַן־אויגן, פּיצלעך אויערן און נאָך אַ קלענער מאָפּסן־נעזל, האָט אונדז אַרויפגעזעצט אויף צוויי מאָטאָר־זעגלשיפן, ממש טראַנסאַטלאַנטיקער.ביידע שיפלעך זענען פון געפלאָכטענע יוטע (אַזאַ מין אַלגאַ־שטרוי), און יעדע פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַן, צוויי מאַטראָזן און איין פּראַקטישן מאַשיניסט. צען דעם זייגער אינדערפרי זענען אַרויף צען מענער און צוויי פרויען אויף דער שיף הואַמאָק, און ניין מענער און צוויי פרויען אויף דער טלאַלאָק. די הואַמאָק איז געלאָפן פאָראויס, שנעלער ווי אַ פייל פון בויגן, גאַנצע צוועלף קלמ׳ אַ שעה, און דערפאַר איז זי געווען די קאַפּיטאַן־שיף און וועגווייזערן...

עס איז געווען צען טעג נאָך דער אָפיציעלער רעגן־תקופה. דער הימל איז געווען לויטער־בלוי מיט ראָזעווע און פורפורנע געמעלן אין די האָריזאָנטאַלע ווייטע ווייטקייטן און אָן אַ שום וואָלקן־פלעק — די בלענדנדיקע הויכע הוילקייט. די זון — אַ רויטער פלאַקער, האָט וואָס אַ רגע אַלץ מער געברענט און געבראָטן מיט עפּעס אַזאַ מין דאַמפּיקער סאַרפעדיקייט. פון דער אומענדלעכער אָזערע מיטן אויסזען פון אַ בעקן פול מיט קוועקזילבער צווישן ריזיקע בערג, האָט געווייעט אַן אַראָמאַטיש צאַרט ווינטעלע, וואָס האָט געוועקט און געשטויסן צו אַוואַנטורעס, געגלעט חניפהדיק און געלאַשטשעט די אינטימסטע געפילן.

איך האָב, למען האמת, זייער ווייניק חשק געהאַט צו מאַכן יענעם אויספלוג. עפּעס איז מיר דער צו לויטערער הימל מיט די ראָזעווע און פורפורנע געמעלן אין ווייטן הינטערגרונט גאָרנישט געווען געפעלן. איך בין דאָך אָבער נישט מאַרטין כיל, איך זאָל קענען אַלע סודות פון הימל, כדי צו וויסן מיט אַסטראָנאָמישער זיכערקייט, וואָס עס וועט פאָרקומען מיט מיליאָנען יאָרן שפּעטער... די זון האָט טאַקע געברענט — אַ שרעק. דער שווייס האָט זיך געגאָסן עמערווייז, איך האָב אָבער נישט געקאָנט אָנצינדן אַ ציגאַר מיט מיין שטאַרקער לופּע. אַ סימן, אַז אַ מעדוסאַ, אַזאַ דורכזיכטיקער וואַסער־שלייער, פאַרדעקט אירע פייער־

דיקע שטראַלן, וואָס איז אַן אָנזאָג אויף אַ גאָסרעגן, אָדער עפּעס אַן אַנדער אָנ־שיקעניש...

די צוויי שיינע פיליפּינערינס, נעלי און דאָראָטי, מיט גרויסע שוואַרצע הירשן־אויגן און אויף האָבער געפאַרבטע האָר, האָבן אונדז אַלעמען פאַרליבט. זיי האָבן אונדז געטיילט ציגאַרן און שאָקאָלאַד. איבראַהים אַכמעד האָט איינגע־שלונגען דאָס שטיקל שאָקאָלאַד, און זייער איידל, אויפן אַראַבישן שטייגער, גע־בעטן נאָך און צוגעזאָגט דערפאַר אַ סך גוטע זאַכן. ער האָט געלייענט אין די מיידלעכס הענט זייער צוקונפט, און פאַרשטייט זיך, אַז די שטריכן האָבן געזאָגט בלויז גוטס, רייכטום, אַ סך ליבעס, קיינמאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט אַ קינד, אַ סך געזונט, אַווענטורעס גאָר אָן אַ שיעור, און יעדעס מיידל האָט באַ־דאַרפט לעבן 103 יאָר. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט נעלי געבעטן דעם אַראַ־בער, אַז ער זאָל לייענען איר האַנט נאָכאַמאָל, האָט ער שוין איבערגעלייענט, אַז זי וועט לעבן 156 יאָר, אַזוי ווי דער טערק זאַראַ אַגאַ, אַז זי וועט האָבן דריי מאָל צווילינגען, און זי וועט נאָכדעם חתונה האָבן מיט אַן אַראַבער, וואָס וועט זיין אַ מאַהאַראַדזשאַ...

יעדערער פון אונדז האָט זיך געפלייסט צו כאַפּן וואָס מער פיש, און די מיידלעך האָבן זיך געגרייט צו מאַכן אַ באַנקעט פון די פיש וואָס מיר וועלן כאַפּן. דער אַראַבער, וואָס איז ממש נישט אָפּגעטראָטן פון די אַמאַזאָנעס, האָט זיי צוגע־זאָגט, אַז ער וועט כאַפּן די בעסטע און גרעסטע פיש, גאַנצע לויתנס, האָט ער נישט געכאַפּט קיין איין פישעלע אויך נישט. דער נאָרוועגער פיליפּ קרעסנע און דאַנטע קריסטען האָבן געכאַפּט איבער פיר קילאָגראַם מאָכאַריטאַס פישעלעך און איין באַגרע אפשר פון דריי קלג׳, פראַנציסקאָ דניאל, אפשר צוויי קלג׳, קלינ־סען, באוד און מאַקסימאָ וויזשאַנועוואָ האָבן אַרויסגעצויגן אַ דריי־מעטערדיקע טאָבאָבאַ־שלאַנג און עטלעכע יאַשטשערקעס, וואָס דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט זיי אָפּגעהאַקט די קעפּ און צוגענומען פאַר זיך די קערפּערס אויף אַ שפּעטערדיקן מאָלצייט פאַר אַנדערע טוריסטן. לילי האַריס און איך האָבן געכאַפּט איין באַגיל־דעטן פיש פון אַ צוויי קלג׳ און צוויי לאַנגוואָנסעדיקע באַגרעס.

יענער נאָכמיטאָג איז געווען נאָך לויטערער, הימל און אָזערע האָבן געהאַט דעם זעלבן קאָליר — העל־בלוי. אַ סאַרפעדיקע זון איבער אונדז און אַ קאַלטע זון אין די אַטיטלאַן־טיפענישן. די ריזיקע בערג אַרום, גרינע און זילבער־ווייסעביימער אויף די בערג, שיינע אינדיאַנער דערפער אויף די הויכע פלאַכן און פאַלדן פון די בערג אַרום דער אָזערע, וואָס זעט אויס ווי אַ העלבלויער זיידנגעוועב, פאַרמאָגט אינדזלען און אינדזעלעך. עטלעכע פון זיי באַוווינטע מיט אָפּגעשטאַ־נענע אָרעמע אינדיאַנער.

אַזייגער איינס נאָכמיטאָג זענען מיר צוגעקומען צו אַ ווולקאַנישן שטיינערנעם אינדזעלע, ווו עס נעכטיקן אין נעסטן טויזנטער פייגל, האָבן מיר געגעסן מיטאָג.

די צוויי פּיקאַנטע פּיליפּינעריגס, נעלי און דאָראָטי, פּאַרליבטע אפּנים אין אַטלעטישן און שלאַנקן אַראַבער, האָבן אים גענומען צוהילף און האָבן צוגעגרייט אַ מאָלצייט כּיד המלך. ווייַן און שטאַרקע געטראַנקען און האַרבע פּעפּערלעך האָבן אויך נישט געפעלט, לויטן געשמאַק און זולל־וסובאישקייט פון יעדן איינעם. דער אַראַבער האָט דאָ אויך געגעסן און געטרונקען פאַר דריי אָדער פאַר פיר. אָן אָנ־געגעסענער און אָנגעטרונקענער האָט דער איידעלער אַראַבער ווידער גענומען דערציילן פון זיינע גבורות און העלדישקייטן. ער האָט מיט די הוילע פינגער צעבויגן קופּערנע מינצן, איבערגעריסן גראָבע שטריק, צעריסן אַ טעשל נייע קאָרטן און נאָך אַזעלכע אַטלעטישקייטן. צום סוף האָט ער זיך גענומען טשעפּענען צו מענדלען און צו מיר. ער האָט מיר עטלעכע מאָל געפּרווט די מוסקולן און דערביי יעדעס מאָל מיר אַ שטאַרקן קניפּ געטון. איך בין אים אָבער נישט גע־בליבן שולדיק, און נאָך יעדן קניפּ און טאַפּ, האָב איך אים נאָך אַ שטאַרקערן טאַפּ און נאָך אַ שטאַרקערן קניפּ געטון.

— חשובע דאַמען, איך בין אַן איראַקער, אַ באַגדאַדער, דאָס אַמאָליקע בבל, כשדים־לאַנד, וועמענס מלך, נבוכדנצר, האָט באַזיגט די יידישע מלכימלעך, זיי צעבראָכן און צעגלידערט. איך וועל אויך אַזוי טון מיט די צוויי יידעלעך. איך רוף ביידן אַרויס אויף אַ קאַמף, צוויי יידעלעך קעגן איין אַראַבער. איך וועל זיי ביידן לאָזן האַלב טויטע, פּונקט ווי נבוכדנצר האָט געטון מיטן יידישן מלך: ער האָט אים אויסגעשטאָכן די אויגן, אָבער נישט דערהרגעט. איך וועל זיי לאָזן האַלב טויטע. יאָ, האַלב טויטע, ווייל איך וויל נישט הרגענען קיין יידן צוליב צוויי מאָטיוון. ערשטנס, בין איך אַ גרויסער יידנפריינט, און איך בין אויך אַ שטיקל מחותן פון דער יידישער ראַסע, מחמת די יידן זענען, פּונקט ווי די אַראַבער, סעמיטן, און צווייטנס, ווייל איך וויל זיך נישט באַשמוצן די הענט מיט דאַרפן אַריינוואַרפן צוויי יידישע מתים אין דער הייליקער אָזערע אַריין, — האָט דער אַראַבישער גבור איינגעטענהט צו די צוויי פּיליפּינעריגס.

— איך אַליין נעם אָן דעם דועל, און וועל זיך ספּראַווען מיט דעם עקלהאַפּ־טיקן אַראַבער — האָט מענדל געזאָגט צו מיר שטיל אין אויער אַריין.

— איך נעם אָן דעם קאַמף, אָבער בלויז איך אַליין, ד"ה איינס אויף איינס, — האָט מענדל אַ ברום געטון צום גאַנצן עולם און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— נאַריש ייִנגל, וואָס שטופּסטו זיך? — האָט שפּאָטיש זיך צעלאַכט דער איבערגעוואַקסענער אַראַבער. — וואָלטן ביידע זיך געוואָלט מיט מיר פאַרמעסטן, וואָלט נאָך עפּעס געווען, וואָלטן די רויבפייגל פון דעם אינדזעלע כאָטש געהאַט מיט וואָס צו דערקוויקן זייערע הערצער. אָבער קעגן איין יידעלע, וואָס דער־

גרייכט אפילו נישט צו מיין אַקסל, איז פאַר מיר אַ חרפּה און אַ בושה זיך צו שלאָגן. מיט איין שנעל פון מיין פינגער וועל איך דיך אַוועקממיתן. זעץ זיך בע־סער אַוועק, איידער איך צערייס דיך אַזוי ווי די איראַקער יידן צערייסן אַ הערינג און צעטיילן זיך צווישן צען פּערזאָן. איך האָב אפילו חרטה, וואָס איך האָב אייך ביידן אַרויסגערופן, ווייל איך באַדאַרף בלויז אויף איין קיי־ און שפּיי אַזעלכע זעקס פּאַר שווינדזיכטיקע יידעלעך, ווי איר ביידע זענט. געדענקט, אַז איך הייס איבראַהים אַכמעד כאַרידי איבן על ראַהאַדי!... — האָט דער אַראַבער גערעדט מיט ציינקריצעניש.

— קום זיך שלאָגן, קרעציקער אַראַבער, מיט גוטן אָדער מיט בייזן, מעג זיין אפילו מיט דיין מעסער און רעוואָלווער, וואָס דו האָסט אין גאַרטל, און איך מיט די הוילע הענט — האָט מענדל צו אים געזאָגט מיט אַן אַנטשלאָסענעם טאָן...

— אָ, ניין! דאָס נישט! דאָס מעסער און רעוואָלווער דאַרף איך בלויז קעגן לייבן, יאַגואַרן, בערן און העלדן אַזוי ווי איך בין, און נישט קעגן אַזאַ מין נישטיקייט ווי דו ביסט, צעקראַכענער יידעלע!... אָט וועט איר אַלע זען, ווי איך וועל אָט דעם אומפאַרשעמטן ייד צעקוועטשן ווי אַ לויז!...

די צושויער האָבן זיך צעשטעלט אין צוויי רייען, און די צוויי דועליסטן, דער ייד פון אַ מעטער ניין און זעכציק צנטמ׳ אַנטקעגן דעם אַראַבער פון קנאַפּע צוויי מעטער די הויך. אין דער אמת האָב איך זיך אַ ביסל געשראָקן, ווייל איך האָב געזען, אַז דער אַראַבער איז טאַקע אייזנשטאַרק, שטאַרקער ווי די אייזערנע שטאַבעס, וואָס ער האָט צעבויגן און אייניקע אפילו צעבראָכן. איך האָב זיך גע־שראָקן, ווייל איך האָב פון מענדלען נישט געזען קיין שום גבורות, אַ חוץ די מעשיות, וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע געשלעגן אין זיין שטעטל. באַ־זונדערס, איז דאָך מענדל געווען אַ קאַרליקל קעגנאיבער דעם ריזיקן אַראַבער.

נאָכדעם ווי נעלי האָט דעם דריטן פייף געטון, האָט זיך אָנגעהויבן דער נישט לייכטער קאַמף. דער אַראַבער האָט זיך אַ לאָז געטון צום יידן מיט דער זיכערקייט פון אַ בער צו אַ ציגעלע, און מיט זיין לאַנגער ריזיקער לאַפּע געוואָלט מענדלען צעפּלעטן דעם קאָפּ. מענדל האָט אָבער פלינק אים דערלאַנגט אַ מעכטיקן קלאַפּ איבער דער אויסגעצויגענער האַנט, און אונטערשפּרינגענדיק אַקראָבאַטיש אים דערלאַנגט מיט דער לינקער פויסט אין דער רעכטער באַק, און באַלד אַ צווייטן זעץ מיט דער רעכטער פויסט אין דער לינקער באַק. דער געשלאָגענער און צע־טומלטער אַראַבער איז אָפּגעטראָטן אַ טריט אויף צוריק. מענדל איז אים נאָכגע־שפּרונגען ווי אַן אויפגעברויזטער בוהאַי, און דערלאַנגט דעם אַראַבער אַ שרעק־לעכן זעץ אין דער גאָמבע, אַז ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען, און אים באַלד געטון נאָך אַ זעץ אין דער נאָז פון אונטן אַרויף. דער צעווילדעוועטער אַראַבער האָט געבלוטיקט פון די צערודערטע ציין און צעפּלעטשטער נאָז. אָבער ער האָט

נישט אָפּגעלאָזט דעם קאַמף. מיט אַ בלוטיקער סלינע האָט ער געשריגן צו זיינע פאַרליבטע דאַמען, אַז ער וועט פון מענדלס און מיינע קישקעס זיך מאַכן ווורשט־לעך. ער האָט אַרויסגעצויגן זיין לאַנגן מעסער און פאָכענדיק און בלאַנדזירנדיק, זיך אַ וואָרף געטון צו מענדלען וואָס איז פלינק, ווי אַ געשולטער באָקסער, אָפּ־געשפּרונגען אָן אַ זייט, און דעם אַראַבער דערלאַנגט אַ שרעקלעכן זעץ צווישן די אויגן, אַז יענער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד ווי גרויס ער איז געווען. מענדל איז צוגעשפרונגען און ביי אים צוגענומען דאָס מעסער און דעם רעוואָל־ווער. און ווען דער אַראַבער האָט זיך צוריק אויפגעהויבן און געגעבן אַ טריט צו מענדלען, האָט ער געקראָגן עטלעכע זעץ אין ברוסט און אין בויך, און ווידער אַ זעץ אין דער מאָרדע, אַז ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער ערד און גענומען ברעכן מיט בלוט.

— זעט פריינט, זעט פריילינס, ער האָט מיך און מיין פריינט פאַרישעווסקי און אונדזער גאַנץ פאָלק באַליידיקט. ער האָט אונדז אָנגעגריפן מיט וואָרט און טאַט, און דערצו זיך נאָך געוואָרפן צו מיר מיטן מעסער, וואָס איך האַלט איצט אין האַנט. איך וואָלט געמעגט אים דערהרגענען ווי אַ משוגענעם און קרעציקן הונט, און עס וואָלט מיר גאָרנישט געקומען. איך טו עס אָבער נישט, טאַקע ווייל איך בין אַ ייד. אונדזער תורה לערנט אונדז נישט צו הרגענען קיין געפאַ־לענעם — האָט מענדל געזאָגט צו די צוויי רייען צופרידענע און איבערגעראַשטע צושויער.

— לעבן זאָלן די יידן! אַ טויט די אַראַבער! — האָבן די ערשטע זיך צעשריען די פאַרליבטע נעלי און דאָראָטי, און נאָך זיי אַלע איבעריקע. דער דייטש באָום און דער שפּאַניער מאַקסימאָ וויזשאַנועוואַ, האָבן געטענהט, אַז על פּי יושר קומט דעם אַראַבער דער טויט, און מענדל דאַרף נישט מער ווי נאָר אַריינשטעכן דאָס מעסער דעם אַראַבער אין האַרצן אַריין, און אַלע וועלן זיין עדות, אַז דער ייד האָט אים דערהרגעט אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

— אמת, אמת, אָבער לעבן זאָלן די יידן! זיי קענען זיך שלאָגן און קענען זיך באַהערשן און מוחל זיין. אַ טויט די אַראַבער וואָס קאָנען ברעכן אייזערנע שטאַבעס און קאָנען זיך נישט שלאָגן. אַ טויט, אַ טויט!... — האָבן צוגעגעבן באָום, טאָם וואַטערמאַן און וויזשאַנועוואַ.

אַ טאָפּלטער שטורעם

אַזייגער האַלב דריי נאָכמיטאָג איז סעלעקראָקאַרפּאַ אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ פונעם מאַסטבוים פון דער טלאַלאָק, און באַלד זיך צוריק אַראָפּגעגליטשט מיט אַ פּנים, געל ווי אַ פּאַלודיקער, און האָט אַ פאַרהיקעטן געשריי געטון: — אַלע ווי איינער זאָלן שוין אַרויף אויף די שיפן! היינט וועלן מיר האָבן צוויי שטורעמס, איינער, דער אַלטעגלעכער, וואָס קומט פון די אונטערוואַסערדיקע גייסטער און איינער פון הימלישן גיהנום...

דער אומבאַזיגבאַרער אַראַבער, וואָס איז געלעגן ווי אַ געהרגעטער, איז דערהערנדיק וועגן טאָפּלטן שטורעם אויפגעשטאַנען תחית־המתים און מיט אַ געשוואָלן פּנים און וואַקלדיקע טריט דער ערשטער אַרויף אויפן דעק פון דער שיף. איך האָב ווי אַ מאַלפּע נאָכגעטון סעלעקראָקאַרפּאַן און בין אַרויפגעקראָכן אויפן סאַמע שפּיץ פון מאַסטבוים און אָנגעשטעלט מיין טעלעסקאָפּ. אַ צען קלמ׳ ווייט פון אונדז האָב איך געזען אינדערמיט פון דער אַטיטלאַן ווי די קרישטאָל־קלאָרע וואַסערן וואָלטן זיך געריזלט און אָנגעקוואָלן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געזוירן און שוימיק געקאָכט. אויף די האָריזאָנטן האָבן זיך גענומען אויספורעמען אַלערליי גראָטעסקע פיגורן. אַ נעפּל פון דער מיט אָזערע האָט זיך גענומען צעשפּרייטן מילד און צאַרט איבערן רוים און זיך אַראָפּלאָזן איבער דער אימהדיקער וואַסער־אויבערפלאַך. די שיפלעך האָבן, ווי איבערגעשראָקענע קאַטשקעלעך, געיאָגט צום ברעג וואָס איז געווען אומגעפער פינף קילאָמעטער ווייט פון אונדז. זיי האָבן אַרויסרופעריש געשניטן די בייזע כוואַליעס, וועלכע האָבן מיט אַ רוצחישן ירגזון געהוידעט די שיפלעך, און דריי דעם זייגער נאָכמיטאָג טאָר שוין קיין שום גאָטספאָרכטיקער אינדיאַנער נישט אַנטלויפן פון דעם הייליקן אַטיטלאַן־שטורעם... די אינדיאַנער רופן אָן דאָס קאַלטע און ווירבלדיקע קאָכעניש פון דער אַטיטלאַן: „טשאָקאָמיל“.

וואָס אַ רגע האָט די אָזערע גענומען ווערן אַלץ אויפגעברויזטער, אַלץ ריזלדיקער, קאָנוולסיווער און קוועלנדיקער. די כוואַליעס — גרעסער און די ווירבלען און קאַרוזעליע אַלץ אָפטערע.

אין דער פאַרנעפּלדיקער ווייטקייט, אויף דער אַנדערער זייט פון דער אָזערע, האָבן זיך צוזאַמענגענומען שוואַרצע און גרויע וואָלקנס, פאָרמירנדיק בערג איינע איבער די אַנדערע, און זיך געגרייט צו אַן איבערפּאַל. אויסשפּיר־ראַקעטן האָבן יעדע רגע אָפּגעפייערט פון זייייער קאָמפּאַקטער שוואַרצקייט אַרויס, ווי זוכנדיק אונדזערע קליינינקע חוצפּהדיקע שיפעלעך זיי צו טרעפן מיט אַ דונער־קנאַל...

שוין אַ פינף הונדערט מעטער פון ברעג זענען צוגעקומען צו אַזאַקוואַהאַן סעלעקראָקאַרפּאַן זיינע צוויי מאַטראָזן נאַהואַטל און אַטשוקאָסטעקס, און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער שרעקלעכער זינד קעגן אַטיטלאַן וואָס ער באַגייט, אַנטלויפנדיק פאַרן שטורעם, וואָס האַלט זיך אין צעבושעווען. — „מען טאָר נישט" אַנטלויפן נאָך דריי דעם זייגער. אַזאַ איז דער געבאָט פון די געטער וואָס זיצן אין די טיפענישן פון דער הייליקער אָזערע...

דער שיפס־קאַפּיטאַן אַזאַקוואַהאַן סעלעקראַקארפּא

— איך היט אָפּ די געזעצן פון דער הייליקער אַטיטלאַן פונקט ווי אַלע גוטע און פרומע אינדיאַנער. ווען דער שטורעם זאָל מיך אַליין פאַרכאַפּן וואָלט איך זיכער נישט אַנטלאָפן, ווייל עס איז אַ גוואַלדיקע און שרעקלעכע זינד קעגן די הייליקע גייסטער, וואָס זענען פול אויף איר דנאָ, וועלכע היטן אָפּ פון קדמונים אָן די ירושות פון אונדזערע אבות וואָס ליגן דאָרט באַהאַלטן... איך טאָר עס אָבער נישט טון, איך טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער פאַטאַליטעט, מחמת איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר 23 פרעמדע ווייסע מענטשן, וועלכע איגנאָרירן אונדזערע געזעצן, און איך מוז זיי צושטעלן צום זיכערן ברעג, פון וואַנען איך האָב זיי אויפגענומען — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט הכנעהדיק־פרום.

— געדענק, אַזאַקואַהאַן סעלעקראָקאַרפּאַ, אַז גאָט טעזקאַטזאָקאַטל וועט דיך באַשטראָפן לדור־דורות, ווייל ביסט באַגאַנגען אַ גרוילנדיקע עבירה קעגן די געטער פון הימל און די געטער פון דער אַטיטלאַן! האָסט געוואָלט ברענגען די ווייסע צום ברעג, האָסטו באַדאַרפט אויפהויבן די אַנקערס מיט אַ שעה פריער — האָבן געשריגן נאַהואַטל און אַטשיקאָסטעקס. מיר וועלן נישט צושווימען מיט דיר ביזן ברעג!...

נאָך די שטראָפרייד זענען נאַהואַטל און אַטשוקאָסטעקס אַריינגעשפּרונגען אין אַ שטרויענער לאָדקעלע, וואָס איז געהאָנגען ביי דער זייט פון אונדזער שיף, און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שוימיקן וואַסער, וואָס איז יעדע מינוט געוואָרן אַלץ שטורמישער, געקרויזלטער און ריזלדיקער־אָנגרייפעריש.

ווען אונדזערע שיפן זענען צוגעקומען צום ברעג, האָט שוין געכליאַפּעט אַ רעגן. די כוואַליעס פון דער פאַררעטערישער אַטיטלאַן זענען שוין געווען ווי פון אַ שטורעמדיקן ים און ווען נישט די בערג אַרום איר, וואָלט זי פאַרפלייצט די גאַנצע וועלט — האָט זיך מיר געדאַכט — דער נעפּל אויף דער אָזערע איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו זען וואָס אויף איר טוט זיך צוואַנ־ציק מעטער ווייטער פון ברעג. דאָס קאָכן און קוועלן איז געוואָרן וואָס אַ רגע אַלץ העפטיקער, ירגזונדיקער, די כוואַליעס אַלץ גרעסער און זיי האָבן שוין פאַר־פלייצט די נידעריקערע ברעגעס ביז עטלעכע מעטער הויך. מיר אַלע האָבן קוים געקאָנט אַרויפקלעטערן צום האָטעל, וואָס שטייט איבער הונדערט מעטער העכער איבער דער אָזערע, ווייל פון די בערג האָט געפלייצט דאָס רעגנוואַסער מיט אַ שרעקלעכן אימפּעט.

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג זענען מיר אַלע שוין געווען צוריק אין האָטעל.

פון בלייענעם הימל האָט געגאָסן מיט צעבערס, פון די בערג האָבן קאַטאַ־ראַטיש זיך אַראָפּגעגליטשט גאַנצע טייכן מיט אַ גוואַלדיקן געפילדער און גע־טראַסקעריי, מיטשלעפּנדיק מיט זיך פאַראייִנזאַמטע ריזיקע שטיינער, און אַלץ וואָס די פאַלנדיקע טייכן האָבן אין זייער אימפּעטפולן אַראָפּפאַלן אָנגעטראָפן אין זייער וועג. דער ציקלאָן האָט געבלאָזן, געפייפט און שאַלנדיק געברומט. די אַטיטלאַן האָט געהאַלטן אין איין געשוואָלן ווערן, און עס האָט אויסגעזען, אַז אָט, אָט און זי וועט זיך אויפהויבן ביז אַרויף און וועט צודעקן דעם האָטעל, צוליב סעלעקראָקאַרפּאַס זינד, און זי וועט זיך אויפהויבן נאָך העכער ביז איבער די שפּיצן פון די ווולקאַנישע בערג, וואָס רינגלען זי אַרום...

עס איז שוין געווען צען אַזייגער ביינאַכט, און עס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין צעבערן. דער טייפון האָט זיך צעוואָיעט ווי מיליאָנען משוגענע הונגע־ריקע וועלף, געריסן דעכער און ביימער מיט אַ ווילד געברילעריי. די אַטיטלאַן

האָט געפּאַטשט מיט אירע מעכטיקע וועלן די שטיינערנע ווענט פון די ווולקאַנען, וואָס האָבן געציטערט, ווי מיר דאַכט — אין אַ קדחת.

יענע נאַכט איז שוין קיינער פון אונדז נישט געשלאָפן. בלויז דער העלדישער אַראַבער, וואָס איז געזעסן איינער אַליין אין אַ ווינקל אבל וחפוי ראש, האָט גע־דרימלט מיט דער נאַרגילע אין מויל.

ווער האָט געקאָנט גיין שלאָפן, אַז די וועלט, וועמענס הערשער עס וויל זיין איבראַהים אַכמעד כאַרידי איבן על ראַהאַדי, האָט געזאָלט אונטערגיין צוזאַמען מיט זיין האַרעם וואָס זאָל זיין גרעסער פון גאַנץ באַגדאַד, צוליב די זינד פון איזאַקוואַהאַן סעלעקראַקאַרפּאַ, וועלכער האָט אַרויסגעיאָגט פון דער געטלעכער אָזערע, ווען זי האָט גענומען ברויזן, יערן, און קיין תיבה איז נישט פאַראַן.

ביז אַזייגער פינף פאַרטאָג האָט דער רעגן אַזוי געהאַלטן אין איין גיסן. דער הוראַגאַנישער ווינט האָט אַזוי פאַרטויבנדיק געליאַרעמט — אַ פּחד. און די אַטיטלאַן האָט געבאָמבאַרדירט און פאַרפלייצט פעלדער, שטיבער, בהמות און דערפער אַרום. איך האָב אָבער נישט געהערט די גאַנצע נאַכט קיין איין דונער.

אינדערפרי איז די אַטיטלאַן געווען אַזוי הערלעך, אַזוי לויטער און פּראַכט־פול, אַזוי גלאַנציק, ווי עס וואָלט גאָר אויף איר קיינמאָל קיין שטורעם נישט געווען. איר ניוואָ איז געווען פּונקט דער זעלבער ווי נעכטן אינדערפרי, טראָץ דעם, וואָס עס זענען אין איר אַריינגעפלאָסן ביליאָנען קובישע מעטער וואַסער. אַזייגער אַכט האָבן די אינדיאַנער פישערס אַרויסגעשלעפּט די צוויי רעבעלירנדיקע מאַטראָזן נאַהואַטל און אַטשוקאָסטעקס צעקאַליעטשעטע און כמעט — צעשטיקלטע פון די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געקראָגן ביי יעדן שליידער פון אַ כוואַליע אין די שטיינערנע בערג און קיזלשטיינער אַרום דער אָזערע.

די אינדיאַנער פון אַרום דער אָזערע פאַרגעטערן זי און האַלטן אָן זייער מילע־נאַרע טראַדיציע, אַז ווען די אָזערע צעשפּילט זיך, טאָר קיינער נישט אַנטלויפן פון איר אויבערפלאַך, און עס טאָר אויך קיינער נישט אַנטלויפן, ווען די אַטיטלאַן צעגיסט זיך. יעדערער מוז בלייבן אויף זיין פּלאַץ, ווו די געטלעכע כוואַליעס האָבן אים פאַרכאַפּט. די פישערס און אַנדערע אינדיאַנער פון יענער געגנט ווייסן פון דעם, און זיי איילן זיך וואָס שנעלער אַרויסצוקריגן פון אירע וואַסערן פאַר דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. פאַרשפּעטיקט ווער, מוז ער בלייבן זיצן אין זיין שוואַ־כער לאָדקעלע און טאָר נישט טון קיין ריר מיט זיין וועסלע, ער מוז בלייבן אויסגעשטעלט אויף גאָטס באַראָט, אויפן מזל, ביז דער שטורעם גייט אַריבער. ווערט דער פאַרשפּעטיקטער דערטרונקען, ווערט ער גלייך אַ הייליקער, אַ גאָט, איינער פון די פילע, וואָס וווינען אין זייערע געטלעכע פּאַלאַצן אין די אָפּגרונטן פון דער גוואַלדיקער אָזערע. אַזוי איז דער ווילן פון דער הייליקער אַטיטלאַן...

און ווי מאַקסימאָ וויזשאַנועוואָ האָט מיר דערציילט, טאָר קיין שום אינ־

דיאַנער פון אַרום דער אַטיטלאַן־אָזערע נישט אויסלערנען זיך שווימען, כדי אין אַ פאַרצווייפלטן מאָמענט זאָל דער באַדראָטער נישט פּרוּוון זיך אַרויסראַטעווען שווימענדיק. דערפאַר מאַקע ווערן דערטרונקען אין אירע וואַסערן ביי די פיר הונדערט מענטשן יערלעך, אַ חוץ די וואָס ווערן פאַרכאַפּט פון די שטורעמדיקע רעגנס, וואָס פאַרפלייצן זייערע היימען...

— אינדיע האָט אַ הייליקן טייך, הייסט ער גאַנגעס. גוואַטעמאַלאַ האָט אַ הייליקע אָזערע, הייסט זי אַטיטלאַן!... — האָט צוגעגעבן די פיליפּינערין דאָראָטי.

אויסצוגן פון דער קריטיק וועגן „צווישןווילדע און ציוויליזירטע
פון מאַרקוס פאַרישעווסקי

אין „קענעדער אָדלער" פון פרייטיק, דעם 2טן פעברואַר 1945, שרייבט דער דיכטער ב. י. גאָטליב:

„פאַרישעווסקי איז אַ באַגאַבטער מענטש. ער האָט אַ פען אין האַנט. ער מאָלט געניט נאַטור־פאַנאָראַמעס. ער שילדערט טרעפלעך מענטשן־פנימער. ער דערציילט אינטערעסאַנט פון דעם, וואָס מיט אים איז אויך זיין לאַנגער, געפאַרפולער רייזע געשען. לייענען מיר זיין מערקווירדיק בוך און פאַר אונדזערע אויגן צעוויקלט זיך אַ ביז גאָר פאַרביק לעבן, וואָס איז פול מיט אויסטערלישקייט, מיט פאַנטאַסטישקייט".

דוד אָרזוך שרייבט אין מאָנטעווידעער „פאָלקסבלאַט":

„עקזאָטיש אינטערעסאַנט, אויסטערליש ביז מיסטיציזם און דאָך זענען די פאַקטן אַזוי קלאָר, אַזוי רעאַליסטיש, איבערגעגעבן מיט זיכערקייט פון אַ פערזאָן, וואָס דאָמינירט די מאַטעריע און איז זייער אַן אינטערעסאַנטער באַאָבאַכטער. עס זענען אפשר צו פרעציז און פינקטלעך די געאָגראַפישע און עטנישע דאַטעס, געמאָסטן אויפן סענטימעטער... מיר פאַרשטייען אָבער, אַז פאַרישעווסקי האָט דאָס געטאָן מיט דער גוטער כוונה צו זיין געטריי די אָביעקטן פון זיינע באַשרייבונגען און צו געבן אַ קלאָר בילד וועגן זיי. ...מאַרקוס פאַרישעווסקיס בוך איז העכסט אינטערעסאַנט, איז אַ וויכטיקער בייטראָג אלס אַ זייער געלונגענע רייזע־באַשרייבונג אין אונדזער ליטעראַטור".

אין מאָנטעווידעער 'אונדזער פריינד" האָט געשריבן יצחק ווײנשענקער:

„דער זשאַנר (רייזע באַשרייבונגען) פאָדערט עקזאַקטקייט און לעבעדיקייט פון סטיל. ביידע זענען דאָ און ביידע אינאיינעם זענען גורם, אַז דאָס בוך זאָל זיין אַ געווינס פאַר אונדזער ליטעראַטור. דאָס בוך לייענט זיך פאַרכאַפנדיק, אָבער אויב דו קענסט זיך צוהערן אויפמערקזאַם, נישט נאָר צום סיפור המעשה, נאָר אויך צו פאַקטן און דאַטן, קענסטו זיך דערוויסן אַ סך באַלערנדיקס. דאָס בוך איז אָנגעפיקעוועט מיט אַ שלל אינטערעסאַנטע שילדערונגען פון נאַטור, קלימאַט, פייסאַזש... אינטערעסאַנט איז ווי דער מחבר פאַרגלייכט אַ סך אינדיאַנישע ענינים צו יידישע עקיוואַלענטן, ווי הויזירער, מערת המכפלה, מאַרק־אינדיאַנערנס. ס'איז אַ טיפיש יידישע הסברה און דאָס באַווייזט, אַז דאָס עקזאָטישסטע קען מען אַמאָל דערקלערן מיט אַן אייגנטימלעכן יידישן ווערטערבוך".

דער אין דער קורצער הקדמה דערמאָנטער דעקאַן פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע, פיניע קאַץ, שרייבט אין זשורנאַל „איקוף" פון אויגוסט 1944:

„אויב מען לייענט דעם בוך מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם, אויב מען ווערט ביים לייענען עמאָציאָנירט און פאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, צווישן די בערג און

זייערע מענטשן, איז עס גראַד דערפאַר וואָס פאַרישעווסקי האָט נישט פאַנטאַזירט און נישט פאָעטיזירט און נישט געזוכט צו פאַרשלייערן דאָס וואָס ער האָט געזען, אין א מיסטישן שלייער. פאַרקערט, ער גייט לכתחילה צו מיט דער כוונה אַראָפּ־צורייסן דעם שלייער פון אַלץ וואָס ער באַגעגנט נאָר אויפן וועג״.

„אַלץ האָט פאַרישעווסקי געזען, ריכטיקער, מיט די אייגענע הענט אָנגעטאַפּט. וואָרום פאַרישעווסקי שרייבט דאָס בוך נישט ווי אַ זייטיקער באַאָבאַכטער, נאָר ווי אַן אָנטיילנעמער. מיט דער אויסנאַם פון געוויסע שבטים, וואָס ער באַשרייבט מיט דער לאַנדקאַרטע פאַר די אויגן און מיט דעם האַנטבוך פון אַ פאָרשער אין דער האַנט, איז אַלץ דאָס איבעריקע אייגענע עקספּעריענץ: פונעם ערשטן אַרויספאָר קיין באָליוויע, מיט וועלכן דאָס בוך הייבט זיך אָן ביז זיין אַוואַנטורע מיט דעם אינ־דיאַנישן מיידל סורוהאַלפּאַ און אַלע איבעריקע אַוואַנטורעס און ביז דער לויה אין די בערג, מיט וועלכער דאָס ענדיקט זיך.

„פאַרישעווסקי, ווי איר זעט, איז אַ מענטש אַ נייגעריקער, אַ שמועסער, מיט יעדן קומט ער אין קאָנטאַקט, אומעטום דרינגט ער אַריין און מיט אַלץ פאַראינ־טערעסירט ער זיך. און דאָס אויך מאַכט זיין בוך אַזוי נאָענט צו די באַשרייבונגען פון די ערשטע רייזנדער, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר פאַנטאַסטן, בעלי־גוזמא, און זיי האָבן אין דער זעלבער צייט געדינט ווי די ערשטע געאָגראַפן און היסטאָ־ריקער.

גיט נאָך צו, אַז דאָס בוך איז געשריבן מיט אַ פּליסיקער בילדערישער שפּראַך און איר האָט פאַר זיך אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט בוך וועגן דעם כאַראַקטעריסטישסטן פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער — פּערו״.

דאָס גרעסטע לויבגעזאַנג האָט מ. פאַרישעווסקיס בוך געקראָגן פון דעם זייער שטרענגן קריטיקער יצחק וואַרשאַווסקי, וואָס האָט פאַרנומען אַ העלפט פון דער ליטעראַרישער זייט אין „פאָרווערטס״, פון 29טן אָקטאָבער 1944. אָט זיינען אייניקע שטעלן פון דעם דאָזיקן אַרטיקל:

„...ס'איז נישט גלאַט עפּעס אַ רייזע באַשרייבונג, נאָר אַ קונסטווערק אין פולן זין פון וואָרט. די פּאַסירונגען זענען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז דער לייענער ווערט אַריינגעצויגן און קאָן פאַר קיין פאַל נישט אַוועקלייגן דאָס בוך, ביז ער ענדיקט דאָס נישט. די בילדער, וואָס דער שרייבער מאָלט, זענען איינפאַך פאַרכאַפּנדיק. איר דערזעט דורך דעם בוך נישט בלויז דאָס לאַנד פּערו, נאָר גאַנץ סאַוט (דרום) אַמעריקע. די גאַנצע וועלט אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם לייענער, אַ וועלט אַ ווילדע, אַ גרויזאַמע, אַ געמיש פון קאַטוילישן פאַנאַטיזם און אינדיאַנישער ווילדקייט. אַ וועלט, ווו מענטשן קאָנען אַרומגיין נאַקעט, שפּילן זיך מיט שלאַנגען און עסן זייערע אייגענע פּאַראַזיטן. איר לייענט דאָס בוך און איר קאָנט זיך קוים גלויבן, אַז צוריק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט עקזיסטירט אין אונדזער אַמעריקע אַזאַ ווילדקייט, אַזאַ געדיכטע פינצטערקייט. עס איז נישטאָ פאַר דעם לייענער קיין צווייפל, אַז דאָס לעבן דאָרט איז היינט נישט פיל מער ציוויליזירטער, ווי עס איז געווען אין יענער צייט (ווען דער מחבר האָט דאָס באַשריבן, צוריק מיט 22 יאָר.— רעד.) עס איז אַ ווילדקייט פון אַ ספּעציעלן סאָרט.

'ווען מען שרייבט וועגן ווילדע — זאָגט ווייטער י. וואַרשאַווסקי — אין אַפריקע, אָדער אויסטראַליע, האָט מען צו טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן איבער־הויפּט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון ציוויליזאַציע. גאַנץ אַנדערש איז אין פּערו. דאָ זענען דער דזשונגל און די ציוויליזאַציע צונויפגעמישט. אָט פאָרט פאַרביי אַן אויטאָמאָביל און אָט גייט פאַרביי אַ נאַקעטער מענטש. אָט זעט איר א שלאָס, וואָס איז געבויעט געוואָרן פון אַ באַרימטן אַרכיטעקט און אָט באַלד דערנעבן שטייען הייזלעך פון בלאָטע און עס לעבן דאָרט מענטשן, וואָס וואַשן זיך קיינמאָל נישט.

דערביי מוז מען זאָגן, אַז ווילד זענען נישט בלויז די אינדיאַנער, נאָר אויך די ווייסע, ביי וועלכע פאַנאַטישע פרומקייט גייט צוזאַמען מיט דער עקלהאַפטסטער אויסגעלאַסנקייט. פון דעם בוך זעט מען אויך, אַז כאָטש אין פּערו, באָליוויע און אַנדערע סאוט אמעריקאַנישע לענדער זענען דאַן געווען ווייניק יידן, האָט דער אַנטיסעמיטיזם געברענט מיט אַ העליש פייער. מענטשן, וואָס האָבן פאַר די אויגן רעכט קיין יידן נישט אָנגעזען, האָבן געשאָלטן יידן, פאַרשפּרייט וועגן זיי אַלערליי בילבולים, געזאָגט, אַז זיי זענען שולדיק אין אַלע צרות. ווען מען לייענט דאָס בוך, זעט מען, אַז אינקוויזיציע, אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם, איזאָלאַציאָניזם זענען נישט קיין דערשיינונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מט געוויסע עפּאָכן, נאָר זענען אייביקע דערשיינונגען און אַז מיר יידן וועלן דאַרפן אייביק קעמפן קעגן זיי״.

און יצחק וואַרשאַווסקי פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט אָט די ווערטער:

„עס זענען פאַראַן מאָמענטן, ווען דאָס ווערק דערמאָנט אין דעם בוך „סאַלאַמבאָ״ פון דעם גרויסן פראַנצויזישן שרייבער פלאָבער, עס איז גלייך ווי יענער בוך רייך אין אומגעוויינלעכע פּאַסירונגען, אין עקזאָטישע בילדער און גלייכצייטיק איז עס דורך און דורך רעאַליסטיש. איר פילט, אַז דער שרייבער האָט דאָס אַלץ ווירקלעך דורכגעלעבט.

„צווישן ווילדע און ציוויליזירטע״ איז מער ווי אַ רייזע באַשרייבונג. דער שרייבער איז אָן צווייפל אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן טאַלאַנט. און ווי מען זעט פון דעם בוך, איז ער אויך אַ געבילדעטער מענטש״.

דער באַקאַנטער קריטיקער נ. ב. מינקאָוו, שרייבט אין „צוקונפט״ פון יאַנואַר 1945:

„דערציילן דערציילט פאַרישעווסקי אַלץ זייער זאַכלעך, אָן שום „ליריק״, אָן שום „פּאָעטעריי״. און ווען מען גיט איבער אַזאַ שטאָף אויף אַ רעאַליסטישן אופן, וואָלט דאָס אַליין געשאַפן אַן אינטערעסאַנט בוך. אָבער — כדי זאַכלעך איבערצוגעבן אַזאַ מאַטעריאַל דאַרף מען זיין אין אַ געוויסער גראַד קינסטלעריש באַגאַבט. און ביי פאַרישעווסקין איז די זאַכלעכקייט אַ קלאָרע, אַ קלאָר־אויפגענומענע און אַ קלאָר־אויסגעדריקטע. ער איז קינסטלעריש אין ביידע עלעמענטן, וואָס אַזאַ בוך האָט: אין דעם דערציילערישן און אין דעם באַשרייבערישן עלעמענט.

„ער איז אַ גוטער דערציילער. ער דערציילט זאַכן זייער אינטערעסאַנט, ער גיט איבער זאַכן פּלאַסטיש, ער איז רייך אין פינקטלעכע ווערטער, פאַרשידנאַרטיק אין פּשוטע אויסדרוקן.

„סיי די מיטאָלאָגישע מעשות, סיי די נאַטור־באַשרייבונגען און סיי די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן זענען די שטאַרקסטע און אינטערעסאַנטסטע פּלעצער אין בוך.

„פון דעם שטאַנדפּונקט איז וויכטיק, וואָס אַן אומבאַקאַנטער רייזע־באַשרייבער טרעט פאָר אונדז אויף ווי אַ מענטש מיט קינסטלערישע צוזאָגן. אַ דאַנק זיין בעלעטריסטישן נערוו האָט ער געשאַפן אַן אינטערעסאַנט און גוט בוך וועגן אַ לעבן, וואָס איז אי רעאַל, אי אויסטערליש.

„דער מחבר האָט, ווייזט אויס, געהאַט אין זינען איבערצוגעבן ידיעות וועגן אַ באַשטימטער ווירקלעכקייט, דערציילן אונדז וועגן אַ מערקווירדיקן לעבן און וועגן די אייביקע אומגערעכטיקייטן פון הערשער איבערן באַהערשטן, פון „ציוויליזירטן״ איבערן „ווילדן״. און דעם דאָזיקן ציל האָט ער דערגרייכט אַ סך מער ווי ער האָט זיך, אפשר פאַרגענומען״.

Este libro se terminó de imprimir
el día cinco de Julio de 1951
en los Tall. Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231 — Buenos Aires